STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02160

ANNA KARENINA

Leo Tolstoy

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

ויצג פרודמאן
לונ-מאסס,

ל ע ו ו ט אָ ל ס ט אָ י

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע—1929
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

אַננאַ קאַרענינאַ

ראָמאַן אין אַכט טיילן

יידיש שלמה שיינבערג

ערשטער באַנד

ערשטער און צווייטער טייל

ווילנע — 1929
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אלע צוגאבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אקאדעמישער
אויסגאבע פון רוסלענדישן מלוכה־פארלאג פון 1928.

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Anna Karenina“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

n Memory of Jacob Freedman
147 So. Wetherly Dr.
Los Angeles, Ca.

לי נקם ושלם.

I.

אַלע גליקלעכע פֿאַמיליעס זענען ענלעך איינע צו דער אַנדערער, יעדע אומגליקלעכע פֿאַמיליע איז אומגליקלעך אויף איר שטייגער.

אַלץ איז צעדרייט געוואָרן באַ די אָבלאָנסקיס אין הויז. דאָס ווייב איז געוויר געוואָרן, אַז דער מאַן איז געווען אין באַציִגען מיט דער פֿראַנצויזישער גוווערנאַנטין, וואָס איז געווען באַ זיי אין שטוב, און דערקלערט דעם מאַן, אַז זי קאָן נישט מער וווינען מיט אים אין איין הויז. דידאָזיקע לאַגע האָט געדויערט שוין דעם דריטן טאָג און עס האָבן זי פֿיינלעך געפֿילט סיי מאַן-און-ווייב גופֿא, סיי אַלע מיט=גלידער פֿון דער פֿאַמיליע, סיי די שטוב-מענטשן. אַלע מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע און די בני-בית האָבן געשפּירט, אַז זייער צוזאַמענלעבן האָט נישט קיין זינען און אַז אין איטלעכער אכסניה זענען צופֿעליק צו=נויפֿגעקומענע מענטשן מער פֿאַרבונדן צווישן זיך, ווי זיי, די מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע און די שטוב-מענטשן פֿון די אָבלאָנסקיס. די פֿרוי איז נישט אַרויסגעקומען פֿון אירע צימערן, דער מאַן איז שוין דעם דריטן טאָג נישט געווען אינדערהיים. די קינדער זענען אַרומגעלאָפֿן איבערן גאַנצן הויז ווי פֿאַרלוירענע; די ענגלענדערין האָט זיך צעקריגט מיט דער עקאָנאָמקע און אָנגעשריבן אַ צעטעלע צו אַ פֿריינדין, בעטנדיק זי, אויס=צוזוכן איר אַ נײַ אָרט; דער קוכער איז נאָך נעכטן אַוועקגעגאַנגען פֿון הויף, אין דער צייט פֿון מיטאָג; די קעכין און דער קוטשער האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער קריג, האָט דער פירשט סטעפאַן ארקאַדיעוויטש אָבלאָנסקי — סטיוואַ, ווי מען האָט אים אין די הויכע קרייזן גערופן — אין דער געוויינלעכער שעה, ד. ה. אַכט אַ זייגער אינדערפרי, אויפגעוואַכט נישט אין ווייבס שלאָפצימער, נאָר אין זיין קאַבינעט, אויף דער סאַפיאַן-סאָפע. ער האָט איבערגעדרייט זיין פולן, אויסגעקעכלטן קערפּער אויף די פרוזשינעס פון דער סאָפע, ווי ער וואָלט חשק געהאַט ווידער אויף לאַנג איינצושלאָפן, פון דער צווייטער זייט פעסט אַרומגענומען דאָס קישן און זיך צוגעדריקט דערצו מיט דער באַק; אָבער פּלוצלינג איז ער אויפגעשפּרונגען, זיך געזעצט אויף דער סאָפע און געעפנט די אויגן.

„יאָ, אָבער ווי אַזוי איז דאָס געווען? — האָט ער געקלערט, דערמאָנענדיק זיך דעם חלום. — יאָ, ווי אַזוי איז דאָס געווען? יאָ! אַלאַבין האָט געגעבן אַ מיטאָג אין דאַרמשטאַדט; ניין, נישט אין דאַרמשטאַדט, נאָר עפּעס אַמעריקאַניש. יאָ, נאָר דאָרט איז דאַרמשטאַדט געווען אין אַמעריקע. יאָ, אַלאַבין האָט געגעבן אַ מיטאָג אויף גלעזערנע טישן, יאָ, — און די טישן האָבן געזונגען: Il mio tesoro, און נישט Il mio tesoro, נאָר עפּעס בעסער, און עפּעס אַזעלכע קליינע קאַראַפינקעלעך, וואָס זענען אויך געווען פרויען", האָט ער זיך דערמאָנט.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשס אויגן האָבן זיך פריילעך צעגלאַנצט, און ער האָט שמייכלענדיק זיך פאַרקלערט. „יאָ, עס איז גוט געווען, זייער גוט. נאָך אַ סך פיינע זאַכן זענען דאָרט געווען, גאָר מיט קיין ווערטער און געדאַנקען נישט אַרויסצוזאָגן, אפילו וואַכעדיקערהייט נישט אויסצודריקן". און באַמערקט דעם ליכטיקן שטרייף, וואָס האָט זיך זייטיק דורכגעשלאָגן דורך איינער פון די געוואַנטענע שטאָרן, האָט ער פריילעך אַראָפּגעוואָרפן די פיס פון דער סאָפע, אָפּגעזוכט מיט זיי די מיט גאָלדיקן סאַפיאַן אַרומגעפּאַסטע לאַטשן, וועלכע די פרוי האָט אים אַלס מתנה צום פאַריאָריקן געבורטסטאָג אויפגענייט, און לויט דער אַלטער, ניין-יעריקער געוווינהייט, נישט אויפשטייענדיק, מיט דער האַנט זיך אַ ציִ געטון צו יענעם אָרט, ווּ ס'איז אין שלאָפצימער באַ אים געהאַנגען דער שלאָפראַק. און דאָ האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאַנט, ווי אַזוי און פאַרוואָס ער שלאָפט נישט אין ווייבס שלאָפצימער, נאָר אין קאַבינעט; דער שמייכל איז פאַרשווּנדן פון זיין פנים, ער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן.

„אַך, אַך, אַך! אַאַ!..." האָט ער אַרויסגעקרעכצט, דערמאָנענדיק זיך אָן אַלץ, וואָס ס'איז געווען, און ווידער זענען אין זיין דמיון אויפ-

געקומען אַלע פּרטים פון דער קריג מיטן ווייב, די גאַנצע אומאויסגעגג-לעכקייט פון זיין לאַגע, און צום פיינלעכסטן פון אַלעם די אייגענע שולד זיינע.

„יאָ! זי וועט נישט מוחל זיין און קאָן נישט מוחל זיין. און שרעק-לעכער פון אַלץ איז דאָס, וואָס די שולד אין אַלעם האָב איך, — ס'איז מיין שולד, אָבער איך בין דאָך נישט שולדיק. אין דעם טאַקע איז די גאַנצע דראַמע, — האָט ער געקלערט. — אַך, אַך, אַך!" האָט ער כסדר איבערגעחזרט, דערמאַנענדיק זיך די שווערסטע איינדריקן פון דערדאַזי-קער קריג.

אומאַנגענעמער פון אַלץ איז געווען יענע ערשטע מינוט, ווען אום-קערנדיק זיך פון טעאַטער אַ פריילעכער און צופרידענער, טראַגנדיק אין דער האַנט אַ גרויסע באַרנע פאַרן ווייב, האָט ער די פרוי נישט געפונען אין גאַסט-צימער, צו זיין פאַרוואונדערונג נישט געטראָפן זי אויך אין קאַבינעט און לסוף זי דערזען אין שלאָפצימער מיט דעם אומגליקלעכן צעטעלע, וואָס האָט איר אַלץ אַנטדעקט.

זי, דאָלי, דידאָזיקע אייביק פאַרזאָרגטע און פאַרדאגהטע, און נישט איבעריק קלוגע, ווי ער האָט זי געהאַלטן, איז אומבאַוועגלעך געזעסן מיטן צעטעלע אין דער האַנט און מיט אַן אויסדרוק פון שרעק, פאַר-צווייפלונג און צאָרן געקוקט אויף אים.

— וואָס איז דאָס? דאָס? — האָט זי געפרעגט, אָנווייזדיק אויפן צעטעלע.

און ווי ס'געשעט אָפט, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן באַ דערדאַ-זיקער דערינערונג געפּייניקט נישט אַזוי פיל די געשעעניש גופא, ווי דאָס, ווי אַזוי ער האָט געענטפערט אויפן ווייבס ווערטער.

מיט אים איז אין דער מינוט געשען דאָס, וואָס עס געשעט מיט מענטשן, ווען זיי ווערן אומגעריכט געכאַפּט באַ עפּעס זייער בזיונדיקס. ער האָט נישט געקאָנט צופּאַסן זיין פּנים צו דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען פאַר דער פרוי, נאָכדעם ווי זיין שולד איז אַנטדעקט געוואָרן. אַנשטאָט צו באַליידיקן זיך, אָפּלייקענען, פאַרענטפערן זיך, בעטן פאַרצייונג, פאַרבלייבן אפילו גלייכגילטיק, האָט זיין פּנים גאָר נישט ווילנ-דיק פלוצלינג אַ שמייכל געטון מיט זיין געוויינלעכן, גוטן און דערפאַר נאַרישן שמייכל.

„רעפלעקסן פון די געהירן", האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וועלכער האָט ליב געהאַט פיזיאָלאָגיע, אַ קלער געטון.

דעמדאָזיקן נאַרישן שמייכל האָט ער זיך נישט געקאָנט מוחל זיין דעם דאָזיקן דעמדאָזיקן שמייכל, האָט דאָללי אויפגעציטערט ווי פון אַ פּיזיון ווייטיק, מיט איר אייגנטימלעכער היציקייט אויסגעבראָכן מיט אַ מבול זידל־ווערטער און אַרויסגעלאָפן פון צימער. פון דעמאָלט אָן האָט זי מער נישט געוואָלט זען דעם מאַן.

„אין אַלעם איז שולדיק דער דאָזיקער נאַרישער שמייכל", האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געטראַכט.

„אָבער וואָס־זשע טוט מען? וואָס טוט מען?" האָט ער מיט פאַרצווייפלונג זיך געזאָגט און נישט געפונען קיין ענטפער.

II.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען אַ מענטש אַן ערלעכער אין באַציונג צו זיך. ער האָט נישט געקאָנט זיך אָפּנאַרן און פאַרזיכערן, אַז ער האָט חרטה אויף זיין האַנדלונג. ער האָט נישט געקאָנט איצט חרטה האָבן אויף דעם, וואָס ער, אַ פיר־און־דרייסיק־יעריקער, שיינער מענטש, אַ לייכטער צום פאַרליבן זיך, איז נישט פאַרליבט אין ווייב, די מוטער פון פינף לעבעדיקע און צוויי פאַרשטאָרבענע קינדער, וואָס איז בלויז מיט איין יאָר יינגער פון אים. ער האָט בלויז חרטה געהאַט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט בעסער באַהאַלטן פאַרן ווייב, אָבער געפילט די גאַנצע שווערקייט פון זיין לאַגע און רחמנות געהאַט אויפן ווייב, אויף די קינדער און אויף זיך. ער וואָלט אפשר בעסער געווען געקאָנט פאַרבאָרגן זיינע חטאים פאַרן ווייב, ווען ער וואָלט זיך גערעכנט, אַז די דאָזיקע ידיעה וועט אויף איר אַזוי ווירקן. קלאָר האָט ער קיינמאָל נישט דורכגעטראַכט די דאָזיקע פראַגע, אָבער נעפּלהאַפט האָט זיך אים פאַרגעשטעלט, אַז דאָס ווייב איז זיך שוין לאַנג משער, אַז ער איז איר נישט טריי, און קוקט אויף דעם דורך די פינגער. אים האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז זי, די אויסגעשעפּטע, געעלטערטע, שוין נישט שיינע און מיט גאָרנישט מערקווירדיקע פרוי, די פּשוטע, בלויז גוטע מוטער פון דער פאַמיליע, איז על פּי יושר מחויב צו פאַרזען אַזעלכע זאַכן. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר פאַרקערט.

„אַך, שרעקלעך! איי, איי, איי! שרעקלעך! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך געחזרט און גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן. — און ווי גוט

אַלץ איז געווען ביז אַצינד, ווי גוט מיר האָבן געלעבט! זי איז געווען צופרידן, גליקלעך מיט די קינדער. איך האָב איר אין גאָרנישט געשטערט, געלאָזט זי פריי זיך פאַרנעמען מיט די קינדער, מיטן באַלעבאַטישקייט, ווי זי האָט געוואָלט. אמת, נישט גוט, וואָס זי איז געווען גוווערנאַנטין בא אונז אין הויז. נישט גוט! פאַראַן עפּעס טריוויאַלס, באַנאַלס אין דעם אַדאָרירן אַן אייגענע גוווערנאַנטין. אָבער וואָס פאַר אַ גוווערנאַנטין! (ער האָט זיך לעבעדיק פאַרגעשטעלט דער מאַדמואַזעל ראָלאַנס שוואַרצע שעלמישע אויגן און איר שמייכל.) אָבער כּל זמן זי איז געווען בא אונז אין הויז, האָב איך מיר דאָך גאָרנישט דערלויבט. און ערגער פון אַלעם איז דאָס, וואָס זי איז שוין... עפּעס ווי בכּיוון האָט דאָס אַלץ געמוזט אַזוי געשעען! איי, איי! אָבער וואָס-זשע, וואָס-זשע טוט מען?"

קיין ענטפער איז נישט געווען, אַ חוץ יענעם אַלגעמיינעם ענטפער, וועלכן דאָס לעבן גיט אויף אַלע העכסט פאַרוויקלטע און נישט לעזבאַרע פראַגן. דערדאָזיקער ענטפער איז: מען מוז לעבן מיט די באַדערפענישן פון טאָג, דאָס הייסט, פאַרגעסן זיך. פאַרגעסן זיך מיט שלאָף קאָן מען שוין נישט, על כּל פּנים ביז נאַכט, מען קאָן זיך שוין נישט אומקערן צו יענער מוזיק, וואָס די קאַראַפינקעלעך-פרויען האָבן געזונגען, דעריבער מוז מען זיך פאַרגעסן מיטן שלאָף פון לעבן.

„מען וועט שוין זען", האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך געזאָגט, און אויפשטייענדיק, אָנגעטון דעם גרויען שלאַפראָק אויפן בלויען זיידענעם אונטערשלאַק, פאַרבונדן די טראָלבן אין אַ שלייף, און אַריינגעמענדיק גענוג לופט אין זיין ברייטן ברוסטקאַסטן, איז ער מיט דעם געוויינלעכן גאַנג פון זיינע אומגעדרייטע פיס, וואָס האָבן אַזוי לייכט געטראָגן זיין פולן קערפּער, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אויפגעהויבן די שטאָרע און הויך אָנגעקלונגען. אויפן קלינגען איז באַלד אַריינגעקומען דער אַלטער פריינט, דער קאַמערדינער מאַטוויי, טראָגנדיק די מלבושים, די שטיוול און אַ טעלעגראַמע. גלייך נאָך מאַטווייען איז אויך אַריינגעקומען דער פריזירער מיט די ראַזיר-מכשירים.

— פון אמט זענען דאָ פּאַפּירן? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט, גענומען די טעלעגראַמע און זיך אוועקגעזעצט צום שפּיגל.

— אויפן טיש, — האָט מאַטוויי געענטפערט, אַ בליק געטון פרעגנדיק, מיט מיטגעפיל אויפן הער און, וואַרטנדיק אַ ווײַלע, מיט אַ כיטרע שמייכל צוגעגעבן: — פון פורמאַן איז מען געווען.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט גאָרנישט געענטפערט און בלויז אין

שפּיגל אַריין אַ קוק געטון אויף מאַטווייען; לויטן בליק, מיט וועלכן זיי האָבן זיך אין שפּיגל באַגעגנט, איז קענטיק געווען, ווי זיי פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס בליק האָט אַזויווי געפרעגט: נאַכוואָס זאָגסטו דאָס? דו ווייסט דען נישט!

מאַטוויי האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס פון זיין רעקל, האָט צוריקגעשטעלט איין פוס און שווייגנדיק, גוטמוטיק, קוים-קוים שמייכלענדיק אַ קוק געטון אויף זיין הער.

— איך האָב געהייסן קומען דעם אַנדערן זונטיק, און אַז זיי זאָלן בּחינם ביז דעמאָלט אייך און זיך נישט באַאומרויקן, — האָט מאַטוויי געזאָגט, די קענטיק צוגעגרייטע פראַזע.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט פאַרשטאַנען, אַז מאַטוויי וויל שפּאַסן אַ ביסל און ווענדן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויפגעריסן די טעלעגראַמע, זי איבערגעלייענט, פאַרריכטנדיק דורך השערה די, ווי תמיד, פאַרדרייטע ווערטער, און זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— מאַטוויי, די שוועסטער אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ קומט מאָרגן, — האָט ער געזאָגט, פאַרהאַלטנדיק אויף אַ מינוט דעם פריזירערס גלאַנציקע פּוליקע האַנט, וואָס האָט אויסגערייניקט דעם ראָזע וועג צווישן זיינע לאַנגע געקרייזלטע באַקנבערד.

— דאַנקען גאָט, — האָט מאַטוויי געזאָגט, מיטן דאָזיקן ענטפער באַווייזנדיק, אַז ער פאַרשטייט פּונקט אַזוי גוט ווי דער הער די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן וויזיט, דאָס הייסט, אַז אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס באַליבטע שוועסטער, קאָן צוהעלפן שלום מאַכן צווישן מאַן און ווייב.

— אַליין צי מיטן מאַן? — האָט מאַטוויי געפרעגט.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נישט געקאָנט רעדן, ווייל דער פריזירער איז פאַרנומען געווען מיט זיין אויבערשטער ליפּ, און ער האָט אויפגעהויבן איין פינגער. מאַטוויי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אין שפּיגל אַריין.

— אַליין. צוגרייטן אויבן?

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען זאָגט מעלדן, וואו זי וועלן באַפעלן.

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונען? — האָט מאַטוויי אַזוי ווי אין ספק איבערגעחזרט.

— יאָ, זאָג מעלדן, און אָט נעם די טעלעגראַמע, גיב איבער, וואָס זיי וועלן זאָגן.

„איר ווילט פּרוון", האָט מאַטוויי פאַרשטאַנען, אָבער בלויז געזאָגט: איך הער אייך.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז שוין געווען אָפּגעוואַשן און פאַרקעמט און האָט זיך געקליבן אָנטון, ווען מאַטוויי איז, טרעטנדיק לאַנגזאַם מיט די סקריפּענדיקע שטיוול, מיט דער טעלעגראַמע אין דער האַנט, צוריקגעקומען אין צימער אַריין. דער פריזירער איז שוין נישט געווען.

— דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט באַפוילן צו מעלדן, אַז זיי פאָרן אוועק. זאָלן זיי טוען, ווי זיי, דאָס הייסט, אייך געפעלט — האָט ער געזאָגט, לאַכנדיק בלויז מיט די אויגן, און אַריינשטעקנדיק די הענט אין די קעשענעס, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און זיך פאַרקוקט אויפן פּריץ. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך האָט אַ גוטער און עטוואָס נעבעכדיקער שמייכל זיך באַוויזן אויף זיין פּנים.

— האַ? מאַטוויי? — האָט ער געזאָגט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— נישקשה, הער, עס וועט זיך אויסהיילן, — האָט מאַטוויי געזאָגט.

— עס וועט זיך אויסהיילן?

— אוודאי.

— דו מיינסט אַזוי? ווער איז דאָרט? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט, דערהערנדיק דאָס רוישן פון אַ פרויען-קלייד הינטער דער טיר.

— דאָס בין איך, — האָט געזאָגט אַן אַנטשלאָסענע און אָנגענעמע פרויען-שטימע און אין דער טיר האָט זיך באַוויזן דאָס שטרענגע געשטופּלטע פּנים פון דער ניאַניע מאַטרענאַ פילימאָנאָוונאַ.

— נו, וואָס, מאַטריאָשאַ? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט, איר אַקעגנגייענדיק צו דער טיר.

נישט געקוקט דערויף, וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אַרום און אַרום שולדיק געווען קעגן ווייב און האָט דאָס אַליין אויך געפילט, זענען כמעט אַלע הויז-מענטשן, אפילו די ניאַניע, דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס הויפּט-פריינט, געווען אויף זיין זייט.

— נו, וואָס? — האָט ער מרה-שחורהדיק געפרעגט.

— גייט אַריין, הער, בעט נאָכאַמאָל איבער. אפשר וועט גאָט העלפן. זיי פּייניקן זיך זייער. עס איז אַ רחמנות צוצוקוקן, און פון גאַנצן הויז איז אַ תל געוואָרן. מען מוז אויף די קינדער רחמנות האָבן. בעט איבער, הער. וואָס קאָן מען טון!

— זי וועט דאָך נישט אויפנעמען
— איר טוט אייערס. גאָט איז באַרמהאַרציק, צו גאָט זייט מתפלל,
הער, צו גאָט זייט מתפלל.
— נו, גוט, גיי, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, פּלוצלינג
רויט ווערנדיק: — נו, דערלאַנג-זשע אָנצוטון, האָט ער זיך געווענדט צו
מאַטווייען און אַנטשלאָסן פון זיך דעם שלאָפראָק אַראָפּגעוואָרפן.
מאַטוויי האָט שוין געהאַלטן דאָס העמד גרייט ווי אַ כאָמעט און,
אַראָפּבלאָזנדיק עפּעס אומזעבאַרס, האָט ער מיט באַשיינפּערלעכער הנאה
אָנגעטון עס אויפן הערס געקעכלטן קערפּער.

III.

אָנגעטון זיך, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך באַשפּריצט מיט פּער-
פום, אויסגעגלייכט די אַרבל פון העמד, מיט אַ געוווינטער באַוועגונג אין
זיי קעשענעס אַריינגעלייגט די פּאַפּיראָסן, דעם טייסטער, די שוועבעלעך,
דעם זייגער מיטן טאָפּלטן קייטעלע און מיט די ברעלאָקן, און אַ טרייסל
טוענדיק דאָס טיכל, פילנדיק זיך זויבער, דופטיק און פיזיש מונטער, נישט
געקוקט אויף זיין אומגליק, איז ער לייכט אונטערציטערנדיק אויף יעדן
פוס, אַרויסגעגאַנגען אין עס-צימער אַריין, וווּ ס׳האָט שוין געוואַרט אויף
אים קאַווע און צוזאַמען מיט דער קאַווע בריוו און פּאַפּירן פון אַמט.
ער האָט איבערגעלייענט די בריוו. איינער איז געווען זייער נישט
קיין אָנגענעמער, — פון דעם סוחר, וואָס האָט געדונגען דעם וואַלד אין
ווייבס גוט. דעמדאָזיקן וואַלד האָט מען געמוזט פאַרקויפן; אָבער איצט,
פאַרן איבערבעטן זיך מיטן ווייב, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן
דעם. צומיינסט אָבער אומאָנגענעם איז געווען דאָס, וואָס דערמיט האָט אינם
פאָרשטייענדיקן שלום-מאַכן מיט זיין פרוי זיך אַריינגעמישט אַ געלט-אינ-
טערעס. און דער געדאַנק, אַז אויף אים קאָן ווירקן דערדאָזיקער אינטע-
רעס, אַז כדי צו פאַרקויפן דעם וואַלד, וועט ער זיך באַמיען איבערצו-
בעטן מיטן ווייב, — דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים באַליידיקט.
פאַרענדיקט די בריוו, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש צו זיך צוגערוקט
די פּאַפּירן פון אַמט, דורכגעבלעטערט צוויי ענינים, געמאַכט עטלעכע באַ-
מערקונגען מיט אַ גרויסן בליישטיפט און, אָפּרוקנדיק די ענינים, זיך גע-

גומען צו דער קאַווע; נאָך דער קאַווע האָט ער פונאַנדערגעוויקלט די נאָך פייכטע פרימאָרגן־צייטונג און אָנגעהויבן זי לייענען.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש פלעגט דערהאַלטן און לייענען אַ ליבעראַלע צייטונג, נישט קיין עקסטרעמע, נאָר פון יענער ריכטונג, באַ וועלכער עס האָט זיך געהאַלטן די מערהייט. און נישט געקוקט דערויף, וואָס סיי די וויסנשאַפט, סיי די קונסט, סיי די פּאָליטיק האָבן אים אייגנטלעך נישט אינטערעסירט, האָט ער דאָך פעסט זיך געהאַלטן באַ יענע בליקן אויף די אַלע ענינים, באַ וועלכע עס האָט זיך געהאַלטן די מערהייט און זיין צייטונג, און ער פלעגט זיי בייטן בלויז דעמאָלט, ווען די מערהייט האָט זיי געביטן, אָדער, בעסער געזאָגט, ער פלעגט זיי נישט בייטן, נאָר זיי אַליין פלעגן אומבאַמערקבאַר אין אים זיך ענדערן.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נישט אויסגעקליבן די ריכטונג און די בליקן, נאָר די דאָזיקע ריכטונגען און בליקן פלעגן אַליין קומען צו אים, פונקט אַזוי ווי ער פלעגט נישט אויסקלויבן די פאָרם פון זיין הוט אָדער סורדוט, נאָר נעמען די, וועלכע מען פלעגט טראָגן. און פאַר אים, וועלכער האָט געלעבט אין אַ באַשטימטער געזעלשאַפט, האָבנדיק די באַדערפעניש פון אַ געוויסער אינטעלעקטועלער טעטיקייט, וואָס אַנטוויקלט זיך געוויינטלעך אין די רייפע יאָרן, איז האָבן בליקן געווען אַקוראַט אַזוי נייטיק, ווי האָבן אַ הוט. אויב עס איז אפילו געווען אַ סיבה, פאַרוואָס די ליבעראַלע ריכטונג איז אים בעסער געפעלן פון דער קאָנסערוואַטיווער, באַ וועלכער עס האָבן זיך אויך געהאַלטן פיל פון זיין קרייז, איז דאָס געשען נישט דערפאַר, וואָס ער האָט די ליבעראַלע ריכטונג געהאַלטן פאַר פאַרנונפטיקער, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט מער געפאַסט צו זיין לעבנס־שטייגער. די ליבעראַלע פאַרטיי האָט געזאָגט, אַז אין רוסלאַנד איז אַלץ שלעכט, און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט טאַקע געהאַט אַ סך חובות, און געלט האָט אים שטענדיק געפעלט. די ליבעראַלע פאַרטיי האָט געזאָגט, אַז די חתונה איז אַן אָפּגעלעבטע אינסטיטוציע, אַז מען דאַרף זי רעפאָרמירן, און דאָס פאַמיליען־לעבן האָט טאַקע ווייניק פאַרגעניגן פאַרשאַפט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן, אים גענייט ליגנט צו זאָגן און האַנדלען נישט אויפריכטיק, וואָס ס'איז געווען קעגן זיין נאַטור. די ליבעראַלע פאַרטיי האָט געזאָגט, אָדער ריכטיקער, אָנגעדייט, אַז די רעליגיע איז בלויז אַ צוים פאַר דער באַרבאַרישער טייל פון דער באַפעלקערונג, און סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט ווירקלעך אָן ווייטיק אין די פיס נישט געקאָנט אויסהאַלטן אפילו די קלענסטע תפילה און נישט געקאָנט פאַרשטיין צו וואָס מען דאַרף

די אַלטע שרעקלעכע מליצה־רייד וועגן יענער וועלט, בשעת מען וואָלט גענקאָנט אויף דער וועלט גאַנץ פריילעך לעבן. איינצייטיק האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש ליב געהאַט אַ פריילעך הלצהלע, ער פלעגט טיילמאָל הנאה האָבן צו שטעלן אין פאַרלעגנהייט אַ פשוטן מענטש דערמיט, וואָס אויב שוין יאָ שטאָלצירן מיטן יחוס, דאַרף מען זיך נישט אָפּשטעלן בײַ רוריקן און זיך אָפּזאָגן פון ערשטן שטאַמפאָטער — פון דער מאַלפּע. דעריבער איז די ליבעראַלע ריכטונג געוואָרן בײַ סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אַ געוווינהייט און ער האָט ליב געהאַט זיין צייטונג, ווי דעם ציגאַר נאָכן מיטאָג, פאַר דעם לייכטן נעפּל, וואָס ער פלעגט אין זיין קאָפּ אַרויסרופן. ער האָט איבערגעלייענט דאָס לייטאַרטיקל, אין וועלכן עס איז דערקלערט געווען, אַז אין אונזערע צייטן האַלט מען גאַנץ אומזיסט אין איין קלאָגן זיך, אַז דער ראַדיקאַליזם דראָט כלומרשט איינצושלינגען אַלע קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן און אַז די רעגירונג איז מחויב אָנצונעמען מיטלען צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע הידרע. אַז, פאַרקערט, „לויט אונזער מיינונג, ליגט די סכנה נישט אין דער כלומרשטער רעוואָלוציאָנערער הידרע, נאָר אין דער עקשנותדיקער טראַדיציאָנעלקייט, וואָס האַלט אָפּ דעם פּראָגרעס", א. אז. וו. ער האָט איבערגעלייענט אויך דאָס צווייטע אַרטיקל, דאָס פינאַנציעלע, אין וועלכן עס איז דערמאַנט געוואָרן וועגן גענטאַם און מיל און עס זענען אַרונטערגעלאָזט געוואָרן שפּילקעס דעם מיניסטעריום. מיט זיין פלינקער תפיסה האָט ער פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון איטלעכער שפּילקע: פון וועמען, אויף וועמען און איבער וואָסער סיבה זי איז געשיקט געוואָרן, און דאָס האָט, ווי תמיד, אים פאַרשאַפט אַ געוויסע הנאה. אָבער הייַנט איז דידאָזיקע הנאה פאַרסמט געוואָרן דורך דעם דערמאַנען זיך אָן מאַטרענאַ פילימאָנאָוונעס עצות און אָן דעם, וואָס אין הויז איז נישט אין אָרדנונג. ער האָט אויך איבערגעלייענט וועגן דעם, אַז דער גראַף בייסט איז, ווי מען שמועסט, אַריבערגעפאָרן קיין וויסבאַדן, וועגן דעם, אַז עס זענען שוין נישטאָ מער קיין גרויע האָר, וועגן דעם פאַרקויף פון אַ לייכטער קאָטש און דעם פאָרשלאָג פון אַ יונגער פערזאָן; אָבער דידאָזיקע ידיעות האָבן אים שוין נישט, ווי פריער, פאַרשאַפט קיין שטיל, איראָניש פאַרגעניגן.

פאַרענדיקט די צייטונג, דאָס צווייטע שעלעכל קאַווע און דעם שטריץ מיט פּוטער, איז ער אויפגעשטאַנען, אָפּגעשאָקלט די קרישקעס פון קאַמזויל און אויסגלייכנדיק די ברייטע ברוסט, האָט ער פריידיק אַ שמייכל געטון, נישט דערפאַר, וואָס אים איז עפּעס באַזונדער אָנגענעם געווען

אויף דער נשמה, — דעם פריידיקן שמייכל האָט אַרויסגערופן דאָס גוטע קאָכן פון זיין מאָגן.

אָבער דערדאָזיקער פריידיקער שמייכל האָט אים גלייך דערמאַנט אָן אַלץ, און ער האָט זיך פאַרטראַכט.

צוויי קינדערישע שטימען (סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערקענט גרישעס שטימע, דעם יינגערן יינגלס, און טאַניעס, דעם עלטערן מיידעלעס) האָבן זיך דערהערט הינטער דער טיר. זיי האָבן עפּעס געפירט און פאַרלוירן.

— איך האָב געזאָגט, אַז אויפן דאַך טאָר מען נישט אַרויפזעצן קיין פּאַסאַזשירן, — האָט דאָס מיידעלע געשריגן אויף ענגליש, — איצט קלויב אויף!

„אַלץ איז צעדרייט געוואָרן, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש אַ קלער געטון, — אַט לויפן די קינדער אַרום אַליין". און צוגייענדיק צו דער טיר, האָט ער זיי אַ רוף געטון. זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן די שקאַטולקע, וואָס האָט זיי געדינט פאַר אַ באַן, און זענען אַריינגעגאַנגען צום פאָטער.

דאָס מיידעלע, דעם טאַטנס ליבלינג, איז אַריינגעלאָפן דרייסט, אים אַרומגענומען און, לאַכנדיק, זיך אָנגעהאָנגען אויף זיין האַלז, פרייענדיק זיך, ווי תמיד, מיט דעם באַקאַנטן פּערפום-ריח, וואָס זיינע באַקנבערד האָבן אַרום זיך פאַרשפּרייט. ענדלעך אַ קוש געבנדיק אים אין פּנים אַריין, וואָס איז רויט געוואָרן פון דער אָנגעבויגענער פּויזע און האָט געשיינט מיט צערטלעכקייט, האָט דאָס מיידעלע צענומען די הענט און געוואָלט צוריקלויפן; נאָר דער פאָטער האָט זי פאַרהאַלטן.

— וואָס טוט די מאַמע? — האָט ער געפרעגט, גלעטנדיק דער טאָכטערס גלאַט, צאַרט העלזל מיט דער האַנט. — גוט מאָרגן, — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק צום יינגל, וואָס האָט זיך באַגריסט.

ער האָט אָנערקענט, אַז ער האָט דאָס יינגל ווייניקער ליב, און תמיד זיך באַמיט צו זיין גלייך; אָבער דאָס יינגל האָט דאָס געשפּירט און נישט געענטפערט מיט קיין שמייכל אויפן פאָטערס קאַלטן שמייכל.

— די מאַמע? אויפגעשטאַנען, — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אָפּגעזיפצט.

„הייסט עס, ווידער נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט", האָט ער אַ קלער געטון.

— וואָס, זי איז פריילעך?

דאָס מיידעלע האָט געוווּסט, אַז צווישן טאַטע-מאַמע איז פאָרגעקומען אַ קריג, אַז די מאַמע קאָן נישט זיין פריילעך, אַז דער טאַטע דאַרף דאָס וויסן און אַז ער איז נישט אויפריכטיק, פרעגנדיק וועגן דעם אַזוי לייכט, און זי איז רויט געוואָרן פאַרן פאָטער. ער האָט דאָס גלייך פאַרשטאַנען און איז אויך רויט געוואָרן.

— איך ווייס נישט, — האָט זי געזאָגט. — זי האָט נישט געהייסן לערנען זיך, נאָר געהייסן גיין שפּאַצירן מיט דער מיס גול צו דער באָבעשי.

— נו גיי, מיין טאַנטשוראָטשקאַ. אָך יאָ, וואַרט-צו, — האָט ער געזאָגט, דאָך זי פאַרהאַלטנדיק און גלעטנדיק איר צאַרט הענטל.

ער האָט אַראָפּגענומען פון קאַמין, ווו ער האָט נעכטן אַוועקגעשטעלט אַ קעסטעלע מיט קאָנפעקטן און געגעבן איר צוויי, אויסקלייבנדיק אירע באַליבטע, אַ שאָקאָלאַדאָווע און אַ געפּילטע.

— גרישען? — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם שאָקאָלאַדאָווע.

— יאָ, יאָ. — און נאָך אַ גלעט טוענדיק איר אַקסעלע, האָט ער איר אַ קוש געגעבן אין די האָר-וואָרצלען, אין האַלז און זי אָפּגעלאָזט.

— די קאַטש איז גרייט, — האָט מאַטוויי געזאָגט, — און ס'איז דאָ אַ בעטערין, — האָט ער צוגעגעבן.

— שוין לאַנג דאָ? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט.

— קענגן אַ האַלבער שעה.

— וויפיל מאָל האָב איך דיר באַפוילן גלייך צו מעלדן.

— מען מוז דאָך אייך לאָזן כאָטש די קאַווע אויסטרינקען — האָט מאַטוויי געזאָגט מיט יענעם פריינטלעך-גראָבן טאָן, אויף וועלכן מען קאָן נישט בייז זיין.

— נו, בעט-זשע אַריין שנעלער — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט, קרימענדיק זיך פון פאַרדראָס.

די בעטערין, די שטאַבס-קאַפּיטאַנשע קאַלינינאַ, האָט געבעטן וועגן עפּעס אוממעגלעכס און נאַרישס; אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט, ווי זיין שטייגער, געבעטן זי זעצן, אויפמערקזאַם, נישט איבערגע-

שלאָגן זי אויסגעהערט און איר געגעבן אַן אויספירלעכע עצה, צו ווען און ווי אַזוי זיך צו ווענדן, און אפילו האָפערדיק און גלאַט מיט זיין היפשער, צעצויגענער, שיינער און דייטלעכער האַנטשריפט איר אָנגע־שריבן אַ צעטעלע צו אַ פערזאָן, וואָס האָט איר געקאָנט בייהילפיק זיין. אָפּגעלאָזט די שטאַבס־קאַפּיטאַנשע, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש גענומען דעם הוט און שטיין געבליבן, דערמאָנענדיק זיך, צי ער האָט נישט עפּעס פאַרגעסן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט גאָרנישט פאַרגעסן, אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרגעסן — דאָס ווייב.

„אַך, יאָ!" האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און זיין שיין פּנים איז מרה־שחורהדיק געוואָרן. „אַריינגיין אָדער נישט אַריינגיין?" האָט ער זיך געפרעגט. און אַן אינערלעכע שטימע האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז מען דאַרף נישט גיין, אַז אַ חוץ פאַלשקייט, קאָן דאָ גאָרנישט זיין, אַז פאַררעכטן, צוריק גוט מאַכן זייערע באַציונגען איז אוממעגלעך, ווייל עס איז אוממעגלעך זי צו מאַכן ווידער אָנציענד און רייצנד, אָדער אים צו מאַכן פאַר אַ זקן, אַ נישט פעיקן צו ליבן. אַ חוץ פאַלשקייט און ליגנט, האָט איצט גאָרנישט געקאָנט אַרויסקומען; און פאַלשקייט און ליגנט זע־נען געווען קעגן זיין נאַטור.

„מען מוז דאָך אָבער פאָרט אַמאָל; עס קאָן דאָך נישט אַזוי בלייבן", האָט ער זיך באַמיט זיך דרייסטקייט צוצוגעבן. ער האָט אויסגעגלייכט די ברוסט, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט, אַ צי געטון אַ צוויי מאָל, אַריינגעוואָרפן אים אין פּערלמוטערנעם אַש־שיסעלע, מיט שנעלע טריט דורכגעגאַנגען דאָס גאַסטצימער און געעפנט די צווייטע טיר אין ווייבס שלאָפצימער אַריין.

IV.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ איז געשטאַנען צווישן צעוואָרפענע זאַכן איבערן צימער פאַר אַן אָפענער שיפאָניערקע, פון וועלכער זי האָט עפּעס אַרויסגעקליבן. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ יאַקעלע, די צעפּ פון די שוין שיטערע, אַמאָל געדיכטע און הערלעכע האָר פאַרשפּיליעט אויפן נאַקן, דאָס פּנים דאַר און אָפּגעצערט און די אויגן, גרויסע און צעשראָ־

קענע, האָבן צוליב דער אָפּגעצערטקייט פון פּנים נאָך בולטער אויסגעזען. דערהערט דעם מאַנס טריט, איז זי שטיין געבליבן, קוקנדיק אויף דער טיר און בחינם זיך באַמיט צוצוגעבן איר פּנים אַ שטרענגן און פאַראַכטנדיקן אויסדרוק. זי האָט געפילט, אַז זי האָט מורא פאַר אים און האָט מורא פאַר דער פאָרשטייענדער זעונג. זי האָט נאָר-וואָס געפּרוווט טון דאָס, וואָס זי האָט שוין געפּרוווט טון דאָס צענטע מאָל אין דידאָזיקע דריי טעג: אָפּקלויבן די קינדערישע און אירע אייגענע זאַכן, וועלכע זי וועט אַוועקפירן צו דער מוטער, און האָט ווידער נישט געקאָנט אויף דעם זיך אַנטשליסן; אָבער אויך איצט, ווי אין יעדן פריערדיקן מאָל, האָט זי זיך געזאָגט, אַז דאָס קאָן נישט אַזוי בלייבן, אַז זי מוז עפּעס טון, אים באַשטראָפן, צו שאַנד מאַכן, אָפּצאָלן אים כאָטש אַ קליינע טייל פון דעם ווייטיק, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. זי האָט נאָך אַלץ זיך געזאָגט, אַז זי וועט אַוועקפאָרן פון אים, אָבער געפילט, אַז דאָס איז אוממעגלעך; דאָס איז געווען אוממעגלעך דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געקאָנט זיך אָפּגעוויינען פון האַלטן אים פאַר איר מאַן און ליב האָבן אים. חוצדעם, האָט זי געפילט, אַז אויב דאָ, באַ זיך אין הויז, באַוויזט זי קוים אַרומצוגיין אַרום אירע פינף קינדער, וועט זיי זיין נאָך ערגער דאָרטן, וווהין זי וועט מיט זיי אַלע אַוועקפאָרן. דער קלענערער איז אַזוי אויך אין די דריי טעג קראַנק געוואָרן דערפון, וואָס מען האָט אים אָנגעקאָרמעט מיט שלעכטן בוליאָן, און די איבעריקע זענען בעכטן געבליבן כמעט אָן מיטאָג. זי האָט געפילט, אַז אַוועקפאָרן איז אוממעגלעך; אָבער, נאַרנדיק זיך, האָט זי פונדעסטוועגן ווייטער אָפּגעקליבן די זאַכן און זיך איינגערעדט, אַז זי פאָרט אַוועק.

דערזען דעם מאַן, האָט זי אַראָפּגעלאָזט די הענט אין שופלאָד אַריין פון דער שיפאָניערקע, כלומרשט זוכנדיק עפּעס, און זיך אומגעקוקט אויף אים ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין גאַנץ נאָענט געשטאַנען לעבן איר. אָבער איר פּנים, וועלכן זי האָט געוואָלט צוגעבן אַ שטרענגן און אַנטשלאָסענעם אויסדרוק, האָט אויסגעדריקט פאַרלוירנקייט און ליידן.

— דאָלי, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער, נישט דרייסטער שטימע. ער האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און געוואָלט אויסזען נעבעכדיק און אונטערטעניק, אָבער ער האָט פאָרט געשיינט מיט פרישקייט און געזונט. זי האָט מיט אַ שנעלן בליק אַרומגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס זיין פיגור, וואָס האָט געשיינט מיט פרישקייט און געזונט. „יאָ, ער איז גליקלעך און צופרידן, — האָט זי אַ קלער געטון, — און

איך ?... און דידאַזיקע אַפּשטויס־דע גוטסקייט, פאַר וועלכער אַלע האָבן אים אַזוי ליב און לויבן אים; איך האָב דידאַזיקע גוטסקייט זיינע", האָט זי אַ קלער געטון. איר מויל האָט זיך צונויפגעדריקט, אַ באַק־מוסקול האָט זיך אַ טרייסל געטון אויף דער רעכטער זייט פון בלייכן, נערוועזן פּנים.

— וואָס דאַרפסט איר ? — האָט זי שנעל אַ זאָג געטון נישט מיט איר אייגענער ברוסט־שטימע.

— דאָללי ! — האָט ער איבערגעהזרט מיט אַ ציטערדיק קול, — אננאַ קומט היינט.

— נו, וואָס גייט דאָס מיך אָן ? — איך קאָן זי נישט אויפנעמען ! — האָט זי אַ געשריי געטון.

— אָבער מען מוז דאָך פונדעסטוועגן, דאָללי...

— אַוועק, אַוועק, אַוועק ! — האָט זי, נישט קוקנדיק אויף אים, אויסגעשריגן, ווי דערדאָזיקער געשריי וואָלט אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ פיזישן ווייטיק.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געקאָנט זיין רויק, ווען ער האָט גע־קלערט וועגן ווייב, האָט געקאָנט האָפן, אַז אַלץ וועט זיך אויסהיילן, ווי מאַטווי האָט זיך אויסגעדריקט, און געקאָנט רויק לייענען די צייטונג און טרינקען די קאַווע; אָבער ווען ער האָט דערזען איר אויסגעמאַטערט ליידנדיק פּנים, דערהערט דעם הכנעהדיקן און פאַרצווייפלטן טאָן פון איר קול, האָט אים פאַרפעלט אָטעם, עפּעס איז צוגעטרעטן צו זיין האַלז און די אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטון מיט טרערן.

— גאָט מיינער, וואָס האָב איך געטון ! דאָללי ! ווי גאָט איז דיר ליב !... איך — ער האָט נישט געקאָנט ווייטער רעדן, דאָס געוויין איז אים שטעקן געבליבן אין האַלז.

זי האָט פאַרקלאַפּט די שיפאָניערקע און אַ בליק געטון אויף אים.

— דאָללי, וואָס קאָן איך זאָגן ?... בלויז איינס : זיי מיר מוחל... דערמאָן דיך, צי קאָנען ניין יאָר לעבן נישט אויסקויפן אַ מינוט, אַ מינוט...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך צוגעהערט, וואַרטנדיק, וואָס ער וועט זאָגן, אַזוי ווי בעטנדיק אים, ער זאָל איר ווי־עס־איז אויפווייזן, אַז זי האָט אַ טעות.

— אַ מינוט פון עקזאַלטאַציע... — האָט ער אַרויסגעזאָגט און גע־

וואָלט ווייטער רעדן, נאָר באַ דעם וואָרט האָבן אירע ליפּן ווי פון אַ פּי־זישן ווייטיק זיך ווידער צונויפגעפּרעסט און דער באַק־מוסקול אויף דער רעכטער זייט פּנים האָט ווידער אָנגעהויבן צו שפּרינגען.

— גייט, גייט פונדאַנען! — האָט זי נאָך דורכדרינגלעכער אויס־געשריגן, — און דערציילט מיר נישט וועגן אייערע עקזאַלטאַציעס און אייערע נידערטרעכטיקייטן.

זי האָט געוואָלט אַוועקגיין, זיך אַ וואַקל געטון און אָנגעכאַפּט אָן אַנלען פון אַ שטול, כדי זיך אָנצושפּאַרן. זיין פּנים איז ברייטער געוואָרן, די ליפּן אָנגעשוואָלן און די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

— דאָללי! — האָט ער שוין, אַרויסכליפּענדיק, אַ זאָג געטון, — ווי גאָט איז דיר ליב, געדענק אָן די קינדער, זיי זענען נישט שולדיק! איך בין שולדיק, און באַשטראָף מיך, הייס מיך אויסקויפן מיין שולד. מינו וואָס קאָן איך, איך בין אויף אַלעם גרייט! איך בין שולדיק, עס איז נישטאָ קיין ווערטער אויסצודריקן, ווי שולדיק איך בין. נאָר, דאָל־לי, זיי מיר מוחל!

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט. ער האָט געהערט איר שווער, הויך עטעמען, און אים איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף איר. זי האָט עטלעכע מאָל געוואָלט אָנהייבן רעדן, נאָר נישט געקאָנט. ער האָט געוואַרט.

— דו געדענקסט אָן די קינדער, כדי זיך צו שפּילן מיט זיי, און איך געדענק און ווייס, אַז זיי זענען פאַרלוירן איצט, — האָט זי געזאָגט אַפּנים איינע פון די פראַזן, וואָס זי האָט אין משך פון די דריי טעג נישט איינמאָל זיך געזאָגט.

זי האָט אים געזאָגט „דו", און ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ קוק געגעבן אויף איר און זיך אַ ריר געטון, אָנצונעמען איר האַנט, אָבער זי האָט מיט פאַראַכטונג זיך אָפּגערוקט פון אים.

— איך געדענק אָן די קינדער און וואָלט דעריבער אַלץ אין דער וועלט געטון, כדי זיי צו ראַטעווען, אָבער איך ווייס אַליין נישט, מיט וואָס איך וועל זיי ראַטעווען: צי מיט דעם, וואָס איך וועל זיי אָוועקפירן פון פאָטער, אָדער מיט דעם, וואָס איך וועל זיי איבערלאָזן מיטן אויסגע־לאָסענעם פאָטער, — יאָ, מיט אַן אויסגעלאָסענעם פאָטער... נו, זאָגט אַליין, נאָך דעם... וואָס ס'איז געווען, צי איז מעגלעך, אַז מיר זאָלן לעבן צוזאַמען? איז דאָס מעגלעך? זאָגט־זשע, צי איז דאָס מעגלעך? — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ העכער קול. — נאָכדעם, ווי מיין מאַן, דער פאָ־

טער פון מיינע קינדער, פאַרבינדט ליבעס־באַציונגען מיט דער גוווערנאַנטין פון זיינע קינדער...

— אָבער וואָס־זשע קאָן מען טון, וואָס קאָן מען טון ? — האָט ער גערעדט מיט אַ נעבעכדיק קול, אַליין נישט ווייסנדיק, וואָס ער רעדט און אַלץ נידעריקער און נידעריקער אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ.

— איר זענט מיר מיאוס, עקלהאַפט ! — האָט זי אויסגעשריגן, אַלץ מער און מער זיך היצנדיק. — אייערע טרערן — זענען וואַסער ! איר האָט מיך קיינמאָל נישט ליב געהאַט ; איר פאַרמאָגט נישט קיין האַרץ, קיין איידלקייט ! איר זענט מיר עקלהאַפט, מיאוס, פרעמד, יאָ, אינגאַנצן פרעמד ! — האָט זי מיט ווייטיק און כעס אַרויסגערעדט דאָסדאָזיקע פאַר איר שרעקלעכע וואָרט פ ר ע מ ד .

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, און דער צאָרן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אויף איר פּנים, האָט אים דערשראָקן און פאַרוווּנדערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז זיין רחמנות אויף איר צערייצט זי. זי האָט געזען בא אים רחמנות, אָבער נישט קיין ליבע. „ניין, זי האַסט מיך. זי וועט נישט מוחל זיין”, האָט ער אַ קלער געגעבן.

— דאָס איז שרעקלעך, שרעקלעך ! — האָט ער געזאָגט.

אין דער צייט האָט אין צווייטן צימער, מסתּמא אַנידערפאַלנדיק, זיך צעשריגן אַ קינד ; דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך צוגעהערט און איר געזיכט איז פּלוצלינג ווייך געוואָרן.

זי איז, קענטיק, געקומען צו זיך, ווי זי וואָלט עטלעכע סעקונדעס נישט געוווּסט, ווו זי איז און וואָס זי האָט צו טון, און שנעל אויפשטייענדיק, האָט זי זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר.

„זי האָט דאָך ליב מיין קינד, — האָט ער אַ קלער געגעבן, באַמערקנדיק איר געענדערט פּנים באַם קינדס אויסגעשריי, — מ יי ן קינד ; ווי אַזוי זשע קאָן זי מיך האַסן ?”

— דאָלי, נאָך איין וואָרט, — האָט ער אַ זאָג געטון, איר נאָכגייענדיק.

— אויב איר וועט מיר נאָכגיין, וועל איך רופן די מענטשן, די קינדער ! זאָלן אַלע וויסן, אַז איר זענט אַ פּאָדליעץ ! איך פאָר היינט אַוועק, און איר לעבט אייך דאָ מיט אייער געליבטע !

און, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר, איז זי אַרויסגעגאַנגען.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אָפּגעזיפצט, זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און מיט שטילע טריט אַרויסגעגאַנגען פון צימער. „מאַטווי זאָגט : עס

וועט זיך אויסהיילן, אָבער ווי אַזוי? איך זע אפילו נישט קיין מעגלעכקייט. אַך, אַך, ווי שרעקלעך דאָס איז! און ווי טריוויאַל זי האָט געשריגן, — האָט ער זיך אַליין געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך איר שרייַען און די ווערטער: פאָדליעץ און געליבטע. — און אפשר האָבן די מיידלעך געהערט! שרעקלעך טריוויאַל, שרעקלעך". סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז געשטאַנען עטלעכע סעקונדן אַליין, האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און אויסגלייכנדיק די ברוסט, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

עס איז געווען פרייטיק און דער זייגערמאַכער, דער דייטש, האָט אין עסצימער אָנגעדרייט דעם זייגער. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך דערמאַנט זיין וויץ וועגן דעמדאָזיקן פּינקטלעכן, פּליכיקן זייגערמאַכער: אַז דער דייטש „איז אַליין אָנגעדרייט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן, כדי אָנצודרייען זייגערס", און האָט אַ שמייכל געטון. סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט ליב געהאַט אַ גוטן וויץ. „און אפשר וועט זיך טאַקע אויסהיילן? אַ פיין ווערטל: עס וועט זיך טאַקע אויסהיילן, האָט ער אַ קלער געטון. — דאָס דאַרף מען דערציילן".

— מאַטוויי! — האָט ער אַ געשריי געגעבן, — אָרדן-זשע דאָרט אַלץ איין מיט מאַריען, אין סאַלאָנדל, פאַר אַננאַ אַרקאַדיעוונען, — האָט ער געזאָגט צום אַריינגעקומענעם מאַטווייען.

— איך הער אייך.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אָנגעטון דאָס פוטער און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן גאַניק.

— עסן אינדערהיים וועט איר נישט? — האָט געזאָגט מאַטוויי, וואָס האָט אים באַגלייט.

— ווי ס'וועט אויסקומען. אָבער נעם אויף הוצאות, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק אַ צענער-רובל פון טייסטער. — ס'וועט גענוג זיין?

— יאָ גענוג, נישט גענוג, מען דאַרף זיך, זעט אויס, באַגיין, — האָט מאַטוויי געזאָגט, פאַרמאַכנדיק דאָס טירל און צוריקגייענדיק אויפן גאַניק אַרויף.

דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, וועלכע האָט דערווייל באַרויקט דאָס קינד און פאַרשטאַנען לויטן גערויש פון דער קאָטש, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט זיך ווידער אומגעקערט אין שלאָפצימער אַריין. דאָס איז געווען איר איינציק באַהעלטעניש פאַר די שטוב-דאגות, וואָס פלעגן זי באַפאַלן, ווי נאָר זי פלעגט אַרויסגיין. אפילו איצט, אין דער קורצער צייט, וואָס זי

איז אַרויסגעגאַנגען אין קינדערצימער אַריין, האָט די ענגלענדערין און מאַטרענאַ פיליפּאָוונאַ שוין באַוויזן צו שטעלן עטלעכע פראַגן, וואָס לאָזן זיך נישט אָפּלייגן און אויף וועלכע זי איינע האָט געקאָנט ענט־פערן: וואָס אָנצוטון די קינדער אויפן שפּאַציר? צי געבן זיי מילך? צי נישט שיקן נאָך אַן אַנדערן קוכער?

— אַך, לאָזט מיך, לאָזט מיך! — האָט זי געזאָגט און, אומקערנ־דיק זיך אין שלאָפצימער אַריין, האָט זי זיך געזעצט אויפן זעלבן אָרט, ווו זי האָט גערעדט מיטן מאַן, צונויפדריקנדיק די אויסגעדאַרטע הענט מיט די רינגלעך, וואָס זענען איר אַראָפּגעפאַלן פון די ביינערדיקע פינגער, און אָנגעהויבן זיך דערמאַנען דעם גאַנצן פאַרגעקומענעם שמועס. „ער איז אַוועקגעפאָרן! אָבער ווי־אַזוי־זשע האָט ער פאַרענדיקט מיט א י ר? — האָט זי געקלערט. — צי זעט ער זיך מיט איר? פאַרוואָס האָב איך נישט געפרעגט? ניין, ניין, צונויפגיין זיך קאָן מען נישט. אויב מיר וועלן אפילו בלייבן אין איין הויז, זענען מיר אויך פרעמדע. אויף אייביק פרעמדע! — האָט זי ווידער מיט אַ באַזונדערער באַדייטונג איבערגעחזרט דאָס דאָזיקע פאַר איר שרעקלעכע וואָרט. — און ווי ליב איך האָב געהאַט, גאָט מיי־נער, ווי ליב איך האָב אים געהאַט!... ווי ליב איך האָב געהאַט! און האָב איך אים דען איצט נישט ליב? נישט מער דען ווי פריער ליב? שרעק־לעך איז דער עיקר דאָס...” האָט זי אָנגעהויבן, אָבער נישט פאַרענדיקט איר געדאַנק, ווייל מאַטרענאַ פיליפּאָוונאַ האָט זיך באַוויזן אין דער טיר.

— באַפעלט כאָטש נאָכן ברודער צו שיקן, — האָט זי געזאָגט, — ער וועט דאָך על־כּל־פּנים מיטאָג צוגרייטן; אַנישט וועלן די קינדער פּונקט ווי נעכטן ביז זעקס אַ זייגער נישט עסן.

— נו, גוט, איך וועל באַלד אַרויסגיין און פאַראָרדנען. — נאָך פרישע מילך האָט מען געשיקט?

און דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט זיך פאַרטאָן אין די דאגות פון טאָג און אויף אַ צייט פאַרטרונקען אין זיי איר עגמת־נפש.

V.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אין שול זיך געלערנט גוט, אַ דאַנק זיינע גוטע פעיקייטן, אָבער ער איז געווען פויל און אַ שטיפער, און דעריבער געווען פון די לעצטע שילער; אָבער נישט געקוקט אויף זיין שטענדיק הולטייִיש לעבן, נישט הויכן ראַנג און נישט אַלטע יאָרן, האָט ער דאָך פאַרנומען אַ בכבודן פאָסטן פון אַ שעף מיט אַ גרויס געהאַלט אין איינעם פון די מאָסקווער אַמטן. דעמדאָזיקן פאָסטן האָט ער באַקומען דורך דער שוועסטער אַננעס מאַן, דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש קאַרענינען, וועלכער האָט פאַרנומען איינס פון די וויכטיקסטע ערטער אינם מיניסטעריום, צו וועלכן דער ברודער האָט געהערט; אָבער ווען קאַרענין וואָלט נישט געווען באַשטימט דעם שוואָגער אויף דעמדאָזיקן פאָסטן, וואָלט סטיוואַ אָבלאָנסקי, דורך הונדערט אַנדערע פערזאָנען, ברידער, שוועסטערן, קרובים, ברודערנקינדער, פעטערס, מומעס, באַקומען דעמדאָזיקן פאָסטן, אָדער אַ צווייטן אַן ענלעכן, מיט אַ געהאַלט פון אַ זעקס טויזנט רובל, וואָס זענען אים נייטיק געווען, ווייל זיינע געשעפטן, נישט געקוקט אויפן ווייבס היפשן פאַרמעגן, זענען געווען נישט אין אָרדנונג.

האַלב מאָסקווע און פעטערבורג זענען געווען סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשס קרובים און פריינט. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער סביבה פון יענע מענטשן, וואָס זענען געווען און געוואָרן די שטאַרקע פון אונזער וועלט. איין דריטל מלוכה-מענער, פון די זקנים, זענען געווען זיין פאָטערס פריינט און האָבן אים געקאָנט נאָך אין העמדל; דאָס צווייטע דריטל איז געווען מיט אים אויף „דו" און דאָס דריטע — זענען געווען גוטע באַקאַנטע; במילא, זענען די טיילערס פון די ערדישע חסדים אין דער פאָרם פון שטעלעס, אַרענדעס, קאָנצעסיעס און דעסגלייכן געווען אַלע זיינע פריינט און זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטיילן אַן אייגענעם; און אָבלאָנסקי האָט נישט געדאַרפט באַזונדערס זיך באַמיען, כדי צו באַקומען אַ גוטן פאָסטן; מען האָט בלויז געדאַרפט זיך נישט אָפּזאָגן, נישט מקנא זיין, נישט קריגן זיך, נישט באַליידיקן זיך, וואָס ער האָט טאַקע לויט זיין אייגנטימלעכער גוטסקייט קיינמאָל נישט געטון. אים וואָלט אויסגעזען קאָמיש, ווען מען וואָלט אים געזאָגט, אַז ער וועט נישט באַקומען

דעם פּאָסטן מיטן געהאַלט, וואָס אים איז נייטיק, בפרט, אַז ער האָט גאָר־נישט געפֿאָדערט עפּעס קיין אויסערגעוויינלעכס. ער האָט געוואָלט בלויז דאָס, וואָס עס פּלעגן באַקומען מענטשן פֿון זיין גלייכן, און אויספֿירן אַזאַ שטייגער אַמט האָט ער געקאָנט נישט ערגער פֿון יעדן אַנדערן.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן האָבן ליב געהאַט נישט נאָר אַלע, וואָס האָבן אים געקענט, פֿאַר זיין גוטן, הייטערן כאַראַקטער און אומצווייפֿל־האַפֿטער ערלעכקייט; אין אים, אין זיין שיינער, ליכטיקער אויסערלעכ־קייט, אין די בלישטשענדיקע אויגן, שוואַרצע ברעמען און האָר, ווייסקייט און ראָזקייט פֿון פּנים, איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פֿיזיש מילד און מונטער געווירקט אויף די מענטשן, וואָס פּלעגן זיך באַגעגענען מיט אים. „אַהאַ! סטיוואַ! אָבלאָנסקי! אָט איז ער!“ פּלעגט מען כמעט תמיד מיט אַ פֿריידיקן שמייכל זאָגן, זיך טרעפֿנדיק מיט אים. אויב עס פּלעגט אפֿילו אַמאָל נאָך אַ געשפּרעך מיט אים זיך אַרויסווייזן, אַז עס איז קיין שום באַזונדער פֿריידיקס נישט פֿאָרגעקומען, — פּלעגן דאָך אַלע אויפֿן צווייטן, אויפֿן דריטן טאָג זיך ווידער פּונקט אַזוי פֿרייען באַם טרעפֿן מיט אים.

פֿאַרנעמענדיק דאָס דריטע יאָר דעם פּאָסטן פֿון שעף אין איינעם פֿון די מאָסקווער אַמטן, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך דערוואָרבן, אַ חוץ ליבע, אויך אַכטונג מצד די געהילפֿן, אונטערגעאָרדנטע, שעפֿן און באַ אַלע, וואָס האָבן געהאַט מגע־ומשא מיט אים. די הויפּט־מעלות פֿון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, וואָס האָבן אים פֿאַרשאַפֿט דידאָזיקע אַלגעמיינע אַכטונג אין דער דינסט, זענען באַשטאַנען, ערשטנס, אין דער אומגעוויינ־לעכער איינזעעניש צו מענטשן, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין אים דורך דעם באַוווּסטזיין פֿון די אייגענע חסרונות; צווייטנס, אין דעם פֿול־שטענדיקן ליבעראַליזם, נישט יענעם, וואָס ער האָט געלייענט וועגן אים אין די צייטונגען, נאָר וועלכער איז געווען באַ אים אין בלוט און מיט וועלכן ער האָט זיך פֿולשטענדיק גלייך און אויפֿן זעלבן אופֿן באַצויגן צו אַלע מענטשן, פֿון וואָסער שטאַנד און באַרוף זיי זאָלן נישט זיין; און דריטנס — דער עיקרשט — אין דער פֿולשטענדיקער גלייכגילטיקייט צו דעם ענין, מיט וועלכן ער האָט זיך פֿאַרנומען, צוליב וואָס ער איז קיינ־מאָל נישט מיטגעריסן געוואָרן און האָט נישט געמאַכט קיין טעותים.

געקומען אויפֿן אָרט פֿון זיין דינסט, איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, באַגלייט פֿון רעספּעקטפֿולן שווייצאַר מיט דער טעקע, אַריינגעגאַנגען אין זיין קליינעם קאַבינעט אַריין, האָט אָנגעטאָן דעם מונדיר און אַריינגעגאַנ־

גען אין אמט. די שרייבער. און דינער זענען אַלע אויפגעשטאַנען, מונ־
טער און דרך־ארצדיק זיך געניגט. סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש איז, ווי תמיד,
אײַליק דורכגעגאַנגען צו זיין אָרט, געדריקט די הענט די מיטגלידער און
זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט געשפּאַסט אַ ביסל און גערעדט אַ ביסל, פּונקט
אַזוי פיל, וויפיל ס'איז פּאַסיק געווען, און אָנגעהויבן די אַרבעט. קיינער
האָט טרעפלעכער פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן נישט געקאָנט געפינען
יענע גרענעץ פון פרייקייט, פשוטקייט און אָפיציעלקייט, וואָס איז נייטיק
צום אָנגענעמען פאַרנעמען זיך מיט די ענינים. דער סעקרעטאַר איז היי־
טער און דרך־ארצדיק, ווי אַלע בײַ סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אינם אמט,
צוגעקומען מיט פּאַפּירן און אָנגעהויבן רעדן מיט יענעם פאַמיליאַר־ליבע־
ראַלן טאָן, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן דורך סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— מיר האָבן ענדלעך געקריגן די ידיעות פון פענזער גובערניע־
אמט. איר ווינטשט אפשר אַ קוק טון...

— באַקומען ענדלעך? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אַ זאָג גע־
געבן, אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן פּאַפּיר. — אַלזאָ, מיינע הערן... —
און דאָס אַמטירן האָט זיך אָנגעהויבן.

„ווען זיי וואָלטן געוווסט, — האָט ער מיט אַ וויכטיקער מינע גע־
קלערט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ בײַם אויסהערן דעם באַפעל, אַ וואָסער שול־
דיק ייִנגל זייער פאָרזיצער איז מיט אַ האַלבער שעה צוריק געווען!" און
זיינע אויגן האָבן געלאַכט בײַם לייענען דעם ראַפּאָרט. ביז צוויי אַ זייגער
האָט דאָס אַמטירן געדאַרפט דויערן אָן איבעררייס, און צוויי אַ זייגער אַ
הפסקה און פרישטיק.

עס איז נאָך נישט געווען קיין צוויי אַ זייגער, ווען די גרויסע גלע־
זערנע טירן פון זאַל האָבן זיך פּלוצלינג געעפנט, און עמעצער איז אַרײַנ־
געקומען. אַלע מיטגלידער, דערפרייט פון דער צעשטרייונג, האָבן זיך
אומגעקוקט אויף דער טיר. אָבער דער וועכטער, וואָס איז געשטאַנען בײַ
דער טיר, האָט גלייך אַרויסגעטריבן דעם אַרײַנגעקומענעם און פאַרמאַכט
די גלעזערנע טיר נאָך זיך.

ווען דער ענין איז איבערגעלייענט געוואָרן, האָט סטעפּאַן אַרקאַ־
דיעוויטש זיך אויפגעשטעלט, זיך אַ ציי געטון און, אָפּגעבנדיק דעם מס
דעם ליבעראַליזם פון דער צייט, האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס אין
אמט און זיך געלאָזט גיין אין זיין קאַבינעט אַריין. די צוויי חברים זיינע,
דער אַלטער דינסט־פלייסיקער ניקיטין און דער קאַמער־יונקער גריניעוויטש
זענען אַרויסגעגאַנגען מיט אים.

— מיר וועלן נאָכן פרישטיק באַווייזן צו פאַרענדיקן, — האָט סטע־פאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

— נאָך ווי באַווייזן! — האָט געזאָגט ניקיטין.

— און שוין איינמאָל אַ שווינדלער מוז זיין דער פאַמין, — האָט גריניעוויטש געזאָגט וועגן איינעם פון די פערזאָנען, באַטייליקטע אין דעם ענין, וואָס איז דורך זיי באַהאַנדלט געוואָרן.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך אַ קרום געטון אויף גריניעוויטשס ווערטער, געבנדיק מיט דעם צו פילן, אַז עס פאַסט נישט פריצייטיק אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג, און האָט אים גאָרנישט געענטפערט.

— ווער איז דאָס אַריינגעקומען? — האָט ער געפרעגט דעם וועכטער.

— עפּעס איינער, אייער עקסעלענץ, אומגעמאָלדן אַריינגעקראָכן, ווי נאָר איך האָב מיך אַוועקגעדרייט. אויף אייך זיך נאָכגעפרעגט. איך האָב געזאָגט, ווען די מיטגלידער וועלן אַרויסגיין, דעמאָלט...

— ווו איז ער?

— קוים ער איז אין קאָרידאָר אַרויסגעגאַנגען, אַ נישט איז ער דאָ כסדר אַרומגעגאַנגען. דער זעלבער, — האָט דער וועכטער געזאָגט, אָנ־ווייזנדיק אויף אַ פעסט געבויטן, ברייטפּלייציקן מאַן מיט אַ געקרויזטער באָרד, וואָס איז, נישט אויסטוענדיק דאָס באַראַנקאַווע היטל, שנעל און לייכט אַרויפגעלאָפן אויף די אויסגעריבענע שטיינערנע טרעפּ. איינער פון די, וואָס זענען אַראָפּגעגאַנגען, אַ דאַרער באַאַמטער מיט אַ טעקע, האָט זיך אָפּגעשטעלט, אומצופרידן אַ קוק געגעבן אויף די פיס פון דעם לויפנדיקן מענטש און דערנאָך מיט אַ פראַגע אַ בליק געטון אויף אָבלאָנסקין.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש איז געשטאַנען באַ די טרעפּ. זיין פנים, וואָס האָט גוטמוטיק אַרויסגעשיינט פון געהאַפטענעם מונדיר־קאָלנער, האָט נאָך מער אויפגעלויכטן, ווען ער האָט דערקענט דעם אַרויפלויפנדיקן.

— אַזוי איז עס טאַקע! לעווין, ענדלעך! — האָט ער אַ זאָג גע־טון מיט אַ פריינטלעכן, איראָנישן שמייכל, באַטראַכטנדיק לעווינען, וואָס האָט זיך דערנענטערט צו אים. — ווי אַזוי האָסטו עס געפועלט באַ זיך מיך אָפּצוזוכן אין דעמדאָזיקן ל אָ ך? — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, נישט באַנוגנדיק זיך מיטן דריקן די האַנט און קושנדיק זיין פריינט. — שוין לאַנג?

— איך בין נאָר־וואָס געקומען און עס האָט זיך זייער געוואָלט

זיך זען, — האָט לעווין שעמעוודיק געענטפערט און איינצייטיק בייז און אומרויק זיך ארומגעקוקט.

— נו, קום אריין אין קאַבינעט, — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַ־דיעוויטש, וואָס האָט געקענט זיין פריינטס קאַפּריזישע און בייזע שעמעוו־דיקייט, און אָנכאַפּנדיק אים בא דער האַנט, אים אַ שלעפּ געטון נאָך זיך, ווי אריבערפירנדיק אים דורך געפערלעכע ערטער.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען אויף „דו" כמעט מיט אַלע זיינע באַקאַנטע: מיט זעכציק־יעריקע זקנים, מיט צוואַנציק־יעריקע יונגעלייט, מיט אַקטיאָרן, מיט מיניסטאָרן, מיט סוחרים און מיט גענעראַל־אַדיוטאַנטן, אַזוי, אַז אַ סך פון די, וואָס זענען געווען מיט אים אויף „דו" האָבן זיך גע־פונען אויף ביידע עקסטע פונקטן פון דער געזעלשאַפטלעכער לייטער, און וואָלטן זיך זייער געוווּנדערט, געוואויר ווערנדיק, אַז זיי האָבן דורך אָבּ־לאָנסקין עפּעס געמיינזאַמס צווישן זיך. ער איז געווען אויף „דו" מיט אַלע, מיט וועמען ער האָט געטרונקען שאַמפּאַניער, און געטרונקען שאַמ־פּאַניער האָט ער מיט אַלע, און דעריבער, טרעפנדיק זיך אין דער גע־זעלשאַפט פון זיינע אונטערגעאָרדנטע מיט זיינע שענדלעכע „דו", ווי ער פלעגט אין שפּאַס אָנרופן אַ סך פון זיינע גוטע־ברידער, האָט ער מיט זיין איינגנטימלעכן טאַקט געקאָנט פאַרקלענערן די אומאָנגענעמקייט פון דעם איינדרוק פאַר די אונטערגעאָרדנטע. לעווין איז נישט געווען קיין שענדלעכער „דו", אָבער אָבלאָנסקי האָט מיט זיין טאַקט דערשפּירט, אַז לעווין מיינט, אַז ער קאָן פאַר די אונטערגעאָרדנטע נישט וועלן ארויס־ווייזן זיין נאָענטקייט מיט אים, און דערפאַר האָט ער זיך צוגעאיילט אים אַוועקצופירן אין קאַבינעט אַריין.

לעווין איז געווען כמעט אין איינע יאָרן מיט אָבלאָנסקין און אויף „דו" מיט אים נישט בלויז דורכן שאַמפּאַניער. לעווין איז געווען זיין חבר און פריינט פון דער ערשטער יוגנט. זיי האָבן זיך ליב געהאַט, נישט גע־קוקט אויף די פאַרשידענע כאַראַקטערן און געשמאַקן, ווי עס האָבן זיך ליב פריינט, וואָס זענען זיך צונויפגעגאַנגען אין דער ערשטער יוגנט. אָבער, ווי עס געשעט אָפט צווישן מענטשן, וואָס קלויבן זיך אויס פאַר־שידענע טעטיקייטן, האָט יעדער פון זיי, כאָטש אפילו מיטן שכל באַרעכ־טיקט דעם צווייטנס טעטיקייט, אָבער אין האַרץ זי מבטל געווען. יעדן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס לעבן, וואָס ער אַליין פירט, איז דאָס איינצי־קע אמתע לעבן, און וועלכעס זיין חבר פירט — איז בלויז אַן אילוזיע. אָבלאָנסקי האָט נישט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פון אַ לייכטן, איראָניש

שמייכל באם זעען לעווינען. שוין דאס וויפלטע מאל זעט ער אים קומען קיין מאסקווע פון דארף, ווו ער טוט עפעס, אבער וואס אייגנטלעך, דאס האט סטעפאן ארקאדיעוויטש קיינמאל גוט נישט געקאנט פארשטיין און האט זיך אויך נישט אינטערעסירט. לעווין פלעגט קומען קיין מאסקווע תמיד אן אויפגערעגטער, אן אייליקער, א ביסל א זשעני־רטער און א צע־רייצטער פון דערדאזיקער זשעני־רטקייט און מערסטנטייל מיט א גאנץ נייעם, אומגעריכטן בליק אויף זאכן. סטעפאן ארקאדיעוויטש האט געלאכט פון דעם און דאס ליב געהאט. פונקט אזוי האט אויך לעווין אין זיין הארץ מבטל געווען אי דעם שטאטישן לעבנס־שטייגער פון זיין פריינט, אי זיין דינסט, וועלכע ער האט געהאלטן פאר נישטיק, און געלאכט דער־פון. נאר דער חילוק איז באשטאנען אין דעם, וואס אבלאנסקי, טוענדיק דאס, וואס אלע האבן געטון, האט געלאכט מיט זעלבסטזיכערקייט און גוטמוטיקייט, און לעווין נישט זיכער און טיילמאל בייז.

— מיר האבן זיך שוין לאנג געריכט אויף דיר, — האט סטעפאן ארקאדיעוויטש געזאגט, אריינגייענדיק אין קאבינעט אריין, און ארויס־לאזנדיק לעווינס האנט, האט ער אזוי ווי מיט דעם באוויזן, אז דא איז די סכנה אריבער. — עס פרייט מיך זייער, זייער דיך צו זעען, — האט ער ווייטער גערעדט. — נו, וואס מאכסטו? ווי פילסטו זיך? ווען ביסטו געקומען?

לעווין האט געשוויגן, ווארפנדיק בליקן אויף די פנימער פון אב־לאנסקיס צוויי חברים, וואס זענען אים נישט באקאנט געווען, און באזונ־דערס אויף דעם עלעגאנטן גריניעוויטשס האנט, מיט אזעלכע ווייסע און לאנגע פינגער, מיט אזעלכע לאנגע געלע, אין עק פארבויגענע, נעגל און אזעלכע גרויסע בלישטשענדיקע ספינקעס אין העמד, אז דידאזיקע הענט האבן משמעות פארשלונגען זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט און נישט געלאזט אים פריי טראכטן. אבלאנסקי האט דאס גלייך באמערקט און א שמייכל געטון.

— אך, יא, דערלויבט מיר אייך צו באקענען, — האט ער גע־זאגט. — מיינע חברים: פיליפ איוואנאוויטש ניקיטין, מיכאיל סטאניסלא־וויטש גריניעוויטש, — און ווענדנדיק זיך צו לעווינען: — א „זעמסקי" טו־ער, א נייער „זעמסקי" מענטש. א גימנאסטיקער, וואס הייבט אויף מיט איין האנט פינף פוד, א פי־האדעווער און יעגער און מיין פריינט, קאנ־סטאנטין דמיטריעוויטש לעווין, סערגיי איוואנאוויטש קאזנישעווס א ברודער.

— זייער אָנגענעם, — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט.

— איך האָב דעם כבוד צו קענען אייער ברודער, סערגיי איוואַנאָ-װיטשן, — האָט גרינעװיטש געזאָגט, דערלאַנגענדיק זיין דינע האַנט מיט די לאַנגע נעגל.

לעװין האָט זיך אָנגעכמורעט, קאַלט אַ דריק געטון די האַנט און גלייך זיך אויסגעדרייט צו אָבלאָנסקין, הגם ער האָט געפּילט אַ גרויסע אַכטונג צו זיין לייבלעכן, אין גאַנץ רוסלאַנד באַקאַנטן, ברודער-שריפט-שטעלער, דאָך האָט ער נישט געקאָנט ליידן, װען מען האָט זיך געװענדט צו אים נישט װי צו קאָנסטאַנטין לעװינען, נאָר װי צום ברודער פון באַ-רימטן קאָזנישעװ.

— ניין, איך בין שוין נישט קיין זעמסקי טוער. איך האָב מיך צע-קריגט מיט אַלע און פאָר מער נישט אויף די פאַרזאַמלונגען, — האָט ער געזאָגט, װענדנדיק זיך צו אָבלאָנסקין.

— זייער גיך ! — האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט אָבלאָנסקי. — אָבער װי אַזוי ! פאַרװאָס ?

— אַ לאַנגע געשיכטע. איך װעל דיר אַמאָל דערציילן, — האָט לעװין געזאָגט, נאָר באַלד אָנגעהויבן דערציילן. — נו, קורץ גערעדט, איך האָב מיך איבערצייגט, אַז עס איז קיין שום „זעמסקע“ טעטיקייט נישט פאַראַן און קאָן נישט זיין, — האָט ער אָנגעהויבן רעדן, װי עס װאָלט אים עמעצער נאָר-װאָס באַליידיקט : — פון איין זייט, אַ שפּילעכל, מען שפּילט זיך אין אַ פּאַרלאַמענט, און איך בין נישט גענוג יונג, נישט גע-נוג אַלט, כדי צו פאַרשפּילן זיך מיט שפּילעכלעך ; און פון דער צװיי-טער זייט (ער האָט זיך פאַרהאַקט), איז דאָס אַ מיטל פאַר דער קרייז-coterie צו מאַכן די אַפּותיקה, פריער זענען געװען די השגחה-אַמטן, געריכטן, און איצט איז די „זעמסטװאָ“ נישט אין אַ פאָרם פון כאַבאַר, נאָר אין אַ פאָרם פון נישט פאַרדינטן געהאַלט, — האָט ער גערעדט אַזוי הייס, װי עמעצער פון די אָנװעזנדע װאָלט אָפּגעװענדט זיין מיינונג.

— אַהאַ, דו ביסט, װי איך זע, װידער אין אַ נייער פאַזע, אין אַ קאָנסערװאַטיװער, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש געזאָגט. — אָבער אי-בעריקנס, װעגן דעם דערנאָך.

— יאָ, דערנאָך. אָבער מיר איז נייטיק געװען דיך צו זען, — האָט לעװין געזאָגט, מיט פאַראַכטונג זיך איינקוקנדיק אין גרינעװיטשעס האַנט.

סטעפאן ארקאדיעוויטש האט קוים מערקלעך א שמייכל געטון.

— וואס־זשע האסטו געזאגט, אז דו ווערסט דיך קיינמאל מער נישט קליידן אייראפעיש ? — האט ער געזאגט, באטראכטנדיק זיין, משמעות פון א פראנצויזישן שניידער, ניי אנטועכץ. — יא ! איך זע : א נייע פאזע.

לעווין איז פלוצלינג רויט געווארן, אבער נישט אזוי ווי עס ווערן רויט דערוואקסענע מענטשן, — לייכט, אליין דאס נישט באמערקנדיק, נאר ווי עס ווערן רויט יינגלעך, פילנדיק, אז זיי זענען קאמיש מיט זייער שעמעוודיקייט, און דערפאר שעמען זיי זיך נאך מער און ווערן נאך מער רויט, כמעט ביז טרערן. און עס איז אזוי שרעקלעך געווען צו זען דאס קלוגע, מענישע פנים אין אזא קינדערישן צושטאנד, אז אבלאנסקי האט אויפגעהערט צו קוקן אויף אים.

— ווו־זשע וועלן מיר זיך זען ? מיר איז דאך זייער, זייער נייטיק זיך דורכצושמועסן מיט דיר, — האט לעווין געזאגט.

אבלאנסקי האט זיך אזוי ווי פארקלערט.

— אט־וואס : מיר וועלן פארן צו גורינען אויף פרישטיק און וועלן זיך דארט דורכשמועסן. דריי א זייגער בין איך פריי.

— ניין, — האט לעווין, א קלער געבנדיק, געענטפערט, — איך דארף נאך צופארן ערגעץ.

— נו, גוט, וועלן מיר עסן מיטאג צוזאמען.

— מיטאג ? איך האב דאך קיין שום באזונדערס, בלויז צוויי ווערטער צו זאגן, א פרעג טון, און דערנאך וועלן מיר שמועסן א ביסל.

— זאג־זשע שוין די צוויי ווערטער, און שמועסן וועלן מיר באם מיטאג.

— צוויי ווערטער, אט וואסערע, — האט לעווין געזאגט, — איבעריקנס, קיין שום באזונדערס.

זיין פנים האט פלוצלינג אנגענומען א בייזן אויסדרוק, וואס האט געשטאמט פון דער אנשטרענגונג ביי צוקומען זיין שעמעוודיקייט.

— וואס מאכן די שטשערבאצקיס ? אלץ ווי געווען ? — האט ער געזאגט.

סטעפאן ארקאדיעוויטש, וועלכער האט שוין לאנג געוווסט, אז לעווין איז פארליבט אין זיין שוועגערין קיטי, האט קוים באמערקבאר א שמייכל געטון און זיינע אויגן האבן זיך פריילעך אנגעצונדן.

— דו האָסט געזאָגט צוויי ווערטער, און איך קאָן אין צוויי ווער־טער נישט ענטפערן, ווייל... אנטשולדיק אויף א מינוט...

עס איז אריינגעקומען דער סעקרעטאר; מיט א פאמיליארער העפ־לעכקייט און, ווי דער שטייגער פון אלע סעקרעטארן, מיט א געוויסער באַ־שיידענער אָנערקענונג פון זיין גרעסערער באהאווּנטקייט פונם שעף אין די ענינים, איז ער מיט די פאפירן צוגעגאנגען צו אָבלאָנסקין און אין דער פאָרם פון א פראגע אָנגעהויבן אויפקלערן עפעס א נישט קלאָרן ענין. סטעפאן ארקאדיעוויטש האָט, נישט אויסהערנדיק ביזן סוף, ליבלעך ארויפגעלייגט זיין האנט אויפן סעקרעטארס ארבל.

— ניין, טוט שוין אזוי, ווי איך האָב געהייסן, — האָט ער געזאָגט, מילדער מאכנדיק מיט א שמייכל די באמערקונג, און דערקלערנדיק בקיצור, ווי אזוי ער פארשטייט דעם ענין, האָט ער אָפּגערוקט די פאַ־פירן און געזאָגט: — אזוי טוט טאקע, איך בעט איך אזוי, זאכאר ניקיטיטש.

דער פארשעמטער סעקרעטאר איז ארויסגעגאנגען. לעווין, וואָס האָט אין דער צייט פון דער בארעטונג מיטן סעקרעטאר אינגאנצן באהערשט זיין פארלעגנהייט, איז געשטאנען אָנגעלעגנט מיט ביידע הענט אָן א שטול און זיין פנים האָט אויסגעדריקט איראָנישע אויפמערקזאמקייט.

— איך פארשטיי נישט, כ'פארשטיי נישט, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס פארשטייסטו נישט? — האָט וייטער אזוי הייטער שמייכ־לענדיק און ארויסנעמענדיק א פאפיראָס, געזאָגט אָבלאָנסקי. ער האָט זיך געריכט פון לעווינען אויף עפעס א משונהדיקן איינפאל.

— כ'פארשטיי נישט, וואָס איר טוט, — האָט לעווין געזאָגט, א קוועטש טוענדיק מיט די פלייצעס. — ווי אזוי קאָנסטו דאָס ערנסט טון?

— פארוואָס?

— נו, דערפאר — וואָס... עס איז נישטאָ וואָס צו טון.

— אזוי מיינסטו, אָבער מיר זענען פארוואָרפן מיט ארבעט.

— מיט פאפירענער. מילא, דו האָסט א פעיקייט צו דעם, — האָט לעווין צוגעגעבן.

— דאָס הייסט, דו מיינסט, אז מיר פעלט עפעס?

— אפשר אויך יאָ, — האָט לעווין געזאָגט. — באַר פונדעסטוועגן האָב איך הנאה פון דיין גרויסקייט און שטאלציר, וואָס איך האָב אזא גרויסן מאַן פאר א פריינט. אָבער דו האָסט מיר נישט געענטפערט אויף

מיין פראַגע, — האָט ער צוגעגעבן, קוקנדיק מיט פאַרצווייפלטער אָנ־שטרענגונג אָבלאָנסקין גלייך אין די אויגן אַריין.

— נו, גוט, גוט. וואַרט נאָר צו אַ ביסל, וועסטו צו דעם אויך קו־מען. דיר איז גוט, אַז דו האָסט דריי טויזנט דעסיאַטין אין קאַראַזינער קרייז, דערצו אַזעלכע מוסקולן, און אַ פרישקייט, ווי בײַ אַ צוועלפיעריק מיידל, — אָבער דו וועסט אויך קומען צו אונז. יאָ, איז וועגן דעם, וואָס דו האָסט געפרעגט: קיין ענדערונג נישטאָ. נאָר אַ שאָד, וואָס דו ביסט אַזוי לאַנג נישט געווען.

— וואָס איז דען? — האָט לעווין דערשראָקן אַ פרעג געטון.

— גאָרנישט, — האָט אָבלאָנסקי געענטפערט. — מיר וועלן זיך דורכשמועסן. איז נאָכוואָס ביסטו אייגנטלעך געקומען?

— אַך, וועגן דעם וועלן מיר אויך שמועסן שפעטער, — איז ווי־דער לעווין ביז די אויערן רויט געוואָרן.

— גוט. פאַרשטאַנען, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — זעסטו, איך וואָלט דיך פאַרבעטן אַהיים, נאָר די פרוי איז עפעס נישט מיט אַלעמען. אָבער אָט־וואָס, אויב דו ווילסט זיי זען, זענען זיי זיכער היינט אין זאָאָלאָגישן גאָרטן פון פיר ביז פינף. קיטי גליטשט זיך אויף ליזשוועס. פאָר־צו אַהין, איך וועל אויך צוקומען, און פון דאָרט וועלן מיר צוזאַמען ערגעץ אויף מיטאָג פאָרן.

— אויסגעצייכנט. אַלזאָ, צום ווידערזען.

— געדענק־זשע, דו ווייסט דאָך, איך קען דיך, וועסט פאַרגעסן אָדער פלוצלינג אין דאָרף אַריין אַוועקפאָרן! — האָט סטעפאַן אַרקאַדיע־וויטש לאַכנדיק אויסגעשריגן.

— ניין, אויף זיכער.

און דערמאַנענדיק זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען אין דער טיר, אַז ער האָט פאַרגעסן זיך צו פאַרנייגן פאַר אָבלאָנסקיס חברים, איז לעווין אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט.

— אפנים זייער אַן ענערגישער הער, — האָט גריניעוויטש גע־זאָגט, ווען לעווין איז אַרויסגעגאַנגען.

— יאָ, באַטיושקאַ, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש אַ שאָקל גע־טון מיטן קאָפ, — אָט אַ גליקלעכער! דריי טויזנט דעסיאַטין אין קאַראַ־זינער קרייז, די גאַנצע צוקונפט פאַר זיך, און וויפיל פרישקייט! נאָר אַנ־דערש, ווי אונזערס אַ מענטש.

— וואָס-זשע קלאָגט איר זיך, סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש?

— ס'איז מיאוס, שלעכט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שווער אָנגעזיפצט.

VI.

ווען אָבּלאָנסקי האָט געפרעגט לעווינען, נאָכוואָס ער איז אייגנטליך געקומען, איז לעווין רויט געוואָרן און איז בייז געוואָרן אויף זיך דערפאַר, וואָס ער איז רויט געוואָרן, ווייל ער האָט אים נישט געקאָנט ענטפערן: „איך בין געקומען מאַכן אַ פאָרשלאַג דיין שוועגערין", כאָטש ער איז בלויז צוליב דעם טאַקע געקומען.

די הייזער פון די לעווינס און פון די שטשערבאַצקיס זענען געווען אַלטע יחוסדיקע מאָסקווער הייזער און זענען תמיד געווען אין נאָענטע און פריינטלעכע באַציונגען. דידאָזיקע פאַרבינדונג האָט זיך נאָך מער פאַרפעסטיקט אין דער צייט פון לעווינס סטודענטשאַפט. ער האָט איינגעצויגן זיך געגרייט און איז צוזאַמען אַריינגעטרעטן אין אוניווערזיטעט מיטן יונגן פירשט שטשערבאַצקי, דאָלליס און קיטיס ברודער. אין דערדאָזיקער צייט פלעגט לעווין אָפט פאַרברענגען בא די שטשערבאַצקיס און זיך פאַרליבט אין זייער הויז. ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט אויסזען, איז דאָך קאָנסטאַנטין לעווין געווען פאַרליבט דווקא אין הויז, אין דער פאַמיליע, באַזונדערס אין דער ווייבלעכער העלפט פון דער פאַמיליע שטשערבאַצקי. לעווין אַליין האָט נישט געקאָנט זיין מוטער, און די איינציקע שוועסטער זיינע איז געווען עלטער פון אים, אַזוי, אַז אין הויז פון די שטשערבאַצקיס האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען די זעלבע סביבה פון אַן אַלטער, יחוסדיקער, געבילדעטער און פיינער פאַמיליע, וועלכע ער האָט פאַרלוירן נאָכן טויט פון פאָטער און מוטער. אַלע מיטגלידער פון דערדאָזיקער פאַמיליע, באַזונדערס די ווייבלעכע העלפט, האָט אים אויסגעזען איינגעהילט אין עפּעס אַ געהיימנישפולן, פּאָעטישן שלייער, און ער האָט נישט בלויז נישט געזען אין זיי קיין שום חסרונות, נאָר אונטער דעמדאָזיקן פּאָעטישן שלייער, אין וועלכן זיי זענען איינגעהילט געווען, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די דערהויבנסטע געפילן און אַלע מעגלעכסטע פולקאָמענהייטן. צו וואָס דידאָזיקע דריי פריילינס האָבן געמוזט איבערן טאָג רעדן פראַנ-

צוויזיש און ענגליש; נאָכוואָס זיי האָבן אין באַשטימטע שעהן, איינע נאָך דער אַנדערער, געשפּילט אויפן פּאָרטעפּיאַן, וואָס די קלאַנגען זיינע האָבן זיך געהערט באַם ברודער אינדערהיים, ווו די סטודענטן האָבן זיך געלערנט; נאָכוואָס ס'פלעגן קומען לערערס פון פראַנצויזישער ליטעראַטור, פון מוזיק, צייכנען, טאַנצן; נאָכוואָס אַלע דריי פרייליכס מיט דער מאַדמואַזעל Linon פלעגן אין באַשטימטע שעהן אין אַ קאָטש צופאָרן צום טווערער בולוואַר אין זייערע אַטלאַסענע פוטער־מאַנטלען — דאָללי אין אַ לאַנגן, נאַטאַליע אין אַ האַלב־לאַנגן, קיטי אין אַ קורצן, אַזוי, אַז די שלאַנקע פיסלעך אירע אין די שטייף אָפּגעצויגענע רויטע זאָקן האָבן זיך אינגאַנצן אַרויסגעזעען; נאָכוואָס זיי איז בייטיק געווען, אין דער באַגלייטונג פון לאָקיי מיט דער גילדערנער קאָקאַרדע אויפן הוט, צו שפּאַצירן איבערן טווערער בולוואַר — דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס זענען געטון געוואָרן אין זייער געהיימנישפולער וועלט, האָט ער נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט געוווסט, אַז אַלץ, וואָס דאָרט ווערט געטון, איז הערלעך און איז פאַרליבט געווען טאַקע אין דער געהיימנישפולקייט פון דעם, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

אין דער צייט פון זיין סטודענטנשאַפט האָט ער זיך שיער נישט פאַרליבט אין דער עלטערער, אין דאָללין, נאָר מען האָט זי אינגיכן חתונה געמאַכט מיט אָבלאָנסקין. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרליבן אין דער צווייטער. ער האָט אַזוי ווי געשפּירט, אַז ער דאַרף זיך פאַרליבן אין איינער פון די שוועסטערן, נאָר נישט געקאָנט זיך פונאַנדערקלייבן אין וועלכער אייגנטלעך. אָבער אויך נאַטאַליע, ווי נאָר זי האָט זיך באַוויזן אין דער הויכער געזעלשאַפט, האָט חתונה געהאַט מיטן דיפּלאָמאַט לוואָוו. קיטי איז נאָך געווען אַ קינד, ווען לעווין איז אַרויס פון אוניווערזיטעט. דער יונגער שטשערבאַצקי, וואָס איז אַריינגעטרעטן אין פלאָט, איז דערטרונקען געוואָרן אין באַלטישן ים, און לעווינס פאַרקער מיט די שטשערבאַצקיס איז געוואָרן זעלטענער, נישט געקוקט אויף זיין פריינטשאַפט מיט אָבלאָנסקין. נאָר ווען לעווין איז אין היינטיקן יאָר, אָנהייב ווינטער, געקומען קיין מאָסקווע, נאָך אַ יאָר פאַרברענגען אין דאָרף און האָט דערזען די שטשערבאַצקיס, האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, אין וועמען פון די דריי ס'איז אים ווירקלעך באַשערט געווען צו פאַרליבן זיך.

עס האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געקאָנט זיין עפּעס איינפאַכערס פון דעם, אַז ער, אַ צוויי־און דרייסיק־יעריקער מענטש, פון אַ שיינער משפחה,

גיכער אַ רייכער איידער אַן אָרימער, זאָל מאַכן אַ פאָרשלאַג דער פירשטין שטשערבאַצקאַ; לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, וואָלט מען אים גלייך אָנערקענט אַלס אַ גוטע פּאַרטיע. אָבער לעווין איז געווען פאַרליבט און דעריבער האָט זיך אים געדאַכט, אַז קיטי איז אַזאַ פולקאָמענהייט אין אַלע הינזיכטן, אַ וועזן, וואָס שטייט אַזוי העכער פון אַלעם ערדישן, און ער איז אַזאַ ערדיש מגושמדיק וועזן, אַז עס קאָן גאָר קיין קלער נישט זיין וועגן דעם, אַז אַנדערע און אויך זי אַליין זאָלן אים אָנערקענען אַלס ראוי פאַר איר.

פאַרברענגענדיק אין מאָסקווע צוויי חדשים, ווי אין אַ טשאַד, כמעט יעדן טאָג זיך זעענדיק מיט קיטין אין דער הויכער געזעלשאַפט, וווּהין ער האָט אָנגעהויבן צו פאָרן, כדי צו טרעפן זיך מיט איר, האָט ער ראַפּטום באַשלאָסן, אַז דאָס קאָן נישט זיין, און איז אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אויין.

לעווינס איבערצייגונג, אַז דאָס קאָן נישט זיין, האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס אין די קרובימס אויגן איז ער — אַ נישט גינסטיקע, אומווירדיקע פּאַרטיע פאַר דער הערלעכער קיטי, און קיטי אַליין קאָן אים נישט ליב האָבן. אין די קרובימס אויגן האָט ער נישט געהאַט קיין שום געוויינלעכע, באַשטימטע טעטיקייט און שטעלונג אין דער הויכער געזעלשאַפט, בעת זיינע חברים זענען שוין אַצינד, ווען ער איז אַלט צוויי און דרייסיק יאָר, ווער אַ פּאָלקאָווניק און פליגל-אַדיוטאַנט, ווער אַ פּראָפעסאָר, ווער אַ באַנק-און באַן-דירעקטאָר אָדער פאָרזיצער פון אַן אַמט, ווי אָבלאָנסקי; ער אָבער (ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, ווי אַזוי ער דאַרף אויסזען בײַ אַנדערע), איז אַ גוט-באַזיצער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט האָדעווען בהמות, שיסן וואַלד-בעקאַסן און בויען בנינים, דאָס הייסט אַן אומבאַגאַבטער חברה-מאַן, פון וועלכן עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען, און וואָס טוט, לויט די באַגריפן פון דער געזעלשאַפט, דאָס אייגענע, וואָס זנס טוען מענטשן, וואָס טויגן צו גאָרנישט.

די געהיימנישפולע, הערלעכע קיטי אַליין ווידער האָט נישט געקאָנט ליב האָבן אַזאַ נישט שיינעם מענטש, ווי ער האָט זיך געהאַלטן, און דער עיקר — אַזאַ פּראָסטן, מיט גאָרנישט מערקווירדיקן מענטש. חוץ דעם, האָט זיין פריערדיקע באַציונג צו קיטין — די באַציונג פון אַ דערוואַקסענעם צו אַ קינד, צוליב דער פריינטשאַפט מיט איר ברודער — אים אויסגעזען נאָך ווי אַ נייע מחיצה פאַר דער ליבע. אַ נישט שיינעם, גוטן מענטש, ווי ער האָט זיך געהאַלטן, קאָן מען, האָט ער געמיינט,

ליב האָבן ווי אַ פֿריינט, אָבער כּדי צו זיין געליבט מיט יענער ליבע, מיט וועלכער ער אַליין האָט ליב געהאַט קיטין, האָט מען געמוזט זיין באַזונדער שיין, און דער עיקר — אַן אומגעוויינלעכער מענטש.

ער האָט געהערט, אַז פֿרויען האָבן אָפֿט ליב נישט שיינע, פּראָסטע מענער, אָבער נישט געגלייבט אין דעם! ער האָט געמשפּט לויט זיך, מחמת ער אַליין האָט געקאָנט ליב האָבן בלויז שיינע געהיימנישפֿולע און אומגעוויינלעכע פֿרויען.

אָבער אָפּזיצנדיק צוויי חדשים אַליין אין דאָרף, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט איינע פֿון יענע פֿאַרליבענישן, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט אין דער ערשטער יוגנט, אַז דאָסדאָזיקע געפֿיל גיט אים נישט קיין מינוט רו, אַז ער קאָן נישט לעבן, נישט אַנטשיידנדיק די פֿראַגע: צי זי וועט יאָ אָדער נישט זיין זיין פֿרוי און אַז זיין פֿאַרצווייפֿלונג שטאַמט בלויז פֿון זיין דמיון, אַז ער האָט נישט קיין שום באַווייזן, אַז מען וועט אים אָפּזאָגן. און ער איז איצט געקומען קיין מאָסקווע מיטן פֿעסטן באַשלוס צו מאַכן אַ פֿאָרשלאַג און חתונה האָבן, אויב מען וועט אים אָננעמען. אָדער... ער האָט נישט געקאָנט קלערן וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין מיט אים, אויב מען וועט אים אָפּזאָגן.

VII.

געקומען מיטן פֿרימאָרגן־צוג קיין מאָסקווע, האָט לעווין זיך אָפּגעשטעלט בײַ זיין עלטערן ברודער פֿון איין מוטער, בײַ קאָזנישעוון, און איבערטוענדיק זיך, איז ער אַריינגעגאַנגען צו אים אין קאַבינעט, מיט דער דעה גלייך צו דערציילן אים צוליב וואָס ער איז געקומען, און בעטן אים אַן עצה; אָבער דער ברודער איז געווען נישט אַליין. בײַ אים איז געזעסן אַ באַוווסטער פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָזאָפֿיע, וואָס איז אייגנטלעך געקומען פֿון כאַרקאָוו צוליב דעם. אַז ער זאָל אויפֿקלערן די מיספֿאַרשטענדעניש, וואָס האָט זיך געשאַפֿן צווישן זיי צוליב זייער אַ וויכטיקער פֿילאָזאָפֿישער פֿראַגע. דער פּראָפֿעסאָר האָט געפֿירט אַ הייסע פּאָלעמיק קעגן די מאַטעריאַליסטן, און סערגיי קאָזנישעוו האָט מיט אינטערעס נאָכגעפֿאָלגט דידאָזיקע פּאָלעמיק און באַלד איבערלייענען דעם פּראָפֿעסאָרס לעצטע אַרטיקל, האָט ער אים אין אַ בריוו אָנגעשריבן זיינע דערווידערונגען.

ער האָט פאַרגעוואָרפן דעם פּראָפעסאָר זיינע צו גרויסע הנחות פאַר די מאַ־
טעריאַליסטן. און דער פּראָפעסאָר איז גלייך געקומען צו פאָרן, כּדי זיך
צוויפצורעדן. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער מאָדערנער פראַגע: צי־
אין פאַראַן אַ גרענעץ צווישן די פּסיכישע און פיזיאָלאָגישע דערשיינו־
גען אין דער מענטשלעכער טעטיקייט און וווּ איז זי?

סערגיי איוואַנאָוויטש האָט אויפגענומען דעם ברודער מיט זיין ליב־
לעך־קאַלטן שמייכל, מיט וועלכן ער פלעגט געוויינלעך אויפנעמען יעדן
און, באַקענענדיק אים מיטן פּראָפעסאָר, האָט ער ווייטער געפירט דעם
געשפּרעך.

דער קליינטשיקער מענטש אין די ברילן, מיטן שמאָלן שטערן,
האָט אויף אַן אויגנבליק איבערגעריסן דעם געשפּרעך, כּדי זיך צו באַ־
גריסן און ווידער אָנגעהויבן רעדן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף לעווי־
נען. לעווין האָט זיך געזעצט וואַרטן ביז דער פּראָפעסאָר וועט אוועק־
פאָרן, נאָר באַלד זיך פאַראינטערעסירט מיט דער טעמע פון געשפּרעך.

לעווין האָט באַגעגנט אין די זשורנאַלן די אַרטיקלען, וועגן וועלכע
עס איז גערעדט געוואָרן, און האָט זיי געלייענט, אינטערעסירנדיק זיך
מיט זיי, ווי מיט דער אַנטוויקלונג פון די נאַטורוויסנשאַפטלעכע יסודות,
וואָס זענען אים באַקאַנט געווען — אַלס נאַטורוויסנשאַפטלער לויטן אוני־
ווערזיטעט. אָבער ער האָט קיינמאָל דידאַזיקע וויסנשאַפטלעכע אויספירונגען
וועגן דער אָפּשטאַמונג פונם מענטש אַלס חיה, וועגן די רעפלעקסן, וועגן
ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע, נישט צונויפגעבונדן מיט יענע פראַגן וועגן
דער באַדייטונג פון לעבן און טויט פאַר אים פערזענלעך, וועלכע פלעגן
די לעצטע צייט אַלץ אָפטער און אָפטער אים קומען אויפן רעיון.

צוהערנדיק זיך צום ברודערס שמועס מיטן פּראָפעסאָר, האָט ער
באַמערקט, אַז זיי פאַרבינדן די וויסנשאַפטלעכע פראַגן מיט די אינטימע,
האָבן עטלעכע מאָל כּמעט זיך דערנענטערט צו דידאָזיקע פראַגן, אָבער
איטלעכעס מאָל, וואָס זיי פלעגן שוין נאָענט צוקומען צום סאַמע עיקר,
ווי אים האָט זיך געדאַכט, פלעגן זיי גלייך אַליין זיך דערווייטערן און ווי־
דער זיך פאַרטיפן אין געביט פון פיינע איינטיילונגען, אויסטייטשונגען, צי־
טאַטעס, רמזים, פלעגן זיך סומך זיין אויף אויטאָריטעטן, און ער האָט
קוים פאַרשטאַנען, וועגן וואָס זיי רעדן.

— איך קאָן נישט דערלאָזן — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט
מיט זיין געוויינלעכער קלאָרער און דייטלעכער אויסדריקלעכקייט און
שערפקייט... — איך קאָן בשום אופן

נישט מסכּים זיין מיט ק ײ ס ן, אַז מיין גאַנצע פאָרשטעלונג וועגן דער אויסערלעכער וועלט זאָל בלויז אַרויספליסן פון די עמפינדונגען. דעם סאַמע גרינטלעכסטן באַגריף וועגן ז ײ ן באַקום איך נישט דורך עמפינדונג, וואָרים עס איז אויך נישטאָ קיין ספּעציעלער אָרגאַן, וואָס זאָל איבערגעבן דעמדאָזיקן באַגריף.

— יאָ, נאָר זיי — ווורסט, און קנאַוסט, און פּריפּאַסאָוו — וועלן אייך ענטפערן, אַז אייער עקזיסטענץ-באַוווסטזיין דערנעמט זיך פון דעם אַלגעמיינעם סכום עמפינדונגען, אַז דאָסדאָזיקע עקזיסטענץ-באַוווסטזיין איז דער רעזולטאַט פון די עמפינדונגען. ווורסט זאָגט אפילו גלייך, אַז אַזוי לאַנג ווי עס איז נישטאָ קיין עמפינדונג, איז אויך נישטאָ קיין באַגריף וועגן ז ײ ן.

— איך וועל זאָגן פאַרקערט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש אָנגעהויבן.

נאָר דאָ האָט זיך לעווינען ווידער געדאַכט, אַז צוקומענדיק צום סאַמע עיקר, גייען זיי ווייטער אַוועק, און ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן דעם פּראָפעסאָר אַ פראַגע.

— בכן, איז אויב מיינע געפילן זענען פאַרניכטעט, אויב מיין קערפּער שטאַרבט, קאָן שוין נישט מעגלעך זיין קיין שום עקזיסטענץ? — האָט ער געפרעגט.

דער פּראָפעסאָר האָט מיט פאַרדראָס און אַזויווי מיט אַ גייסטיקן ווייטיק פון דעם, וואָס מען האָט אים איבערגעריסן, זיך אומגעקוקט אויף דעם אויסטערלישן פרעגער, וואָס איז מער ענלעך געווען צו אַ בורלאַק, איידער צו אַ פילאָזאָף, און איבערגעטראָגן די אויגן אויף סערגיי איוואַנאָוויטשן, ווי ער וואָלט געפרעגט: וואָס איז דאָ פאַראַן צו רעדן? אָבער סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט ווייט נישט מיט אַזאַ אָנשטרענגונג און איינזייטיקייט גערעדט, ווי דער פּראָפעסאָר, און בײַ וועלכן עס איז אין קאָפּ נאָך געבליבן גענוג אָרט, סיי אויף צו ענטפערן דעם פּראָפעסאָר, סיי אויך צו פאַרשטיין דעם פּשוטן און נאַטירלעכן שטאַנדפּונקט, פון וועלכן די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן, האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— דידאָזיקע פראַגע האָבן מיר נאָך נישט קיין רעכט צו פאַרענטפערן...

— מיר האָבן נישט קיין דאַטן, — האָט דער פּראָפעסאָר באַשטעטיקט און פאָרגעזעצט זיין אַרגומענטאַציע. — ניין, — האָט ער געזאָגט, —

איך ווייז אָן דערויף, אַז אויב דאָס עמפּינדן, ווי פּריפּאַסאַוו זאָגט גלייך, האָט אפילו אַלס זיין יסוד דעם איינדרוק, מוזן מיר שטרענג אונטערשיידן דירעקטע צווי באַגריפן.

לעווין האָט שוין מער נישט געהערט און געוואַרט, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל אַוועקפאָרן.

VIII.

ווען דער פּראָפעסאָר איז אַוועקגעפאָרן, האָט סערגיי איוואַנאָוויטש זיך געווענדט צום ברודער.

— עס פרייט מיך זייער, וואָס דו ביסט געקומען. אויף לאַנג? ווי גייט דיווירטשאַפט?

לעווין האָט געוווּסט, אַז די ווירטשאַפט אינטערעסירט ווייניק דעם עלטערן ברודער און אַז ער פרעגט זיך אויף איר בלויז כדי אים א נחת אָנצוטון, און דעריבער האָט ער געענטפערט נאָר וועגן פאַרקויף פון ווייץ און וועגן געלט.

לעווין האָט געוואָלט דערציילן דעם ברודער וועגן זיין כוונה חתונה צו האָבן און פרעגן זיין עצה, ער האָט אפילו פעסט געהאַט באַשלאָסן דאָס צו טון; אָבער ווען ער האָט דערזען דעם ברודער, האָט אויסגעהערט אַ ביסל זיין שמועס מיטן פּראָפעסאָר, דערהערט דערנאָך דעם דאָזיקן נישט ווילנדיק אַפּאַטראָפּסישן טאָן, מיט וועלכן דער ברודער האָט אים אויסגעפרעגט וועגן די ווירטשאַפטלעכע ענינים (זייער מוטערס גוט איז געווען נישט געטיילט, און לעווין האָט פאַרוואַלטעט מיט ביידע חלקים), האָט לעווין דערפילט, אַז ער קאָן איבער עפּעס נישט אָנהייבן רעדן מיטן ברודער וועגן זיין באַשלוס חתונה צו האָבן. ער האָט געשפּירט, אַז דער ברודער וועט די זאַך אויפנעמען, נישט אַזוי ווי אים ווילט זיך.

— ווי האַלט עס בא אייך מיט דער „זעמסטוואָ“? — האָט געפרעגט סערגיי איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט דער זעמסטוואָ און איר צוגעגעבן גרויס וויכטיקייט.

— כ'לעבן, כ'ווייס נישט...

— וואָס הייסט?... ביסט דאָך אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג?

— ניין, שוין נישט קיין מיטגליד; איך בין ארויסגעטרעטן, — האָט לעווין געענטפערט, — און פאָר שוין נישט מער אויף די פאַר־זאַמלונגען.

— א שאָד! — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש א זאָג געטון, זיך אָנ־כמורענדיק.

לעווין האָט צום פאַרענטפערן זיך אַנגעהויבן דערציילן, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף די פאַרזאַמלונגען אין זיין קרייז.

— אָט דאָס איז תמיד אזוי! — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש אים איבערגעשלאָגן. — מיר, רוסן, זענען שטענדיק אַזוי. אפשר איז דאָס טאַקע א גוטער שטריך אונזערער — די פעיקייט צו זעען די אייגענע חסרונות, אָבער מיר זאַלצן איבער, מיר טרייסטן זיך מיט דער איראָניע, וואָס איז תמיד גרייט בּאַ אונז אויף דער צונג. איך וועל דיר בּלויז זאָגן, אַז ווען די זעלבּע רעכט, וואָס די זעמסקע אינסטיטוציעס האָבן, זאָל מען געבּן אַן אנדער אייראָפּעיש פאָלק, — די דייטשן און ענגלענדער וואָלטן אויסגעאַרבּעט פון זיי פרייהייט, און אָט מיר לאַכן בּלויז.

— וואָס־זשע קאָן מען טון? — האָט לעווין שולדיק געזאָגט. — דאָס איז געווען מיין לעצטער פּרווו און איך האָבּ מיטן גאַנצן האַרץ זיך בּאַמיט און איך קאָן נישט. כ׳בּין נישט פעיק.

— נישט פעיק, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט, — דו פאַסט נישט גוט אויף די זאַך.

— אפשר, — האָט לעווין אומעטיק געענטפערט.

— און דו ווייסט, דער בּרודער ניקאָלאַי געפינט זיך ווידער דאָ.

דער בּרודער ניקאָלאַי איז געווען קאָנסטאַנטין לעווינס לייבּלעכער און עלטערער בּרודער און סערגיי איוואַנאָוויטשעס בּרודער פון איין מאַמען, א פאַרלוירענער מענטש, וואָס האָט פאַרשווענדט דעם גרעסטן טייל פון זיין פאַרמעגן, האָט זיך געדרייט אין דער משונהדיקסטער און ערגסטער געזעלשאַפט און זיך געהאַט צעקריגט מיט די בּרידער.

— וואָס רעדסטו? — האָט לעווין מיט שרעק אויסגעשריגן. — פונוואַנען ווייסטו?

— פּראָקאָפּי האָט אים געזעען אויף דער גאַס.

— דאָ אין מאָסקווע? ווו איז ער? דו ווייסט? — לעווין איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול, ווי קלויבּנדיק זיך גלייך צו גיין.

— איך בּאַדויער, וואָס איך האָבּ דיר דאָס געזאָגט, — האָט סער־גיי איוואַנאָוויטש א שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויפן ייִנגערן בּרודערס אויפ־

רעגונג. — איך האָב געשיקט געווויר ווערן, ווי ער וווינט, און האָב אים געשיקט טרוביִנס וועקסל, וועלכעס איך האָב באַצאָלט. אָט וואָס ער האָט מיר געענטפערט.

און סערגיי איוואַנאָוויטש האָט דערלאַנגט דעם ברודער אַ צעטעלע פון אונטערן טינט־לעשער אַפּער.

לעווין האָט איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע מיט דער אויס־טערלישער, אים היימישער האַנטשריפט: „איך בעט אונטערטעניק מיך צו רו צו לאָזן. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איך פאָדער פון מיינע ליבע ברידער. ניקאָלאַי לעווין".

לעווין האָט דאָס איבערגעלייענט און נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, מיטן צעטעלע אין די הענט, געשטאַנען פאַר סערגיי איוואַנאָוויטשן. אין זיין נשמה האָבן געקעמפט: דער פאַרלאַנג צו פאַרגעסן איצט אָן דעם אומגליקלעכן ברודער און דאָס באַוווּסטזיין, אַז דאָס וועט זיין שלעכט.

— ער וויל, משמעות, מיך באַליידיקן, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש ווייטער גערעדט. — אָבער באַליידיקן מיך קאָן ער נישט, און איך וואָלט מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט אים העלפן, נאָר איך ווייס, אַז מען קאָן דאָס נישט.

— יאָ, יאָ, — האָט לעווין איבערגעחזרט. — איך פאַרשטיי און שעץ דיין באַציונג צו אים; נאָר איך וועל פאָרן צו אים.

— אויב דיר ווילט זיך, פאָר, נאָר איך ראָט נישט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט. — דאָס הייסט, אין דער באַציונג צו מיר, האָב איך פאַר דעם קיין מורא נישט: ער וועט דיך מיט מיר נישט צעקריגן; נאָר פאַר דיר, ראָט איך, פאַר דיר איז בעסער נישט צו פאָרן. העלפן קאָן מען נישט. איבעריקנס, טו ווי דו ווילסט.

— אפשר קאָן מען טאַקע נישט העלפן, נאָר איך פיל, באַזונדערס אין דער מינוט — נו, דאָס איז עפּעס אַנדערש — איך פיל, אַז איך קאָן נישט זיין רויק.

— נו, דאָס פאַרשטיי איך נישט, — האָט סערגיי איוואַנאָוויטש געזאָגט. — איינס פאַרשטיי איך, — האָט ער צוגעגעבן, — אַז דאָס האָט מיך אויסגעלערנט עניוות. איך האָב אַנדערש און מיט מער איינזעעניש אָנגעהויבן קוקן אויף דעם, וואָס ווערט אָנגערופן געמיינהייט, נאָכדעם ווי דער ברודער ניקאָלאַי איז געוואָרן דאָס, וואָס ער איז... דו ווייסט דאָך, וואָס ער האָט געטון...

— אך, דאס איז שרעקלעך, שרעקלעך! — האט לעווין איבער־געחזרט.

באקומען פון סערגיי איוואנאוויטשס לאקיי דעם ברודערס אדרעס, האט לעווין באלד זיך געקליבן פארן צו אים, אבער נאך א ישוב הדעת, האט ער באשלאסן אפצולייגן די נסיעה ביזן אוונט. כדי צו זיין גייסטיק רויק, האט מען פריער פון אלעם געמוזט אנטשיידן דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז געקומען קיין מאסקווע. פון ברודער איז לעווין געפארן אין אבלאנסקיס אמט אריין און, געוווּיר ווערנדיק וועגן די שטשערבאצ־קיס, איז ער געפארן אהין, ווו מען האט אים געזאגט, אז ער קאן טרעפן קיטין.

IX.

פיר א זייגער, פילנדיק זיין קלאפנדיק הארץ, איז לעווין אראפ פון דער דראזשקע באם זאאלאגישן גארטן און זיך געלאזט גיין מיטן וועגל צו די בערג און צום גליטש, וויסנדיק זיכער, אז ער וועט זי געפינען דארט, ווייל ער האט געזען די שטשערבאצקיס קאטש פארן טויער.

עס איז געווען א העלער, פראסטיקער טאג. באם טויער זענען רייענווייז געשטאנען קאטשן, שליטנס, באלעגאלעס, זשאנדארן. אן אויס־געפוצטער עולם, גלאנצנדיק אויף דער העלער זון מיט די היטן, האט געשוויבלט באם אריינגאנג און איבער די ריינע וועגלעך צווישן די רו־סישע הייזלעך מיט די געשניצטע פירשטלעך; די אלטע געקרויזטע בע־רעזעס פון גארטן מיט די שווער אראפגעהאנגענע צווייגן פון שניי, האבן אויסגעזען, ווי אויסגעצירט אין נייע פייערלעכע ריזעס.

ער איז געגאנגען איבערן וועגל צום גליטש און זיך געזאגט: „מען טאר זיך נישט אויפרעגן, מען מוז זיך בארויקן. וואס פלאטערסטו? וואס ווילסטו? שווייג, נאריש הארץ", האט ער זיך כסדר געוועגדט צו זיין הארץ. און וואס מער ער האט זיך באמיט צו בארויקן, אלץ מער אטעם האט אים פארפעלט. א באקאנטער איז אים אקעגנגעקומען און אים א רוף געטון, אבער לעווין האט אפילו נישט דערקענט, ווער דאס איז. ער איז צוגעגאנגען צו די בערג, אויף וועלכע עס האבן געגרילצט די קייטן פון די שליטעלעך, וואס זענען אראפגעלאזט און ארויפגעהויבן געווארן, עס

האָבן געסקריפּעט זיך גליטשנדיקע שליטעלעך און געקלונגען פריילעכע שטימען. ער איז אַפּגעגאַנגען נאָך עטלעכע טריט, און פאַר אים האָט זיך געעפנט דער גליטש, און ער האָט באַלד צווישן אַלע זיך גליטשנדיקע דערקענט זי.

ער איז געוואָרן גערוויר, אַז זי געפינט זיך דאָ, לויט דער פרייד און שרעק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיין האַרץ. זי איז געשטאַנען און געשמועסט מיט אַ דאַמע אויף דעם צווייטן עק פונם גליטש. קיין שום באַזונדערס איז, דאַכט זיך, נישט געווען, נישט אין איר קליידונג, נישט אין איר פּאָזע; אָבער פאַר לעווינען איז פּונקט אַזוי לייכט געווען צו דערקענען זי צווישן דעמדאָזיקן עולם, ווי אַ רויז אין פּאָקשיווע. אַלץ איז באַלויכטן געווען פון איר. זי איז געווען דער שמייכל, וואָס האָט באַשטראַלט אַלץ אַרום זיך. „צי קאָן איך טאַקע אַראָפּגיין אַהין אויפן אייז אַרויף, צוגיין צו איר“? האָט ער אַ קלער געטון. דאָס אָרט, וווּ זי איז געווען, האָט אים אויסגעזען, ווי אַ נישט צוטריטלעכער מקדש, און עס איז געווען אַ מינוט, ווען ער איז שיער נישט אַוועקגעגאַנגען: אַזוי שרעקלעך איז אים געוואָרן. ער האָט געמוזט מאַכן אַן אָנשטרענגונג איבער זיך און זיך געבן צו פאַרשטיין, אַז אַרום איר דרייען זיך פאַרשידענע מענטשן, אַז ער אַליין האָט אויך געקאָנט קומען אַהער זיך גליטשן אויף ליזשוועס. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן, אויסמיידנדיק אַ לענגערע צייט צו קוקן אויף איר, ווי אויף דער זון, אָבער ער האָט זי געזען, ווי די זון, אויך נישט קוקנדיק.

אויפן אייז האָבן זיך פאַרזאַמלט דעמדאָזיקן טאָג פון דער וואָך און אין דערדאָזיקער צייט פון טאָג מענטשן פון איין קרייז, בלויז באַקאַנטע. עס זענען געווען דאָ סיי גליטש־מייסטערס, וואָס האָבן בראַווירט מיט זייער קונסט, סיי אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געלערנט מיט פּאָטעלן, מיט שרעקעוודיקע, אומגעשיקטע באַוועגונגען, סיי יינגלעך, סיי אַלטע לייט, וואָס האָבן זיך געגליטשט צוליב היגיענישע צוועקן; אַלע האָבן אויסגעזען לעווינען, ווי אויסדערוויילטע גליקלעכע, ווייל זיי זענען געווען נאָענט פון איר. אַלע גליטשערס האָבן, דאַכט זיך, גאַנץ גלייכגילטיק זי איבערגעיאָגט, דעריאָגט, אַפילו גערעדט מיט איר און זענען אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון איר פריילעך געווען, אויסנוצנדיק דאָס אויסגעצייכנטע אייז און דאָס שיינע וועטער.

ניקאָלאַי שטשערבאַצקי, קיטיס קוזין, אין אַ קורצינקן זשאַקעטל און שמאָלע הויזן, איז געזעסן אויף אַ באַנק מיט די ליזשוועס אויף די פיס. ער האָט דערזען לעווינען און אַ געשריי געטון צו אים.

— אָ, דער ערשטער רוסישער ליזשוע-לויפער! שוין לאַנג געקומען? אויסגעצייכנט אייז, טוט אָן די ליזשוועס.

— איך האָב גאָרנישט קיין ליזשוועס, — האָט לעווין געענטפערט, ווונדערנדיק זיך אויף דערדאָזיקער דרייסטקייט און פרייקייט אין איר אַנווענזנהייט און אויף קיין סעקונדע זי נישט פאַרלירנדיק פון בליק, כאָטש ער האָט גאָרנישט געקוקט אויף איר. ער האָט געשפירט, אַז די זון דערנענטערט זיך צו אים. זי איז געווען אין אַ ווינקל און, טעמפּ אָנשטעלנדיק די שמאָלע פיסלעך אין די הויכע שיך, האָט זי, קענטיק, מיט מורא זיך געגליטשט צו אים. געוואַלטיק פאָכענדיק מיט די הענט און צובייגנדיק זיך צו דער ערד, האָט אַ ייִנגל אין רוסישער קליידונג זי איבערגעיאָגט. זי האָט זיך געגליטשט נישט גאַנץ זיכער און, אַרויסגעמענדיק די הענט פון דער קליינער מופטע, וואָס איז איר אויף אַ שנירל געהאָנגען, האָט זי זיי געהאַלטן גרייט, געקוקט אויף לעווינען, וועלכן זי האָט דערקענט און געשמייכלט צו אים. ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט, האָט זי זיך געגעבן אַ שטופּ אָפּ מיטן עלאַסטישן פיסל, זיך צוגעגליטשט גלייך צו שטשערבאַצקין און, אָנכאַפּנדיק זיך מיט דער האַנט אָן אים, האָט זי שמייכלענדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו לעווינען. זי איז געווען הערלעכער, ווי ער האָט זי זיך פאָרגעשטעלט.

ווען ער האָט געטראַכט וועגן איר, האָט ער געקאָנט זי לעבעדיק זיך פאָרשטעלן אינגאַנצן, באַזונדערס די הערלעכקייט פון דעמדאָזיקן נישט גרויסן בלאָנדן קעפּל, מיט דעם אויסדרוק פון קינדישער לויטערקייט און גוטסקייט, וועלכעס איז אַזוי פריי געזעסן אויף די שלאַנקע יינגינקע אַקסלען. דער קינדישער אויסדרוק פון איר פּנים צוזאַמען מיט דער איידעלער שיינקייט פון דער פיגור האָבן געשאַפן איר באַזונדערן רייץ, וועלכן ער האָט גוט געדענקט. אָבער דאָס, וואָס האָט שטענדיק ווי אַן אומגעריכטע זאַך איבערראַשט אין איר, איז געווען דער אויסדרוק פון אירע אויגן, זאַנפטע, רויקע און ערלעכע, און באַזונדערס איר שמייכל, וועלכער האָט תּמיד לעווינען אַריבערגעטראָגן אין אַ פאַרכישופטער וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך געפילט אַזוי האַרציק און מילד, ווי בלויז אין זעלטענע טעג פון זיין פריער קינדהייט.

— איר זענט שוין לאַנג הי? — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די האַנט. — אַ דאַנק. — האָט זי צוגעגעבן, ווען ער האָט אויפגעהויבן דאָס טיכל, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון איר מופטע.

— איך ? איך בין נישט לאַנג, נעכטן... היינט הייסט דאָס... געקוּמען, — האָט לעווין געענטפערט, פון אויפרעגונג נישט גלייך פאַרשטייענדיק איר פראַגע. — איך האָב געוואָלט פאָרן צו אייך, — האָט ער געזאָגט, און באַלד דערמאָנט זיך מיט וואָסער כוונה ער האָט זי געזוכט, האָט ער זיך פאַרלוירן און איז רויט געוואָרן. — איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר קאָנט זיך גליטשן אויף ליזשוועס און גליטשט זיך אויסגעצייכנט.

זי האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף אים, אַזוי ווי וועלנדיק פאַרשטיין די סיבה פון זיין פאַרלעגנהייט.

— אייער לויבן מוז מען שעצן. דאָ דערציילט מען וועגן אייך, אַז איר זענט דער בעסטער ליזשווע-לויפער, — האָט זי געזאָגט, אָפּשאָקלענדיק מיטן קליינינקן הענטל אין דער שוואַרצער הענטשקע די נאָדלען פון פראָסט-טוי, וואָס זענען איר אַרויפגעפאַלן אויף דער מופטע.

— יאָ, איך פלעג מיך אַמאָל מיט ליידנשאַפט גליטשן: מיר האָט זיך געוואָלט דערגיין ביז פולקאָמענהייט.

— איר טוט, דאַכט זיך, אַלץ מיט ליידנשאַפט, — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט. — מיר ווילט זיך אַזוי זען, ווי איר גליטשט זיך. טוט זשע אָן ליזשוועס און לאָמיר זיך גליטשן צוזאַמען.

„גליטשן זיך צוזאַמען! צי איז דאָס מעגלעך?" האָט לעווין געקלערט, קוקנדיק אויף איר.

— איך וועל באַלד אָנטון, — האָט ער געזאָגט.

און ער איז געגאַנגען אָנטון ליזשוועס.

— שוין לאַנג נישט געווען בא אונז, הער, — האָט געזאָגט דער גליטש-וועכטער, אונטערהאַלטנדיק דעם פוס און איינשרויפנדיק דעם אָפּצאַס. — נאָך אייך איז קיינער פון די הערן קיין מייסטער נישט. וועט גוט זיין אַזוי? — האָט ער געזאָגט, פאַרציענדיק דעם רעמען.

— גוט, גוט, שנעלער, איך בעט אייך, — האָט לעווין געענטפערט, קוים איינהאַלטנדיק דעם גליקלעכן שמייכל, וואָס האָט נישט ווילנדיק זיך באַוויזן אויף זיין פנים. „יאָ, — האָט ער געקלערט, — אָט דאָס הייסט לעבן, דאָס הייסט גליק! צוזאַמען, האָט זי געזאָגט, לאָמיר זיך גליטשן צוזאַמען. זאָגן איר איצט? אָבער איך האָב דאָך טאַקע דערפאַר מורא צו זאָגן, וואָס איך בין איצט גליקלעך, גליקלעך כאָטש מיט דער האָפנונג... און דעמאָלט?... אָבער מען מוז דאָך! מען מוז! מען מוז! אוועק מיט דער שוואַכקייט!"

לעווין האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, אויסגעטון דעם פּאַלטן און, צעלויפנדיק זיך איבערן קרעציקן אייז פאַרן הייזל, איז ער אַרויס אויפן גלאַטן אייז און זיך אַ לאָז געטון אָן אָנשטרענגונג, ווי ער וואָלט בלויז מיטן ווילן זיינעם פאַרגיכערט, פאַרקירצט און געלענקט זיין לויפן. ער האָט זיך אָפּהענטיק דערנענטערט צו איר, אָבער איר שמייכל האָט אים ווידער באַרויקט.

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון צוזאַמען, אַלץ גיכער און גיכער, און וואָס גיכער אַלץ פעסטער האָט זי זיין האַנט צונויפגעדריקט.

— מיט אייך וואָלט איך מיך גיכער אויסגעלערנט, איך בין עפּעס זיכער מיט אייך, — האָט זי אים געזאָגט.

— און איך בין זיכער אין מיר, ווען איר לענט זיך אָן אויף מיר, — האָט ער געזאָגט, אָבער גלייך זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, און איז רויט געוואָרן. און טאַקע ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט איר פּנים פּלוצלינג ווי די זון, וואָס איז פאַרגאַנגען הינטער די וואָלקנס, אָנגעווירן איר גאַנצע ליבלעכקייט, און לעווין האָט דערקענט דעם באַקאַנטן שפּיל פון איר פּנים, וואָס האָט באַדייט אָנגעשטרענגטן געדאַנק: אויפן גלאַטן שטערן האָט זיך באַוויזן אַ קנייטשעלע.

— איר האָט נישט עפּעס קיין עגמת נפש? איבעריקנס, איך האָב נישט קיין רעכט צו פרעגן, — האָט ער שנעל אַ זאָג געטון.

— פאַרוואָס-זשע... ניין, איך האָב נישט קיין שום עגמת נפש, — האָט זי געענטפערט קאַלט און גלייך צוגעגעבן: — איר האָט נישט געזען די מאַדמואַזעל ליניאָן?

— נאָך נישט.

— גייט צו צו איר, זי האָט אייך אַזוי ליב.

„וואָס איז דאָס? איך האָב זי מצער געווען. גאָט, העלף מיר!" האָט לעווין אַ קלער געטון און איז אַוועקגעלאָפן צו דער אַלטער פראַנצויזין מיט די גרויע לאָקן, וואָס איז געזעסן אויף אַ באַנק. שמייכלענדיק און אַרויסשטעלנדיק אירע קינסטלעכע ציין, האָט זי אים אויפגענומען ווי אַן אַלטן פריינט.

— יאָ, אַט וואַקסן מיר, — האָט זי אים געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף קיטין, און ווערן עלטער. Tiny bear איז שוין געוואָרן גרויס! — האָט די פראַנצויזין ווייטער געלאַכט און אים דערמאָנט זיין

שפּאַס וועגן די דריי פריילינס, וועלכע ער האָט גערופן: די דריי בערן פון אַן ענגליש מעשהלע. — איר געדענקט, איר פלעגט אַזוי זאָגן?

ער האָט דאָס לחלוטין נישט געדענקט, נאָר זי האָט שוין אַ יאָר־צענדליק געלאַכט פון דעמדאָזיקן וויץ און אים ליב געהאַט.

— נו, גייט, גייט גליטשן זיך. אָבער אונזער קיטי האָט זיך אָנגעהויבן גוט צו גליטשן, נישט אמת?

ווען לעווין איז צוגעלאָפן צו קיטין, איז שוין איר פּנים געווען נישט שטרענג, די אויגן האָבן שוין צוריק געקוקט אַזוי ערלעך און ליבליך, אָבער לעווינען האָט זיך געדאַכט, אַז אין איר ליבלעכקייט איז דאָ אַ באַזונדערער, בכיוון־רויקער טאָן. און אים איז געוואָרן טרויעריק. רעדנדיק אַ ביסל וועגן איר אַלטער גוּווערנאַנטין, וועגן אירע אויסטערלישקייטן, האָט זי אים געפרעגט וועגן זיין לעבן.

— צי איז אייך נישט לאַנגווייליק ווינטער אין דאָרף? — האָט זי געזאָגט.

— ניין, נישט לאַנגווייליק, איך בין זייער באַשעפטיקט, — האָט ער געזאָגט, פילנדיק, אַז זי ווירקט אויף אים מיט איר רויקן טאָן, פון וועלכן ער וועט נישט בכוח זיין זיך צו באַפרייען, ווי דאָס איז געווען אין אָנהייב ווינטער.

— איר זענט אויף לאַנג געקומען? — האָט אים קיטי געפרעגט.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט, נישט קלערנדיק וועגן דעם, וואָס ער רעדט. עס איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אויב ער וועט זיך אונטערגעבן דעמדאָזיקן טאָן אירן פון רויקער פריינטשאַפט, וועט ער ווידער אַוועקפאָרן מיט גאָרנישט, און ער האָט באַשלאָסן זיך אַקעגנצושטעלן.

— וואָס הייסט איר ווייסט נישט?

— איך ווייס נישט. דאָס איז אָפּהענגיק פון אייך, — האָט ער געזאָגט און זיך גלייך דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער.

צי זי האָט נישט געהערט זיינע ווערטער, אָדער נישט געוואָלט הערן, זי האָט זיך אַזוי ווי אַ שטרויכל געטון, צוויי מאָל אַ קלאַפּ געגעבן מיטן פיסל, און איילנדיק זיך אַוועקגעגליטשט פון אים. זי האָט זיך צוגעגליטשט צו דער מאַדמואַזעל ליניאָן, עפּעס געזאָגט איר און זיך אַוועקגעלאָזט צום הייזל, וווּ די דאַמען האָבן אויסגעטון די ליזשוועס.

„גאָט מיינער, וואָס האָב איך געטון! גאָט מיינער! העלף מיר! לערן מיך!" האָט לעווין מתפלל געווען און איינצייטיק געפילט אַ שטאַר־

קע גוטמוטיקייט זיך שנעל צו באוועגן, צעלויפנדיק זיך און מאכנדיק אויסערלעכע און אינערלעכע קרייזן.

אין דער צייט איז איינער פון די יונגעלייט, דער בעסטער פון די נייע ליזשווע-לויפערס, מיט א פאפיראס אין מויל, אין די ליזשוועס, ארויסגעקומען פון קאווארניע, און צעלויפנדיק זיך, האט ער זיך א לאז אראפ געטון פון די שטיגן, קלאפנדיק און אונטערשפרינגענדיק. ער איז אראפ אונטן, און נישט ענדערנדיק אפילו די פרייע לאגע פון די הענט, זיך א לאז געטון איבערן אייז.

— אך, דאס איז א נייע קונץ! — האט לעווין געזאגט און גלייך ארויפגעלאפן, כדי צו מאכן דידאזיקע נייע קונץ.

— צעקלאפט אייך נישט, מען דארף זיך צוגעוויינען, — האט ניקאלאי שטשערבאצקי א געשריי געטון צו אים.

לעווין איז ארויפגעגאנגען אויף די שטיגלעך, זיך צעלאפן פון דער הייך וויפיל ער האט געקאנט און זיך א לאז געטון אראפ, דערהאלטנדיק אין דער נישט געוווינטער באוועגונג דאס גלייכגעוויכט מיט די הענט. אויפן לעצטן שטיגעלע האט ער זיך פארטשעפעט, אבער קוים בארירנדיק דאס אייז מיט דער האנט, האט ער געמאכט א שטארקע באוועגונג, דערכאפט דאס גלייכגעוויכט און איז לאכנדיק אוועק ווייטער.

„א וווילער, א ליבער, — האט קיטי אין דער צייט א קלער געטון, ארויסגייענדיק פון הייזל מיט דער מאדמואזעל ליניאן און קוקנדיק אויף אים מיט א שמייכל פון שטילער צערטלעכקייט, ווי אויף א געליבטן ברודער. — און צי בין איך שולדיק, צי האב איך עפעס שלעכטס געטון? זיי זאגן: קאקעטעריע. איך ווייס, אז איך האב ליב נישט אים; אבער מיר איז דאך פרייליך מיט אים, און ער איז אזא ווו:לער. אבער נאכוואס האט ער דאס געזאגט?..." האט זי א קלער געטון.

דערזעען די אוועקגייענדיקע קיטי און די מוטער, וואס איז איר אקעגנגעקומען אויף די שטיגלעך, איז לעווין, א פאררויטלטער נאך דעם שנעלן באוועגן זיך, שטיין געבליבן און זיך פארטראכט. ער האט אויסגעטון די ליזשוועס און דעריאגט באם ארויסגאנג פון גארטן די מוטער מיט דער טאכטער.

— עס פרייט מיך זייער אייך צו זען, — האט די פירשטין געזאגט. — מיר נעמען אויף, ווי שטענדיק, דאנערשטיק.

— הייסט עס, הייגט?

— עס וועט אונז זייער פרייען אייך צו זעען, — האָט די פירשטין טרוקן געזאָגט.

דידאָזיקע טרוקנקייט האָט מצער געווען קיטין און זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון פאַרלאַנג צו פאַרגלעטן דער מוטערס קאַלטקייט. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון:

— צום ווידערזעען.

אין דער צייט איז סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, מיטן הוט אויף דער זייט, גלאַנצנדיק מיטן פּנים און די אויגן, ווי אַ פריילעכער זיגער אַריינגעקומען אין גאָרטן. אָבער, צוקומענדיק צו דער שוויגער, האָט ער מיט אַ טרויעריק, שולדיק פּנים געענטפערט אויף איר פראַגע וועגן דאָלליס געזונט. שטיל און מרהשחורהדיק רעדנדיק אַ ביסל מיט דער שוויגער, האָט ער אויסגעגלייכט די ברוסט און גענומען לעווינען אונטער דער האַנט.

— אַלזאָ, פאָרן מיר? — האָט ער געפרעגט. — איך האָב די גאַנצע צייט וועגן דיר געטראַכט. און עס פרייט מיך זייער, זייער, וואָס דו ביסט געקומען, — האָט ער מיט אַ וויכטיקער מינע אים אין די אויגן אַריינגעקוקט.

— מיר פאָרן, מיר פאָרן, — האָט געענטפערט דער גליקלעכער לעווין, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו הערן דעם קלאַנג פון דער שטימע, וועלכער האָט געזאָגט: „צום ווידערזעען", און זעען דעם שמייכל, מיט וועלכן דאָס איז געזאָגט געוואָרן.

— אין „אַנגליאַ" אָדער אין „ערמיטאַזש"?

— מיר איז אַלץ איינס.

— זאָל זיין אין „אַנגליאַ", — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אויסקלייבנדיק „אַנגליאַ" דערפאַר, וואָס ער איז אין „אַנגליאַ" מער שולדיק געווען, ווי אין „ערמיטאַזש". ער האָט דערפאַר געהאַלטן פאַר נישט פיין אויסצומיידן דעמדאָזיקן רעסטאָראַן. — דו האָסט אַ דראָזשקע? אַלזאָ אויסגעצייכנט, וואָרים איך האָב אָפּגעלאָזט די קאַטש.

דעם גאַנצן וועג האָבן די פריינט געשוויגן. לעווין האָט געקלערט, וואָס עס האָט באַדייט דער געענדערטער אויסדרוק אויף קיטיס פּנים, און דאַן האָט ער זיך פאַרזיכערט, אַז ס'איז דאָ אַ האָפנונג, דאָ איז ער אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג און קלאָר געזען, אַז זיין האָפנונג איז זינלאָז, און בינו לבינו זיך געפילט פאַר גאָר אַן אַנדערן מענטש, גאָרנישט ענ-

לעך צו דעם, ווי ער איז געווען ביז איר שמייכל און די ווערטער: צום ווידערזעהן.

סטעפאַן ארקאַדיעוויטש האָט אויפן וועג צוגעטראַכט דעם מעניו פון מיטאָג.

— דו האָסט דאָך ליב טיורבאָ? — האָט ער צופאַרנדיק געזאָגט לעווינען.

— וואָס? — האָט לעווין איבערגעפרעגט. — טיורבאָ? יאָ, איך האָב שרעקלעך ליב טיורבאָ.

X.

ווען לעווין איז אַריינגעקומען מיט אָבלאָנסקין אין רעסטאָראַן, האָט ער נישט געקאָנט נישט באַמערקן אַ געוויסע באַזונדערקייט אינם אויסדרוק, אַזוי ווי פון איינגעהאַלטענער שמחה, אויפן פנים און אין דער גאַנצער פיגור פון סטעפאַן ארקאַדיעוויטשן. אָבלאָנסקי האָט אויסגעטון דעם פּאַלטן און מיטן הוט אויף אַ זייט אַריינגעגאַנגען אין עסצימער, אַרויסגעבנדיק באַפעלן די אים אַרומרינגלענדיקע טאַטערן אין די פראַקן מיט די סערוועטקעס. נייגנדיק זיך אויף רעכטס און לינקס צו די אַנ־ווענדע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים, ווי תמיד פריידיק באַגעגנט, איז ער צוגעגאַנגען צום בופעט, האָט פאַרביסן נאָכן בראָנפן מיט אַ פישל און געזאָגט צו דער פראַנצויזין, וואָס איז, אויסגעפוצט אין בענדער, שפּיצן און לאָקן, געזעסן בײַ דער ביורקע, עפּעס אַזוינס, אַז אפילו דידאָזיקע פראַנצויזין האָט זיך הארציק צעלאַכט. לעווין ווידער האָט נישט אויסגע־טרונקען דעם בראָנפן בלויז דערפאַר, וואָס דידאָזיקע פראַנצויזין, וועלכע איז, דאַכט זיך, אינגאַנצן צונויפגעשטעלט געווען פון פרעמדע האָר, Vinaigre de toilette און poudre de riz, איז געווען פאַר אים אַ באַליי־דיקונג. ער איז, ווי פון אַ שמוציק אָרט, געשווינד אַוועקגעגאַנגען פון איר. זיין גאַנצע נשמה איז איבערפולט געווען מיטן גוזעכעניש וועגן קיטין, און זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ פריילעכן און גליקלעכן שמייכל.

— אַהער, אייער דורכלויכט, ביטע, דאָ וועט מען נישט באַאומרויקן אייער דורכלויכט, — האָט געזאָגט אַן אַלטער גרויער טאַטער, מיט אַ ברייטן

הינטן און צעשפרייטע פּאָלבן פון פראַק איבער אים. — ביטע, אייער דורכלויכט, — האָט ער געזאָגט צו לעווינען, אַלס צייכן פון אַכטונג צו סטעפּאַן ארקאַדיעוויטשן, נאָכקריכנדיק אויף זיין גאַסט.

אויגנבליקלעך אויסשפּרייטנדיק אַ פרישן טישטוך אויפן קיילעכיקן טיש, וואָס איז שוין צוגעדעקט געווען מיט אַ טישטוך און איז געשטאַנען אונטער אַ בראָנזענעם בראַ, האָט ער צוגערוקט די סאַמעטענע שטולן און איז שטיין געבליבן פאַר סטעפּאַן ארקאַדיעוויטשן מיט אַ סערוועטקע און אַ קאַרטע אין די הענט, וואַרטנדיק אויף באַפעלן.

— אויב איר וועט באַפעלן, אייער דורכלויכט, וועט אַ באַזונדערער קאַבינעט באַלד ליידיק זיין: דער פירשט גאָליצין מיט אַ דאַמע. פרישע אויסטערן זענען אָנגעקומען.

— אַ! אויסטערן.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט זיך פאַרטראַכט.

— אפשר ענדערן דעם פּלאַן, לעווין? — האָט ער פאַרהאַלטן דעם פינגער אויף דער קאַרטע, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַן ערנסטע פאַרלעגנהייט.

— נו, מילא, מיר וועלן באַשטעלן. די אויסטערן זענען גוט? דו ביזט אַכטונג.

— פלענסבורגער, אייער דורכלויכט, קיין אָסטענדישע זענען נישטאָ.

— פלענסבורגער איז פלענסבורגער, אָבער צי זענען זיי פריש.

— נעכטן דערהאַלטן געוואָרן.

— איז וואָס-זשע, אפשר אָנהייבן פון די אויסטערן, און דערנאָך שוין דעם גאַנצן פּלאַן ענדערן? האַ?

— מיר איז אַלץ איינס. פאַר מיר איז צום בעסטן קאַשע מיט באָרשטש; נאָר דאָ באַקומט מען דאָך דאָס נישט.

— קאַשע אַ-לאַ ריוס וועט איר באַפעלן? האָט דער טאַטער גע-זאָגט, ווי אַ ניאַניע איבער אַ קינד, אָנבייגנדיק זיך איבער לעווינען.

— ניין, אָן שפּאַס, וואָס דו וועסט אויסקלייבן, וועט גוט זיין. איך בין מיך דורכגעלאָפן אויף ליזשוועס און בין הונגעריק. און עס זאָל דיר גאָרנישט איינפאַלן, — האָט ער צוגעגעבן, באַמערקנדיק אויף אָבלאָנסקיס פּנים אַן אומצופרידענע מינע, — אַז איך וועל נישט אָפּשאַצן דיין אויסוואַל. איך וועל מיט פאַרגעניגן גוט אָפּעסן.

— אַ שאלה! וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן, איז דאָס איינס פון די

פּאַרגעניגנס אין לעבן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט — מילאָ, גיב זשע אונז, ברודערקע דו מיינער, אויסטערן אַ צוויי אָדער ס'איז ווייניק — אַ דריי צענדליק, אַ בשמים־זופּ...

— פּרענטאַניער, — האָט דער טאָטער אונטערגעכאַפּט, אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אים קענטיק נישט געוואָלט אָנטון דאָס פאַרגעניגן אָנצורופן די מאכלים אויף פראַנצויזיש.

— מיט בשמים, ווייסט? דערנאָך אַ טיורבאָ אין געדיכטן סאָס, דערנאָך... אַ ראָסטביף, אָבער זע, ער זאָל גוט זיין. און קאַפּהענער, אפשר, נו, און קאָנסערוון.

דער טאָטער, וואָס האָט זיך דערמאָנט אָן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס מאַניר נישט אָנצורופן די מאכלים לויט דער פראַנצויזישער קאַרטע, האָט נישט איבערגעחזרט נאָך אים, נאָר זיך אָנגעטון דאָס פאַרגעניגן איבער־צוחזרן די גאַנצע באַשטעלונג לויט דער קאַרטע: „אַ זופּ פּרענטאַניער, טיורבאָ סאָס באָמאַרשע, פּולאַרד אַ לעסטראַגאָן, מאַסעדואַן דע פריוי...” און תיכף, ווי אויף פּרוזשינעס, אַוועקלייגנדיק איין איינגעבונדענע קאַרטע און אַ כאַפּ טוענדיק די צווייטע, די ווין־קאַרטע, האָט ער זי אונטערגע־טראָגן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— וואָס־זשע וועלן מיר טרינקען?

— איך — וואָס דו ווילסט, אָבער נישט קיין סך... שאַמפּאַניער, — האָט לעווין געזאָגט.

— וואָס? צום ערשט? און אגב, אמת, זאָל זיין אַזוי. דו האָסט ליב מיט דער ווייסער חתימה?

— קאַשע בלאַן, — האָט דער טאָטער אונטערגעכאַפּט.

— נו, איז פון דער מאַרקע צו די אויסטערן דערלאַנג, און דער נאָך וועט מען שוין זען.

— איך הער אייך. טיש־וויין, וואָסערן וועט איר באַפעלן?

— ניוי דערלאַנג. ניין, שוין בעסער קלאַסישער שאַבלי.

— איך הער אייך. דעם קעז אייערן וועט איר באַפעלן?

— נו, יאָ, פּאַרמעזאַן. דו האָסט אפשר אַנדערן ליב?

— ניין, מיר איז אַלצאיינס, — איז לעווין נישט בכוח געווען איינ־צוהאַלטן דעם שמייכל.

און דער טאָטער איז מיט צעפליגענע פּאָלעס אַוועקגעלאָפן און אין פינף מינוט אַרום אַריינגעפלויגן מיט אַ פּולמיסיק געעפנטע אויס־טערן אויף פּערלמוטערנע מושעלן און מיט אַ פלאַש צווישן די פינגער.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט צעקנייטשט די אויסגעפּרעסטע סערוועטקע, זי פאַרשטעקט הינטערן וועסטל און, רויק אַנידערלייגנדיק די הענט, זיך גענומען צו די אויסטערן.

— זיי זענען גאַרנישט שלעכט, — האָט ער געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק מיטן זילבערנעם גאָפּעלע די אויסטערן פון די פּערלמוטערנע מושעלן, און שלינגענדיק זיי איינע נאָך די אַנדערע. — גאַרנישט שלעכט, — האָט ער איבערגעחזרט, אַ וואָרף טוענדיק די פייכטע און בלישטשענדיקע אויגן אַמאָל אויף לעווינען, אַמאָל אויפן טאָטער.

לעווין האָט אויך געגעסן די אויסטערן, הגם דאָס חייסע ברויט מיטן קעז איז אים געווען באַטעמטער. אָבער ער האָט מיט נחת געקוקט אויף אָבלאָנסקין. אפילו דער טאָטער, וואָס האָט אַרויסגעצויגן דעם קאָרק און דערגאָסן דעם שוימענדיקן וויין אין די געגילדעטע דינע גלעזעלעך אַריין, האָט מיט אַ קענטיקן שמייכל פון הנאה, זיך גלייך מאַכנדיק זיין ווייסן שניפּס, געוואָרפן בליקן אויף סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— דו האָסט נישט זייער ליב קיין אויסטערן? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אויסטרינקענדיק זיין באָקאַל. — אָדער דו ביסט פאַרזאָרגט, האַ?

אים האָט זיך געוואָלט, אַז לעווין זאָל זיין פריילעך. נאָר לעווין איז געווען נישט בלויז נישט פריילעך, ער האָט זיך געשפּירט געקוועלט. מיט דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה, איז אים געווען שווער און אומבאַקוועם אין דעם טראַקטיר, צווישן קאַבינעטן, ווו מען האָט געגעסן מיטאָג מיט דאַמען, אין דעם לויפעניש און געטומל; די דאָזיקע אומגעבונג פון בראָנז, שפּיגלען, גאַז, טאָטערן — דאָס אַלץ איז געווען פאַר אים באַליידיקענד. ער האָט מורא געהאַט צו פאַרשמוצן דאָס, וואָס האָט איצט איבערגעפולט זיין האַרץ.

— איך? יאָ, איך בין פאַרזאָרגט; נאָר אויסערדעם קוועלט מיך דאָס אַלץ, — האָט ער געזאָגט. — דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן, ווי פאַר מיר, דעם דאָרפס-איינוווינער, איז דאָס אַלץ ווילד, ווי די נעגל פון יענעם הער, וועלכן איך האָב געזען בײַ דיר...

— יאָ, איך האָב געזען, אַז דעם אָרימען גריניעוויטשס נעגל האָבן דיך זייער פאַראינטערעסירט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש לאַכנדיק געזאָגט.

— איך קאָן נישט, — האָט לעווין געענטפערט. — דו באַמי דיך, פאַרשטיי מיך, שטעל דיך אין דער לאַגע פון אַ דאָרפס-איינוווינער. מיר

אין דאַרף באַמיען זיך צו האַלטן אונזערע הענט אין אַזאַ לאַגע, אַז עס זאָל באַקוועם זיין צו אַרבעטן מיט זיי, צוליב דעם שערן מיר אָפּ די נעגל, פאַרקאַשערן טיילמאָל די אַרבל. און דאָ לאָזן זיך מענטשן בכיוון וואַקסן די נעגל, ווי ווייט זיי קאָנען זיך נאָר האַלטן, און טשעפּען זיך אָן אין דער פאָרם פון ספּינקעס טעלערלעך, כדי מען זאָל שוין גאָרנישט קאָנען טון מיט די הענט.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט פריילעך געשמייכלט.

— דאָס איז אַ סימן, אַז קיין גראָבע אַרבעט איז אים נישט נייטיק. בא אים אַרבעט דער שכל...

— אפשר. אָבער דאָך זעט דאָס מיר אויס ווילד, פּונקט ווי מיר זעט איצט אויס ווילד דאָס, וואָס מיר, דאָרפס-איינוווינער, פּליישן זיך וואָס שנעלער אָנצועסן זיך, כדי צו קאָנען טון אונזער אַרבעט, און מ׳ר ביידע באַמיען זיך וואָס לענגער זיך נישט אָנצועסן און דעריבער עסן מיר אויסטערן...

— נו, פאַרשטייט זיך, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אונטערגע-כאַפּט. — אָבער דאָס איז דאָך דער ציל פון דער בילדונג: פון אַלעם צו מאַכן אַ גענוס.

— נו, אויב דאָס איז דער ציל, וואָלט איך געוואָלט זיין אַ ווילדער.

— דו ביסט סיי-ווי ווילד. איר אַלע לעווינס זענט ווילדע.

לעווין האָט אַ זיפץ געטון. ער האָט זיך דערמאָנט אָן ברודער ני-קאָלאַי, און ס׳איז אים געוואָרן אַ חרפּה און שמערצלעך, און ער האָט זיך אָנגעכמורעט; אָבער אָבלאָנסקי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַזאַ זאַך, וואָס האָט אים גלייך מיטגעריסן.

— אַלזאָ, פאָרסט היינט אין אָוונט צו אונזערע, צו די שטשער-באַצקיס, הייסט עס? — האָט ער געזאָגט, אָוועקרוקנדיק די ליידיקע מושעלן, צורוקנדיק דעם קעז און באַדייטונגספול בלישטשענדיק מיט די אויגן.

— יאָ, איך וועל אומבאַדינגט פאָרן, — האָט לעווין געענטפערט. — הגם מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די פירשטין האָט מיך נישט גערן איינגעלאַדן.

— גיי שוין! מאַך דיך נישט נאַריש! דאָס איז איר מאַניר אַזוי... נו, דערלאַנג-זשע, ברודערקע, די זופּ!... דאָס איז איר מאַניר אַזוי, אַ grande dame, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — איך וועל

אויך צוקומען, אָבער איך מוז נאָך זיין בא דער גרעפין באָנינאַ. נו, ביסטו נישט ווילד? מיט וואָס אויסטייטשן דאָס, וואָס דו ביסט פאַרשוווּנדן פון מאָסקווע? די שטשערבאַצקיס האָבן מיך כסדר געפרעגט אויף דיר, גלייך איך וואָלט געדאַרפט וויסן. און איך ווייס בלויז איין זאַך: דו טוסט שטענדיק דאָס, וואָס קיינער טוט נישט.

— יאָ, — האָט לעווין געזאָגט פאַמעלעך און אויפגערעגט. — דו ביסט גערעכט, איך בין ווילד. אָבער מיין ווילדקייט באַשטייט נישט אין דענו, וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן, נאָר אין דעם, וואָס איך בין אַצינד געקומען. אַצינד בין איך געקומען...

— אָ, וואָס פאַר אַ גליקלעכער דו ביסט! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אונטערגעכאַפּט, קוקנדיק לעווינען אין די אויגן אַריין.

— פאַרוואָס?

— גוטע פערד דערקען איך לויט געוויסע צייכנס זייערע, פאַרליבטע יונגעלייט דערקען איך לויט זייערע אויגן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אָפּגעדעקלאַמירט. דו האָסט נאָך אַלץ פאַר זיך.

— און דו האָסט דען שוין הינטער זיך?

— ניין, אויך נישט הינטער זיך, אָבער דו האָסט די צוקונפט און איך די קעגנוואַרט. און די קעגנוואַרט איז אויף צרות.

— וואָס איז דען?

— נישט גוט, אָבער איך וויל וועגן מיר נישט רעדן, און אגב, קאָן איך נישט אַלץ אויפקלערן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — איז נאָך וואָס־זשע ביסטו געקומען קיין מאָסקווע?... העי, נעמ צו! — האָט ער אַ געשריי געטון צום טאָטער.

— דו ביסט דיך משער? — האָט לעווין געזאָגט, נישט אַראָפּנעמענדיק זיינע טיף־שטראַלנדיקע אויגן פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— איך בין מיך משער, אָבער איך קאָן נישט אָנהייבן רעדן וועגן דענו. שוין דערפון אַליין קאָנסטו זען, צי איך בין מיך משער ריכטיק אָדער נישט ריכטיק, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, קוקנדיק מיט אַ שמייכל אויף לעווינען.

— איז וואָס־זשע זאָגסטו מיר? — האָט לעווין געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול, פילנדיק, אַז אַלע מוסקולן פון זיין פנים ציטערן. — איז ווי אַזוי איז דיין מיינונג וועגן דעם?

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט פּאַמעלעך אויסגעטרונקען זיין גלאָז שאַבלי, אין נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון לעווינען.

— איך ?... — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, — וואָלט קיין שום זאַך נישט אַזוי שטאַרק געוואָלט, ווי דאָס, קיין שום זאַך ! דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס עס וואָלט געקאָנט זיין.

— אָבער דו האָסט נישט קיין טעות ? דו ווייסט וועגן וואָס מיר רעדן ? — האָט לעווין זיך איינגעזויגן מיט די אויגן אין זיין מיטשמועסער. — דו מיינסט, אַז דאָס איז מעגלעך ?

— איך מיין, אַז ס'איז מעגלעך. פאַרוואָס זאָל עס נישט מעגלעך זיין ?

— ניין, דו מיינסט טאַקע, אַז דאָס איז מעגלעך ? ניין, דו זאָג אַלץ, וואָס דו מיינסט ! נו, און אויב, אויב מיך דערוואַרט אַן אָפּזאָג !... און איך בין אפילו זיכער...

— פאַרוואָס-זשע מיינסטו אַזוי ? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש בעשמייכלט פון זיין אויפרעגונג.

— אַזוי דאַכט זיך מיר טיילמאָל. דאָס וועט דאָך שרעקלעך זיין אי פאַר מיר, אי פאַר איר.

— נו, יעדנפאַלס איז פאַר אַ פריילין אין דעם קיין שום שרעקלעכס נישטאָ. יעדע פריילין שטאָלצירט מיט אַ פאָרשלאַג.

— יאָ, יעדע פריילין, אָבער נישט זי.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ שמייכל געטון. ער האָט אַזוי גוט געקענט דאָסדאָזיקע געפיל לעווינס, געוווּסט, אַז פאַר אים צעטיילן זיך אַלע פריילינס פון דער וועלט אויף צוויי סאָרטן : איין סאָרט — דאָס זענען אַלע פריילינס פון דער וועלט, אַ חוץ איר, און דידאָזיקע פריילינס האָבן אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און זענען זייער דורכשניטלעכע פריילינס ; דער צווייטער סאָרט — דאָס איז זי אַליין, וואָס האָט נישט קיין שום שוואַכקייטן און איז העכער פון אַלעם מענטשלעכן.

— וואַרט-צו, נעם דעם סאָס, — האָט ער פאַרהאַלטן לעווינס האַנט, וואָס האָט אָפּגעשטופּט דעם סאָס פון זיך.

לעווין האָט געהאָרכזאַם זיך אַריינגעגאָסן סאָס, אָבער נישט געלאָזט עסן סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

— ניין, דו וואַרט-צו, וואַרט, — האָט ער געזאָגט. — דו פאַרשטיי, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ פראַגע פון לעבן און טויט. איך האָב קיינמאָל מיט קיינעם נישט גערעדט וועגן דעם און קאָן מיט קיינעם וועגן דעם אַזוי נישט רעדן, ווי מיט דיר. אָט זענען מיר דאָך אין אַלעם פרעמדע ; אַנדערע געשמאַקן, בליקן, אַלץ ; אָבער איך ווייס, אַז דו האָסט

מיך ליב און פאַרשטייסט, און דערפאַר האָב איך דיך שרעקלעך ליב, נאָר חי גאָט איז דיר ליב, זיי אינגאַנצן אָפּהאַרציק.

— איך זאָג דיר, וואָס איך קלער, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שמייכלענדיק געזאָגט. — אָבער איך וועל דיר זאָגן נאָך מער: מיין ווייב, די וווּנדערבאַרסטע פרוי... — סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ זיפץ געטון, דערמאָנענדיק זיך אָן זיינע באַציונגען מיטן ווייב און, שווייגנדיק אַ מינוט, האָט ער ווייטער גערעדט: — זי פאַרמאָגט די פעיקייט פאַרצוזען. זי זעט מענטשן דורך און דורך. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק, — זי ווייסט, וואָס עס וועט זיין, באַזונדערס אויפן געביט פון שדוכים. זי האָט, למשל, פאָרגעזאָגט, אַז די שטשערבאַצקאַיאַ וועט חתונה האָבן מיט גרענטעלן. קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן אין דעם, אָבער אַזוי איז געשען. און זי איז אויף דיין זייט.

— ס'הייסט ווי אַזוי?

— אַזוי, אַז אויסער דעם, וואָס זי האָט דיך ליב, זאָגט זי, אַז קיטי וועט אומבאַדינגט זיין דיין ווייב.

בא די דאָזיקע ווערטער האָט אויף לעווינס פּנים פּלוצלינג אויפגעשיינט אַ שמייכל, אַזאַ שמייכל, וואָס איז נאָענט צו טרערן פון גערירטקייט.

— זי זאָגט דאָס! — האָט לעווין אויסגעשריגן. — איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז זי איז אַ זעלטנהייט, דיין ווייב. נו, און גענוג, גענוג וועגן דעם צו רעדן, — האָט ער געזאָגט, אויפשטייענדיק פון אָרט.

— גוט, אָבער זעץ דיך.

נאָר לעווין האָט נישט געקאָנט זיצן. ער איז זיך דורכגעגאַנגען צוויי מאָל מיט זיינע פעסטע טריט איבער דעם שטייגל-צימער, האָט אַ פינטל געטון מיט די אויגן, מען זאָל נישט זעען די טרערן, און ערשט דעמאָלט זיך צוריקגעזעצט צום טיש.

— פאַרשטיי מיך, — האָט ער געזאָגט, — אַז דאָס איז נישט קיין ליבע. איך בין שוין געווען פאַרליבט, אָבער דאָס איז נישט דאָס. דאָס איז נישט מיין געפיל, נאָר עפּעס אַן אויסערלעכע קראַפט האָט מיך באַהערשט. איך בין דאָך אַוועקגעפאָרן, ווייל איך האָב באַשלאָסן, אַז דאָס קאָן נישט זיין, פאַרשטייסט, ווי אַ גליק, וואָס איז נישטאָ אויף דער ערד; אָבער איך האָב געקעמפט מיט זיך און זע, אַז אָן דעם איז נישט פאַראַן קיין לעבן. און מען מוז אַנטשיידן...

— פאַרוואָס-זשע ביסטו אַוועקגעפאָרן?

— אַך, וואַרט־צו! אַך, וויפיל געדאַנקען! וויפיל ס'איז דאָ צו פרעגן! הער, דו קאָנסט דאָך דיר נישט פאַרשטעלן, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר מיט דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט. איך בין אַזוי גליקלעך, אַז איך בין אַזש געוואָרן געמיין; איך האָב אַלץ פאַרגעסן. איך בין היינט געוויר געוואָרן, אַז דער ברודער ניקאָלאַי... ווייסט, ער געפינט זיך דאָ... איך האָב אויך אָן אים פאַרגעסן, מיר דאַכט זיך, אַז אויך ער איז גליקלעך. דאָס איז אַ מין משוגעת. נאָר איינס איז שרעקלעך... אָט דו האָסט חתונה געהאַט, דו קענסט דאָס געפיל... שרעקלעך איז דאָס, וואָס מיר אַלטע, שוין מיט אַ פאַרגאַנגענהייט.. נישט פון ליבע, נאָר פון זינד... דערנענטערן זיך פלוצלינג מיט אַ וועזן אַ ריינס, אַן אומשולדיקס. דאָס איז עקלהאַפט און דעריבער איז נישט מעגלעך נישט צו פילן זיך אַלס נישט ווערט.

— נו, דו האָסט ווייניק זינד.

— אַך, פונדעסטוועגן, — האָט לעווין געזאָגט, — פונדעסטוועגן, „מיט ווידערווילן לייענענדיק דאָס לעבן מיינס, ווי ציטער איך און שעלט און קלאָג מיך ביטער"... יאָ.

— וואָס־זשע קאָן מען טון, אַזוי איז די וועלט געשטעלט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

— די איינציקע טרייסט איז, ווי אין יענער תּפילה, וואָס איך האָב שטענדיק ליב געהאַט: נישט לויט מיינע פאַרדינסטן, נאָר לויט דיין באַרמהאַרציקייט פאַרגיב מיר. — זי קאָן אויך נאָר אַזוי מוחל זיין.

XI.

לעווין האָט אויסגעטרונקען זיין באָקאַל און זיי האָבן געשוויגן אַ ווײַלע.

— נאָך איינס דאַרף איך דיר זאָגן. דו קענסט װראָנסקין? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט לעווינען.

— ניין, איך קען אים נישט. פאַרוואָס פרעגסטו?

— דערלאַנג אַ צווייטע, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש זיך געווענדט צום טאָטער, וואָס האָט דערגאָסן די באָקאַלן און זיך געדרייט אַרום זיי דווקא דעמאָלט, ווען ער איז נישט נייטיק געווען.

— דערפֿאַר דאַרפֿסטו קענען וורעאָנסקין, ווייל דאָס איז איינער פֿון דיינע קאָנקורענטן.

— וואָס איז אַזעלכעס ווראָנסקי? — האָט געזאָגט לעווין, און זיין קינדיש־באַגייסטערט פּנים, פֿון וועלכן אָבלאָנסקי האָט נאָר־וואָס אָנגעקוקט, האָט פּלוצלינג געקריגן אַ בייזן און אומאָנגענעמען אויסדרוק.

— ווראָנסקי — דאָס איז איינער פֿון דעם גראַף קיריל איוואַנאָוויטש ווראָנסקיס זין און איינער פֿון די בעסטע מוסטערן פֿון דער פּעטערבורגער גאָלדענער יוגנט. איך האָב מיך באַקענט מיט אים אין טווער, ווען איך האָב דאָרט געדינט, און ער פֿלעגט קומען צו פֿאָרן אויף אַ רעקרוטן־קאָמיסיע. שרעקלעך רייך, שיין, גרויסע פֿאַרבינדונגען, אַ פֿליגל־אַדיוטאַנט און אײנצייטיק זייער אַ ליבער, ווױלער יאַט. אָבער מער ווי פּשוט אַ ווױלער יאַט. ווי איך האָב אים דאָ דערקענט, איז ער אויך אי געבילדעט, אי זייער אַ קלוגער, דאָס איז אַ מענטש, וואָס וועט ווייט גיין.

לעווין האָט זיך געכמורעט און געשוויגן.

— אַלזאָ, ער האָט זיך באַוויזן דאָ גלייך נאָך דיר, און, ווי איך פֿאַרשטיי, איז ער איבער די אויערן פֿאַרליבט אין קיטין, און דו פֿאַרשטייסט, אַז די מוטער...

— אַנטשולדיק מיר, נאָר איך פֿאַרשטיי גאָרנישט, — האָט לעווין געזאָגט, און זיין פּנים האָט זיך מרהשחורהדיק אָנגעברוגזט. און גלייך האָט ער זיך דערמאָנט אָן ברודער ניקאָלאַי, און אָן דעם, ווי געמיין ער איז, וואָס ער האָט געקאָנט פֿאַרגעסן אָן אים.

— דו וואַרט נאָר צו, וואַרט נאָר צו, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, שמייכלענדיק און אָנרירנדיק זיין האַנט. — איך האָב דיר געזאָגט דאָס, וואָס איך ווייס, און חזור איבער, אַז אין דעם דעליקאַטן און צאַרטן ענין, אויף וויפֿל מען קאָן זיך משער זיין, זעגען, דאַכט זיך מיר, די שאַנסן אויף דיין זייט.

לעווין האָט זיך אַ וואָרף געטון אַהינטער אויף דער שטול, זיין פּנים איז געווען בלייך.

— נאָר איך וואָלט דיר געראָטן צו אַנטשיידן דעם ענין וואָס שנעלער, — האָט אָבלאָנסקי ווייטער גערעדט, דערגיסנדיק אים דעם באָקאַל.

— ניין, אַ דאַנק, איך קאָן נישט מער טרינקען, — האָט לעווין געזאָגט, אָפּרוקנדיק זיין באָקאַל. — איך וועל ווערן שיכור... נו, און ווי

גייט עס דיר? — האָט ער ווייטער גערעדט, וועלנדיק אַפּנים ענדערן דעם שמועס.

— נאָך איין וואָרט: אַלנפאַלס ראָט איך צו אָנשניידן די פראַגע וואָס שנעלער. היינט ראָט איך נישט צו רעדן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — פאַר מאָרגן אינדערפרי, קלאַסיש, מאַכן אַ פאָרשלאַג, און זאָל דיר גאָט געבן הצלחה...

— וואָס-זשע, דו האָסט דאָך אַלץ געוואָלט קומען אויף יאַגד צו מיר? — קום פרילינגס-צייט — האָט לעווין געזאָגט.

איצט האָט ער מיטן גאַנצן האַרץ חרטה געהאַט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דעם שמועס מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן. זיין באַזונדער געפיל איז פאַרשוועכט געוואָרן דורך דעם שמועס וועגן דער קאָנקורענץ פון עפּעס אַ פּעטערבורגער אָפיציר, דורך סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס סברות און עצות.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אַ שמייכל געטון. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר אין לעווינס נשמה.

— איך וועל קומען אַמאָל, — האָט ער געזאָגט. — יאָ, ברודער, די פרויען — דאָס איז די שרויף, אויף וועלכער אַלץ דרייט זיך. אָט איז בא מיר אויך אַ צרה, אַ גרויסע צרה. און אַלץ איבער די פרויען. די זאָג מיר אָפנהאַרציק, — האָט ער ווייטער גערעדט, אַרויסנעמענדיק אַ ציגאַר און האַלטנדיק איין האַנט באַם באָקאַל, — דו גיב מיר אַן עצה.

— אָבער אין וואָס זשע?

— אָט אין וואָס. שטעל דיר פאָר, דו האָסט חתונה געהאַט, האָסט ליב די פרוי, נאָר האָסט זיך עקזאַלטירט מיט אַ צווייטער פרוי.

— זיי מיר מוחל, נאָר איך פאַרשטיי דאָס לגמרי נישט, אַזוי... פונקט ווי איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי איך וואָלט איצט, האָבנדיק אָפּגעגעסן, באַלד דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ בעקעריי און צוגעגנבעט אַ קוילעטש.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס אויגן האָבן געגלאַנצט מער ווי געוויינלעך.

— פאַרוואָס נישט? אַ קוילעטש שמעקט טיילמאָל אַזוי גוט, אַז ס'איז זיך נישט מעגלעך אָפּצוהאַלטן.

Himmlisch ist's wenn ich bezvungen
Meine irdische Begier;

Aber doch wenn's nicht gelungen,
Hatt'ich auch recht hübsch Plaisir!

זאָגנדיק דאָס, האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש דין געשמייכלט. לעווין האָט אויך נישט געקאָנט נישט קיין שמייכל טון.

— יאָ, אָבער אָן שפּאַס, — האָט אַבלאָנסקי ווייטער גערעדט. — דו פאַרשטיי, אַז די פרוי — אַ האַרציק, מילד, ליבנדיק וועזן איז אַן אָרי־מע, איינזאַמע און האָט אַלץ מקריב געווען. אַצינד ווען די זאַך איז אָפּ־געטון, דו פאַרשטיי, זאָל מען זי אָוועקוואַרפן? מילא: צעשיידן זיך, כּדי נישט צו צעשטערן דאָס פאַמיליען־לעבן. אָבער צי זאָל מען נישט קיין רחמנות האָבן אויף איר? נישט איינאָרדנען זי, נישט פאַרלייכטערן איר?

— נו, זיי מיר שוין מוחל. דו ווייסט, פאַר מיר טיילן זיך אַלע פרויען אויף צוויי סאָרטן... דאָס הייסט, ניין... ריכטיקער: עס זענען דאָ פרויען, און עס זענען דאָ... איך האָב קיין שיינע געפאַלענע וועזנס נישט געזען און וועל נישט זען, און אַזעלכע, ווי יענע געפאַרבטע פראַנצויזין בײַ דער ביורקע, מיט די לעקעלעך, דאָס איז פאַר מיר מיאוסעניש, און אַלע געפאַלענע זענען אַזעלכע.

— און די עוואַנגעלישע?

— אַך, הער אויף! קריסטוס וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט דידאָ־זיקע ווערטער, ווען ער וואָלט געוווסט, ווי מען וועט מיסברויכן מיט זיי. פון דער גאַנצער עוואַנגעליע געדענקט מען בלויז דידאָזיקע ווערטער. איבעריקנס, איך זאָג נישט דאָס, וואָס איך קלער, נאָר דאָס, וואָס איך פיל. איך שפּיר אַן עקל צו געפאַלענע פרויען. דו האָסט מורא פאַר שפּי־נען, און איך פאַר דידאָזיקע מיאוסענישן. דו האָסט דאָך זיכער נישט אויסגעפאָרשט די שפּינען און קענסט נישט זייערע אייגנשאַפטן; איך אויך אַזוי.

— יאָ, נאָר דאָס איז גוט צו זאָגן; דאָס איז פּונקט ווי יענער הער פון דיקענסן, וועלכער וואַרפט אַריבער מיט דער לינקער האַנט איבערן רעכטן אַקסל אַלע שווערע שאלות. אָבער דאָס אָפּלייקענען אַ פאַקט איז נישט קיין ענטפער. וואָס־זשע טוט מען, דו זאָג מיר, וואָס טוט מען? דאָס ווייב עלטערט זיך, און דו ביסט פול מיט לעבן. דו וועסט נישט באַ־וויזן זיך אומצוקוקן, ווי דו פילסט שוין, אַז דו קאָנסט נישט ליב האָבן מיט קיין ליבע דאָס ווייב, ווי דו זאָלסט זי נישט שעצן. און דאָ ווערט

דיר פלוצלינג אונטערקומען אַ ליבע, און דו ביסט פאַרפאַלן, פאַרפאַלן! — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש מיט אַ טרויעריקער פאַרצווייפלונג אַ זאָג געטון.

לעווין האָט זיך צעשמייכלט.

— יאָ, און פאַרפאַלן, — האָט אָבלאָנסקי ווייטער גערעדט. — אָבער וואָס-זשע טון?

— נישט גנבענען קיין קוילעטשן.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך צעלאַכט.

— אָ, אַ מאָראַליסט! נאָר דו פאַרשטיי, עס זענען דאָ צוויי פרויען: איינע רוקט אַרויס בלויז אירע רעכט, און דידאָזיקע רעכט זענען — דיין ליבע, וועלכע דו קאָנסט איר נישט געבן; און די צווייטע איז פאַר דיר מקריב אַלץ און פאָדערט גאָרנישט. וואָס בלייבט דיר צו טון? ווי אַזוי האַנדלען? דאָס איז אַ שרעקלעכע דראַמע.

— אויב דו ווילסט מיין אָפנהאַרציקע מיינונג וועגן דעם, וועל איך דיר זאָגן, אַז איך גלייב נישט, אַז דאָ זאָל זיין אַ דראַמע, און אָט פאַרוואָס. לויט מיין מיינונג דינט די ליבע... געדענקסט, ביידע ליבעס, וועלכע פלאַטאָן דעפינירט אין זיין מ א ל צ י י ט, — ביידע ליבעס דינען אַלס פּרוּוו-שטיין פאַר די מענטשן. טייל מענטשן פאַרשטייען בלויז איינע, אַנדערע — די צווייטע. און יענע, וועלכע פאַרשטייען בלויז די נישט פלאַטאָנישע ליבע, רעדן בחינם וועגן אַ דראַמע. בא אַזאַ ליבע קאָן נישט זיין קיין שום דראַמע. איך דאַנק אייך אונטערטעניק פאַר דעם פאַרגעניגן, מיין אַכטונג, — דאָס איז די גאַנצע דראַמע. און פאַר דער פלאַטאָנישער ליבע קאָן נישט זיין קיין דראַמע, ווייל אין אַזאַ ליבע איז אַלץ קלאָר און ריין, ווייל...

אין דער מינוט האָט לעווין זיך דערמאַנט אָן זיינע זינד און אָן דעם אינערלעכן קאַמף, וועלכן ער האָט איבערגעלעבט, און ער האָט אומגעריכט צוגעגעבן:

— און איבעריקנס, אפשר ביסטו טאַקע גערעכט. עס קאָן זייער זיין... נאָר איך ווייס נישט, איך ווייס לגמרי נישט.

— זעסטו שוין, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, — דו ביסט זייער אַן אויסגעהאַלטענער מענטש. דאָס איז דיין מעלה און דיין חסרון. דו אַליין ביסט אַן אויסגעהאַלטענער כאַראַקטער און ווילסט, אַז דאָס גאַנצע לעבן זאָל זיך צונויפשטעלן פון צוועקמעסיקע דערשיינונגען. און דאָס געשעט נישט. אָט דו באַציסט זיך מיט ביטול צו געזעלשאַפט-

ליכער דינסטלעכער טעטיקייט, ווייל דיר ווילט זיך, אַז די אַרבעט זאָל תּמיד אַנטשפּרעכן דעם ציל, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז אַנדערש. דו ווילסט אויך, אַז די טעטיקייט פון איין מענטש זאָל האָבן אַ ציל, אַז ליבע און פאַמיליען-לעבן זאָלן תּמיד זיין איינס און דאָס זעלבע, — אין דער ווירקלעכקייט איז נישט אַזוי. די גאַנצע שיינקייט פון לעבן באַשטייט פון ליכט און שאָטן.

לעווין האָט אַ זיפץ געטון און גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געטראַכט וועגן זיינס און נישט געהערט אָבלאָנסקין.

און פּלוצלינג האָבן זיי ביידע דערפילט, אַז הגם זיי זענען פריינט, הגם זיי האָבן געגעסן מיטאָג צוזאַמען און געטרונקען וויין, וואָס האָט געדאַרפט נאָך מער דערנענטערן זיי, טראַכטן זיי דאָך יעדערער בלויז וועגן זיינס און איינער דעם אַנדערן אינטערעסירט נישט. אָבלאָנסקי האָט שוין נישט איינמאָל געשפּירט דיזאָזיקע ווייטסטע פונאַנדערטיילונג, אַנשטאָט דערנענטערונג, וואָס פלעגט פאָרקומען נאָך אַ מיטאָג, און געוווסט, וואָס מען דאַרף טון אין דיזאָזיקע פאַלן.

— אַ חשבון! — האָט ער אַ געשריי געטון און איז אַרויסגעגאַנגען אין שכנותדיקן זאַל אַריין. ער האָט באַלד געטראָפן אַ באַקאַנטן אַדיוטאַנט און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן אַן אַקטריסע און איר אויסהאַלטער. און אין דעם שמועס מיטן אַדיוטאַנט האָט אָבלאָנסקי גלייך דערפילט אַ דערלייכטערונג און באַרויקונג פון דעם געשפּרעך מיט לעווינען, וועלכער פלעגט אים תּמיד אַרויסרופן אויף אַ צו גרויסער אינטעלעקטועלער און גייסטיקער אָנשטרענגונג.

ווען דער טאָטער האָט זיך באַוויזן מיטן חשבון אויף זעקס און צוואַנציק רובל מיט קאָפּיקעס און מיט אַ הוספה אויף בראָנפן, האָט לעווין, וואָס אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער, ווי אַ דאָרפס-איינוווינער, דערשראָקן געבליבן פון אַ חשבון פון פערצן רובל אויף זיין חלק, — איצט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם, באַצאָלט און איז אַוועק אַהיים, כדי זיך איבערצוטון און פאָרן צו די שטשערבאַצקיס, וווּ ס'האָט געדאַרפט באַשלאָסן ווערן זיין גורל.

XII.

די פירשטין קיטי שטשערבאַצקאַ איז אַלט געווען אַכצן יאָר. זי איז אַרויסגעפאָרן דעם ערשטן ווינטער. אירע דערפאָלגן אין דער געזעלשאַפט זענען געווען גרעסער, ווי באַ אירע צוויי עלטערע שוועסטערן, און גרעסער אפילו ווי די אַלטע פירשטין האָט זיך געריכט. אויסער דעם וואָס די יונגעלייט, וועלכע פלעגן טאַנצן אויף די מאָסקווער בעלער, זענען כמעט אַלע געווען פאַרליבט אין קיטין, האָבן זיך שוין דעם ערשטן ווינטער געוויזן צוויי ערנסטע שידוכים: לעווין און גלייך נאָך זיין אָפּפאָרן דער גראַף ווראָנסקי.

לעווינס דערשיינען אין אָנהייב ווינטער, זיינע אָפטע באַזוכן און די באַשיינפּערלעכע ליבע צו קיטין זענען געווען די סיבה פון די ערשטע ערנסטע שמועסן צווישן קיטיס עלטערן וועגן איר צוקונפט און פון די חלוקי־דעות צווישן דעם פירשט מיט דער פירשטין. דער פירשט איז געווען אויף לעווינס זייט, ער האָט געזאָגט, אַז ער ווינטשט זיך גאָרנישט קיין בעסערס פאַר קיטין. די פירשטין אָבער, ווי די טבע איז פון פרויען צוצוגיין הינטן־אַרום צו אַ פראַגע, האָט געטענהט, אַז קיטי איז צו יונג, אַז לעווין ווייזט מיט גאָרנישט אַרויס, אַז ער האָט ערנסטע כוונות, אַז קיטי פילט נישט קיין צוגעבונדנקייט צו אים, און אַנדערע טענות; אָבער זי האָט נישט געזאָגט דעם עיקר — דאָס, אַז זי האָפט אויף אַ בעסערן שידוך פאַר דער טאָכטער, אַז לעווין איז איר נישט סימפּאַטיש און אַז זי פאַרשטייט אים נישט. ווען לעווין איז טאַקע פּלוצלינג אַוועקגעפאָרן, איז די פירשטין געווען צופרידן און האָט טריומפירנדיק געזאָגט דעם מאַן: „זעסט, איך בין געווען גערעכט". ווען אָבער ס'האָט זיך באַוויזן ווראָנסקי, איז זי נאָך מער צופרידן געוואָרן, פעסטער ווערנדיק אין איר מיינונג, אַז קיטי דאַרף טאָן נישט סתם אַ גוטן, נאָר אַ גלענצנדן שידוך.

פאַר דער מוטער האָט נישט געקאָנט זיין קיין שום פאַרגלייך צווישן ווראָנסקין און לעווינען. דער מוטער זענען נישט געפעלן געוואָרן אין לעווינען סיי זיינע משונהדיקע און שאַרפע מיינונגען, סיי זיין אומגעשיקטקייט אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך דערנומען, ווי זי האָט

געוויינט, פון גאווה, סיי זיין, לויט אירע באַגריפן, עפּעס ווילד לעבן אין דאָרף מיט זיין באַשעפטיקן זיך מיט בהמות און פויערן. עס איז אויך זייער נישט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס ער, זייענדיק פאַרליבט אין איר טאָכטער, איז געפאָרן אין הויז אַריין אַנדערהאַלבן חדשים, האָט אַזוי ווי געוואַרט אויף עפּעס, עפּעס אויסגעקוקט, אַזוי ווי מורא געהאַט, צי וועט עס נישט זיין קיין צו גרויסער כבוד, אויב ער וועט מאַכן אַ פאָרשלאָג, און נישט פאַרשטאַנען, אַז פאַרנדיק אין אַ הויז אַריין, וווּ עס געפינט זיך אַ כלה-מיידל, דאַרף מען זיך דערקלערן. און נישט דערקלערט זיך, איז ער גאָר פּלוצלינג אַוועקגעפאָרן. „נאָך גוט, וואָס ער איז אַזוי נישט צוציענדיק, אַז קיטי האָט זיך נישט פאַרליבט אין אים", האָט די מוטער געטראַכט.

ווראָנסקי האָט באַפרידיקט דער מוטערס אַלע ווּנטשן: זייער רייך, קלוג, יחוסדיק, אויפן וועג פון אַ גלענצנדער מיליטערישער הויף-קאַריערע און אַ באַצויבערנדער מענטש. מען האָט זיך נישט געקאָנט ווינטשן עפּעס בעסערס.

ווראָנסקי האָט אויף די בעלער באַשיינפּערלעך אַדאָרירט קיטין, האָט געטאַנצט מיט איר און געפאָרן אין הויז אַריין, מען האָט אַלזאָ נישט געקאָנט צווייפלען אין דער ערנסטקייט פון זיינע כוונות. אָבער, נישט געקוקט דערויף, האָט די מוטער דעם גאַנצן ווינטער זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער אומרויקייט און אויפרעגונג.

די אַלטע פירשטין אַליין האָט חתונה געהאַט מיט דרייסיק יאָר צוריק, דורך דער שדכנות פון אַ מומע. דער חתן, וועגן וועלכן עס איז שוין אַלץ באַוווּסט געווען, איז געקומען, האָט געזען די כלה, און מען האָט אים געזען; די מומע-שדכנטע איז געוווּיר געוואָרן און האָט איבערגעגעבן דעם קעגנזייטיק געמאַכטן איינדרוק; דער איינדרוק איז געווען אַ גוטער; דערנאָך איז אין באַשטימטן טאָג געמאַכט געוואָרן די עלטערן דער דערוואַרטער פאָרשלאָג און ער איז אָנגענומען געוואָרן. אַלץ איז פאָרגעקומען זייער לייכט און פּשוט. על כל פּנים האָט זיך אַזוי געדאַכט דער פירשטין. אָבער בּאַ אירע טעכטער האָט זי געזען, ווי נישט לייכט און נישט פּשוט עס איז דער ענין אויסצוגעבן טעכטער, וואָס האָט איר אויסגעזען אַזוי געוויינלעך. וויפיל שרעק איז איבערגעלעבט געוואָרן, וויפיל געדאַנקען איבערגעטראַכט געוואָרן, וויפיל געלט אויסגעבראַכט געוואָרן, וויפיל צוזאַמענשטויסן מיטן מאַן בּאַם אויסגעבן די עלטערע צוויי, דאַריען מיט נאַטאַליען! איצט בּאַם אַרויספירן די

קלענערע, זענען איבערגעלעבט געוואָרן די זעלבע שרעק, די זעלבע
ספקות און נאָך גרעסערע מחלוקות מיטן מאַן, ווי איבער די עלטערע.
דער אַלטער פירשט איז, ווי אַלע פאָטערס, געווען באַזונדערס עמפּינד-
לעך בנוגע דער ערע און ריינקייט פון זיינע טעכטער; ער איז געווען
נישט מיושבדיק אייפערזיכטיק לגבי די טעכטער און באַזונדערס צו קיטין,
וועלכע איז געווען זיין ליבלינג, און האָט אויף יעדן שריט געמאַכט סצע-
נעס דער פירשטין דערפאַר, וואָס זי קאָמפּראָמיטירט די טאָכטער. די
פירשטין איז געוווינט געווען צו דעם נאָך פון די ערשטע טעכטער, אָבער
איצט האָט זי געפילט, אַז דעם פירשטס עמפּפינדלעכקייט האָט אַ גרעסערן
גרונט. זי האָט געזען, אַז אין דער לעצטער צייט האָט זיך אַ סך געענ-
דערט אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט, אַז די פליכטן פון אַ מוטער
זענען געוואָרן נאָך שווערער. זי האָט געזען, אַז די מיידלעך פון איין
עלטער מיט קיטין האָבן געגרינדעט עפּעס געזעלשאַפטן, זענען געגאַנגען
אויף עפּעס קורסן, האָבן זיך פריי באַנומען מיט מאַנסלייט, זענען גע-
פאָרן אַליין איבער די גאַסן, אַ סך האָבן זיך באַגריסט אָן אַ קניקס און,
דער עיקר, זענען געווען אַלע פעסט איבערצייגט, אַז אויסקלייבן זיך
אַ מאַן איז זייער זאַך, נישט די עלטערנס. „היינט מאַכט מען שוין נישט
אזוי חתונה, ווי פריער", האָבן געטראַכט און געזאָגט דידאָזיקע אַלע
יונגע מיידלעך און אַלע אַלטע לייט אפילו. ווי אַזוי אָבער מען מאַכט
היינט חתונה, האָט די פירשטין בײַ קיינעם נישט געקאָנט געוויר ווערן.
דער פראַנצויזישער מנהג, אַז די עלטערן דאַרפן אַנטשיידן דעם גורל פון
די קינדער — איז נישט אָנגענומען געוואָרן, איז פאַראורטיילט געוואָרן.
דער ענגלישער מנהג — די פולשטענדיקע פרייהייט פון מיידל, — איז
אויך נישט אָנגענומען געוואָרן און איז אוממעגלעך געווען אין דער רו-
סישער געזעלשאַפט. דער רוסישער מנהג פון שדכנען האָט זיך גערעכנט
פאַר עפּעס אומגעלומפּערטס, פון אים האָבן אַלע געלאַכט און די פירש-
טין אַליין אויך, אָבער ווי אַזוי מען דאַרף חתונה האָבן און חתונה מאַכן
האָט קיינער נישט געוווּסט. אַלע, מיט וועמען דער פירשטין איז אויסגע-
קומען צו שמועסן וועגן דעם, האָבן איר געזאָגט דאָס אייגענע: „אַנטשול-
דיקט, אין אונזערע יאָרן איז שוין צייט אַ סוף צו מאַכן צו דערדאָזיקער
אַלטער מאָדע. די יונגעלייט דאַרפן דאָך חתונה האָבן, נישט די עלטערן;
דאַרף מען דעריבער די יונגעלייט זיך לאָזן איינאָרדנען אַזוי, ווי זיי
פאַרשטייען". אָבער אַזוי האָבן געקאָנט רעדן די, וואָס האָבן נישט גע-
האַט קיין טעכטער. די פירשטין אָבער האָט פאַרשטאַנען, אַז בײַ אַ דער-

בענטערונג קאָן די טאָכטער זיך פאַרליבן און פאַרליבן זיך אין אַזעלכן, וואָס וועט נישט וועלן חתונה האָבן, אָדער אין אַזעלכן, וואָס וועט נישט טויגן פאַר קיין מאַן. און וויפיל מען האָט דער פירשטין נישט איינגע־רעדט, אַז אין אונזער צייט דאַרפן די יונגעלייט אַליין איינאָרדנען זייער גורל, האָט זי אַלץ נישט געקאָנט גלייבן, פונקט ווי זי וואָלט נישט גע־קאָנט גלייבן, אַז ס'וועט זיין אַמאָל אַ צייט, ווען פאַר פינפיעריקע קינ־דער וועלן אָנגעלאָדענע פיסטאָלעטן זיין די בעסטע שפּילעכלעך. און דעריבער איז די פירשטין אומרויק געווען וועגן קיטין מער, ווי וועגן די עלטערע טעכטער.

אַצינד האָט זי מורא געהאַט, אַז וורָאָנסקי זאָל זיך באַגרענעצן מיטן בלויזן אַדאָרירן איר טאָכטער. זי האָט געזען, אַז די טאָכטער איז שוין פאַרליבט אין אים, אָבער זיך געטרייסט דערמיט, אַז ער איז אַן אָרנט־לעכער מענטש און וועט דאָס דעריבער נישט טון. אָבער איינצייטיק האָט זי געוווּסט, ווי לייכט עס איז מיט דער היינטיקער פרייער באַנעמונג צו פאַרדרייען דעם קאָפּ אַ מיידל און ווי לייכט די מענער קוקן בכלל אויף אַזאַ שולד. די פאַרגאַנגענע וואָך האָט קיטי דערציילט דער מוטער איר שמועס אין דער צייט פון דער מאַזורקע מיט וורָאָנסקין. דערדאָזיקער שמועס האָט טיילווייז באַרויקט די פירשטין; אָבער אינגאַנצן רויק האָט זי נישט געקאָנט זיין. וורָאָנסקי האָט געזאָגט קיטין, אַז זיי, ביידע ברידער, זענען אַזוי געוווינט אין אַלעם צו פאָלגן זייער מוטער, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט באַשליסן אונטערצונעמען עפּעס וויכטיקס, נישט באַראַטנ־זיך מיט איר. „און אַצינד וואַרט איך, ווי אויף אַ באַזונדער גליק, אויף דער מוטערס קומען פון פּעטערבורג“, האָט ער געזאָגט.

קיטי האָט דאָס דערציילט, נישט צוגעבנדיק קיין שום באַדייטונג דידאָזיקע ווערטער. אָבער די מוטער האָט עס אַנדערש פאַרשטאַנען. זי האָט געוווּסט, אַז אויף דער אַלטער ריכט מען זיך אַ ליאַדע טאָג, גע־וווּסט, אַז די אַלטע וועט זיין צופרידן פון זונס אויסוואַל, און איר איז מאָדנע געווען, וואָס ער, מורא האָבנדיק נישט צו באַליידיקן די מוטער, מאַכט נישט קיין פאַרשלאָג. זי האָט אָבער אַזוי געוואָלט דעם שידוך גופא, און מער פון אַלעם פריי ווערן פון אירע דאגות, אַז זי האָט גע־גלייבט אין דעם. ווי ביטער עס איז איצט נישט געווען דער פירשטין צוזעען דאָס אומגליק פון דער עלטערער טאָכטער דאָלי, וואָס האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן דעם מאַן, האָט די אויפרעגונג מכוח דעם אַנטשיידנ־דיקן גורל פון דער יינגערער טאָכטער פאַרשלונגען אַלע אירע געפילן.

דעם היינטיקן טאָג האָט מיט לעווינס דערשיינען זיך געשאַפן נאָך א נייע אומרויקייט: זי האָט מורא געהאט, אז די טאָכטער, וועלכע האָט, ווי איר האָט זיך געדאכט, א געוויסע צייט געהאט א געפיל צו לעווינען, זאָל פון צופיל ערלעכקייט נישט אָפּזאָגן וורא͏ָנסקין און בכלל, אז לעווינס קומען זאָל נישט פארפּלאָנטערן, נישט פארהאַלטן דעם ענין, וואָס איז שוין אזוי נאָענט צום פארענדיקט ווערן.

— וואָס, ער איז שוין לאנג געקומען? — האָט די פירשטין געזאָגט וועגן לעווינען, ווען זיי זענען אהיימגעקומען.

— היינט, maman.

— איך וויל איין זאַך זאָגן... — האָט די פירשטין אָנגעהויבן, און לויט איר ערנסט-באַלעבט פּנים, האָט קיטי זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס זי וועט רעדן.

— מאַמא, — האָט זי געזאָגט, רויט ווערנדיק און שנעל זיך אויסדרייענדיק צו איר, — איך בעט אייך, איך בעט אייך, רעדט גאָרנישט וועגן דעם. איך ווייס, איך ווייס אַלץ.

זי האָט געוואָלט דאָס אייגענע, וואָס די מוטער האָט געוואָלט, נאָר די מאָטיוון פון דער מוטערס ווילן האָבן זי באַליידיקט.

— איך וויל בלויז זאָגן, אז, געבנדיק האָפענונג איינעם...

— מאַמא, טייבעלע, ווי גאָט איז אייך ליב, רעדט נישט. עס איז אזוי שרעקלעך צו רעדן וועגן דעם.

— איך וועל נישט, — האָט די מוטער געזאָגט, דערזעענדיק טרערן אין דער טאָכטערס אויגן; נאָר איינס, נשמה מיינע: דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אז בא דיר וועט נישט זיין קיין סודות פאר מיר. וועט נישט זיין?

— קיינמאָל, מאַמאַ, קיין שום סוד נישט, — האָט קיטי געענטפערט, זי איז רויט געוואָרן און א בליק געטאָן דער מוטער גלייך אין פּנים אריין. — אָבער איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן אצינד. איך... איך... ווען איך זאָל וועלן, ווייס איך נישט, וואָס צו זאָגן און ווי אזוי... איך ווייס נישט...

„ניין, קיין ליגנט קאָן זי נישט זאָגן מיט די דאָזיקע אויגן", האָט די מוטער א קלער געטאָן, שמייכלענדיק פון איר אויפרעגונג און גליק. די פירשטין האָט געשמייכלט פון דעם, ווי אומגעהייער און באדייטנדיק עס זעט איר אויס, דער אָרימינקער, דאָס, וואָס קומט איצט פאָר אין איר נשמה.

XIII.

קיטי האָט איבערגעלעבט נאָכן מיטאָג און ביז אָנהייב אָוונט אַ געפיל, ענלעך צו דעם, וואָס עס לעבט איבער אַ יונגערמאַן פאַר אַ שלאַכט. איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט און די געדאַנקען האָבן זיך נישט געקאָנט אויף גאָרנישט אָפּשטעלן.

זי האָט געפילט, אַז דער הייַנטיקער אָוונט, ווען זיי ביידע טרעפן זיך צום ערשטן מאָל, דאַרף זיין אַ דעצידירנדער פאַר איר גורל. און זי האָט זיך זיי כסדר פאָרגעשטעלט, דאָ יעדן באַזונדער, דאָ ביידע צוזאַמען. ווען זי האָט געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, האָט זי מיט פאַרגעניגן מיט צאַרטקייט זיך אָפּגעשטעלט אויף די זכרונות פון דער קינדהייט, און די זכרונות פון לעווינס פריינטשאַפט מיט איר פאַרשטאָרבענעם ברודער האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן פּאָעטישן רייץ אירע באַציונגען מיט אים. זיין ליבע צו איר, אין וועלכער זי איז זיכער געווען, איז געווען שמייכלהאַפט און פריידיק פאַר איר. און איר איז לייכט געווען זיך צו דערמאַנען אָן לעווינען. צו די זכרונות אָבער וועגן ווראָנסקין האָט זיך צוגעמישט עפּעס נישט באַקוועמס, הגם ער איז געווען אַ העכסט אַריסטאָקראַטישער און רויקער מענטש; עפּעס אַזוי ווי אַ געוויסע פאַלשקייט איז געווען, נישט אין אים, — ער איז געווען זייער איינפאַך און ליב, — נאָר אין איר אַליין, בעת מיט לעווינען האָט זי זיך געפילט אינגאַנצן איינפאַך און קלאָר. דערפאַר אָבער, ווי נאָר זי האָט געטראַכט וועגן דער צוקונפט מיט ווראָנסקין, האָט זיך פאַר איר געעפנט אַ פּערספּעקטיוו אַ גלענצנד-גליקלעכע; מיט לעווינען אָבער האָט די צוקונפט אויסגעזעען אַ פאַרנעפּלטע.

ווען זי איז אַרויפגעקומען אינדערהייך זיך אָנטון אויפן אָוונט און האָט אַ בליק געטון אין שפּיגל אַריין, האָט זי מיט פרייד באַמערקט, אַז זי איז אין איינעם פון אירע גוטע טעג און באַהערשט פולקאָם אַלע אירע כוחות, און דאָס איז איר אַזוי נייטיק געווען צו דעם פאָרשטייענדיקן: זי האָט געפילט אין זיך אַן אויסערלעכע שטילקייט און פרייע גראַציע פון די באַוועגונגען.

האַלב אַכט, זי איז נאָר-וואָס געהאַט אַראָפּגעקומען אין גאַסטצימער

אריין, האט דער לאקיי געמאלדן: „קאנסטאנטין דמיטריטש לעווין". די פירשטין איז נאך געווען אין איר צימער, און דער פירשט איז נישט ארויסגעגאנגען. „אזוי איז טאקע", האט קיטי א קלער געטון און דאס גאנצע בלוט האט איר צום הארץ א שלאג געטון. זי האט זיך דערשראקן פאר איר בלייכקייט, בעת זי האט א בליק געטון אין שפיגל אריין.

איצט האט זי אויף זיכער געוווסט, אז ער איז צוליב דעם געקומען פריער, כדי צו טרעפן זי אליין און מאכן א פארשלאג. און דא ערשט האט דער גאנצער ענין צום ערשטן מאל זיך איר פארגעשטעלט גאר פון אן אנדערער, פון א נייער זייט. דא ערשט האט זי פארשטאנען, אז די פראגע איז נוגע נישט בלויז זי אליין, — מיט וועמען וועט זי גליקלעך זיין און וועמען האט זי ליב, — נאר אז באלד דארף זי באליידיקן א מענטש, וועלכן זי האט ליב. און שרעקלעך באליידיקן... פארוואס... פארוואס? דערפאר, וואס ער, דער ליבער, האט זי ליב, איז פארליבט אין איר. אבער עס איז קיין ברירה נישטא, אזוי דארף מען, אזוי מוז מען.

„גאט מיינער, צי מוז איך אליין דאס אים זאגן? — האט זי א קלער געטון. — צי וועל איך אים זאגן, אז איך האב אים נישט ליב? דאס וועט זיין נישט אמת. וואס-זשע וועל איך אים זאגן? איך וועל זאגן, אז איך האב ליב א צווייטן? ניין, דאס איז אוממעגלעך. איך וועל אוועקגיין, אוועקגיין".

זי איז שוין צוגעגאנגען נאענט צו דער טיר, ווען זי האט דער-הערט זיינע טריט. „ניין, דאס איז נישט ערלעך. וואס האב איך מורא צו האבן? איך האב קיין שום שלעכטס נישט געטון. וואס ס'וועט זיין, זאל זיין! איך וועל זאגן דעם אמת. און מיט אים קאן נישט זיין אומאנגע-נעם. אט איז ער", האט זי זיך געזאגט, דערזעענדיק זיין שטארקע און אפהעלנטיקע פיגור מיט די גלאנציקע אויף איר קוקנדיקע אויגן. זי האט אים א קוק געטון גלייך אין פנים אריין, ווי בעטנדיק אים רחמנות צו האבן, און אים דערלאנגט די האנט.

— איך בין נישט צו דער צייט, דאכט זיך, צו פרי, — האט ער געזאגט, ארומקוקנדיק זיך איבערן ליידיקן גאסטצימער. ווען ער האט דערזעען, אז זיינע דערוואַרטונגען האבן זיך פארווירקלעכט, אז קיין זאך שטערט אים נישט זיך ארויסצוזאגן, איז זיין פנים אומעטיק גע-ווארן.

— א, ניין, — האט קיטי געזאגט און זיך געזעצט צום טיש.

— נאר איך האב טאקע געוואלט אייך טרעפן אליין, — האט ער

אָנגעהויבן, זיך נישט זעצנדיק און נישט קוקנדיק אויף איר, כּדי נישט צו פאַרלירן די דרייסטקייט.

— די מאַמאַ וועט באַלד אַרויסקומען. זי איז נעכטן זייער מיד געוואָרן... נעכטן.

זי האָט גערעדט, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס אירע ליפּן רעדן און נישט אַראָפּלאָזנדיק איר בעטנדיקן און צערטלעכן בליק פון אים.

ער האָט אַ בליק געטון אויף איר; זי איז רויט געוואָרן און שטיל געבליבן.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך ווייס נישט, צי איך בין געקומען אויף לאַנג... אַז דאָס הענגט אָפּ פון אייך...

זי האָט אַלץ נידעריקער און נידעריקער דעם קאָפּ אָנגעבויגן, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס זי וועט ענטפערן אויף דעם, וואָס האָט זיך דערנענטערט.

— אַז דאָס הענגט אָפּ פון אייך, — האָט ער איבערגעחזרט. — איך האָב געוואָלט זאָגן... איך האָב געוואָלט זאָגן... איך בין צוליב דעם געקומען... אַז... זיין מיין ווייב! — האָט ער אַ זאָג געטון, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס ער רעדט; נאָר דערפילט, אַז דאָס שרעקלעכסטע איז שוין בעזאָגט געוואָרן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטון אויף איר.

זי האָט שווער געאָטעמט, נישט קוקנדיק אויף אים. זי האָט איבערגעלעבט אַ געפיל פון ענטוזיאַזם. איר האַרץ איז איבערגעפולט געווען מיט גליק. זי האָט זיך בשום אופן נישט געריכט, אַז זיין אַרויסגעזאָגטע ליבע זאָל מאַכן אויף איר אַזאַ שטאַרקן רושם. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין אויגנבליק. זי האָט זיך דערמאָנט אָן װראָנסקין. זי האָט אויפגעהויבן אויף לעווינען אירע ליכטיקע, ערלעכע אויגן און, דערזעענדיק זיין פאַרצווייפלט פּנים, האָט זי אייליק געענטפערט:

— דאָס קאָן נישט זיין... זייט מיר מוחל.

ווי נאָענט איז זי אים געווען מיט אַ מינוט צוריק, ווי וויכטיק פאַר זיין לעבן! און ווי פרעמד און ווייט איז זי אים אַצינד געוואָרן!

— עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף איר. ער האָט זיך פאַרנייגט און געוואָלט אַוועקגיין.

XIV.

אָבער אין דערדאָזיקער מינוט איז אַרויסגעקומען די פירשטין. איר פנים האָט אויסגעדריקט שרעק, ווען זי האָט זיי דערזעען אַליין מיט זייערע צערודערטע פנימער. לעווין האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר און גאָרנישט געזאָגט. קיטי האָט געשוויגן, נישט אויפהייבנדיק די אויגן. „דאַנקען גאָט, זי האָט אָפּגעזאָגט“, האָט די מוטער אַ קלער געטון, און אויף איר פנים האָט אויפגעשיינט דער געוויינלעכער שמייכל, מיט וועלכן זי פלעגט אויפבעמען די געסט אין די דאָנערשטיקן. זי האָט זיך געזעצט און אָנגעהויבן אויספרעגן לעווינען וועגן זיין לעבן אין דאָרף. ער האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט, וואַרטנדיק ביז די געסט וועלן קומען, כדי אומבאַמערקט אַוועקצופאָרן.

אין פינף מינוט אַרום איז אָנגעקומען קיטיס פריינדין, וועלכע האָט חתונה געהאַט דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער, די גרעפין נאָרדסטאָן.

דאָס איז געווען אַ מאָגערע, געלע, קרענקלעכע און נערוועזישע פרוי מיט שוואַרצע בלישטשענדיקע אויגן. זי האָט ליב געהאַט קיטין, און איר ליבע צו איר, ווי שטענדיק די ליבע פון פאַרהייראַטע צו מיידלעך, האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פאַרלאַנג חתונה צו מאַכן קיטין לויט איר אייגענעם אידעאַל פון גליק; זי האָט זי געוואָלט חתונה מאַכן מיט ווראָנסקין. לעווין, וועלכן זי פלעגט תחילת ווינטער אָפט באַגעגענען בא זיי, איז איר געווען נישט אָנגענעם. איר שטענדיקע און באַליבטע באַשעפטיקונג באַם באַגעגענען זיך מיט אים איז באַשטאַנען אין חוזק מאַכן פון אים.

— איך האָב ליב, ווען ער קוקט אויף מיר פון דער הייך פון זיין מאַיעסטעטישקייט: אָדער ער רייסט איבער זיין קלוגן געשפרעך מיט מיר דערפאַר, וואָס איך בין נאַריש, אָדער ער נידערט אַראָפּ צו מיר. איך האָב דאָס זייער ליב: ער נידערט אַראָפּ! עס פרייט מיך זייער, וואָס ער קאָן מיך נישט ליידן, — פלעגט זי זאָגן וועגן אים.

זי איז געווען גערעכט, ווייל לעווין האָט זי טאַקע נישט געקאָנט ליידן און זי פאַראַכטעט פאַר דעם, מיט וואָס זי האָט שטאָלצירט און וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר איר מעלה, — פאַר איר נערוועזישקייט, פאַר

איר ראַפינירטער פּאַראַכטונג און גלײַכגילטיקייט צו אַלעם גראָבן און אַלטעגלעכן.

צווישן דער נאָרדסטאָן און לעווינען האָט זיך געשאַפן יענע באַ־ציִונג, וואָס מען טרעפט נישט זעלטן אין דער העכערער געזעלשאַפט, ווען צוויי מענטשן, בלײַבנדיק אויסערלעך אין פרײַנטלעכע באַציונגען, פאַראַכטן איינער דעם אַנדערן אַזוי ווייט, אַז זיי קאָנען אפילו נישט ערנסט זיך באַגעגנען איינער צום אַנדערן און קאָנען נישט זײַן באַליידיקט איינער פון אַנדערן.

די גרעפין נאָרדסטאָן האָט זיך גלײַך אַ נעם געטון צו לעווינען.

— אַ! קאָנסטאַנטין דמיטריטש! איר זענט ווידער געקומען אין אונזער אויסגעלאַסענעם בבל, — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די קליינע געלע האַנט און דערמאָנענדיק זײַנע ווערטער, וואָס ער האָט אַמאָל אין אָנהייב ווינטער געזאָגט, אַז מאָסקווע איז אַ בבל. — וואָס־זשע, בבל איז בעסער געוואָרן אָדער איר זענט קאַליע געוואָרן? — האָט זי צוגע־געבן, אומקיקנדיק זיך מיט אַ שמייכל צו קיטין.

— עס שמייכלט מיר זייער, גרעפין, וואָס איר געדענקט אַזוי מײַ־נע ווערטער, — האָט לעווין געענטפערט, וואָס האָט שוין באַוויזן צו קו־מען צו זיך און איז גלײַך אויס געוווינהייט אַרײַן אין זײַן וויציק־פײַנט־לעכער באַציונג צו דער גרעפין נאָרדסטאָן. — זיי מוזן אויף אייך זייער שטאַרק ווירקן.

— אַך, וואָס דען! איך פאַרשרייב אַלץ. אַלזאָ, קיטי, דו האָסט דיך ווידער געגליטשט אויף ליזשוועס?...

און זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט קיטין. ווי אומאָנגענעם עס איז נישט געווען לעווינען אוועקצוגיין איצט, איז אים דאָך לײַכטער גע־ווען צו טון די דאָזיקע אומבאַקוועמלעכקייט, איידער צו בלײַבן דעם גאַנצן אָוונט און צו זען קיטין, וועלכע פלעגט פון צײַט־צו־צײַט וואַרפן אַ בליק אויף אים און האָט אויסגעמיטן זײַן בליק. ער האָט געוואָלט אויפשטיין, נאָר די פירשטין, באַמערקנדיק, אַז ער שווײַגט, האָט זיך געווענדט צו אים.

— איר זענט אויף לאַנג געקומען קיין מאָסקווע? איר פאַרנעמט זיך דאָך דאָרט מיט קהלישער אַרבעט אין זעמסטוואָ, און קאָנט נישט אויף לאַנג.

— ניין, פירשטין, איך פאַרנעם מיך נישט מער מיט דער זעמ־סטוואָ, — האָט ער געזאָגט. — איך בין געקומען אויף עטלעכע טעג.

„עפּעס איז נישט גלאַט מיט אים, — האָט די פירשטין נאָרדסטאָן א קלער געטון, איינקוקנדיק זיך אין זיין שטרענג-ערנסטן פנים, — עפּעס לאָזט ער זיך נישט אריין אין זיינע חקירות. אָבער איך וועל אים שוין ארויספירן. איך האָב שרעקלעך ליב אים צו מאַכן פאַר א נאַר אין קיטיס אויגן, און כ'וועל אים מאַכן".

— קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט זי אים געזאָגט, — גיט מיר צו פאַרשטיין, איך בעט אייך, וואָס דאָס באַדייט, איר ווייסט דאָך דאָס אַלץ, — וואָס בא אונז אין קאַלוגער דאָרף האָבן אַלע פּויערן און אַלע פּויערטעס פאַרטרונקען אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, און איצט צאָלן זיי אונז גאָרנישט. וואָס באַדייט דאָס? איר לויבט אַזוי שטענדיק די פּויערן.

אין דער צייט איז נאָך א דאַמע אַריינגעקומען אין צימער, און לעווין איז אויפגעשטאַנען.

— אַנטשולדיקט מיר, גרעפין, נאָר, כ'לעבן, איך ווייס דאָס אַלץ גאָרנישט און קאָן אייך גאָרנישט זאָגן, — האָט ער געזאָגט און זיך אומגעקוקט אויף דעם מיליטערמאַן, וואָס איז אַריינגעקומען נאָך דער דאַמע.

„דאָס מוז זייןווראָנסקי", האָט לעווין א קלער געטון, און כדי איבערצוצייגן זיך, האָט ער א בליק געגעבן אויף קיטין. זי האָט שוין באַוויזן א בליק צו טון אויף ווראָנסקין און זיך אומגעקוקט אויף לעווינען. און לויט דעם איינעם בליק פון אירע נישט ווילנדיק אויפגעשטראַלטע אויגן, האָט לעווין פאַרשטאַנען, אַז זי האָט ליב דעמדאָזיקן מענטש, פאַרשטאַנען אַזוי זיכער, ווי זי וואָלט אים דאָס געזאָגט מיט ווערטער. אָבער וואָס-ושע פאַר א מענטש איז דאָס?

איצט — צי דאָס איז גוט אָדער שלעכט געווען — האָט לעווין נישט געקענט נישט בלייבן; ער האָט געמוזט געוווּיר ווערן, וואָס פאַר א מענטש ס'איז דער, וועמען זי האָט ליב.

עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ווען זיי באַגעגענען זייערס א קאָנקורענט, וואָס האָט אין עפּעס מער מזל פון זיי, זענען זיי גלייך גרייט זיך אָפּצודרייען פון אַלעם גוטן, וואָס איז דאָ אין אים, און זעען אין אים בלויז שלעכטס; עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס ווילן פאַרקערט, מער פון אַלעם געפינען אין דעמדאָזיקן קאָנקורענט יענע מעלות, מיט וועלכע ער האָט זיי מנצח געווען, און זוכן אין אים מיט א פאַרקלעמטן ווייטיק אין האַרץ בלויז גוטס. לעווין האָט געהערט צו אַזעלכע מענטשן. אָבער

אים איז נישט שווער געווען צו געפינען דאָס גוטע און סימפּאַטישע אין ווראָנסקין. עס האָט זיך אים גלייך געוואָרפן אין די אויגן. ווראָנסקי איז געווען אַ נישט הויכער, פעסט געבויטער ברונעט, מיט אַ גוטמוטיק, שיין, אומגעווייגלעך רויק און ענערגיש פּנים. אין זיין פּנים און פיגור, פון די קורץ-געשוירענע שוואַרצע האָר און פריש-ראַזירטער גאָמבע, ביז דעם ברייטן, פון דער נאָדל אַוועק נייעם מונדיר, איז אַלץ געווען איינפאַך און איינציייטיק עלעגאַנט. דורכלאָזנדיק די אַריינגעקומענע דאַמע, איז ווראָנסקי צוגעגאַנגען צו דער פירשטין און דערנאָך צו קיטין.

בעת ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָבן זיינע שיינע אויגן באַזונדערס צערטלעך אויפגעגלאַנצט און מיט אַ קוים באַמערקבאַרן, גליקלעכן און באַשיידן-טריומפירנדיקן שמייכל (אַזוי האָט זיך געדאַכט לעווינען), העפלעך און פאָרזיכטיק זיך איינבייגנדיק צו איר, האָט ער איר דערלאַנגט זיין נישט גרויסע, אָבער ברייטע האַנט.

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך באַגריסט מיט אַלע און געזאָגט עטלעכע ווערטער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, קיין איין מאָל נישט אַ בליק געבנדיק אויף לעווינען, וואָס האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אים.

— דערלויבט מיר צו באַקענען אייך, — האָט די פירשטין געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף לעווינען: — קאָנסטאַנטין דמיטריטש לעווין. גראַף אַלעקסיי קירילאָוויטש ווראָנסקי.

ווראָנסקי איז אויפגעשטאַנען און, פריינטלעך קוקנדיק לעווינען אין די אויגן אַריין, האָט ער אים אַ דריק געטון די האַנט.

— איך האָב היינטיקן ווינטער, דאַכט זיך, געזאָלט עסן מיטאָג מיט אייך, — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק מיט זיין איינפאַכן און אָנגענעמען שמייכל, — אָבער איר זענט אומגעריכט אַוועקגעפאָרן אין דאָרף אַריין.

— קאָנסטאַנטין דמיטריטש פאַראַכטעט און האַסט די שטאָט און אונז שטאָטלייט, — האָט די גרעפין נאָרדסטאָן געזאָגט.

— מיינע ווערטער ווירקן אויף אייך אַפּנים שטאַרק, וואָס איר געדענקט זיי אַזוי, — האָט לעווין געזאָגט און, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט דאָס שוין פריער געזאָגט, איז ער רויט געוואָרן.

ווראָנסקי האָט אַ קוק געטון אויף לעווינען און אויף דער גרעפין נאָרדסטאָן און אַ שמייכל געטון.

— און איר זענט שטענדיק אין דאָרף? — האָט ער געפרעגט, — איך מיין, ווינטער איז אומעטיק?

— נישט אומעטיק, אז עס איז דאָ וואָס צו טון, און מיט זיך אַליין איז אייך נישט אומעטיק, — האָט לעווין שאַרף געענטפערט.

— איך האָב ליב דאָס דאָרף, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, באַמערקנדיק און מאַכנדיק זיך, אַז ער באַמערקט נישט לעווינס טאָן.

— אָבער איך האָף, גראַף, אַז איר וואָלט נישט מסכּים געווען צו וווינען שטענדיק אין דאָרף, — האָט די גרעפין נאָרדסטאָן געזאָגט.

— איך ווייס נישט, איך האָב נישט געפּרוווט אויף לאַנג. איך האָב איבערגעלעבט אַ מאָדנע געפיל, — האָט ער ווייטער גערעדט. — איך האָב אין ערגעץ נישט געבענקט אַזוי נאָכן דאָרף, נאָכן רוסישן דאָרף, מיט די לאַפּטשעס און די פּויערן, ווי פאַרברענגענדיק מיט דער מוטער אַ ווינטער אין ניצאַ. ניצאַ פאַר זיך אַליין איז לאַנגווייליק, ווייסט איר. אויך נעאַפּאָל, סאָררענטאָ זענען גוט בלויז אויף אַ קורצער צייט. און דווקא דאָרט געדענקט מען באַזונדערס שטאַרק רוסלאַנד, און דווקא דאָס דאָרף. זיי זענען פּונקט ווי...

ער האָט גערעדט, ווענדנדיק זיך אי צו קיטין, אי צו לעווינען און אַריבערפירנדיק פון איינעם אויפן צווייטן זיין רויקן און פריינטלעכן בליק; גערעדט, משמעות, וואָס ס'איז אים איינגעפאַלן.

באַמערקט, אַז די גרעפין נאָרדסטאָן וויל עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, נישט פאַרענדיקט דאָס אָנגעהויבענע, און גענומען אויפמערקזאַם הערן זי.

דער שמועס האָט נישט אויפגעהערט אויף קיין מינוט, אַזוי, אַז דער אַלטער פירשטין, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אין זאַפּאַס, אויפן פאַל פון נישט האָבן קיין טעמע, צוויי שווערע האַרמאַטן: די קלאַסישע און רעאַלע בילדונג און די אַלגעמיינע מיליטער-דינסט, איז נישט אויסגעקומען זיי אַרויסצורוקן, און דער גרעפין נאָרדסטאָן איז נישט אויסגעקומען זיך צו רייצן מיט לעווינען.

לעווין האָט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך באַטייליקן אין דעם אַלגעמיינעם שמועס; יעדע מינוט זאָגנדיק זיך: „אַצינד דאַרף מען גיין", איז ער נישט אַוועקגעגאַנגען, וואַרטנדיק אויף עפּעס.

מען האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן זיך דרייענדיקע טישן און גייסטער, און די גרעפין נאָרדסטאָן, וואָס האָט געגלייבט אין ספּיריטיזם, האָט אָנגעהויבן דערציילן נסים, וואָס זי האָט געזעען.

— אַך, גרעפין, פירט מיך אומבאַדינגט אַהין, ווי גאָט איז אייך ליב, פירט מיך אַהין צו זיי! איך האָב קיינמאָל נישט געזעען קיין שום אומ-

געהיינלעכס, הגם איך זוך אומעטום, — האָט ווראָנסקי געזאָגט שמייכלענדיק.

— גוט, קינפּטיקן שבת, — האָט די גרעפין נאָרדסטאָן געענטפערט. — אָבער איר, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, גלייבט? — האָט זי געווענדעט לעווינען.

— פאַרוואָס פרעגט איר מיך? איר ווייסט דאָך, וואָס איך וועל זאָגן.

— איך וויל אָבער הערן אייער מיינונג.

— מיין מיינונג איז, — האָט לעווין געענטפערט, — אַז די דאָזיקע זיך דרייענדיקע טישן באַווייזן, אַז די אַזוי גערופענע געבילדעטע געזעלשאַפט שטייט נישט העכער פון די פּויערן. זיי גלייבן אין עין־הרע, אין קליפּה, אין כשוף־קרייטעכצער, און מיר...

— וואָס זשע, איר גלייבט נישט?

— איך קאָן נישט גלייבן, פּרשטין.

— אָבער אַז איך האָב אַליין געזעען?

— די פּויערטעס דערציילן אויך, ווי זיי האָבן אַליין געזען שדים.

— איז מיינט איר, אַז איך זאָג ליגנס?

און זי האָט זיך נישט פריילע צעלאַכט.

— אָבער ניין, מאשע, קאָנסטאַנטין דמיטריטש זאָגט, אַז ער קאָן נישט גלייבן, — האָט קיטי געזאָגט, רויט ווערנדיק פאַר לעווינען, און לעווין האָט דאָס פאַרשטאַנען און, נאָך מער זיך אויפרעגנדיק, געוואָלט ענטפערן, אָבער ווראָנסקי מיט זיין אָפענעם, פריילעכן שמייכל איז גלייך צו הילף געקומען דעם שמועס, וואָס האָט געדראָט צו ווערן נישט אָנגענעם.

— איר האַלט אינגאַנצן נישט פאַר מעגלעך? — האָט ער געפרעגט. — פאַר וואָס זשע האַלטן מיר פאַר מעגלעך די עקזיסטענץ פון עלעקטריע, וואָס מיר פאַרשטייען נישט; פאַר וואָס זשע קאָן נישט זיין קיין נייער כוח, נאָך אַן אומבאַקאַנטער פאַר אונז, וואָס...

— ווען ס'איז געפונען געוואָרן די עלעקטריע, — האָט לעווין שנעל איבערגעשלאָגן, — איז אַנטדעקט געוואָרן בלויז די דערשיינונג, און ס'איז נישט באַוווסט געווען, פונוואַנען זי שטאַמט און וואָס פאַר אַ ווירקונג זי האָט, און הונדערטער יאָרן זענען פאַרגאַנגען, איידער מ'האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט איר. די ספּיריטואַליסטן אָבער,

פּאַרקערט, האָבן אָנגעהויבן פון דעם, וואָס טישלעך שרייבן זיי און גייסטער קומען צו זיי, און דערנאָך ערשט האָבן זיי אָנגעהויבן צו זאָגן, אַז דאָס איז אַן אומבאַוווּסטער כּוח.

ווראָנסקי האָט אויפמערקזאַם געהערט לעווינען, ווי ער פלעגט תּמיד הערן, משמעות אינטערעסירנדיק זיך מיט זיינע ווערטער.

— יאָ, אָבער די ספּיריטואַליסטן זאָגן: אַצינד ווייסן מיר נישט וואָס פאַר אַ כּוח דאָס איז. אָבער ס'איז פאַראַן אַ כּוח, און אָט באַ וואָסערע באַדינגונגען ער ווירקט. און זאָלן די געלערנטע דערגיין אין וואָס עס באַשטייט דערדאָזיקער כּוח. ניין, איך זע נישט, פאַרוואָס דאָס קאָן נישט זיין קיין נייער כּוח, אויב ער...

— טאַקע דערפאַר, — האָט לעווין ווידער איבערגעשלאָגן, — וואָס באַ עלעקטריציטעט וועט יעדעס מאָל, וואָס איר וועט אָנרייבן פּעך אָן וואָל, אַרויסקומען אַ געוויסע דערשיינונג, אָבער דאָ — איז נישט יעדעס מאָל; דאָס איז אַלזאָ נישט קיין נאַטור-דערשיינונג.

מסתּמא פילנדיק, אַז דער שמועס נעמט אָן אַ צו ערנסטן קאַראַקטער פאַר אַ גאַסטצימער, האָט ווראָנסקי נישט דערווידערט, נאָר באַמיענדיק זיך צו ענדערן די טעמע פון געשפּרעך, האָט ער פריילעך אַ שמייכל געטון און זיך אויסגעדרייט צו די דאַמען.

— לאָמיר שוין פּרוּוון, גרעפין, — האָט ער אָנגעהויבן, נאָר לעווין האָט געוואָלט פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט.

— איך מיין, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אַז דידאָזיקע פּרוּוון פון די ספּיריטיסטן אויסצוטייטשן זייערע נסים דורך עפּעס אַ נייעם כּוח — איז דער סאַמע אומגעלונגענסטער. זיי רעדן בפירוש וועגן אַ גייסטיקן כּוח און ווילן אים אונטערוואַרפן אַ מאַטעריעלן עקספּערימענט.

אַלע האָבן געוואַרט, אַז ער זאָל ענדיקן און ער האָט דאָס געפילט.

— און איך מיין, אַז איר וועט זיין אַן אויסגעצייכנטער מעדיום, — האָט די גרעפין נאָרדסטאָן געזאָגט, — אין אייך איז דאָ עפּעס התלהבותדיקס.

לעווין האָט געעפנט דאָס מויל, געוואָלט זאָגן עפּעס, איז רויט געוואָרן און גאָרנישט געזאָגט.

— לאָמיר שוין, פירשטין, אויספּרוּוון די טישן, ביטע, — האָט ווראָנסקי געזאָגט צו קיטין, — פירשטין, איר וועט דערלויבן? — האָט ער זיך געווענדט צו דער אַלטער פירשטין.

ווראָנסקי איז אויפגעשטאַנען, זוכנדיק מיט די אויגן דאָס טישל.

קיטי איז צוגעגאַנגען צום טישל און, פאַרבייגייענדיק, זיך באַגעגנט מיט לעווינס אויגן. זי האָט מיטן גאַנצן האַרץ רחמנות געהאַט אויף אים, נאָכמער דערפאַר, וואָס זי איז געווען די סיבה פון זיין אומגליק. „אויב מען קאָן מיר מוחל זיין, טאָ זייט מוחל, — האָט איר בליק געזאָגט, — איך בין אַזוי גליקלעך“.

„אַלע האָס איך, אי אייך, אי זיך“, האָט זיין בליק געענטפערט. און ער האָט זיך גענומען צום הוט. נאָר אים איז נישט באַשערט געווען אַוועקצוגיין, מען האָט נאָר-וואָס געוואָלט זיך איינאָרדנען אַרום דעם טישל, און לעווין האָט געוואָלט אַוועקגיין, ווען דער אַלטער פירשט איז אַריינגעקומען און, באַגריסנדיק זיך מיט די דאַמען, זיך געווענדט צו לעווינען.

— אַ ! — האָט ער פריידיק אָנגעהויבן. — שוין לאַנג ? איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו געפינסט זיך דאָ. עס פרייט מיך זייער אייך צו זעען.

דער אַלטער פירשט האָט לעווינען געזאָגט טיילמאָל ד ו , טיילמאָל א י ר . ער האָט אַרומגענומען לעווינען און, רעדנדיק מיט אים, נישט באַמערקט ווראָנסקין, וועלכער איז אויפגעשטאַנען און רויק צוגעוואַרט, ביז דער פירשט וועט זיך ווענדן צו אים.

קיטי האָט געפילט, ווי שווער לעווינען איז דעם פאָטערס ליבלעכ-קייט, נאָכדעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. זי האָט אויך געזעען, ווי קאַלט ז'ער פאָטער אירער האָט ענדלעך געענטפערט אויף ווראָנסקיס באַגריסונג, און ווי ווראָנסקי האָט מיט פריינטלעכער שטוינונג אַ קוק געטון אויף איר פאָטער, באַמיענדיק זיך צו פאַרשטיין און נישט פאַרשטייענדיק, ווי אַזוי און פאַרוואָס מען קאָן זיין צו אים נישט פריינטלעך געשטימט, און זי איז רויט געוואָרן.

— פירשט, לאָזט אונז אָפּ קאָנסטאַנטין דמיטריטשן, — האָט די גרעפין נאָרדסטאָן געזאָגט, — מיר ווילן מאַכן אַן עקספּערימענט.

— וואָס פאַר אַן עקספּערימענט ? דרייען טישן ? נו, אַנטשולדיקט מיר, מיינע דאַמען און הערן, לויט מיין מיינונג איז אינטערעסאַנטער אין ר י נ ג ל צו שפּילן, — האָט דער אַלטער פירשט געזאָגט, קוקנדיק אויף ווראָנסקין און פאַרשטייענדיק, אַז ער האָט דאָס אויפגעגעבן. — אין ר י נ ג ל האָט נאָך אַ זינען.

ווראָנסקי האָט מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געגעבן מיט זיינע אַנט-שלאָסענע אויגן אויפן פירשט, קוים אַ שמייכל געטון און גלייך אָנגעהויבן

רעדן מיט דער גרעפין נאָרדסטאָן וועגן פאַרשטייענדיקן גרויסן באַל אויף דער קינפּעטקער וואָך.

— איך האָף, אַז איר וועט זיין? — האָט ער זיך געווענדעט צו קיטין.

ווי נאָר דער אַלטער פירשט האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים, איז לעווין אומבאַמערקט צרויסגעגאַנגען, און דער לעצטער איינדרוק, וועלכן ער האָט אַרויסגעטראָגן פון דעמדאָזיקן אָוונט, איז געווען קיטיס שמייכלענדיק גליקלעך פנים, וואָס האָט געענטפערט ווראָנסקין אויף זיין פראַגע וועגן באַל.

XV.

ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט, האָט קיטי דערציילט דער מוטער וועגן איר שמועס מיט לעווינען און, נישט געקוקט אויף דעם רחמנות, וואָס זי האָט געפילט צו לעווינען, האָט זי געפרייט דער געדאַנק, וואָס איר איז געמאַכט געוואָרן אַ פ אָ ר ש ל אַ ג. בּאַ איר איז נישט געווען קיין ספק, אַז זי האָט געהאַנדלט, ווי מען האָט געדאַרפט. אָבער אין בעט האָט זי לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. איין איינדרוק האָט זי כסדר פאַרפאָלגט: דאָס איז געווען לעווינס פנים מיט די אָנגעברוגזטע ברעמען און גוטע אויגן, וואָס האָבן פינצטער־מרה־שחורהדיק אַפּגעקוקט פון זיי, ווי אַזוי ער איז געשטאַנען, געהערט דעם פאָטער און געוואָרפן בליקן אויף איר מיט ווראָנסקין. און איר איז געוואָרן אַזאַ רחמנות אויף אים, אַז טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן. נאָר באַלד האָט זי אַ קלער געטון וועגן יענעם, אויף וועלכן זי האָט אים אויסגעביטן. זי האָט זיך צערטלעך דערמאַנט דאָסדאָזיקע מענישע, ענערגישע פנים, דידאָזיקע איידעלע רויקייט און די צו אַלע לייכטנדיקע גוטסקייט זיינע. זי האָט זיך דערמאַנט אָן דער ליבע צו איר פון דעם, וועמען זי האָט ליב, און איר איז ווידער געוואָרן פריידיק אויף דער נשמה, און זי האָט מיט אַ שמייכל פון גליק זיך אַוועקגעלייגט אויפן קישן. „אַ שאָד, אַ שאָד, אָבער וואָס קאָן מען טון? איך בין נישט שולדיק“. האָט זי זיך געזאָגט; אָבער אַן אינערלעכע שטימע האָט איר געזאָגט עפּעס אַנדערש.

צי האָט זי חרטה געהאַט, וואָס זי האָט אַריינגעצויגן לעווינען, אָדער, וואָס זי האָט אָפּגעזאָגט, — האָט זי נישט געוווּסט. נאָר איר גליק איז פאַרסמט געווען פון ספקות. „גאָט, זיי דיך מרחם, גאָט, זיי דיך מרחם, גאָט, זיי דיך מרחם!" האָט זי געפּליסטערט, ביז זי איז איינגעשלאָפן.

אין דער צייט איז אונטן, אין פירשטס קליינעם קאַבינעט, פאָרגעקומען צווישן די עלטערן איינע פון יענע סצענעס וועגן דער געליבטער טאָכטער, וואָס פלעגן זיך אָפט איבערחזרן.

— וואָס? אָט וואָס! — האָט דער פירשט געשריגן, פאָכענדיק מיט די הענט און באַלד צומאַכנדיק זיין וועווערקענעם כאַלאַט. — דאָס, וואָס איר פאַרמאָגט נישט קיין שטאָלץ, קיין ווירדע, וואָס איר מאַכט צו שאַנד, ברענגט אום די טאָכטער מיט דעמדאָזיקן געמיינעם, נאַרישן שדכנען!

— אָבער דערבאַרעם דיך, ווי גאָט אַליין איז דיר ליב, פירשט, וואָס האָב איך געטאָן? — האָט די פירשטין געזאָגט, שיער נישט וויינענדיק.

זי איז אַ גליקלעכע, אַ צופרידענע. נאָכן שמועס מיט דער טאָכטער, געקומען, ווי געווינלעך, צום פירשט זיך געזעגענען און, הגם זי האָט נישט בדעה געהאַט צו זאָגן אים וועגן לעווינס פאָרשלאַג און קיטיס אָפּזאָג, האָט זי אָבער געגעבן דער פירשט אָנצוהערן, אַז זי האַלט דעם ענין מיט ווראָנסקין פאַר פולשטענדיק פאַרענדיקט, אַז ער וועט אַנטשיידט ווערן, ווי נאָר זיין מוטער וועט קומען. און אָט דאָ, באַ די דאָזיקע ווערטער, איז דער פירשט פלוצלינג אָנגעצונדן געוואָרן און אָנגעהויבן אויסשרייען נישט אָנשטענדיקע ווערטער.

— וואָס איר האָט געטאָן? אָט וואָס: ערשטנס, נאַרט איר אַריין אַ חתן, און גאַנץ מאָסקווע וועט רעדן — און גערעכט זיין. אויב איר מאַכט אָוונטן, פאַרבעט־זשע אַלע, און נישט אויסערוויילטע חתנימלעך. פאַרבעט אָט די אַלע צוציקלעך (ווי דער פירשט האָט גערופן די מאָסקווער יונגעלייט), לאַדט איין אַ טאַפּיאָר, און זאָלן זיי טאַנצן, און נישט אַזוי ווי היינט — בלויז חתנימלעך, און מעקלען. מיר איז איבלדיק, צו זעען איבלדיק, און איר האָט אויסגעפירט אייערס, דעם מיידל דעם קאָפּ פאַרדרייט. לעווין איז טויזנט מאָל אַ בעסערער מענטש. און דאָס איז אַ פעטערבורגער פראַנטל, זיי מאַכט מען אויף דער מאַשין, זיי זענען אַלע אויף איין פאַסאָן און טויגן אַלע אויף כּפּרות. און זאָל ער אַפילו זיין אַ רייַנער פרינץ, מיין טאָכטער נייטיקט זיך נישט אין קיינעם.

— וואס זשע האב איך געטון?

— דאס... — האט דער פירשט מיט כעס א געשריי געגעבן.

— איך ווייס, אויב מען זאל דיך הארכן, — האט די פירשטין איבערגעשלאגן, — וועלן מיר קיינמאל די טאכטער נישט אויסגעבן. אויב אזוי, דארף מען אין דארף אריין אוועקפארן.

— עס איז טאקע גלייכער אוועקצופארן.

— אבער ווארט נאר. צי בעט איך וועמען? איך בעט לגמרי נישט קיינעם. נאר דער יונגערמאן, זייער א פיינער, האט זיך פארליבט, און זי, דאכט זיך...

— יא, אט דאכט זיך אייך! און אויב זי וועט זיך! און אויב זי וועט זיך טאקע פארליבן, און ער קלערט פונקט אזוי חתונה צו האבן, ווי איך... אך, מיינע אויגן וואלטן דאס כאטש נישט צוגעזעען! ... „אך, ספי־ריטיזם, אך, ניצצא, אך, אויפן באל...“ — און דער פירשט, מיינענדיק, אז ער שפעט נאך דעם ווייב, האט געמאכט קניקסן בא יעדן ווארט. — אט אזוי וועלן מיר קאטיענקען אומגליקלעך מאכן, אויב זי וועט זיך טאקע אין קאפ אריינגעמען...

— פארוואס־זשע מיינסטו אזוי?

— איך מיין נישט, נאר כ'ווייס; אויף דעם האבן מיר אויגן און נישט איר, ווייבער. איך זע א מענטש, וואס האט ערנסטע כוונות: דאס איז לעווין; און כ'זע א שוויצער, ווי דער דאזיקער זינגפויגל, וואס דארף זיך נאר פרייען מאכן.

— נו, אז דו נעמסט דיר עפעס אריין אין קאפ...

— וועסט געדענקען מיינע רייד, נאר ס'וועט שוין שפעט זיין, ווי מיט דאשענקען.

— נו, גוט, גוט, לאמיר נישט רעדן, — האט אים די פירשטין אפגעשטעלט, דערמאנענדיק זיך אן דער אומגליקלעכער דאללין.

— איז אויסגעצייכנט, און זיי געזונט!

און איבערצלמענדיק איינער דעם אנדערן און צעקושנדיק זיך, אבער מיטן געפיל, אז איטלעכער בלייבט בא זיין מיינונג, איז זיך דאס פאר־פאלק צעגאנגען.

די פירשטין איז תחילת געווען פעסט איבערצייגט, אז דער היינטי־קער אוונט האט אנטשיידט קיטיס גורל און אז עס קאן נישט זיין קיין ספק אין ווראנסקיס כוונות. אבער דעם מאנס רייד האבן זי אומרויק גע־

מאַכנ. און ווען זי איז צוריק צו זיך אַריינגעקומען, האָט זי פונקט אַזוי־ווי קיטי, מיט שרעק פאַר דער אומבאַקאַנטער צוקונפט, עטלעכע מאָל אין איר האַרץ איבערגעחזרט: גאָט, זיי דיך מרחם, גאָט, זיי דיך מרחם, גאָט, זיי דיך מרחם!

XVI.

ווראָנסקי האָט קיינמאָל נישט געקענט דאָס פאַמיליען־לעבן. זיין מוטער איז אין דער יוגנט געווען אַ גלענצנדע הויכוועלטישע דאַמע, וואָס האָט אין דער צייט פון איר פאַרהייראַטן לעבן, און באַזונדערס דערנאָך, געהאַט אַ סך ראָמאַנען, וועלכע זענען באַקאַנט געווען דער גאַנצער העכע־רער געזעלשאַפט. דעם פאָטער זיינעם האָט ער כמעט נישט געדענקט אין און ער איז דערצויגן געוואָרן אין פאַזשן־קאָרפּוס.

ווען ער איז אַלס זייער יונגער גלענצנדער אָפיציר אַרויסגעטרעטן פון שול, איז ער גלייך אַריין אין דער סביבה פון די רייכע פּעטערבור־גער מיליטערלייט. הגם ער פלעגט פון צייט־צו־צייט קומען אין די פּע־טערבורגער הויכע קרייזן, זענען דאָך אַלע זיינע ליבעס־אינטערעסן געווען נישט אין דער הויכער געזעלשאַפט.

אין מאָסקווע האָט ער צום ערשטן מאָל, נאָך דעם גראָבן פּעטער־בורגער לוקסוס־לעבן, איבערגעלעבט דעם צויבער פון אַ דערנענטערונג מיט אַ ליבער און נאַיווער אַריסטאָקראַטישער פריילין, וואָס האָט אים ליב געקריגן. אים איז אפילו נישט איינגעפאַלן, אַז עס זאָל קאָנען זיין עפּעס שלעכטס אין זיינע באַציונגען מיט קיטין. אויף די באַלער האָט ער געטאַנצט נאָר מיט איר; ער איז געפאָרן צו זיי אין הויז אַריין. ער האָט גערעדט מיט איר דאָס, וואָס מען רעדט געוויינלעך אין דער הויכער גע־זעלשאַפט: כלערליי נאַרישקייטן, אָבער נאַרישקייטן, וועלכע ער האָט נישט ווילנדיק צוגעגעבן אַ באַזונדערן זינען פאַר איר. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט אַזעלכעס, וואָס ער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן אין דער קעגנוואַרט פון אַלע, האָט ער דאָך געפילט, אַז זי ווערט אַלץ מער און מער אָפּהענגיק פון אים, און וואָס מער ער האָט דאָס געפילט, אַלץ אָנגענעמער איז אים געווען, און זיין געפיל צו איר איז געוואָרן אַלץ צאַרטער. ער האָט נישט געוווסט, אַז זיין אַרט

האַנדלען בנוגע קיטין האָט אַ באַשטימטן נאָמען, אַז דאָס הייסט אַריינ־נאַרן מיידלעך אָן אַ כוונה חתונה צו האָבן און אַז דאָסדאָזיקע אַריינ־נאַרן איז איינס פון יענע מיאוסע האַנדלונגען, וואָס זענען אַ געוויינלע־כע זאַך בײַ די גלענצנדע יונגעלייט פון זיין קרייז. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט דער ערשטער אַנטדעקט דאָסדאָזיקע פאַרגעניגן, און ער האָט הנאה געהאַט פון זיין אַנטדעקונג.

ווען ער וואָלט געקאָנט הערן, וואָס אירע עלטערן האָבן גערעדט דעמדאָזיקן אָוונט, ווען ער וואָלט זיך געקאָנט שטעלן אין דער לאַגע פון דער פאַמיליע און וויסן, אַז קיטי וועט זיין אומגליקלעך, אויב ער וועט מיט איר נישט חתונה האָבן, וואָלט ער זיך זייער געוווּנדערט און נישט געגלייבט אין דעם. ער וואָלט נישט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס, וואָס פאַר־שאַפט אַזאַ גרויס און גוט פאַרגעניגן אים, און דער עיקר איר, זאָל זיין שלעכט. נאָך ווינציקער וואָלט ער געקאָנט גלייבן, אַז ער דאַרף חתונה צו האָבן.

דאָס חתונה האָבן האָט זיך אים קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט פאַר מעגלעך. ער האָט נישט בלויז נישט ליב געהאַט דאָס פאַמיליען־לעבן, נאָר, לויט די אַלגעמיינע באַגריפן פון דער בחורישער וועלט, אין וועל־כער ער האָט געלעבט, האָט ער אין דער פאַמיליע, אין באַזונדערס אין אַ מאַן, זיך פאָרגעשטעלט עפּעס פרעמדס, פריינדלעכס, און מער פון אַלץ קאָמישס. נאָר הגם ווראָנסקין איז נישט איינגעפאַלן, וואָס די עלטערן האָבן גערעדט, האָט ער, אַרויסגייענדיק דעמדאָזיקן אָוונט פון די שטשער־באַצקיס, דערפילט, אַז יענע גייסטיקע, געהיימע פאַרבינדונג, וואָס עקזיס־טירט צווישן אים מיט קיטין, האָט זיך דעם היינטיקן אָוונט אַזוי שטאַרק פאַרפעסטיקט, אַז מען דאַרף עפּעס טון. נאָר וואָס מען קאָן און וואָס מען דאַרף טון, האָט ער נישט געקאָנט צוטראַכטן.

„דערין טאַקע איז דער צויבער, — האָט ער געקלערט, זיך אומ־קערנדיק פון די שטשערבאַצקיס און, ווי תמיד, אַרויסטראָגנדיק פון זיי אַן אָנגענעם געפיל פון ריינקייט און פרישקייט, וואָס האָט טיילווייז גע־שטאַמט פון דעם, וואָס ער האָט דעם גאַנצן אָוונט נישט גערייכערט; אייגנצייטיק איז אין אים אויך געווען אַ נײַ געפיל פון אַנטציקונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך איר ליבע צו אים. — דערין טאַקע איז דער צויבער, וואָס נישט איך, נישט זי האָבן גאָרנישט געזאָגט, נאָר מיר האָבן זיך אַזוי פאַרשטאַנען איינער דעם אַנדערן דורך דעם אומגעזעענעם גע־שפּרעך פון בליקן און אינטאָנאַציעס, אַז זי האָט מיר היינט דייטלעכער,

ווי ווען-עס-איז, געזאָגט, אַז זי האָט מיך ליב. און ווי ליב, פּשוט און, דער עיקר, צוטרויליך! איך אַליין פיל מיך בעסער, ריינער. איך פיל, אַז איך האָב אַ האַרץ און אַז עס איז דאָ אין מיר אַ סך גוטס. די דאָזיקע פאַרליבטע אויגן! ווען זי האָט געזאָגט: אַ פּ י ל ו ז י י ע ר..."

„אַלזאָ, וואָס-זשע? גאָרנישט. מיר איז גוט און איר איז גוט". און ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי צו פאַרענדיקן דעם הייניטיקן אָוונט.

ער האָט דורכגעוואָרפן אין רעיון די ערטער, וווהין ער וואָלט בעקאָנט פאָרן. „דער קלוב? אַ פּאַרטיע בעזיק, שאַמפּאַניער מיט איגנאַטאָוון? ניין. איך וועל נישט פאָרן. chateau des fleurs, דאָרטן וועל איך טרעפן אָבלאָנסקין, קופּלעטן, cancan; ניין, דערעסן. אָט דעפּאַרטאָקע האָב איך ליב די שטשערבאַצקיס, וואָס איך אַליין ווער בעסער. איך וועל פאָרן אַהיים". ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין נומער בא דיוסאָ, געהייסן זיך דערלאַנגען נאַכטעסן; נאָך דעם האָט ער זיך אויסגעטון און, קוים באַוויזן דעם קאָפּ אַנידערצולייגן אויפן קישן, ווי ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ פעסטן שלאָף.

XVII.

צומאָרגנס עלף אַ זייגער אינדערפרי איז ווראָנסקי אַרויסגעפאָרן אויף דעם פּעטערבורגער באַנהויף אָפּצוּוואַרטן די מוטער, און די ערשטע פּערזאָן, וואָס ער האָט געטראָפן אויף די גרויסע טרעפּ, איז געווען אָבלאָנסקי, וואָס האָט מיטן זעלבן צוג אָפּגעוואַרט די שוועסטער.

— אַ, אייער דורכלויכט! — האָט אָבלאָנסקי אַ געשריי געטון. — נאָך וועמען ביסטו געקומען?

— איך, נאָך דער מוטער, — האָט, שמייכלענדיק ווי אַלע, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט אָבלאָנסקין, געענטפערט ווראָנסקי. ער האָט געדריקט זיין האַנט און איז צוזאַמען מיט אים אַרויסגעגאַנגען אויף די טרעפּ. — זי דאַרף היינט קומען פון פּעטערבורג.

— און איך האָב אויף דיר געוואַרט ביז צוויי אַ זייגער. וווהין זשע ביסטו געפאָרן פון די שטשערבאַצקיס?

— אַהיים, — האָט ווראָנסקי געענטפערט. — איך מוז מיך מודה

זיין, מיר איז געכטן אַזוי אָנגענעם געווען נאָך די שטשערבאַצקיס, אַז עס האָט זיך נישט געגלוסט אין ערגעץ גיין.

— איך דערקען גוטע פערד אָן געוויסע צייכנס זייערע, פאַרליבטע יונגעלייט דערקען איך אָן זייערע אויגן, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש אָפּגעדעקלאַמירט פּונקט אַזוי ווי פריער פאַר לעווינען.

ווראָנסקי האָט אַ שמייכל געטון מיט אַזאַ מינע, ווי ער לייקנט דאָס נישט אָפּ, אָבער ער האָט גלייך איבערגעביטן דעם שמועס.

— און דו וועמען וואַרטסט אָפּ?

— איך? איך — אַ שיינע פרוי, — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט.

— אַזוי!

— Honni soit qui mal i pense! — די שוועסטער אַננאַ.

— אַך, דאָס איז די קאַרעניגאַ? — האָט ווראָנסקי געזאָגט.

— דו קענסט זי געוויס?

— דאַכט זיך, איך קען זי! אָדער נישט... פ'לעבן, איך געדענק נישט, — האָט ווראָנסקי צעשטרייט געענטפערט. בעפלהאָפט זיך פאַרשטעלנדיק בײַ דעם נאָמען קאַרעניגאַ עפּעס געקינצלטס און לאַנגווייליקס.

— אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, מיין באַרימטן שוואָגער, קענסטו אוודאי. אים קען די גאַנצע וועלט.

— דאָס הייסט, איך קען אים פון הערן און זעען, איך ווייס, אַז ער איז אַ קלוגער, געלערנטער, אַ געטלעכער עפּעס... נאָר דו ווייסט דאָך, דאָס איז נישט אין מיין..., not in my line — האָט ווראָנסקי געזאָגט.

— יאָ, ער איז זייער אַ מערקווירדיקער מענטש, אַ ביסל אַ קאָנסערוואַטיווער, אָבער אַ ווילער מענטש, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש באַמערקט, — אַ ווילער מענטש.

— נו, איז טאַקע וויל אים, — האָט ווראָנסקי שמייכלענדיק געזאָגט, — און דו ביסט אויך דאָ, — האָט ער זיך געווענדט צו דער מוטערס הויכן, אַלטן לאָקיי, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר; — קום אַריין אַהער.

א חוץ דער אַלגעמיינער אָנגענעמקייט, וואָס סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש פלעגט בײַ אַלע אַרויסרופן, האָט ווראָנסקי די לעצטע צייט זיך נאָך געפילט צוגעבונדן צו אים דערפאַר, וואָס אין סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשס פאַנטאַזיע האָט ער זיך פאַרייניקט מיט קיטין.

— אַלזאָ, מאַכן מיר זונטיק אַ נאַכטמאָל לכבוד דער דיוואַ? —

האָט ער אים געזאָגט, אָננעמענדיק אים מיט אַ שמייכל אונטער דער האַנט.

— אומבאַדינגט. איך וועל צונויפנעמען פאָנדן. אָך, האָסטו דיך באַקענט נעכטן מיט מיין פריינט לעווין? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט.

— געוויס. אָבער ער איז באַלד עפּעס אַוועקגעפאָרן.

— ער איז אַ ווילער יאַט, — האָט פאַרגעזעצט אָבלאָנסקי. אמת?

— איך ווייס נישט, — האָט ווראָנסקי געענטפערט, — פאַרוואָס עפּעס אין אַלע מאָסקווער, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, די, מיט וועלכע איך רעד, — האָט ער וויציק צוגעגעבן, — איז דאָ עפּעס העפטיקס. עפּעס זענען זיי כסדר קידער־ווידער, בייזערן זיך, ווי זיי וואָלטן שטענדיק געוואָלט געבן עפּעס אָנצוהערן.

— עס איז דאָ, אמת, עס איז דאָ... — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש פריילעך לאַכנדיק געזאָגט.

— וואָס, שוין באַלד? — האָט ווראָנסקי זיך געווענדט צו אַ דינער.

— דער צוג איז אַרויסגעגאַנגען, — האָט דער דינער געענטפערט.

דאָס דערנענטערן זיך פון צוג האָט אַלץ מער און מער זיך געלאָזט מערקן אין דער באַוועגונג פון די צוגרייטונגען אויף דער סטאַנציע, אין דעם לויפן פון די באַגאַזש־טרעגערס, דורך דעם באַווייזן זיך פון די זשאַנדאַרן און דינער און דורך דעם צופאָרן פון די אָפּוואַרטנדיקע. דורך דער פראָסטיקער פאַרע האָבן זיך געזען אַרבעטער אין פּעלצלעך, אין ווייכע פילצענע שטיוול, וואָס זענען אַריבערגעגאַנגען איבער די רעלסן פון די אויסגעבויגענע וועגן. עס האָט זיך געהערט אַ פייף פון דאַמפקעסל אויף די הינטערשטע רעלסן און איבעררוקן עפּעס שווערס.

— ניין, — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וועלכער האָט זייער געוואָלט דערציילן ווראָנסקין וועגן לעווינס כוונות בנוגע קיטין. — ניין! דו האָסט נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט מיין לעווינען. ער איז זייער אַ נערוועזער מענטש און איז אַמאָל נישט אָנגענעם, אמת, נאָר דערפאַר איז ער טיילמאָל זייער ליב. דאָס איז אַזאַ ערלעכע, אויפריכטיקע נאַטור, און אַ גאָלדן האַרץ. נעכטן זענען געווען באַזונדערע סיבות, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש מיט אַ באַדייטונגספולן שמייכל פאַרגעזעצט, אינגאַנצן

פֿאַרגעסנדיק אָן דעם אויפֿריכטיקן מיטגעפֿיל, וואָס ער האָט נעכטן געהאַט צו זיין פֿריינט, און איצט פֿילנדיק דאָס זעלבע בלויז צו וורָאַנסקין, — יאָ, עס איז געווען אַ סיבה, פֿאַרוואָס ער האָט געקאָנט זיין אָדער באַזונדער גליקלעך, אָדער באַזונדער אומגליקלעך.

וורָאַנסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט און פּשוט אַ פֿרעג געטון:

— וואָס־זשע הייסט דאָס? ער האָט אפשר נעכטן געמאַכט אַ פֿאַרשלאָג דיין belle souer?...

— אפשר, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — עפּעס האָט זיך מיר נעכטן אַזוי אויסגעוויזן. יאָ, אויב ער איז פֿרי אַוועקגעפֿאָרן און איז נאָך געווען שלעכט געשטימט, איז דאָס אַזוי... ער איז שוין לאַנג פֿאַרליבט, און איך האָב אויף אים גרויס רחמנות.

— אַזוי!... איך מיין אגב, אַז זי קאָן רעכענען אויף אַ בעסערער פּאַרטיע, — האָט וורָאַנסקי געזאָגט און, אויסגלייכנדיק די ברוסט, ווידער גענומען גיין. — איבעריקנס, איך קען אים נישט, — האָט ער צוגעגעבן. — יאָ, דאָס איז אַ שווערע לאַגע! דערפֿאַר האַלט טאַקע די מערהייט פֿאַר גלייכער זיך צו קענען מיט די קלאַרעס. דאָרטן אַ דורכפֿאַל באַווייזט בלויז, אַז דיר האָט אויסגעפֿעלט געלט, אָבער דאָ — איז דיין ווירדע אויף דער וואָגשאָל. אָבער אָט איז שוין דאָ דער צוג.

אינדערוויילנס האָט שוין טאַקע געפּייפֿט דער לאָקאָמאָטיוו. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט די פּלאַטפֿאָרם אָנגעהויבן ציטערן; סאָפּענדיק מיט דאַמף, וואָס די פֿראָסט האָט אַראָפּגעזעצט צו דער ערד, האָט זיך דורכגעטראָגן דער לאָקאָמאָטיוו, פּאַמעלעך און ריטמיש איינבייגנדיק און אויסגלייכנדיק די טרייב־שטאַנג פֿונם מיטלסטן ראָד, מיטן זיך בייגנדיקן, אַרומגעבונדענעם און שניי־פֿאַרווייסטן מאַשיניסט; און נאָך דעם טענדער האָט, אַלץ פּאַמעלעכער און אַלץ מער טרייסלענדיק די פּלאַטפֿאָרם, אָנגעהויבן דורכגיין דער באַגאַזש־וואַגאָן מיט אַ היילנדיקן הונט; צום סוף זענען ציטערנדיק פֿאַרן אָפּשטעלן זיך צוגעגאַנגען די פּאַסאַזשירן־וואַגאָנעס.

אַ כוואַטסקע קאָנדוקטאָר האָט געגעבן אַ פֿייף, איז אַראָפּגעשפּרונגען אין גאַנג; און באַלד נאָך אים האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין אומגעדולדיקע פּאַסאַזשירן: אַ גוואַרדיע־אָפֿיציר, וואָס האָט זיך געהאַלטן גלייך און שטרענג זיך אַרומגעקוקט; אַ רירעוודיק, פֿריילעך שמייכלענדיק סוחרל מיט אַ טאָרבע; אַ פּויער מיט אַ זאַק איבערן אַקסל.

וורָאַנסקי איז געשטאַנען צוזאַמען מיט אָבלאָנסקין, האָט באַטראַכט

די וואַגאָנעס און די אויסשטייגנדיקע און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דער מוטער. דאָס, וואָס ער איז נאָר-וואָס געוויר געוואָרן וועגן קיטין, האָט אים אויפגערעגט און געפרייט. זיין ברוסט האָט זיך נישט ווילנ-דיק אויסגעגלייכט, און די אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט זיך געפילט אַלס זיגער.

— די גרעפין ווראָנסקאַיאַ איז אין דעם קיפע, — האָט געזאָגט דער כוואַטסקע קאָנדוקטאָר, צוגייענדיק צו ווראָנסקין.

דעם קאָנדוקטאָרס ווערטער האָבן אים אויפגעוועקט און געניייט אים זיך צו דערמאַנען אָן דער מוטער און אָן דער פאָרשטייענדיקער זעונג מיט איר. ער האָט אין זיין האַרץ נישט געשעצט די מוטער און, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין רעכנונג אין דעם, זי נישט ליב געהאַט, הגם לויט די באַגריפן פון דעם קרייז, אין וועלכן ער האָט געלעבט, לויט זיין דערציִונג, האָט ער זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן קיין אַנדערע באַ-ציִונג צו דער מוטער, ווי אַ הויכסט אונטערטעניקע און רעספּעקטפולע. און אַלץ מער אונטערטעניק און רעספּעקטפול איז אויסע לעך געווען זיין באַציִונג, וואָס ווייניקער ער האָט אין האַרץ זי געשעצט און ליב געהאַט.

XVIII.

ווראָנסקי איז נאָכגעגאַנגען דעם קאָנדוקטאָר אין וואַגאָן אַריין און וואָס אַריינגאַנג אין קופּע זיך אָפּגעשטעלט, כדי דורכצולאָזן אַ דאַמע, וואָס איז אַרויסגע אַנגען.

מיט דעם געוויינטן טאַקט פון אַן אַריסטאָקראַט האָט ווראָנסקי פון ערשטן בליק אויף דער אויסערלעכקייט פון דערדאָזיקער דאַמע באַ-שטימט, אַז זי געהערט צו דער העכערער געזעלשאַפט. ער האָט זיך אַנטשול-דיקט און שוין געוואָלט אַריינגיין אין וואַגאָן, נאָר דערפילט אַ נויטווענ-דיקייט נאָך אַ מאָל אַ קוק צו טון אויף איר — נישט דערפאַר, וואָס זי איז געווען זייער שיין, נישט איבער דעם גלאַנץ און באַשיידענער גראַ-ציע, וואָס זענען קענטיק געווען אין איר גאַנצער פיגור, נאָר דערפאַר, וואָס אין דעם אויס רוק פון דעם באַהנטן פנים בעת זי איז פאַרביי אים דורכגעגאַנגען, איז געווען עפּעס באַזונדער ליבלעכס און צאַרטס. דען

ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט זי אויך אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַ פּאָר בלישטשענדיקע גרויע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזעען שוואַרץ פון די געדיכטע וויעס, האָבן פריינטלעך, אויפמערקזאַם זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין פּנים, ווי זי וואָלט אים דערקענט, און האָבן זיך גלייך איבערגעטראָגן אויף דעם צוגייענדיקן עולם, ווי זוכנדיק עמעצן. אין דעם קורצן בליק האָט ווראָנסקי באַוויזן צו באַמערקן אַן איינגעהאַלטענע לעבהאַפטיקייט, וואָס האָט געשפּילט אויף איר פּנים און געשוועבט צווישן די בלישטשענדיקע אויגן און דעם קוים באַמערקבאַרן שמייכל, וואָס האָט אויסגעבויגן אירע ראָזע ליפּן. גלייך אַן איבערפלוס פון עפּעס וואָלט אַזוי איבערגעפולט איר וועזן, אַז עס האָט קעגן איר ווילן זיך אויסגעדריקט דאָ אין דעם גלאַנץ פון איר בליק, דאָ אין דעם שמייכל. זי האָט בכיוון פאַרלאָשן דאָס ליכט אין די אויגן, אָבער עס האָט קעגן איר ווילן געלויכטן אין דעם קוים באַמערקבאַרן שמייכל.

ווראָנסקי איז אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן. די מוטער זיינע, אַן איינגעטרוקנטע זקנה מיט שוואַרצע אויגן און לעקעלעך, האָט געזשמורעט די אויגן, איינקוקנדיק זיך אין זון, און האָט לייכט געשמייכלט מיט די דינע ליפּן. אויפגעהויבן זיך פון דער סאָפקע און איבערגעבנדיק דאָס בייטעלע דער דינסט, האָט זי דערלאַנגט אַ קליינע דאַרע האַנט דעם זון און, אויפהייבנדיק זיין קאָפּ פון דער האַנט, האָט זי אים אַ קוש געטון אין פּנים אַריין.

— האָסט דערהאַלטן די טעלעגראַמע? געזונט, דאַנקען גאָט.

— דער וועג איז אייך גוט דורכגעגאַנגען? — האָט דער זון געזאָגט, זיך זעצנדיק לעבן איר, און נישט ווילנדיק זיך צוגעהערט צו דער פרויען־שטימע אויף יענער זייט טיר. ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז דאָס קול פון יענער דאַמע, וואָס ער האָט באַגעגנט באַם אַריינגאַנג.

— איך בין דאָך מיט אייך נישט מסכים, — האָט געזאָגט די שטימע פון דער דאַמע.

— דאָס איז אַ פּעטערבורגער מיינונג, מאַדאַם.

— נישט קיין פּעטערבורגער, נאָר פּשוט פון אַ פרוי, — האָט זי געענטפערט.

— נו, דערלויבט צו קושן אייער הענטל.

— צום ווידערזען, איוואַן פּעטראָוויטש. גוט אַ קוק, צי דער ברודער געפינט זיך נישט דאָ, און שיקט אים מיר צו, — האָט די דאַמע געזאָגט באַ דער סאַמע טיר און איז ווידער אַריינגעקומען אין קופּע.

— וואָס־זשע, איר האָט געפונען דעם ברודער? — האָט די ווראָנסקאַיאַ געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו דער דאַמע.

ווראָנסקי האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז דאָס איז די קאַרעונינאַ.

— אייער ברודער געפינט זיך דאָ, — האָט ער געזאָגט, אויפשטייענדיק. — אַנטשולדיקט מיר, איך האָב אייך נישט דערקענט, אונזער באַקאַנטשאַפט איז באמת געווען אַזוי קורץ. — האָט ווראָנסקי געזאָגט, נייגנדיק זיך, — אַז איר געדענקט מיך אוודאי נישט.

— אָ, ניין! — האָט זי געזאָגט, — איך וואָלט אייך דערקענט, ווייל איך האָב מיט אייער מוטער, דאַכט זיך, דעם גאַנצן וועג גערעדט בלויז וועגן אייך, — האָט זי געזאָגט, דערלויבנדיק ענדלעך דער לעבעדיקייט, וואָס האָט זיך געבעטן ארויס, זיך אויסצודריקן אין אַ שמייכל. — און מיין ברודער איז פונדעסטוועגן נישטאָ.

— גיב זשע אים אַ רוף, אַליאָשאַ, — האָט די אַלטע גרעפין געזאָגט.

ווראָנסקי איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער פּלאַטפאָרם און אַ געשריי געטון:

— אָבלאָנסקי, דאָ!

אָבער די קאַרעונינאַ האָט נישט צוגעוואַרט אויפן ברודער, און, דערזעענדיק אים, איז זי מיט אַנטשלאָסענע לייכטע טריט אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן. און ווי נאָר דער ברודער איז צוגעקומען צו איר, האָט זי מיט אַ באַוועגונג, וואָס האָט ווראָנסקין איבערראַשט מיט איר אַנטשלאָסנקייט און גראַציע, אַרומגעכאַפּט דעם ברודער אַרום דעם האַלז מיט דער לינקער האַנט, שנעל אים צוגעצויגן צו זיך און שטאַרק אַ קוש געטון. ווראָנסקי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר און, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, געשמייכלט. נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז די מוטער וואַרט אויף אים, איז ער ווידער אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן.

— נישט אמת, זייער אַ ליבע? — האָט די גרעפין געזאָגט וועגן דער קאַרעונינאַ. — איר מאַן האָט זי אַריינגעזעצט צו מיר, און איך בין זייער צופרידן געווען. מיר האָבן דעם גאַנצן וועג גערעדט. נו, און דו, זאָגט מען... vous filez le parfait amour. Tant mieux, mon cher, tant mieux.

— איך ווייס נישט, אויף וואָס איר דייט אָן, maman, — האָט דער זון קאַלט געענטפערט. — אַלזאָ, maman, גייען מיר.

די קארעבינא איז ווידער צוריקגעקומען אין וואגאן, כדי צו געזעגענען זיך מיט דער גרעפין.

— נו, זעט, גרעפין איר האט געטראפן דעם זון און איך דעם ברודער, — האט זי פריילעך געזאגט, — אויך אלע מיינע מעשיות האבן זיך אויסגעשעפט, ווייטער וואלט שוין נישט געווען וואס צו דערציילן.

— אבער ניין, — האט די גרעפין געזאגט, אננעמענדיק זי פאר דער האנט, — איך וואלט מיט אייך די גאנצע וועלט אויסגעפארן און עס וואלט מיר נישט לאנגווייליק געווען. איר — זענט איינע פון יענע ליבע פרויען, מיט וועלכע עס איז אנגענעם אי צו רעדן אי צו שווייגן. און וועגן זון אייערן, בעט איך אייך, טראכט נישט: מען קאן דאך נישט אייביק זיך נישט צעשיידן.

די קארעבינא איז געשטאנען אומבאוועגלעך, האלטנדיק זיך זייער גלייך, און אירע אויגן האבן געשמייכלט.

— אננא ארקאדיעוונא, — האט די גרעפין געזאגט, דערקלערנדיק דעם זון, — האט א זונעלע פון אכט יאר, דאכט זיך, זי האט זיך נאך קיינמאל נישט צעשיידט מיט אים, און האט אלץ עגמת נפש, וואס זי האט אים איבערגעלאזט.

— יא, מיר האבן די גאנצע צייט מיט דער גרעפין גערעדט: איך וועגן מיינעם, זי וועגן איר זון, — האט די קארעבינא געזאגט, און ווידער האט א שמייכל באלויכטן איר פנים, א שמייכל א ליבלעכער, וואס האט זיך באצויגן צו אים.

— מסתמא, איז דאס אייך זייער לאנגווייליק געווארן, — האט ער געזאגט, גלייך אונטערכאפנדיק אינם פליען דעמדאזיקן באלעם פון קאקעטישקייט, וועלכן זי האט אים געווארפן. אבער זי האט אפנים נישט געוואלט פירן דעם שמועס ווייטער אין דעם טאן און זיך געווענדט צו דער אלטער גרעפין:

— איך דאנק אייך זייער. איך האב אפילו נישט באמערקט, ווי ס'איז בא מיר דער נעכטיקער טאג אריבער. צום ווידערזעען, גרעפין.

— זייט געזונט, מיין פריינט, — האט די גרעפין געענטפערט. — לאזט מיך א קוש טון אייער שיין פנימל. איך וועל אייך פשוט, ווי אן אלטע, אפן זאגן, אז איך האב אייך ליב געקריגן.

ווי סקארבאווע דידאזיקע פראזע איז נישט געווען, האט די קארעבינא קענטיק מיטגאנצן הארץ איר געגלייבט און זיך דערפרייט דערפון. זי

איז רויט געוואָרן, האָט זיך לייכט אָנגעבויגן, אונטערגעשטעלט איר פּנים דער גרעפינס ליפּן, ווידער זיך אויסגעגלייכט און מיטן זעלבן שמייכל, וואָס האָט זיך געפּאַליעט צווישן די ליפּן און די אויגן, האָט זי דער-לאַנגט די האַנט ווראָנסקין. ער האָט אַ דריק געטון די קליינע, אים דער-לאַנגטע האַנט און, ווי פון עפּעס באַזונדערס, זיך דערפרייט פון דעם ענערגישן דריק, מיט וועלכן זי האָט שטאַרק און דרייסט אַ טרייסל גע-טון זיין האַנט. זי איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ שנעלן גאַנג, וואָס האָט אַזוי מאָדנע לייכט געטראָגן איר גענוג פולן קערפּער.

— זייער אַ ליבע, — האָט די אַלטע געזאָגט.

דאָס זעלבע האָט געטראַכט איר זון. ער האָט זי באַגלייט מיט די אויגן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען איר גראַציעזע פיגור איז פאַרשוווּנדן, און דער שמייכל איז שוין געבליבן אויף זיין פּנים. דורכן פענצטער האָט ער געזען, ווי זי איז צוגעגאַנגען צום ברודער, אַרויפגעלייגט אים די האַנט אויף זיין האַנט און עפּעס לעבהאַפט אָנגעהויבן רעדן צו אים, משמעות וועגן עפּעס, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות צו אים, צו ווראָנ-סקין, און דאָס האָט אים אויסגעוויזן פאַרדראָסיק.

— אַלזאָ maman, איר זענט פולשטענדיק געזונט? — האָט ער איבערגעחזרט, ווענדנדיק זיך צו דער מוטער.

— אַלץ גוט, אויסגעצייכנט. אַלעקסאַנדער איז געווען זייער ליבנס-ווירדיק. און מאַריע איז זייער שיין געוואָרן. זי איז זייער אינטע-רעסאַנט.

און האָט ווידער אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דעם, וואָס האָט זי צומייסטנס אינטערעסירט: וועגן דער טויפונג פון אייניקל, צוליב וואָס זי איז געפאָרן קיין פּעטערבורג, און וועגן דער באַזונדערער גנעדיקייט פון קייסער צום עלטערן זון.

— אָט איז אויך לאַווּרענטי, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, קוקנדיק דורכן פענצטער, — איצט קאָנען מיר גיין, אויב איר ווילט.

דער אַלטער הויפדינער, וואָס איז געפאָרן מיט דער גרעפין, איז אַריין אין וואַגאָן מעלדן, אַז אַלץ איז גרייט, און די גרעפין האָט זיך אויפגעהויבן.

— קומט, אַצינד איז ווייניק מענטשן, — האָט ווראָנסקי געזאָגט.

דאָס מיידל האָט גענומען דאָס זעקל און דאָס הינטל, דער הויז-דינער און באַן-טרעגער די איבעריקע זעקלעך; ווראָנסקי האָט גענומען אונטער דער האַנט די מוטער; נאָר ווען זיי זענען שוין אַרויס פון וואַ-

גאָן, זענען פלוצלינג עטלעכע מענטשן מיט צעשראָקענע פנימער פאַרביי־געלאָפן; עס איז אויך פאַרבייגעלאָפן דער שעף פון דער סטאַציע מיט זיין היטל פון אומגעוויינלעכן קאָליר. עס איז, משמעות, געשען עפעס אומגעוויינלעכס. דער עולם פון צוג איז געלאָפן צוריק.

„וואָס?... וואָס?... ווו? זיך אַרונטערגעוואָרפן... צעקוועטשט גע־וואָרן...” האָט זיך געהערט צווישן די דורכגייענדע.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש מיט דער שוועסטער אונטער דער האַנט, אויך מיט צעשראָקענע פנימער, האָבן זיך אומגעקערט, אויסמיידנדיק דעם עולם, און זיך אָפגעשטעלט באַם אַריינגאַנג אין וואַגאָן.

די דאַמען זענען אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן, און ווראָנסקי מיט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשן זענען נאָכגעגאַנגען דעם עולם געוויר ווערן די פרטים פון דעם אומגליק.

אַ וועכטער, צי ער איז געווען שיכור, אָדער צופיל פאַרהילט צו־ליב דער שטאַרקער פראָסט, האָט נישט געהערט דעם צוג, וואָס האָט זיך הינטערווייַלעכץ אָפגערוקט, און מען האָט אים צעקוועטשט.

נאָך פריער, ווי ווראָנסקי מיט אָבלאָנסקין זענען צוריקגעקומען, זענען די דאַמען געוויר געוואָרן דידאָזיקע פרטים פון דעם הויפ־דינער.

אָבלאָנסקי און ווראָנסקי האָבן ביידע געזעען דעם פאַרשניטנדטן טויטן קערפער. אָבלאָנסקי האָט באַשיינפערלעך געליטן. ער האָט זיך פאַרקרימט און איז, דאַכט זיך, גרייט געווען צו וויינען.

— אַך, וואָס פאַר אַ שרעק! אַך, אַננאַ, ווען דו וואָלסט געזעען! אַך! וואָס פאַר אַ שרעק! — האָט ער כסדר גערעדט.

ווראָנסקי האָט געשוויגן, און זיין שיין פנים איז געווען ערנסט, נאָר פולשטענדיק רויק.

— אַך, ווען איר וואָלט געזעען, גרעפין, — האָט סטעפאַן אַרקאַ־דיעוויטש געזאָגט. און זיין ווייב געפינט זיך אויך דאָ... עס איז שרעקלעך זי צו זעען... זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן קערפער. מען זאָגט, ער האָט אײנער אַליין געשפייזט אַ גרויסע פאַמיליע. סאַראַ גרויל.

— קאָן מען נישט עפעס טון פאַר איר? — האָט מיט אַן אויפגע־רעגטן פליסטער געזאָגט די קאַרענינאַ.

ווראָנסקי האָט אַ בליק געטון אויף איר און איז גלייך אַרויסגע־גאַנגען פון וואַגאָן.

— איך קום גלייך, maman, — האָט ער צוגעגעבן, אויסדרייענדיק זיך אין דער טיר.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין עטלעכע מינוט אַרום, האָט סטע־פּאַן אַרקאַדיעוויטש שוין געשמועסט מיט דער גרעפין וועגן אַ נייער זינגערין, און די גרעפין האָט זיך אומגעדולדיק אומגעקוקט אויף דער טיר, אַפּוואַרטנדיק דעם זון.

— אַצינד לאָמיר גיין, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, אַריינקומענדיק. זיי זענען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען. ווראָנסקי איז געגאַנגען פאַרויס מיט דער מוטער. פון הינטן איז געגאַנגען די קאַרענינאַ מיטן ברודער. באַם אַרויסגאַנג איז צו ווראָנסקין צוגעקומען דער שעף פון דער סטאַציע, וואָס האָט אים דעריאָגט.

— איר האָט איבערגעגעבן מיין געהילף צוויי הונדערט רובל. זייט אייך מטריח אָנצומערקן, פאַר וועמען איר באַשטימט זיי.

— דער אַלמנה, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, אַ קוועטש געבנדיק מיט די פּלייצעס. — איך פאַרשטיי נישט, וואָס ס'איז דאָ פאַראַן צו פרעגן.

— איר האָט געגעבן? — האָט אָבלאָנסקי פון הינטן אַ געשריי גע־טון, און, צודריקנדיק דער שוועסטערס האַנט, האָט ער צוגעגעבן: — זייער פיין, זייער פיין. נישט אמת, אַ וווילער יאָט? מיין אַכטונג, גרעפין.

און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער שוועסטער, זוכנדיק איר מיידל.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען, איז די ווראָנסקיס קאַטש שוין אָפּגע־פאָרן. די אַרומיקע מענטשן האָבן נאָך אַלץ געשמועסט וועגן דעם גע־שעענעם.

— אָט דאָס הייסט אַ שרעקלעכער טויט, — האָט געזאָגט עפּעס אַ הער פאַרבייגייענדיק. — מען זאָגט, אויף צוויי שטיק.

— איך מיין, פאַרקערט, דער לייכטסטער, אָן אויגנבליקלעכער, — זאָגט אַ צווייטער באַמערקט.

— און מען וועט אַזוי נישט אָננעמען קיין מיטלען, — האָט אַ דריטער געזאָגט.

די קאַרענינאַ האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַטש, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט מיט פאַרוווּנדערונג דערזעען, אַז אירע ליפּן ציטערן, און זי האַלט מיט אָנשטרענגונג איין די טרערן.

— וואָס איז מיט דיר, אננאַ? — האָט ער געפרעגט, ווען זיי זענען אַפּגעפאָרן עטלעכע הונדערט סאַזשען.

— אַ שלעכטער סימן, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט. — דו ביסט געקומען, דאָס איז דער עיקר. דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן, ווי איך רעכן אויס אויף דיר.

— און דו קענסט שוין לאַנג ווראָנסקין? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ, דו ווייסט, מיר רעכענען, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט קיטין.

— יאָ? — האָט אַננאַ שטיל געזאָגט. — נו, אַצינד לאָמיר רעדן וועגן דיר, — האָט זי צוגעגעבן, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט פיזיש געוואָלט פאַרטרייבן עפּעס איבעריקס, וואָס האָט איר געשטערט. — לאָמיר רעדן וועגן דיינע זאַכן. איך האָב דערהאַלטן דיין בריוו און אָט בין איך געקומען.

— יאָ, די גאַנצע האָפענונג איז אויף דיר, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

— נו, דערציי־ל מיר אַלץ.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט גענומען דערציילן.

צוקומענדיק צום הויז, האָט אָבלאָנסקי געהאָלפן דער שוועסטער אַראָפּגיין פון דער קאַרעטש, האָט אַ זיפץ געטון, אַ דריק געגעבן איר האַנט און איז אַוועק אין אַמט אַריין.

XIX.

ווען אַננאַ איז אַריינגעקומען אין צימער, איז דאָלי געזעסן אין קליינעם גאַסטצימער מיט אַ ווייסקעפּיקן פולקן יינגל, וואָס איז שוין אַצינד ענלעך געווען צום פאָטער, און אויסגעהערט זיין לעקציע פון פראַנצויזיש לייענען. דאָס יינגל האָט געלייענט, דרייענדיק אין דער האַנט און באַמיענדיק זיך אָפּצורייסן פונם קורטקעלע אַ קנעפּל, וואָס האָט זיך שוין קוים געהאַלטן. די מוטער האָט עטלעכע מאָל אַוועקגענומען די האַנט,

אָבער דאָס פּוכיקע הינטל האָט ווידער אָנגעכאַפּט דאָס קנעפּל. די מוטער האָט אָפּגעריסן דאָס קנעפּל און עס אַרײַנגעלייגט אין קעשענע.

— לאָז צורו די הענט, גרישאַ, — האָט זי געזאָגט און ווידער זיך גענומען צו איר קאָלדרע, אַ לאַנגסטיקע אַרבעט, צו וועלכער זי פלעגט זיך שטענדיק נעמען אין שווערע מינוטן; זי האָט אַצינד געשטריקט נערוועיש, פאַרבייגנדיק מיטן פינגער און ציילנדיק די אויגן. הגם זי האָט נעכטן געהייסן זאָגן דעם מאַן, אַז עס אַרט זי נישט, צי זײַן שוועסטער וועט יאָ אָדער נישט קומען, האָט זי דאָך אַלץ צוגעגרייט פאַר איר קומען און מיט אויפרעגונג אָנגעוואַרט די שווגערין.

דאָלי איז געווען דערשלאָגן פון איר צרה, אינגאַנצן פאַרשלונגען פון איר. פונדעסטוועגן האָט זי געדענקט, אַז אַננאַ, די שווגערין, איז די פרוי פון איינעם פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין פּעטערבורג און אַ פּעטערבורגער grande dame. און אַ דאַנק דעם דאָזיקן אומשטאַנד, האָט זי נישט דערפילט דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט דעם מאַן, דאָס הייסט, נישט פאַרגעסן, אַז די שווגערין קומט צו פאָרן. „אײַגנטלעך איז דאָך אַננאַ אין גאָרנישט שולדיק, — האָט דאָלי געטראַכט. — איך ווייס וועגן איר בלויז גוטס, און אין דער באַציונג צו מיר האָב איך געזען פון איר בלויז ליבלעכקייט און פרײַנטשאַפט“. אמת, אויף וויפל זי האָט געקאָנט געדענקען איר אײַנדרוק אין פּעטערבורג בײַ די קאַרענינס, איז איר דאָס הויז גופא זייערס נישט געפעלן געוואָרן: עפּעס איז געווען פאַלשס אין דעם גאַנצן תוך פון זייער פאַמיליען-לעבן. „נאָר פאַרוואָס-זשע זאָל איך זי נישט אויפנעמען? עס זאָל איר נאָר נישט אײַנפאַלן מיך צו טרייסטן! — האָט דאָלי אַ קלער געטאָן. — אַלע טרייסט-ווערטער, סיי מוסר-רייד, סיי קריסטלעכע פאַרגעבונגען, — דאָס אַלץ האָב איך שוין טויזנט מאָל איבערגעטראַכט, און דאָס אַלץ טויג נישט“.

די אַלע טעג איז דאָלי געווען אַליין מיט די קינדער. רעדן וועגן איר צרה האָט זי נישט געוואָלט, און מיט דער דאָזיקער צרה אין האַרץ רעדן וועגן זײַטיקע זאַכן, האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט געוווּסט, אַז סיי-ווי-סיי וועט זי אַננען אַלץ דערציילן, און דאָ האָט זי געפרייט דער געדאַנק, וואָס זי וועט דערציילן, דאָ האָט זי בייז געמאַכט די נויטווענדיקייט צו רעדן וועגן דער אייגענער דערנידערונג מיט איר, מיט זײַן שוועסטער, און אויסהערן פון איר די גרייטע פראַזן פון מוסר און טרייסט.

זי האָט, ווי עס געשעט אָפט, קוק-דיק אויפן זייגער, זיך געריכט

אויף איר יעדע מינוט און דורכגעלאָזט דורכא יענע. ווען דער גאַסט איז געקומען, איזי, אַז זי האָט נישט געהערט דעם קלונג פֿון גלעקל.

דערהערנדיק אַ געריש פֿון אַ קלייד און לייכטע טריט שוין אין דער טיר, האָט זי זיך אומגעקוקט און אויף איר אויסגעמאַטערט פּנים האָט זיך נישט ווילנדיק אויסגעדריקט נישט קיין פֿרייד, נאָר פֿאַרוווּנדערונג. זי איז אויפֿגעשטאַנען און אַרומגענומען די שוועגערין.

— וואָס, שוין געקומען? — האָט זי געזאָגט, קושנדיק זי.

— דאָללי, ווי עס פֿרייט מיך דיך צו זעען!

— און מיך אויך, — האָט דאָללי געזאָגט לייכט שמייכלענדיק און באַמיענדיק זיך, לויט דעם אויסדרוק פֿון אַננאַס פּנים, געוווּיר צו ווערן, צי זי ווייסט. „געוויס ווייסט זי", האָט זי אַ קלער געטון, באַמערקנדיק מיטלייד אויף אַננעס פּנים. — נו, קום, איך וועל דיך אַריינפֿירן אין דיין צימער, — האָט זי ווייטער געזאָגט, באַמיענדיק זיך, ווי ווייט מעגלעך, אָפּציִען די מינוט פֿון דורכרעדן זיך.

— דאָס איז גרישאַ? גאָט מיינער, ווי אויסגעוואַקסן ער איז, — האָט אַננאַ געזאָגט, און קושנדיק אים, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פֿון דאָללין, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און איז רויט געוואָרן. — ניין, דערלויב מיר אין ערגעץ נישט צו גיין.

זי האָט אויסגעטון דאָס טיכל, דעם הוט, און פֿאַרטשעפּענדיק אים אין אַ פּאַסמע פֿון אירע שוואַרצע, אין אַלע זייטן זיך קרייזלענדיקע האָר, האָט זי, דרייענדיק מיטן קאָפּ, אָפּגעטשעפּעט די האָר.

— און דו זעסט אויס געזונט און גליקלעך! — האָט דאָללי כמעט מיט קנאה געזאָגט.

— איך?... יאָ, — האָט אַננאַ געזאָגט. — גאָט מיינער, טאַניאַ! פֿון די זעלבע יאָרן, וואָס מיין סעריאָזשאַ, — האָט זי צוגעגעבן, זיך אויסדרייענדיק צום אַריינגעלאָפֿענעם מיידעלע, זי האָט זי גענומען אויף דער האַנט און איר אַ קוש געטון. — אַ הערלעך מיידעלע, אַ פּראַכט! ווייז־זשע מיר אַלע.

זי האָט זיי אָנגערופֿן און זיך דערמאָנט נישט בלויז די נעמען, נאָר די יאָרן, חדשים, כאַראַקטערן, קראַנקייטן פֿון אַלע קינדער, און דאָללי האָט דאָס נישט געקאָנט נישט אָפּשאַצן.

— נו, קום־זשע צו זיי, — האָט זי געזאָגט. — וואַסיאַ שלאָפֿט אַצינד, אַ שאָד.

אָנגעקוקט די קינדער, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט שוין אַליין אין

גאַסטצימער, בײַ דער קאַווע. אננאַ האָט אָנגענומען די טאַץ און דערנאָך זי אָפּגערוקט.

— דאָללי, — האָט זי געזאָגט, — ער האָט מיר דערציילט.

דאָללי האָט קאַלט אַ קוק געטון אויף אננען. זי האָט זיך געריכט אַצינד אויף געמאַכטע מיטפילנדיקע פראַזן, אָבער אננאַ האָט קיין שום ענלעכס נישט געזאָגט.

— דאָללי, ליבע! — האָט זי געזאָגט, — איך וויל אים נישט פאַרטיידיקן פאַר דיר, נישט טרייסטן דיך; דאָס איז נישט מעגלעך. נאָר הארצינקע, איך האָב פשוט מיטלייד, מיטלייד אויף דיר מיטן גאַנצן האַרץ!

פון הינטער די געדיכטע ווײַס אָפּער פון אירע בלישטשענדיקע אויגן האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן טרערן. זי האָט זיך איבערגעזעצט נענ־טער צו דער שווענערין און זי אָנגענומען בײַ דער האַנט מיט איר ענער־גישער קלײנער האַנט. דאָללי האָט זיך נישט אָפּגערוקט, אָבער איר פּנים האָט נישט געביטן דעם טרוקענעם אויסדרוק. זי האָט געזאָגט:

— טרייסטן מיך קאָן מען נישט. אַלץ איז פאַרלוירן נאָכדעם, וואָס עס איז געווען, אַלץ פאַרפאַלן!

און, ווי נאָר זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז דער אויסדרוק פון איר פּנים ווייכער געוואָרן. אננאַ האָט אויפגעהויבן דאָללים טרוקענע, דאַ־רע האַנט, אַ קוש געטון און געזאָגט:

— אָבער, דאָללי, וואָס־זשע טון, וואָס־זשע טון? ווי אַזוי איז גלײַ־כער צו האַנדלען אין דערדאָזיקער שרעקלעכער לאַגע? — אָט וועגן וואָס מען דאַרף אַ קלער טון.

— אַלץ איז געענדיקט, און מער גאָרנישט, — האָט דאָללי גע־זאָגט. — און ערגער פון אַלעם איז דאָס, דו פאַרשטײ מיך, וואָס איך קאָן אים נישט אַוועקוואַרפן: די קינדער, איך בין געבונדן. און מיט אים לעבן קאָן איך נישט, פאַר מיר איז אַ פּײַן צו זעען איר.

— דאָללי, טײַבעלע, ער האָט מיר דערציילט, אָבער איך וויל פון דיר הערן, דערצייל מיר אַלץ.

דאָללי האָט מיט אַ פראַגע אַ קוק געטון אויף אים.

נישט געמאַכטע מיטלייד און ליבשאַפט זענען קענטיק געווען אויף אננעס פּנים.

— דערלויב, — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט. — אָבער איך וועל דערציילן פון אָנהייב. דו ווייסט ווי אַזוי איך האָב חתונה געהאַט. איך

בין פון דער מוטערס דערציונג געווען נישט בלויז אומשולדיק. נאָר כ׳בין
געווען נאַריש. איך האָב גאָרנישט געוווּסט. איך ווייס, מען זאָגט, אַז מע-
בער דערציילן די ווייבער זייער פריערדיק לעבן, נאָר סטיוואַ... — זי
האָט זיך איסגעבעסערט: — סטעפּאַן אַרקאַדיטש האָט מיר גאָרנישט
געזאָגט. דו וועסט דיר נישט צוגלייבן, נאָר איך האָב ביז איצט געמיינט,
אַז איך בין די איינציקע פרוי, וועלכע ער האָט געקענט. אַזוי האָב איך
געלעבט אַכט יאָר. דו פאַרשטיי, אַז איך האָב נישט בלויז נישט חושד געווען
קיין אומטריישאַפט, נאָר אַז איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אוממעגלעך,
און דאָ, שטעל דיר פאָר, מיט אַזעלכע באַגריפן פלוצלינג געוויר ווערן
די גאַנצע שרעקלעכקייט, די גאַנצע מיאוסקייט... דו פאַרשטיי מיך. זיין
פולשטענדיק זיכער אין אייגענעם גליק, און פלוצלינג... — האָט דאָלי
פאַרגעזעצט, איינהאַלטנדיק די שלוכצן, — און באַקומען אַ בריוו... זיינס אַ
בריוו צו זיין געליבטער, צו מיין גוווערנאַנטין. ניין, דאָס איז צו שרעק-
לעך! — זי האָט איילִיק אַרויסגענומען דאָס טיכל און זיך פאַרשטעלט
דערמיט דאָס פּנים. — איך וואָלט נאָך פאַרשטאַנען אַן עקזאַלטאַציע, —
האָט זי פאַרגעזעצט, שווייגנדיק אַ ווײַלע, — אָבער באַרעכנט, כיטרע מיך
אָפּצונאַרן... און מיט וועמען?... זיין ווייטער מיין מאַן צוזאַמען מיט איר...
דאָס איז שרעקלעך! דו קאָנסט נישט פאַרשטיין...

— אָ, ניין, איך פאַרשטיי! איך פאַרשטיי, ליבע דאָלי, איך פאַר-
שטיי, — האָט אַננאַ געזאָגט, דריקנדיק איר האַנט.

— און דו מיינסט, אַז ער פאַרשטייט די גאַנצע שרעקלעכקייט פון
מיין לאַגע? — האָט דאָלי פאַרגעזעצט. — לגמרי נישט! ער איז גליק-
לעך און צופרידן.

— אָ, ניין! — האָט אַננאַ שנעל איבערגעשלאָגן. — ער רופט אַרויס
רחמנות, ער איז דערשלאָגן פון חרטה...

— ער איז דען פעיק אויף חרטה? — האָט דאָלי איבערגע-
שלאָגן, אויפמערקזאַם זיך איינקוקנדיק אין דער שוועגערינס פּנים.

— יאָ, איך קען אים. איך האָב נישט געקאָנט אָן רחמנות קוקן
אויף אים. מיר קענען אים ביידע. ער איז גוט, אָבער שטאָלץ, און אַצינד
אַזוי דערנידעריקט. דער עיקר, וואָס מיך האָט גערירט... (און דאָ האָט
אַננאַ צוגעטראָפן דעם עיקר, וואָס האָט געקאָנט רירן דאָלין) אים פּיי-
ניקן צוויי זאַכן: דאָס, וואָס אים איז אַ בושה פאַר די קינדער, און דאָס,
וואָס ליבנדיק דיך... יאָ, יאָ, ליבנדיק מער פון אַלעם אויף דער וועלט, —
האָט זי איילִיק איבערגעשלאָגן דאָלין, וועלכע האָט געוואָלט דערווידערן, —

האָט ער דיר ווי געטון, דיך דערשלאָגן. „ניין, ניין, זי וועט נישט מוחל זיין״, זאָגט ער אַלץ אײנײנעם.

דאָלי האָט פאַרטראַכט געקוקט פאַרבײ דער שוועגערין, הערנדיק אירע ווערטער.

— יאָ, איך פאַרשטיי, אַז זיין לאַגע איז שרעקלעך: דעם שולדיקן איז שווערער, ווי דעם אומשולדיקן, — האָט זי געזאָגט, אויב ער פילט, אַז ער איז דער שולדיקער אין דעם גאַנצן אומגליק. אָבער ווי אַזוי־זשע מוחל זיין, ווי אַזוי ווידער זיין זיין ווייב נאָך איר. פאַר מיר וועט איצט זיין אַ פּיין צו לעבן מיט אים, טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב ליב מיין פריערדיקע ליבע צו אים...

און שלוכצן האָבן איבערגעריסן אירע ווערטער.

אָבער, ווי אויף להכעיס, האָט זי יעדעס מאָל, וואָס זי איז ווייכער געוואָרן, ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, וואָס האָט זי אויפגערייצט.

— זי איז דאָך יונג, זי איז דאָך שיין, — האָט זי פאָרגעזעצט. — צי פאַרשטייסטו, אַננאַ, אַז בײַ מיר איז מיין יוגנט, שיינקייט צוגענומען געוואָרן... דורך וועמען? דורך אים און זיינע קינדער. איך האָב אים אָפּגעדינט, און אויף דערדאָזיקער דינסט איז אַוועקגעגאַנגען אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, און אים איז אַצינד, פאַרשטייט זיך, אַ פריש, געמיין וועזן אָנגענעמער. זיי האָבן, אוודאי, צווישן זיך גערעדט וועגן מיר אָדער, נאָך ערגער, פאַרשוויגן... דו פאַרשטייסט?

ווידער האָבן זיך מיט האַס אָנגעצונדן אירע אויגן.

— און נאָכדעם וועט ער מיר זאָגן... וואָס־זשע, איך וועל אים גלייבן? קיינמאָל. ניין, עס איז שוין געענדיקט אַלץ, אַלץ, וואָס איז געווען די טרייסט, די באַלוינונג פאַר דער מי, פאַר די פּיין... דו וועסט מיר גלייבן? איך האָב נאָר־וואָס געלערנט גרישען: פריער פלעגט דאָס זיין אַ פרייד, איצט אַ פּיין. נאָכוואָס באַמי איך זיך, אַרבעט? נאָכוואָס זיי קינדער? עס איז שרעקלעך דאָס, וואָס מיין האַרץ האָט זיך פּלוצלינג איבערגעקערט, און אָנשטאָט ליבע, צערטלעכקייט, פיל איך צו אים בלויז כעס, יאָ, כעס. איך וואָלט אים דערהרגעט און...

— האַרצינקע, דאָלי, איך פאַרשטיי, אָבער פּייניק זיך נישט. דו ביסט אַזוי באַליידיקט, אַזוי אויפגערעגט, אַז דו זעעסט זייער אַ סך נישט ווי געהעריק.

דאָלי איז שטיל געבליבן, און זיי האָבן אַ צוויי מינוט געשוויגן.

— וואָס טון, גיב אַ קלער, אַננאַ, העלף מיר. איך האָב אַלץ איבער־געקלערט און זע גאָ נישט.

אַננאַ האָט גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן, אָבער איר האַרץ האָט זיך גלייך אָפּגערופן אויף יעדן וואָרט, אויף יעדן אויסדרוק פון דער שוועגעריגס פּנים.

— איך וועל איינס זאָגן, — האָט אַננאַ אָנגעהויבן: — איך בין זיין שוועסטער, איך קען זיין כאַראַקטער, דידאָזיקע פעיקייט אַלץ, אַלץ צו פאַרגעסן (זי האָט געמאַכט אַ זשעסט פאַרן שטערן), דידאָזיקע פעיקייט אויף פולשטענדיקער עקזאַלטאַציע, אָבער דערפאַר אויך אויף פולשטענדיקער חרטה. ער גלייבט נישט. פאַרשטייט נישט אַצינד, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט טון דאָס, וואָס ער האָט געטון.

— ניין, ער פאַרשטייט, ער האָט פאַרשטאַנען! — האָט דאָללי איבערגעשלאָגן. — אָבער איך... דו פאַרגעסט מיך... צי איז דען מיר גרינגער?

— וואַרט־צו. איך בין דיר מודה, אַז ווען ער האָט מיר דערציילט, האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען די גאַנצע שרעקלעכקייט פון דיין לאַגע. איך האָב געזעען בלויז אים און דאָס, וואָס די פאַמיליע איז צערודערט; איך האָב אויף אים רחמנות געהאַט; אָבער נאָכן דורכרעדן זיך מיט דיר, זע איך, ווי אַ פרוי, עפּעס אַנדערש; איך זע דיינע ליידן, און כ'קאָן דיר נישט זאָגן, ווי גרויס מיטלייד איך האָב מיט דיר! נאָר, דאָללי, האַרציניקע, איך פאַרשטיי דיינע ליידן פולשטענדיק, בלויז איינס ווייס איך נישט: איך ווייס נישט... איך ווייס נישט, וויפיל ליבע עס איז נאָך דאָ אין דיין האַרץ צו אים. דאָס ווייסטו, — צי עס איז דאָ אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל קאָנען מוחל זיין. אויב עס איז דאָ, טאָ זיי מוחל!

— ניין, — האָט דאָללי אָנגעהויבן; נאָר אַננאַ האָט איר איבערגעריסן, קושנדיק נאָכאַמאָל איר האַנט.

— איך קען בעסער פאַר דיר די וועלט, — האָט זי געזאָגט. — איך קען דידאָזיקע מענטשן, ווי סטיוואַ, ווי אַזוי זיי קוקן אויף דעם. דו זאָגסט, אַז ער האָט מיט איר גערעדט וועגן דיר. דאָס איז נישט געווען. דידאָזיקע מענטשן טוען אומטרייקייטן, אָבער זייער היים און פרוי — דאָס איז פאַר זיי אַ הייליקטום. דידאָזיקע פרויען בלייבן עפּעס אויף אַ מאָ־נע אופן פאַראַכטעט פון זיי און שטערן נישט דער פאַמיליע. זיי פירן עפּעס דורך אַ נישט דורכגענגלעכע גרענעץ צווישן דער פאַמיליע און דעמדאָזיקן. איך פאַרשטיי דאָס נישט, נאָר דאָס איז אַזוי.

— דאָללי, וואַרט נאָר, האַרצינקע. איך האָב געזען סטיוואַן, ווען ער איז געווען פאַרליבט אין דיר. איך געדענק די צייט, און ער פלעגט קומען צו מיר און וויינען. רעדנדיק וועגן דיר, ווען וואָסער פּאָעזיע און היכקייט דו ביסט געווען פאַר אים, און איך ווייס, אז וואָס מער ער האָט געלעבט מיט דיר, אַלץ העכער ביסטו געוואָרן פאַר אים. מיר פלעגן דאָך לאַכן פון אים, וואָס ער פלעגט צו יעדן וואָרט צוגעבן: „דאָללי איז אַ וואונדערבאַרע פרוי". דו ביסט פאַר אים תמיד געווען אַ געטלעכקייט און געבליבן, און דידאָזיקע עקזאַלטאַציע איז נישט פון זיין האַרץ...

— אָבער אויב די עקזאַלטאַציע וועט זיך איבערחזרן?

— דאָס קאָן זיך נישט איבערחזרן, ווי איך פאַרשטיי...

— יאָ, אָבער דו וואָלסט מוחל געווען?

— איך ווייס נישט, איך קאָן נישט משפטן... ניין, איך קאָן, — האָט אַננאַ געזאָגט, אַ קלער געבנדיק און, אויפכאַפּנדיק מיטן געדאַנק די לאַגע און איבערוועגנדיק זי אויף די אינערלעכע וואָגשאָלן, האָט זי צוגעגעבן: — ניין, איך קאָן, כ קאָן, כ'קאָן. יאָ, איך וואָלט מוחל געווען. איך וואָלט נישט געווען די אייגענע, יאָ, אָבער איך וואָלט מוחל געווען און אַזוי מוחל געווען, ווי דאָס וואָלט נישט געווען, לגמרי נישט געווען...

— נו, פאַרשטייט זיך, — האָט דאָללי שנעל איבערגעריסן, ווי זי וואָלט געזאָגט דאָס, וואָס זי אַליין האָט נישט איינמאָל געטראַכט, — אַנדערש וואָלט דאָס נישט געווען קיין פאַרצייונג. אויב מוחל זיין, איז אינגאַנצן, אינגאַנצן. נו, קום, איך וועל דיך אַריינפירן אין דיין צימער, — האָט זי געזאָגט, אויפשטייענדיק, און אויפן וועג אַרומגענומען אַננען. — ליבע מיינע, ווי צופרידן בין איך, וואָס דו ביסט געקומען. מיר איז לייכטער, אַ סך לייכטער געוואָרן.

XX.

דעמדאָזיקן גאַנצן טאָג האָט אַננאַ פאַרברענגט אינדערהיים, דאָס הייסט, בא די אָבלאָנסקיס, און נישט אויפגענומען קיינעם, וואָרים טייל פון אירע באַקאַנטע, וואָס האָבן שוין באַוויזן געוווּר צו ווערן וועגן איר קומען, זענען געקומען דעם זעלבן טאָג. אַננאַ האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן פאַרברענגט מיט דאָללין און מיט די קינדער. זי האָט בלויז געשיקט

אַ צעטעלע דעם ברודער, אַז ער זאָל אומבאַדינגט עסן מיטאָג אין דער היים. „קום צו פאָרן, גאָט איז באַרמהאַרציק", האָט זי געשריבן.

אָבלאָנסקי האָט געגעסן מיטאָג אין דער היים; דער שמועס איז געווען אַ בשותּפותדיקער, און דאָס ווייב האָט גערעדט מיט אים, זאָגנדיק אים „דו", וואָס עס איז פריער נישט געווען. אין די באַציונגען פון מאַן און ווייב איז געבליבן די זעלבע פאַרפרעמדקייט, נאָר עס איז שוין נישט געווען קיין רייד וועגן צעגיין זיך, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט געזען אַ מעגלעכקייט דורכצורעדן זיך און שלום מאַכן.

באַלד נאָך מיטאָג איז קיטי געקומען. זי האָט געקענט אַננאַ אַרקאַדיעוונען, אָבער זייער ווייניק, און איז אַצינד צו דער שוועסטער געפאָרן נישט אָן שרעק פאַר דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע פּעטערבורגער הויכוועלטישע דאַמע, וועלכע אַלע לויבן אַזוי, וועט זי אויפנעמען. אָבער זי איז אַננאַ אַרקאַדיעוונען געפעלן געוואָרן, — דאָס האָט זי באַלד דערזען. אַננאַ האָט, באַשיינפערלעך, באַוווּנדערט איר שיינקייט און יונגקייט, און נאָך איידער קיטי האָט באַוויזן זיך אַרומצוזען, האָט זי זיך שוין געפילט נישט בלויז אונטער איר ווירקונג, נאָר אַפילו פאַרליבט אין איר אַזוי, ווי עס זענען נאָר פעיק זיך צו פאַרליבן יונגע מיידלעך אין פאַרהייראַטע און עלטערע דאַמען. אַננאַ איז נישט ענלעך געווען צו קיין הויכוועלטישער דאַמע אָדער צו אַ מוטער פון אַן אַכט־יעריקן זון. לויט דער בויגעוודיקייט פון די באַוועגונגען, לויט דער פרישקייט און שטענדיקער לעבהאַפטיקייט אויפן פנים, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן אַמאָל אין אַ שמייכל, אַמאָל אין אַ בליק, וואָלט זי גיכער געקאָנט אָנגיין פאַר אַ צוואַנציק־יעריק מיידל, ווען נישט דער ערנסטער, טיילמאָל טרויעריקער אויסדרוק פון אירע אויגן, וועלכער האָט קיטין איבערראַשט און צוגעצויגן צו זיך. קיטי האָט געפילט, אַז אַננאַ איז אַ גאַנץ איינפאַכע און זי פאַרבאָרגט גאָרנישט, נאָר אַז אין איר לעבט עפּעס אַ צווייטע, העכערע וועלט מיט נישט צוטריטלעכע פאַר איר אינטערעסן, קאָמפּליצירטע און פּאָעטישע.

נאָכן מיטאָג, ווען דאָללי איז אַרויסגעגאַנגען אין איר צימער אַריין, איז אַננאַ אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום ברודער, וועלכער האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר.

— סטיוואַ, — האָט זי אים געזאָגט, פריילעך אונטערווינקענדיק, צלמענדיק אים און אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער טיר. — גיי, און זאָל דיר גאָט העלפן.

ער האָט אויסגעוואָרפן דעם ציגאַר, פאַרשטייענדיק זי, און פאַר־שוווּנדן הינטער דער טיר.

ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי זיך אומגעקערט אויף דער סאָפע, ווו זי איז געזעסן אַרומגערינגלט פון די קינדער. צי דערפאַר, וואָס די קינדער האָבן געזען, אַז די מאַמע האָט ליב די־דאָזיקע מומע, אָדער דערפאַר, וואָס זיי אַליין האָבן געפילט אין איר אַ באַזונדערן צויבער, נאָר ביידע עלטערע, און נאָך זיי אויך די יינגערע, ווי דאָס געשעט אָפט מיט קינדער, האָבן נאָך פאַרן מיטאָג זיך צוגעקלעבט צו דער נייער מומע און ניט אָפּגעטרעטן פון איר. און בא זיי האָט זיך געשאַפן עפּעס ווי אַ מין שפּיל, וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל וואָס נענטער זיצן לעבן דער מומע, אָנרירן זי, האַלטן איר קליינע האַנט, קושן זי, שפּילן זיך מיט איר רינג אָדער כאָטש אָנרירן די פאַלבן פון איר קלייד.

— נו, נו, ווי מיר זענען פריער געזעסן, — האָט אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, געזאָגט זעצנדיק זיך אויף איר אָרט.

און ווידער האָט גרישאַ אונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער איר האַנט און זיך אָ געלענט מיטן קאָפּ אויף איר קלייד, און זיך צעשיינט פון שטאָלץ און גליק.

— ווען־זשע איז דער באַל? — האָט זי זיך געווענדט צו קיטין.

— אויף דער צווייטער וואָך, און אַ הערלעכער באַל. איינער פון די באַלן, אויף וועלכע עס איז תמיד פריילעך.

— און פאַראַן אַזעלכע, אויף וועלכע עס איז תמיד פריילעך? — האָט מיט אַ צערטלעכער איראָניע אַננאַ געזאָגט.

— זעלטן, אָבער פאַראַן. בא די באָברישטשעווס איז תמיד פריילעך, בא די ניקיטינס אויך און בא די מעזשקאָווס איז תמיד לאַנגווייליק. איר האָט דאָס נישט באַמערקט?

— ניין, נשמה מיינע, פאַר מיר זענען שוין נישט פאַראַן אַזעלכע באַלן, ווו עס איז פריילעך, — האָט אַננאַ געזאָגט, און קיטי האָט דערזען אין אירע אויגן יענע באַזונדערע וועלט, וועלכע איז איר נישט צעעפנט געוואָרן. — פאַר מיר זענען פאַראַן אַזעלכע, אויף וועלכע עס איז ווייניקער שווער און לאַנגווייליק...

— ווי אַזוי קאָן איך זיין לאַנגווייליק אויף אַ באַל?

— פאַר־וואָס־זשע קאָן מיר נישט זיין לאַנגווייליק אויף אַ באַל? — האָט אַננאַ געפרעגט.

קיטי האָט באַמערקט, אַז אננא ווייסט וואָסער ענטפער עס וועט אָנקומען.

— דערפאַר וואָס איר זענט שמענדיק שענער פון אַלע.

אננא האָט געהאַט אַ טבע רויט צו ווערן. זי איז רויט געוואָרן און האָט געזאָגט:

— ערשטנס, קיינמאָל נישט, און צווייטנס, ווען דאָס וואָלט אפילו געווען, איז צוואָס דאַרף איך עס?

— איר וועט פאָרן אויף דעם באַל? — האָט קיטי געפרעגט.

— איך מיין, אַז מען וועט נישט קאָנען נישט פאָרן. אָט דאָס נעם, — האָט זי געזאָגט טאַניען, וועלכע האָט אַראָפּגעשלעפּט אַ רינגל, וואָס איז לייכט אַראָפּגעגאַנגען פון איר ווייסן און אין עק דינעם פינגער.

— עס וועט מיך זייער פרייען, אויב איר וועט פאָרן. איך וואָלט אייך אַזוי געוואָלט זעען אויפן באַל.

— יעדנפאַלס, אויב ס'וועט אויסקומען צו פאָרן, וועל איך מיך פרייען מיטן געדאַנק אַז דאָס וועט אייך פאַרשאַפן פאַרגעניגן... גרישאַ, רייס נישט, איך בעט דיך, זיי האָבן זיך אַזוי אויך אַלע צעשויבערט, — האָט זי געזאָגט, גלייך מאַכנדיק זיך אַן אַראָפּגעפאַלענע פאַסמע האָר, מיט וועלכער גרישאַ האָט זיך געשפּילט.

— איך שטעל מיר אייך פאָר אויפן באַל אין לילאַ.

— פאַרוואָס־זשע דווקא אין לילאַ? — האָט אננאַ שמייכלענדיק געפרעגט. — נו, קינדער, גייט, גייט, איר הערט? מיס גול רופט טיי טרינקען, — האָט זי געזאָגט, אָפּרייסנדיק פון זיך די קינדער און אַריינשיקנדיק זיי אין עסצימער.

— און איך ווייס, פאַרוואָס איר לאַדט מיך איין אויפן באַל. איר דערוואַרט אַ סך פון דעם באַל. און אייך ווילט זיך, אַז אַלע זאָלן דערביי זיין, אַז אַלע זאָלן אָנטייל נעמען.

— פונוואַנען ווייסט איר? יאָ.

— אָ! ווי שיין אייער צייט איז, — האָט אננאַ פאַרגעזעצט. — איך געדענק און קען די מדאָזיקן בלויען נעפּל, אַ שטייגער ווי אויף די בערג אין דער שווייץ. דערדאָזיקער נעפּל, וואָס באַדעקט אַלץ אין דערדאָזיקער גליקלעכער צייט, ווען אָט־אָט ענדיקט זיך די קינדהייט, און פון דעמדאָזיקן ריזיקן קרייז, דעם גליקלעכן, פריילעכן, ווערט דער וועג אַלץ שמעלער, און עס איז פריילעך און אויך אומהיימלעך אַריינצוטרעטן אין דער-

דאָ יקער אַנפילאַדע, הגם זי זעט אויס אי ליכטיק, אי הערלעך... ווער איז דאָס נישט דורכגעגאַנגען?

קיטי האָט שווייגנדיק געשמייכלט. „אָבער ווי־זשע איז זי דאָס דורכ־געגאַנגען? ווי איך וואָלט געוואָלט וויסן איר גאַנצן ראָמאַן", האָט קיטי אַ קלער געטאָן, דערמאַנענדיק זיך די נישט פּאָעטישע אויסערלעכקייט פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, איר מאַן.

— איך ווייס עפּעס, סטיוואַ האָט מיר געזאָגט. און, איך גראַטוליר אייך, ער געפעלט מיר זייער, — האָט אַננאַ פאַרגעזעצט; — איך האָב געטראָפן וורענסקין בײַ דער באַן.

— אַך, ער איז דאָרט געווען? — האָט קיטי געפרעגט, רויט ווערנדיק. — וואָס־זשע האָט אייך סטיוואַ געזאָגט?

— סטיוואַ האָט מיר אַלץ אויסגעפּלוידערט. און דאָס וואָלט מיך זייער געפרייט... איך בין געפאָרן נעכטן מיט וורענסקיס מוטער, — האָט זי פאַרגעזעצט, — און די מוטער האָט מיר נישט אויפגעהערט צו דער־ציילן וועגן אים, — דאָס איז איר ליבלינג; איך ווייס, ווי אײַנזײַטיק מו־טערס זענען, אָבער...

— וואָס־זשע האָט אייך די מוטער דערציילט?

— אַך, אַ סך! און איך ווייס, אַז ער איז איר ליבלינג, נאָר פונ־דעסטוועגן זעט מען, אַז דאָס איז אַ ריטער... נו, למשל, זי האָט דער־ציילט, אַז ער האָט געוואָלט אָוועקגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן דעם ברו־דער, אַז ער האָט נאָך אַלס קינד עפּעס אומגעווייגלעכס געטון, אַרויסגע־ראַטעוועט אַ פרוי פון וואַסער. מיט איין וואָרט, אַ העלד, — האָט אַננאַ געזאָגט, שמייכלענדיק און דערמאָנענדיק זיך אָן די צוויי הונדערט רובל, וועלכע ער האָט געגעבן אויף דער סטאַציע.

אָבער זי האָט נישט דערציילט וועגן דידאָזיקע צוויי הונדערט רובל. איר איז איבער עפּעס נישט אָנגענעם געווען צו דערמאָנען וועגן דעם. זי האָט געפילט, אַז אין דעם איז געווען עפּעס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו איר, און אַזוינס, וואָס האָט נישט געדאַרפט זײַן.

— זי האָט מיך זייער געבעטן צו קומען צו איר, — האָט אַננאַ פאַרגעזעצט, — און כ'וויל גערן זען די אַלטע און וועל מאָרגן פאָרן צו איר. אָבער, דאַנקען גאָט, סטיוואַ בלײַבט לאַנג בײַ דאָלין אין קאַ־בינעט, — האָט אַננאַ צוגעגעבן, בײַטנדיק דעם שמועס, און איז אויפגע־שטאַנען, ווי קיטין האָט זיך געדאַכט, אומצופרידן פון עפּעס.

— ניין, איך פריער! ניין, איך! — האָבן די קינדער געשריגן, נאָכן אָפּטרינקען די טיי ארויסלויפנדיק צו דער מומע אננאַ.

— אלע אינאיינעם! — האָט אננאַ געזאָגט און, לאַכנדיק זיי אַקעגנגעלאָפן, אַרומגענומען און אומגעוואָרפן דידאָזיקע גאַנצע קופּע זיך שטופּנדיקע און פון באַגייסטערונג קוויטשענדיקע קינדער.

XXI.

צו דער טיי פון די גרויסע איז דאָלי ארויסגעגאַנגען פון איר צימער. סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש איז נישט אַרויסגעקומען. ער איז, מסתמא, ארויסגעגאַנגען פון ווייבס צימער מיט אַ הינטערגאַנג.

— איך האָב מורא, אַז דיר וועט זיין קאַלט אויבן, — האָט דאָלי באַמערקט, ווענדנדיק זיך צו אננען, — מיר ווילט זיך דיך אַריבערפירן אַראָפּ אונטן, און מיר וועלן נעענטער זיין.

— אַך, איך בעט דיך, וועגן מיר זאָרגט שוין נישט, — האָט אננאַ געענטפערט, איינקוקנדיק זיך אין דאָליס פּנים און באַמיענדיק זיך צו פאַרשטיין, צי זיי האָבן זיך יאָ אָדער נישט איבערגעבעטן.

— דיר וועט דאָ ליכטיקער זיין, — האָט די שוועגערין געענטפערט.

— איך זאָג דיר, אַז איך שלאָף אומעטום און שטענדיק ווי אַ מורמלטיר.

— וועגן וואָס איז דאָס? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געפרעגט, אַריינקומענדיק פון קאַבינעט און ווענדנדיק זיך צום ווייב.

לויט זיין טאָן, האָבן סיי קיטי סיי אננאַ באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איבערבעטן איז פאָרגעקומען.

— איך וויל אננען אַריבערפירן אַראָפּ, נאָר מען דאַרף די גאַרדינען איבערהענגען. קיינער וועט דאָס נישט קענען טון, מען דאַרף אליין, — האָט דאָלי געענטפערט, ווענדנדיק זיך צו אים.

„גאָט ווייסט, צי זיי האָבן זיך אינגאַנצן איבערגעבעטן", האָט אננאַ אַ קלער געטון, דערהערנדיק איר טאָן, וואָס איז געווען קאַלט און רויק.

— אַך, הער אויף, דאָלי, כסדר צו טון שווערע זאַכן, — האָט דער מאַן געזאָגט. — נו, ווילסט, וועל איך אַלץ טון...

„יאָ, זיי האָבן זיך, מסתמא, איבערגעבעטן", האָט אננאַ אַ קלער געטון.

— איך ווייס, ווי דו וועסט אַלץ טון, — האָט דאָללי געענטפערט: — דו וועסט הייסן מאַטווייען טון דאָס, וואָס מען קאָן נישט טון, און אַליין וועסט דו אַוועקפאָרן, און ער וועט אַלץ איבערדרייען, — און דער געוויינטער איראָנישער שמייכל האָט פאַרקנייטשט דאָללים ווינקלען פון די ליפּן, ווען זי האָט דאָס געזאָגט.

„אינגאַנצן, אינגאַנצן זיך איבערגעבעטן, אינגאַנצן, — האָט אננאַ אַ קלער געטון, — דאַנקען גאָט!" און, פרייענדיק זיך, וואָס זי איז געווען די סיבה פון דעם, איז זי צוגעגאַנגען צו דאָללין, און איר אַ קוש געטון.

— לגמרי נישט: פאַרוואָס מאַכסטו אַזוי צו גאָרנישט מיך מיט מאַטווייען? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, קוים באַמערקבאַר שמייכלענדיק און ווענדנדיק זיך צום ווייב.

דאָללי האָט דעם גאַנצן אָוונט זיך באַצויגן, ווי שטענדיק, מיט לייכטער איראָניע צום מאַן, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז געווען צופרידן און פריילעך, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל נישט ווייזן, אַז נאָכן מוחל זיין האָט ער שוין פאַרגעסן זיין שולד.

האַלב צען איז דער באַזונדערס פריידיקער און אָנגענעמער אָוונטיקער פאַמיליע־שמועס ביי די אָבלאָנסקיס טיי־טיש געשטערט געוואָרן, אין פלוג, דורך אַ גאַנץ איינפאַכער געשעעניש, אָבער די דאָזיקע איינפאַכע געשעעניש האָט איבער עפּעס אַלעמען אויסגעזען אויסטערליש. צעשמועסנדיק זיך וועגן אַלגעמיינע פּעטערבורגער באַקאַנטע, איז אננאַ שנעל אויפגעשטאַנען.

— זי געפינט זיך ביי מיר אין אַלבאָם, — האָט זי געזאָגט, — יאָ, און אגב וועל איך אייך ווייזן מיין סעריאָזשען, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שטאָלצן מוטערלעכן שמייכל.

ארום צען אַ זייגער, ווען זי פלעגט געווינלעך זיך געזעגענען מיטן זון און אָפטמאָל פאַרן פאָרן אויף אַ באַל אַליין אים לייגן שלאָפן, איז איר געוואָרן טרויעריק, וואָס זי איז אַזוי ווייט פון אים, און וועגן וואָס מען זאָל נישט געווען רעדן, האָט זי כסדר מיט געדאַנק זיך אומגעקערט צו איר געלאָקטן סעריאָזשען. איר האָט זיך פאַרגלוסט אַ קוק טון אויף זיין בילד און שמועסן אַ ביסל וועגן אים. אויסנוצנדיק דעם ערשטן תירוץ, איז זי אויפגעשטאַנען און מיט איר לייכטן, אַנטשלאָסענעם

טריט זיך געלאָזט גיין נאָכן אלבאָם. די טרעפּ אינדערהייך אין איר צימער אריין זענען ארויסגעגאנגען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון די גרויסע וואָרטע ארייַנגאַנג־טרעפּ.

בעת זי איז ארויסגעגאנגען פון גאַסטצימער, האָט אין פאָרצימער זיך דערהערט א קלונג.

— ווער קאָן דאָס זיין? — האָט דאָללי געזאָגט.

— נאָך מיר איז צו פרי, און פאַר עמעצן אַנדערש איז שוין שפּעט, — האָט קיטי באַמערקט.

— אוודאי מיט פּאַפּירן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש צוגעגעבן, און ווען אַננאַ איז דורכגעגאנגען פאַרביי די טרעפּ, איז דער דינער ארויפגעלאָפן אינדערהייך, כדי צו מעלדן וועגן דעם געקומענעם, און דער געקומענער אליין איז געשטאַנען באַם לאָמפּ; א בליק געבנדיק אַראָפּ, האָט אַננא גלייך דערקענט וורָאָנסקין, און אַן אויסטערליש געפיל פון פאַרגעניגן און איינצייטיק שרעק פאַר עפּעס האָט פּלוצלינג זיך א ריר געטון בא איר אין האַרץ. ער איז געשטאַנען, נישט אויסטוענדיק דעם פּאַלטן, און האָט עפּעס אַרויסגענומען פון קעשענע. אין דער מינוט, ווען זי האָט זיך געפונען אין מיטן פון די טרעפּ, האָט ער אויפגעהויבן די אויגן, דערזען זי, און אין אויסדרוק פון זיין פּנים האָט א צוק געטון עפּעס פאַרשעמטס און דערשראָקנס. לייכט אַנבייגנדיק דעם קאָפּ, איז זי דורכגעגאַנגען, און באַלד הינטער איר האָט זיך דערהערט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס הויכע שטימע, וואָס האָט אים איינגעלאַדן אריינצוגיין, און דאָס נישט הויכע, ווייכע און רויקע קול פון וורָאָנסקין, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

ווען אַננאַ האָט זיך אומגעקערט מיטן אַלבאָם, איז ער שוין נישט געווען, און סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערציילט, אַז ער איז צוגעפאָרן געוויר ווערן וועגן א מיטאָג, וואָס זיי אָרדנען איין מאָרגן פאַר א געקומענער באַרימטהייט. — און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אריינגיין. — ער איז עפּעס מאָדנע, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש צוגעגעבן.

קיטי איז רויט געוואָרן. זי האָט געגלייבט, אַז זי איינע פאַרשטייט, פאַרוואָס ער איז געקומען און פאַרוואָס ער איז נישט אריינגעגאַנגען. „ער איז געווען בא אונז, — האָט זי געקלערט, — און נישט געטראָפן, און ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז איך בין דאָ; אָבער ער איז נישט אריינגעגאַנגען, ווייל ער האָט געקלערט, ס'איז שפּעט, און אַננאַ איז דאָ".

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט, גאָרנישט זאָגנדיק, און אָנגעהויבן באַקוקן אַנגעס אַלבאָם.

עס איז לגמרי נישט געווען קיין שום אומגעוויינלעכס, קיין שום אויסטערלישס אין דעם, וואָס א מענטש איז צוגעפּאָרן צו א פריינט האָלבן זעגן געוויר ווערן די פרטים וועגן א פאַרשטייענדיקן מיטאָג און איז נישט אַריינגעגאַנגען; אָבער אַלעמען האָט דאָס אויסגעזען אויסטערליש. מער פון אַלעמען אויסטערליש און נישט גוט האָט דאָס אויסגעזען אַנגען.

XXII.

דער באַל האָט זיך נאָר-וואָס געהאָט אָנגעהויבן. קיטי מיט דער מוטער זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די גרויסע, מיט ליכט באַגאָסענע טרעפּ, וואָס זענען אַרומגעשטעלט געווען פון ביידע זייטן מיט בלומען, און מיט געפּודירטע לאָקייען אין רויטע קאַפּטנס. דער רעגלמעסיקער שאָרך פון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די זאַלן, האָט דערמאָנט אָן געוויש אין א בינשטאָק, און בשעת זיי האָבן אויף דער פּלאַטפאָרם צווישן די טירן פאַרן שפּיגל זיך גלייך געמאַכט די פריזורן און קליידער, האָבן זיך דערהערט די פאָרזיכטיק דייטלעכע פידל-טענער פון אָרקעסטער, וואָס האָט אָנגעהויבן דעם ערשטן וואַלס. א ציווילער זקן, וועלכער האָט זיך גלייך געמאַכט זיינע גרויע שלייפן באַם צווייטן שפּיגל, און פאַרשפּרייט אַרום זיך א ריח פון פּערפום, האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט זיי אויף די טרעפּ און זיי אָפּגעטרעטן דעם וועג, באַשיינפּערלעך באַוואונדערנדיק די אומבאַקאַנטע פאַר אים קיטי. אַן אָנבערדיקער יונגערמאַן, איינער פון יענע יונגעלייט פון דער הויכער געזעלשאַפט, וועלכע דער אַלטער פירשט שטשערבאַצקי האָט גערופן „צוציקעס", אין אַן אומגעוויינלעך אויסגעצירטע וועסטל, האָט, פאַרריכטנדיק דעם ווייסן שניפּס אין גאַנג, זיך באַגריסט מיט זיי און, פאַרביילויפנדיק, זיך אומגעקערט, איינלאַדנדיק קיטי אויף א קאַדריל. דעם ערשטן קאַדריל האָט זי שוין געהאַט אָפּגעגעבן וראָנסקין, זי האָט דעמדאָזיקן יונגנמאַן געדאַרפט געבן דעם צווייטן. פאַרקנעפּלענדיק די הענטשקע, האָט א מי-

ליטערמאן זיי אפגעטרעטן דעם וועג בא דער טיר און, גלעטנדיק זיך די וואנסעס, זיך אנטציקט מיט דער ראזיקער קיטין.

ניט געקוקט דערויף, וואס דער טואלעט, די פריזור און אלע צוגרייטונגען צום באל האבן געקאסט קיטין א סך מי און איבערלייגונג, איז זי אצינד אין איר קאמפליצירטן טיול-קלייד מיטן ראזן אונטערשלאק אריינגעגאנגען אויפן באל אזוי פריי און איינפאך, ווי דידאזיקע אלע ראזעטקעס, שפיצן, אלע קלייניקייטן פון דעם טואלעט וואלטן ניט געקאסט זי און אירע היימישע קיין מינוט אויפמערקזאמקייט, ווי זי וואלט געבוירן געווארן אין דעמדאזיקן טיול, אין דידאזיקע שפיצן, מיט דערדאזיקער הויכער פריזור, מיט דער רויז און די צוויי בלעטעלעך אינדערהייך.

ווען די אלטע פירשטין האט פארן אריינגיין אין זאל געוואלט גלייך מאכן אויף איר די פארוויקלטע באנד פון פאסיק, האט קיטי זיך לייכט אוועקגעבויגן: זי האט געפילט, אז אלץ דארף פון זיך אליין זיין שיין און גראציעז אויף איר און אז מען דארף גארניט פאררירכטן.

קיטי האט זיך געפונען אין איינעם פון אירע גליקלעכע טעג. דאס קלייד האט אין ערגעץ ניט געקוועטשט, די שפיצן האבן זיך אין ערגעץ ניט אראפגעלאזט, די ראזעטקעס האבן זיך ניט צעקנייטשט און ניט אפגעריסן; די ראזע פאנטאפל אויף די הויכע, אויסגעבויגענע קנאפלעך האבן ניט געדריקט, נאר פריילעך געמאכט דאס פיסל. די געדיכטע באנדא פון בלאנדע האר האבן זיך געהאלטן ווי אייגענע אויפן קליינעם קעפל. אלע דריי קנעפעלעך האבן זיך פארקנעפלט, ניט אפרייסנדיק זיך אויף דער הויכער הענטשקע, וואס האט ארומגעוויקלט איר האנט, ניט ענדערנדיק די פארם. דאס שווארצע סאמעט-בענדל פון מעדאליאן האט באזונדערס צארט ארומגענומען איר האלז. דאסדאזיקע סאמעט-בענדל איז געווען א צויבער, און אינדערהיים, קוקנדיק אין שפיגל אויף איר האלז, האט קיטי געפילט, אז דאס בענדעלע רעדט ווערטער. אין אלעם איבעריקן האט נאך געקאנט זיין א ספק, אבער דאס סאמעט-בענדעלע איז געווען א צויבער. קיטי האט א שמייכל געטון אויך דא, אויפן באל, א בליק געבנדיק דערויף אין שפיגל. אין די אנטבלויזטע אקסלען און הענט האט קיטי געפילט א קילקייט פון מירמלשטיין — א געפיל, וועלכעס זי האט באזונדערס ליב געהאט. די אויגן האבן געגלאנצט און די ראזע ליפן האבן ניט געקאנט ניט שמייכלען פון דעם אנערקענען די אייגענע חנעוודיקייט. זי האט ניט באוויזן אריינצוגיין אין זאל און צוצוגיין צו דעם

טיול-באַנד-שפּיצן-בלימיקן געזעמל פון דאַמען, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט מען זאָל זיי איינלאַדן צום טאַנצן (קיטי פלעגט קיינמאָל נישט שטיין אין דעם דאָזיקן געזעמל), ווי מען האָט זי שוין איינגעלאַדן אויף אַ וואַלס, און איינגעלאַדן האָט זי דער בעסטער קאַוואַליער, דער הויפּט-קאַוואַליער אין דער באַל-היעראַרכיע, דער באַרימטער דיריגענט פון די בעלער, דער צערעמאָניע-מייסטער, דער פאַרהייראַטער, שיינער און שלאַנקער מאַנסביל, יעגאָרושקאַ קאָרסונסקי. נאָר-וואָס אָפּגעלאָזט די גראַפין באַנינאַ, מיט וועלכער ער האָט דורכגעטאַנצט דעם ערשטן טור פון וואַלס, באַטראַכטנדיק זיין ווירטשאַפט, דאָס הייסט, די עטלעכע פּאָר, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן, האָט ער דערזען די אַריינגעקומענע קיטי, צוגעלאָפן צו איר מיט יענעם באַזונדערן פרייען גאַנג, וואָס איז אייגן בלויז דיריגענטן פון בעלער און, פאַרנייגנדיק זיך, אפילו נישט פרעגנדיק, צי זי וויל, אויפגעהויבן די האַנט, כדי אַרומצונעמען איר דינע טאַליע. זי האָט זיך אומגעקוקט, וועמען איבערצוגעבן דעם פעכער, און, שמייכלענדיק צו איר, האָט די ווירטין אים צוגענומען.

— ווי גוט דאָס איז, וואָס איר זענט געקומען צו דער צייט, — האָט ער איר געזאָגט, אַרומנעמענדיק איר טאַליע, — וואָרים וואָסער מאַניר איז דאָס צו פאַרשפּעטיקן.

זי האָט אויסגעבויגן און אַרויפגעלייגט די לינקע האַנט אויף זיין אַקסל, און די קליינע פיסלעך אין די ראָזע שיכלעך האָבן פלינק, לייכט און ריטמיש זיך גענומען באַוועגן איבערן גליטשיקן פּאַרקעט צום טאַקט פון דער מוזיק.

— מען רוט אָפּ, וואַלסירנדיק מיט אייך, — האָט ער איר געזאָגט, אַוועקלאָזנדיק זיך אין די ערשטע נישט שנעלע טריט פון וואַלס. — אַ לייכטקייט, אַ מחיה, précision, — האָט ער איר געזאָגט דאָס, וואָס ער פלעגט זאָגן כמעט אַלע גוטע באַקאַנטע.

זי האָט אַ שמייכל געטון אויף זיין לויבן און איבער זיין אַקסל ווייטער פאָרגעזעצט באַטראַכטן דעם זאַל. זי איז געווען נישט קיין נייע-אַרויסגעפאָרענע, באַ וועלכער אַלע פּנימער אויף אַ באַל גיסן זיך צונויף אין איין כישופדיקן איינדרוק; זי איז אויך נישט געווען קיין מיידל, אַ לויפערקע אויף אַלע בעלער, וועלכער אַלע פּנימער זענען שוין אַזוי באַקאַנט, אַז זיי זענען איר דערעסן געוואָרן; זי איז געווען אין דער מיט פון די דאָזיקע צוויי, — זי איז אויפגערעגט געווען, אָבער איינצייטיק האָט זי אַזוי בעהערשט איבער זיך, אַז זי האָט געקאָנט באַאָבאַכטן. אין לינקן

װינקל פֿון זאַל האָט זי געזען גרופּירט דעם פּער פֿון דער געזעלשאַפֿט. דאָרט איז געווען די ביז אומגלעכקייט דעקאָלטירטע שיינקייט לידי, קאַרסונסקיס פֿרוי, דאָרט איז געווען די ווירטין, דאָרט האָט געשיינט מיט זײַן פּליך קריווין, וועלכער איז תּמיד געווען דאָרט, ווו עס איז געווען דער פּער פֿון דער געזעלשאַפֿט; אַהין האָבן געקוקט יונגעלייט, נישט וואַגנדיק צוצוגיין, און דאָרט האָט זי געפֿונען מיט די אויגן סטיוואַן און דערזען דערזעען אַננעס פּרעכטיקע פֿיגור און קאָפּ אין אַ שוואַרץ סאַמעט-קלייד. אויך ער איז דאָרט געווען. קיטי האָט אים נישט געזען פֿון יענעם אָוונט אָן, ווען זי האָט אָפּגעזאָגט לעווינען. קיטי האָט מיט אירע ווייטזיכטיקע אויגן אים גלייך דערקענט און זאָגאַר באַמערקט, אַז ער קוקט אויף איר.

— אפשר נאָך אַ טור? — איר זענט נישט מיד? — האָט קאַרסונסקי געזאָגט, לייכט סאָפּענדיק.

— ניין, אַ דאַנק!

— וווהין-זשע צופֿירן אייך?

— דאַכט זיך, די קאַרענינאַ געפֿינט זיך דאָ... פֿירט מיך צו איר.

— וווהין איר באַפֿעלט.

און קאַרסונסקי האָט, אײַנהאַלטנדיק דעם טריט, גענומען וואַלסירן גלייך צו דעם געזעמל אין לינקן ווינקל פֿון זאַל, כּסדר זאָגנדיק: „pardon, mesdames, pardon pardon, mesdames" און לאַווירנדיק אין אַ ים פֿון שפּיצן, טיול און בענדער און נישט פֿאַרטשעפּענדיק קיין פֿעדערל, האָט ער האַסטיק אַ דריי געטאָן זײַן דאַמע, אַזוי, אַז עס האָבן זיך צעפּגעדעקט אירע דינע פֿיסלעך אין די אַזשור-זאָקן, און די שלעפּע האָט ווי אַ פֿעכער זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט און צוגעדעקט קריווינס קני. קאַרסונסקי האָט זיך פֿאַרנייגט, אויסגעגלייכט די אויסגעאָרסירטע ברוסט און דערלאַנגט די האַנט, כּדי צוצופֿירן זי צו אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ. קיטי האָט, אַ פֿאַררויטלטע, אַראָפּגענומען די שלעפּע פֿון קריווינס קני און, פֿאַרדרייט אַ ביסל, זיך אומגעקוקט, זוכנדיק אַננען. אַננאַ איז נישט געווען אין קיין לילע, ווי קיטי האָט דווקא געוואָלט, נאָר אין אַ שוואַרץ, טיף-דעקאָלטירט סאַמעט-קלייד, וואָס האָט אַנטבלויזט אירע געטאָקטע, ווי פֿון אַלטן העלפֿאַנטביין, פֿולע אַקסלען און בוזעם און די פּראַרונדיקע אָרעמס מיטן דינעם, דראָבנעם הענטל. דאָס גאַנצע קלייד איז געווען באַנייט מיט ווענעציאַנישן גיפּיור. אויפֿן קאָפּ בײַ איר, אין די שוואַרצע האָר,

אייגענע אָן אַ צומיש, איז געווען אַ קליינע גירלאַנדע פיאָלקעס, און נאָך איינע אַזעלכע אויף דער באַנד פונם פאַסיק צווישן די ווייסע שפּיצן. איר פריזור איז נישט געווען מערקווירדיק. מערקווירדיק זענען געווען בלויז די שטיפערישע קורצע רינגעלעך פון געקרייזלטע האָר, וואָס האָבן זי באַציוט און זענען איר תמיד אַרויפגעפאַלן אויפן נאַקן און די שלייפן. אויפן געטאָקטן קרעפטיקן האַלז איז געווען אַ שנירל פערל.

קיטי האָט געזען יעדן טאָג אַננען, איז געווען פאַרליבט אין איר און זיך פאָרגעשטעלט זי דווקא אין לילע. אָבער אַצינד, ווען זי האָט דערזען אַננען אין שוואַרצן, האָט זי דערפילט, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן צויבער אירן. זי האָט זי אַצינד דערזען אינגאַנצן אַ נייע און אומגעריכטע פאַר זיך. איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אַננאַ האָט נישט געקאָנט זיין אין לילע און אַז איר צויבער באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס זי רוקט זיך שטענדיק אַרויס פון איר טואַלעט, אַז דער טואַלעט קאָן זיך קיינמאָל נישט אָנזעען אויף איר. אויך דאָס שוואַרצע קלייד, מיט די פרעכטיקע שפּיצן האָט זיך נישט אָנגעזעען אויף איר. דאָס איז געווען בלויז אַ ראַמל און עס האָט זיך געזען בלויז זי, אַן איינפאַכע, נאַטירלעכע, פרעכטיקע, און אייבציייטיק פריילעכע און באַלעבטע.

זי איז געשטאַנען, ווי שטענדיק, געהאַלטן זיך אומגעוויינלעך גלייך, און ווען קיטי איז צוגעקומען צום דאָזיקן קופּקעלע, האָט זי גערעדט מיטןווירט פון הויז, קוים אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים.

— ניין, איך וועל נישט וואַרפן קיין שטיין, — האָט זי אים געענטפערט אויף עפּעס, — הגם איך פאַרשטיי נישט, — האָט זי ווייטער גערעדט, אַ קוועטש טוענדיק מיט די אַקסלען און גלייך זיך געווענדט מיט אַ צאַרטן פראָטעזשירנדיקן שמייכל צו קיטין. מיט אַ פלינקן פרויען־בליק אַרומכאַפּנדיק איר טואַלעט, האָט זי געמאַכט אַ קוים באַמערקבאַרע, אָבער פאַר קיטין פאַרשטענדלעכע, באַוועגונג מיטן קאָפּ, וואָס האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט מיט איר טואַלעט און שיינקייט. — אפילו אין זאַל גייט איר אויך אַריין טאַנצנדיק, — האָט זי צוגעגעבן.

— דאָס איז איינע פון מיינע טרייסטע געהילפינס, — האָט קאָרסונסקי געזאָגט, פאַרנייגנדיק זיך פאַר אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, וועלכע ער האָט נאָך נישט געהאַט געזען. — די פירשטין העלפט מיט צו מאַכן דעם באַל פריילעך און הערלעך. אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, אַ טור־וואַלס, — האָט ער געזאָגט, אָנבייגנדיק זיך.

— איר זענט באַקענט? — האָט דערווירט געפרעגט.

— מיט וועמען זענען מיר נישט באַקענט? איך מיטן ווייב זענען ווי ווייסע וועלף, אונז קענען אַלע, — האָט קאָרסונסקי געענטפערט. — אַ טור-וואַלס, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ.

— איך טאַנץ נישט, ווען מען קאָן נישט טאַנצן, — האָט זי געזאָגט.

— אָבער היינט מוז מען, — האָט קאָרסונסקי געענטפערט.

אין דער צייט איז צוגעקומען ווראָנסקי.

— מילא, אויב מען קאָן נישט היינט נישט טאַנצן, קומט-זשע, — האָט זי געזאָגט, נישט באַמערקנדיק ווראָנסקיס באַגריסונג, און שנעל אויפגעהויבן די האַנט צו קאָרסונסקיס אַקסל.

„פאַרוואָס איז זי נישט צופרידן מיט אים?“ האָט קיטי אַ קלער געטון, באַמערקנדיק, אַז אַננאַ האָט בכיוון נישט געענטפערט אויף ווראָנסקיס באַגריסונג. ווראָנסקי איז צוגעגאַנגען צו קיטין, דערמאַנט זי אָן זיין ערשטן קאַדריל און באַדויערט, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט נישט געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זעען זי. קיטי האָט מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף דער וואַלסירנדיקער אַננען און געהערט, וואָס ער רעדט. זי האָט זיך געריכט, אַז ער וועט זי איינלאַדן אויף אַ וואַלס, אָבער ער האָט נישט איינגעלאַדן, און זי האָט פאַרוווּנדערט אַ בליק געטון אויף אים. ער איז רויט געוואָרן און געשווינד זי איינגעלאַדן. אָבער ווי נאָר ער האָט אַרומגענומען איר דינע טאַליע און געשטעלט דעם ערשטן טריט, האָט די מוזיק פּלוצלינג אויפגעהערט. קיטי האָט אַ קוק געטון אויף זיין פּנים, וואָס איז געווען אויף אַזאַ נאָענטן שטח פון איר, און לאַנג דערנאָך, אין עטלעכע יאָר אַרום, האָט דערדאָזיקער ליבעפולער בליק, מיט וועלכן זי האָט דעמאָלט אַ בליק געטון אויף אים און אויף וועלכן ער האָט איר נישט געענטפערט, מיט אַ פּיינלעכער בושה געשניטן איר האַרץ.

— Pardon, pardon! וואַלס, וואַלס! — האָט אַ געשריי געטון פון דער צווייטער זייט זאַל קאָרסונסקי און, אַ כאַפּ טוענדיק די ערשטע בעסטע פריילין, האָט ער אַליין אויך אָנגעהויבן טאַנצן.

XXIII.

ווראָנסקי איז מיט קיטין דורכגעגאַנגען עטלעכע וואַלס-טורן. נאָכן וואַלס איז קיטי צוגעגאַנגען צו דער מוטער און קוים באַוויזן צו רעדן אייניקע ווערטער מיט דער נאָרדסטאָן, ווי ווראָנסקי איז שוין צוגעקומען נאָך איר פונוועגן ערשטן קאַדריל. בעת דעם קאַדריל איז קיין שום וויכטיקס נישט גערעדט געוואָרן. עס איז פאָרגעקומען אַן איבערגעריסענער שמועס דאָ וועגן די קאַרסונסקיס, וועגן די מאַן און ווייב, וועלכע ער האָט זייער חיזיק געשילדערט, ווי ליבע פע-ציקיעריקע קינדער, דאָ וועגן קינפטיקן געזעלשאַפטלעכן טעאַטער, און בלויז איין מאָל האָט זי דער שמועס טיפער אַנגערירט, ווען ער האָט געפרעגט אויף לעווינען, צי ער געפינט זיך דאָ, און צוגעגעבן, אַז ער איז אים זייער געפעלן געוואָרן. אָבער קיטי האָט אויך מער נישט דערוואַרט פון דעם קאַדריל. זי האָט געוואַרט מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ אויף דער מאַזורקע. איר האָט זיך געדאַכט, אַז בעת דער מאַזורקע דאַרף אַלץ אַנטשיידט ווערן. דאָס, וואָס ער האָט זי בעת דעם קאַדריל נישט איינגעלאַדן אויף דער מאַזורקע, האָט זי נישט באַאומרויקט. זי איז געווען זיכער, אַז זי טאַנצט די מאַזורקע מיט אים, ווי אויף די פריערדיקע בעלער, און האָט פינף מאַן אָפּגעזאָגט די מאַזורקע, זאָגנדיק, אַז זי איז שוין איינגעלאַדן. דער גאַנצער באַל ביזן לעצטן קאַדריל איז געווען פאַר קיטין אַ צויבערהאַפטער חלום פון פריידיקע קאָלירן, קלאַנגען און באַוועגונגען. זי האָט נישט געטאַנצט בלויז, ווען זי האָט זיך געפילט זייער מיד און געבעטן מען זאָל זי לאָזן אָפּרוען. אָבער, טאַנצנדיק דעם לעצטן קאַדריל מיט איינעם פון די לאַנגווייליקע יונגעלייט, וועלכן מען האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן, איז איר אויסגעקומען צו זיין vis-a-vis פון ווראָנסקין און אַננען. זי האָט זיך נישט צונויפגעטראָפן מיט אַננען פון ערשטן מאָל אָן און דאָ פּלוצלינג זי דערזעען אַ גאָר נייע און אומגעריכטע. זי האָט דערזעען אין איר אַן אויפגערעגט געפיל פון דערפאָלג, וואָס איז איר אַליין אַזוי גוט באַקענט געווען. זי האָט געזען, אַז אַננאַ איז באַרוישט פון דער אַנטציקונג, וואָס זי רופט אַרויס. זי האָט געקענט דאָסדאָזיקע געפיל, געקענט די סמנים דערפון, און זיי געזען אויף אַננען, — געזען דעם פלאַטערדיקן אויפפלאַמענדיקן גלאַנץ אין די

אויגן, דעם גליקלעכן און אויפגערעגטן שמייכל, וואָס האָט נישט ווילנדיק אויסגעבויגן די ליפּן, און די פיינע גראַציעזקייט, די ריכטיקייט און לייכטקייט פון די באַוועגונגען.

„ווער? — האָט זי זיך געפרעגט. — אַלע אָדער איינער?“ — און נישט צוהעלפנדיק דעם יונגנמאַן, מיט וועלכן זי האָט געטאַנצט, צוריק געפינען דעם פאַרלוירענעם פאָדעם פון געשפּרעך, וועלכן ער האָט זיך געמאַטערט אָפּצוזוכן, און אויסערלעך אונטערוואַרפנדיק זיך די פריילעך-היכע באַפעלערישע אויסגעשרייען פון קאָרסונסקין, וועלכער האָט אַלע מאָל אַלע טאַנצנדיקע אַ וואָרף געטאָן דאָ אין אַ grand rond, דאָ אין אַ chaine, האָט זי בסדר באַאָבאַכטעט, און איר האַרץ האָט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער זיך פאַרקלעמט. „ניין, דאָס האָט נישט די אַלגעמיינע באַוווּנדערונג זי פאַרשיכּורט, נאָר די אַנטציקונג פון איינעם. און דערדאָזיקער איינער? זאָל דאָס זיין ער?“ איטלעכעס מאָל, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַנען, האָט אין אירע אויגן זיך אָנגעצונדן אַ פרייליכער גלאַנץ, און אַ גליקלעכער שמייכל האָט אויסגעבויגן אירע רויטע ליפּן. זי האָט אַזוי ווי זיך באַ ערשט, נישט אַרויסצוווייזן די דאָזיקע סימנים פון פרייד, אָבער זיי האָבן זיך אַליין אויסגעדריקט אויף איר פּנים. „נאָר ווי זעט ער אויס?“ קיטי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און אַ שרעק איז זי באַפאַלן. דאָס, וואָס קיטי האָט אַזוי קלאָר זיך פאַרגעשטעלט אין שפּיגל פון אַננעס פּנים, דאָס האָט זי דערזען אויף אים. וווּ איז אַהין געקומען זיין שטענדיק רויקע, פעסטע האַלטונג און דער זאָרגלאָז-רויקער אויסדרוק פון פּנים? ניין, איטלעכעס מאָל, וואָס ער האָט איצט זיך געווענדט צו איר, האָט ער אַנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנידערפאַלן פאַר איר, און אין זיין בליק איז געווען בלויז איין אויסדרוק פון אונטערטעניקייט און שרעק. „נישט באַליידיקן וויל איך, — האָט יעדעס מאָל אַזוי ווי געזאָגט זיין בליק, — נאָר זיך ראַטעווען וויל איך, און איך ווייס נישט ווי אַזוי“. אויף זיין פּנים איז געווען אַזאַ אויסדרוק, ווי זי האָט קיינמאָל פריער נישט געזען.

זיי האָבן גערעדט וועגן אַלגעמיינע באַקאַנטע, האָבן געפירט דעם נישטיקסטן שמועס, אָבער קיטין האָט זיך געדאַכט, אַז יעדעס געזאָגטע וואָרט דורך זיי באַשליסט וועגן זייער און איר גורל. און מערקווירדיק איז דאָס, וואָס הגם זיי האָבן גערעדט וועגן דעם, ווי קאָמיש עס איז איוואַן איוואַנאָוויטש מיט זיין פראַנצויזישער שפּראַך, און וועגן דעם, אַז פאַר דער יעלעצקאַ וואָלט מען געקאָנט געפינען אַ בעסערע פּאַרטיע,

האָבן דאָך דידאָזיקע ווערטער געהאַט אַ באַדייטונג פאַר זיי, און זיי האָבן דאָס געפילט פונקט ווי קיטי. דער גאַנצער באַל, די גאַנצע וועלט — אַלץ איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ נעפל אין קיטיס האַרץ. בלויז די שטרענגע דערציִונגס־שול, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען, האָט זי אונטערגעהאַלטן און זי גענייט צו טון דאָס, וואָס מען האָט געפאָדערט פון איר, דאָס הייסט, טאַנצן, ענטפערן אויף פראַגן, רעדן, אפילו שמייכלען. נאָר פאַרן אָנהייבן די מאַזורקע, ווען מען האָט שוין אָנגעהויבן פונאַנדערצושטעלן די שטולן און טייל פאָרן האָבן זיך שוין אַ לאָז געטון פון די קליינע אין דעם גרויסן זאַל אַריין, איז קיטין באַפאַלן אַ מינוט פון פאַרצווייפלונג און שרעק. זי האָט אָפּגעזאָגט פינף און וועט איצט נישט האָבן מיט וועמען צו טאַנצן די מאַזורקע. עס איז אפילו נישט געווען קיין האָפנונג מען זאָל זי איינלאַדן, טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין דער געזעלשאַפט און עס האָט קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז זי זאָל ביז איצט נאָך נישט זיין איינגעלאַדן. מען האָט געדאַרפט זאָגן דער מוטער, אַז זי איז קראַנק, און אַהיימפאָרן, אָבער אויף דעם האָט זי קיין כוח נישט געהאַט. זי האָט זיך געפילט דערשלאָגן.

זי איז אַריינגעגאַנגען אין דער טיף פון אַ קליין גאַסטצימער און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פאָטעל. דאָס לייכטע אונטערקלייד האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ וואָלקן אַרום איר דינער טאַליע; איין אַנטבלויזטע, דאַרע, צאַרטע מיידלישע האַנט, אַ היילפלאָז אַראָפּגעלאָזטע, איז פאַרטרונקען געוואָרן אין די פאַלבן פון ראָזן טוניק; אין דער צווייטער האָט זי געהאַלטן דעם פעכער און מיט שנעלע קורצע באַוועגונגען זיך געפאָכעט אויף דעם דערהיצטן פנים. אָבער טראָץ איר אויסזען פון אַ זומערפייגעלע, וואָס האָט נאָר־וואָס זיך אָנגעטשעפּעט אָן אַ גרעזל און איז אָט־אָט גרייט אַ פלאַטער צו טון און צעשפּרייטן די קאָלירטע פליגעלעך, האָט אַ שרעקלעכע פאַרצווייפלונג געקלעמט איר האַרץ.

„און אפשר בין איך מיך טועה, אפשר איז דאָס נישט געווען?"

און זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אַלץ, וואָס זי האָט געזעען.

— קיטי, וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? — האָט געזאָגט די גרעפין נאָרדסטאָן איבערן טעפּיך, אומהערבאַר צוגייענדיק צו איר. — איך פאַרשטיי דאָס נישט.

בא קיטין האָט אַ ציטער געטון די אונטערשטע ליפּ: זי איז שנעל אויפגעשטאַנען.

— קיטי, דו טאַנצט נישט די מאַזורקע?

— ניין, ניין, — האָט קיטי געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול פון טרערן.

— ער האָט זי אין מיין קעגנוואַרט איינגעלאַדן אויף דער מאַזורקע, — האָט געזאָגט די באַרדסטאָן, וויסנדיק, אַז קיטי וועט פאַרשטיין, ווער עס איז ער און זי. — זי האָט געזאָגט: איר טאַנצט דען נישט מיט דער פירשטין שטשערבאַצקאַ?

— אַך, מיר איז אַלץ איינס! — האָט קיטי געענטפערט.

קיינער, אַ חוץ איר אַליין, האָט נישט פאַרשטאַנען איר לאַגע, קיינער האָט נישט געוווסט, אַז זי האָט נעכטן אָפּגעזאָגט אַ מענטש, וועלכן זי האָט, אפשר, ליב געהאַט, און אָפּגעזאָגט דערפאַר, וואָס זי האָט געגלייבט אין אַ צווייטן.

די גרעפין באַרדסטאָן האָט געפונען קאַרסונסקין, מיט וועלכן זי האָט געטאַנצט די מאַזורקע, און געהייסן אים איינלאַדן קיטין.

קיטי האָט געטאַנצט אין דער ערשטער פּאָר, און צו איר גליק נישט געדאַרפט רעדן, ווייל קאַרסונסקי איז די גאַנצע צייט אַרומגעלאָפן, אָנפירנדיק מיט זיין ווירטשאַפט. ווראָנסקי מיט אַננען זענען געזעסן כמעט קעגן איר. זי האָט זיי געזעען מיט אירע ווייטזיכטיקע אויגן, געזעען זיי אויך פון דער נאָענט, ווען זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין די פּאָרן, און וואָס מער זי האָט זיי געזעען, אַלץ מער האָט זי זיך איבערצייגט, אַז איר אומגליק איז געשען. זי האָט געזעען, אַז זיי האָבן זיך געפילט אַליין אין דעמדאָזיקן פולן זאַל. און אויף ווראָנסקיס פּנים, דעם שטענדיק אַזוי אַנטשלאָסענעם און אומאָפּהענגיקן, האָט זי געזעען יענעם זי איבערראַשנדן אויסדרוק פון פאַרלוירנקייט און אונטערטעניקייט, וואָס איז ענלעך צום אויסדרוק פון אַ קלוגן הונט, ווען ער איז שולדיק.

אַננאַ האָט געשמייכלט — און דער שמייכל האָט זיך איבערגעגעבן אים. זי האָט זיך פאַרטראַכט — און ער איז געוואָרן ערנסט. עפּעס אַן איבערנאַטירלעכער כוח האָט צוגעצויגן קיטיס אויגן צו אַננעס פּנים. זי איז געווען הערלעך אין איר איינפאַך שוואַרץ קלייד, הערלעך זענען געווען אירע פולע הענט מיט די בראַסלעטן, הערלעך די זיך קרייזלענדיקע האָר פון דער צערודערטער פריזור, הערלעך דער פעסטער האַלז מיטן שנירל פּערל, הערלעך די גראַציעזע לייכטע באַוועגונגען פון די קליינע פיס און הענט, הערלעך דאָסדאָזיקע שיינע געזיכט אין זיין באַלעבטקייט; אָבער עס איז געווען עפּעס שרעקלעכס און גרויזאַמס אין איר הערלעכקייט.

קיטי האָט זי באַוואונדערט נאָך מער ווי פריער און אַלץ מער און מער געליטן. קיטי האָט זיך געפילט צעקוועטשט, און איר פּנים האָט דאָס אויסגעדריקט. ווען ווראָנסקי האָט זי געזעען, צונויפשטרעפנדיק זיך מיט איר אין דער מאַזורקע, האָט ער נישט גלייך דערקענט זי: אַזוי האָט זי זיך געענדערט.

— אַ פּרעכטיקער באַל! — האָט ער איר געזאָגט, כּדי עפּעס צו זאָגן.

— יאָ, — האָט זי געענטפערט.

אין מיטן דער מאַזורקע, איבערחזרנדיק אַ קאָמפּליצירטע פיגור, וואָס איז ערשט נײַ אויסגעטראַכט געוואָרן דורך קאָרסונסקין, איז אַננאַ אַרויסגעגאַנגען אין מיט קרײַז אַרײַן, האָט גענומען צוויי קאַוואַליערן און צוגערופן צו זיך איין דאַמע און קיטין. קיטי האָט דערשראָקן געקוקט אויף איר, צוגייענדיק. אַננאַ האָט מיט זשמורענדיקע אויגן געקוקט אויף איר און אַ שמייכל געטון, אַ דריק געגעבן איר האַנט. אָבער באַמערקנדיק, אַז קיטיס פּנים האָט בלויז מיט אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג און פאַרוואונדערונג געענטפערט אויף איר שמייכל, האָט זי זיך אַוועקגעדרייט פון איר און פריילעך אָנגעהויבן רעדן מיט דער צווייטער דאַמע.

„יאָ, עפּעס פרעמדס, טײַוואָלאַנישס און פּרעכטיקס איז דאָ אין איר" האָט קיטי זיך געזאָגט.

אַננאַ האָט נישט געוואָלט בלײַבן אויף נאַכטעסן, אָבער דער באַלעבאָס האָט זי גענומען בעטן.

— לאָזט צורו, אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ, האָט קאָרסונסקי אָנגעהויבן רעדן, אַרונטערנעמענדיק איר אַנטבלויזטע האַנט אונטערן אַרבל פון זײַן פראַק. — וואָס פאַר אַן אידעע איך האָב פאַר אַ קאָטיליאָן! Un bijou!

און ער האָט צובּיסלעך זיך באַוועגט, באַמיענדיק זיך זי מיטצוציען. דער באַלעבאָס האָט צופרידן געשמייכלט.

— ניין, איך וועל נישט בלײַבן, — האָט אַננאַ געענטפערט שמייכלענדיק. אָבער, נישט געקוקט אויפן שמייכל, האָבן אי קאָרסונסקי, אי דער באַלעבאָס פאַרשטאַנען, לויטן אַנטשלאָסענעם טאָן, מיט וועלכן זי האָט געענטפערט, אַז זי וועט נישט בלײַבן. — ניין, איך האָב אַזוי אויך אין מאָסקווע אויף דעם איינעם באַל איירן געטאַנצט מער ווי דעם גאַנצן ווינטער אין פּעטערבורג, — האָט אַננאַ געזאָגט, אומקוקנדיק זיך צו ווראָנסקין, וועלכער איז געשטאַנען לעבן איר. — מען דאַרף אָפּרוען פאַרן וועג.

— און איר פאָרט זיכער מאָרגן? — האָט ווראָנסקי געפרעגט.

— יא, איך מיין אזוי, — האט אננא געענטפערט, אזוי ווי פארחוודערט פון זיין דרייסטער פראגע; אבער דער נישט איינגע־אלטענער ציטערדיקער גלאנץ פון די אויגן און פון דעם שמייכל האט אים אפגעבריט, ווען זי האט דאס געזאגט.

אננא ארקאדיעווגא איז נישט געבליבן אויף נאכטעסן און איז אוועקגעפארן.

XXIV.

„יא, אין מיר איז פאראן עפעס אזוינס, וואס איז דערווידער, וואס שטויסט אפ, — האט לעווין געקלערט, ארויסגייענדיק פון די שטשערבאצקים, און צופוס געגומען גיין צום ברודער. — און איך טויג נישט פאר אנדערע מענטשן. שטאלץ, זאגט מען. ניין, איך האב קיין שטאלץ אויך נישט. ווען כ׳וואלט געהאט שטאלץ, וואלט איך מיך נישט געשטעלט אין אזא לאגע". און ער האט זיך פארגעשטעלט ווראנסקין, א גליקלעכן, א גוטן, א קלוגן און רויקן, וועלכער איז געוויס קיינמאל נישט געווען אין דער שרעקלעכער לאגע, אין וועלכער ער איז געווען היינטיקן אוונט. „יא, זי האט געדארפט אים אויסוויילן. אזוי דארף מען, און צו קלאגן זיך האב איך נישט אויף וועמען און אויף וואס. שולדיק בין איך אליין. וואסער רעכט האב איך געהאט צו מיינען, אז זי וועט פארייניקן איר לעבן מיט מיינעם? ווער בין איך? און וואס בין איך? א נישטיקער מענטש, וואס איז קיינעם און פאר קיינעם נישט נייטיק". און ער האט זיך דערמאנט אן ברודער ניקאלאי און מיט פרייד זיך אפגעשטעלט אויף דער דאזיקער דערינערונג. „צי איז ער נישט גערעכט, אז אויף דער וועלט איז אלץ שלעכט און העסלעך? און ווער ווייסט, צי מיר משפטן און האבן גערעכט געמשפט וועגן ברודער ניקאלאי. פארשטייט זיך, אז פון פראקאפיס שטאנדפונקט, וועלכער האט אים געזען אין אן אפגעריסן פוטער און א שיכורן, איז ער א מיאוסער מענטש; אבער איך קען אים אנדערש. איך קען זיין נשמה און ווייס, אז מיר זענען ענלעך צווישן זיך. און איך, אנשטאט צו פארן אפזוכן אים, בין געפארן עסן מיטאג און אהין". לעווין איז צוגעגאנגען צו א לאמטער, האט איבערגעלייענט דעם ברודערס אדרעס, וועלכן ער האט געהאט אין טייסטער. און צוגערופן א

דוּיאָזשקע. דעם גאַנצן לאַנגן וועג צום ברודער האָט לעווין זיך אויספּירלעך דערמאַנט אַלע אים באַקאַנטע פּאַסירונגען פון ברודער ניקאָלאַיס לעבן. ער האָט זיך דערמאַנט, ווי דער ברודער האָט אין אוניווערזיטעט און אַ יאָר נאָכן אוניווערזיטעט, נישט געקוקט אויפן אָפּחוזק פון די חברים, געלעבט ווי אַ מאָנאַך, שטרענג אָפּגעהיטן אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס, תפילות, תעניתים און אויסגעמיטן אַלע תענוגים, באַזונדערס פרויען; און דערנאָך ווען ער איז פּלוצלינג געפאַלן, האָט ער זיך דערנענטערט מיט די מיאוסטע מענטשן און זיך אַריינגעלאָזט אין דעם אויסגעלאַסנסטן הוליטיען. ער האָט זיך דערמאַנט דערנאָך די מעשה מיטן יינגל, וועלכעס ער האָט גענומען אין דאָרף אויפצוהאָדעווען, און בעת אַן אויסברוך פון כעס אַזוי צעממיתט, אַז עס איז קעגן אים פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס פאַר מאַכן אים אַ מום. ער האָט זיך דערמאַנט דערנאָך די געשיכטע מיטן שולער, בײַ וועלכן ער האָט פאַרשפּילט געלט אין קאָרטן, געגעבן אַ וועקסל און דערנאָך אַליין דערלאַנגט אַן אָנקלאָגע אויף אים, דערווייזנדיק, אַז יענער האָט אים באַשווינדלט. (דאָס איז געווען דאָס געלט, וועלכעס סערגיי איוואַנאָוויטש האָט באַצאָלט.) דערנאָך האָט ער זיך דערמאַנט, ווי ער האָט געבּנכטיקט אַ נאַכט אין צירקל פאַר אַ געשלעג. זיך דערמאַנט אָן דעם פאַרפירטן דורך אים שענדלעכן פּראָצעס קעגן ברודער סערגיי איוואַנאָוויטש דערפאַר, וואָס יענער האָט אים כלומרשט נישט אויסגעצאָלט דאָס חלק פון דער מוטערס גוט, און דעם לעצטן ענין, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן דינען אין דרום-קאַנט און דאָרט געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס פאַר שלאָגן אַן עלטסטן... דאָס אַלץ איז געווען שרעקלעך מיאוס, אָבער לעווינען האָט דאָס אויסגעזעען גאָרנישט אַזוי העסלעך, ווי דאָס האָט געמוזט אויסזעען יענע, וועלכע האָבן נישט געקענט ניקאָלאַיען, נישט געקענט זיין גאַנצע געשיכטע, נישט געקענט זיין האַרץ.

לעווין האָט געדענקט, ווי אין יענער צייט, ווען ניקאָלאַי איז געווען אין פעריאָד פון פרומקייט, מאָנאַכן, קירך-תפילות, ווען ער האָט געזוכט אין דער רעליגיע הילף, צוימען פאַר זיין ליידנשאַפטלעכער נאַטור, האָט קיינער נישט בלויז אים נישט אונטערגעהאַלטן, נאָר אַלע, אויך ער אַליין, האָבן געלאַכט פון אים, מען האָט אים גערייצט, גערופן נח, מאָנאַך; און ווען ער איז געפאַלן, האָט אים קיינער נישט געהאָלפן, נאָר אַלע האָבן מיט שרעק און עקל זיך אָפּגעקערט.

לעווין האָט געפילט, אַז דער ברודער ניקאָלאַי איז אין האַרץ זיינעם, אין תוך פון זיין נשמה, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצן אומגעלומ-

פערטן לעבן. נישט מער אומגערעכט, ווי יענע מענטשן, וועלכע פאראכטן אים. ער איז נישט שולדיק געווען אין דעם, וואס ער איז געבוירן געווארן מיט זיין אומגעצוימטן כאראקטער און פון עפעס ענגן שכל. אבער ער האט תמיד געוואלט זיין גוט. „אלץ וועל איך אים ארויסזאגן, אלץ וועל איך אים ניטן צרויסצוזאגן און ווייזן אים, אז איך האב אים ליב און דעריבער פארשטיי איך אים", האט לעווין בא זיך באשלאסן, צופארנדיק איינס א זייגער צום האטעל, וואס איז אנגעוויזן געווען אויפן אדרעס.

— אינדערהייך דער 12-טער און 13-טער, — האט דער שווייצער געענטפערט אויף לעווינס פראגע.

— אינדערהיים ?

— מסתמא, אינדערהיים.

די טיר פון 12-טן נומער איז געווען האלב אפן, און פון דארט האט אין א פאס ליכט זיך געטראגן א געדיכטער רויך פון געמיינעם און שוואכן טיטון, און עס האט זיך געהערט אן אומבאקאנט קול פאר לעווינען, אבער לעווין איז באלד געוויר געווארן, אז דער ברודער געפינט זיך דא: ער האט דערהערט זיין אונטערהוסטן.

ווען ער איז אריינגעגאנגען אין דער טיר, האט אן אומבאקאנט קול געזאגט:

— אלץ הענגט אפ פון דעם, אויף וויפיל קלוג און באוווסטזיניק דאס עסק וועט געפירט ווערן.

קאנסטאנטין לעווין האט געכאפט א בליק אין דער טיר און דערזעען, אז עס רעדט א יונגערמאן מיט א גרויס שייטל האר אין א קאפטן, און א יונגע אייגעשרומפענע פרוי, אין א וואלן קלייד אן ארבל און אן א קאלנער, זיצט אויף א סאפע. דעם ברודער האט מען נישט געזעען. בא קאנסטאנטינען האט זיך פיינלעך דאס הארץ צונויפגעדריקט באם געדאנק, אין וואסער סביבה פון פרעמדע מענטשן עס לעבט זיין ברודער. קיינער האט נישט דערהערט זיין אריינקומען און, אויסטוענדיק די קאלאשן, האט קאנסטאנטין זיך צוגעהערט, וואס עס רעדט דער הער אין קאפטן. ער האט גערעדט וועגן עפעס אן אונטערנעמונג.

— נו, כאפט זיי דער טייוול, די פריווילעגירטע קלאסן, — האט, אויסהוסטנדיק זיך, א זאג געטון דעם ברודערס קול. — מאשע, שאף אונז נאכטעסן און דערלאנג וויין, אויב ס'איז געבליבן, און וויבאלד נישט — שיק.

די פרוי איז אויפגעשטאַנען, אַפּערגעגאַנגען פון הינטערן ווענטל און דערזעען קאָנסטאַנטינען.

— עפּעס אַ פריץ, ניקאָלאַי דמיטריטש, — האָט זי געזאָגט.

— וועמען דאַרף מען? — האָט בייז געזאָגט ניקאָלאַי לעווינס קול.

— דאָס בין איך, — האָט געענטפערט קאָנסטאַנטין לעווין, אַרויסגייענדיק אין דער ליכט אַריין.

— ווער איך? — האָט נאָך בייזער איבערגעחזרט ניקאָלאַיס קול. מען האָט געהערט, ווי ער איז שנעל אויפגעשטאַנען, פאַרטשעפּענדיק זיך אָן עפּעס, און לעווין האָט אין דער טיר דערזעען פאַר זיך דעם ברודערס אַזוי באַקאַנטע און דאָך מיט איר ווילדקייט און קרענקלעכקייט איבעראַשנדיקע, הויכע, דאַרע, געהאָרבעטע פיגור, מיט זיינע גרויסע, צעשראָקענע אויגן.

ער איז געווען נאָך דאַרער, ווי מיט דריי יאָר צוריק, ווען קאָנסטאַנטין לעווין האָט אים געזעען דאָס לעצטע מאָל. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ קורצן סורדוט. די הענט און ברייטע ביינער האָבן אויסגעזען נאָך גרעסער. די האָר זענען געוואָרן שיטערער, די זעלבע גלייכע וואָנסעס האָבן אַראָפּגעהאָנגען אויף די ליפּן, די זעלבע אויגן האָבן מאָדנע און נאַיוו געקוקט אויפן אַריינגעקומענעם.

— אַ, קאָסטיאַ! — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון, דערקענענדיק דעם ברודער, און זיינע אויגן האָבן פריידיק אויפגעלויכטן. אָבער אין דער זעלבער רגע האָט ער זיך אומגעקוקט אויפן יונגנמאַן און אַ מאַך געטון די קאָנסטאַנטינען אַזוי גוט באַקאַנטע פיבערהאַפטע באַוועגונג מיטן קאָפּ און מיטן האַלז, ווי דער קראַוואַט וואָלט אים געקוויילט; און גאָר אַן אַנדערער — אַ ווילדער, ליידנדער און גרויזאַמער — אויסדרוק איז געבליבן שטיין אויף זיין אויסגעדאַרט פּנים.

— איך האָב געשריבן סיי אייך, סיי סערגיי איוואַניטשן, אַז איך קען אייך נישט און וויל נישט קענען. וואָס דאַרפסטו, וואָס דאַרפט איר?

ער איז אינגאַנצן נישט געווען אַזוי, ווי קאָנסטאַנטין האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. דאָס סאַמע שווערסטע און ערגסטע אין זיין כאַראַקטער, דאָס, וואָס האָט אַזוי שווער געמאַכט צו קומען אין מגע ומשא מיט אים, איז פאַרגעסן געוואָרן דורך קאָנסטאַנטין לעווינען, בעת ער האָט געטראַכט וועגן אים; און אַצינד ווען ער האָט דערזעען זיין פּנים, באַזונדערס זיין פיבערהאַפטע דרייען מיטן קאָפּ, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם אַלעם.

— איך דאַרף נישט צוליב גאָרנישט דיך זעען, — האָט ער אָפּ־הענטיק געענטפערט. — איך בין סתם געקומען דיך זעען.

דעם ברודערס אָפּהענטיקייט האָט, אַפּנים, ווייכער געמאַכט ניקאָלאַיען. ער האָט אַ צוק געטון מיט די ליפּן.

— אַ, סתם אַזוי? — האָט ער געזאָגט. — נו, קום אַריין, זעץ דיך. ווילסט עסן? מאַשע, דריי פּאָרציעס ברענג. ניין, וואַרט־צו. דו ווייסט, ווער דאָס איז? — האָט ער זיך געווענדט צום ברודער, אָנווייזנדיק אויפן הער אין קאַפּטן: — דאָס איז דער הער קריצקי, מיינס אַ פריינט נאָך פון קיעוו, זייער אַ מערקווירדיקער מענטש. אים פאַרפאָלגט, פאַרשטייט זיך, די פּאָליציי, ווייל ער איז נישט קיין מנוול.

און ער האָט, ווי זיין געוווינהייט, זיך אומגעקוקט אויף אַלע אַנוועזנדע אין קאַבינעט. דערזעענדיק, אַז די פרוי, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר, קלייבט זיך שוין צו גיין, האָט ער אַ געשריי געטון צו איר: „וואַרט־צו, האָב איך געזאָגט". און מיט יענעם נישט מסוגלדיקן נישט גלאַטיקן אַרט רעדן, וואָס איז אַזוי באַקאַנט געווען קאָנסטאַנטינען, האָט ער, אַ קוק געגעבנדיק אויף אַלע, ווידער אָנגעהויבן דערציילן דעם ברודער קריצקיס געשיכטע: ווי אַזוי מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון אוניווערזיטעט דערפאַר, וואָס ער האָט געגרינדעט אַ הילפס־געזעלשאַפט פאַר אָרימע סטודענטן און זונטיק־שולן, ווי אַזוי ער איז דערנאָך אַריינגעטרעטן אַלס לערער אין אַ פאָלקס־שול, ווי מען האָט אים פון דאָרט אויך אַרויסגעטריבן, און ווי אַזוי ער האָט דערנאָך געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס פאַר עפּעס.

— איר זענט פון קיעווער אוניווערזיטעט? — האָט קאָנסטאַנטין לעווין געזאָגט צו קריצקין, כדי איבערצורייסן דאָס אומאָנגענעמע שווייגן, וואָס האָט זיך געשאַפן.

— יאָ, כ'בין געווען אין קיעווער, — האָט קריצקי אָנגעברוגזטערהייט, בייז אַ זאָג געטון.

— און דידאָזיקע פרוי, — האָט אים איבערגעשלאָגן ניקאָלאַי לעווין, אָנווייזנדיק אויף איר, — איז מיין לעבנס פריינדין, מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ. איך האָב זי פון אַ הויז אַרויסגענומען, — און ער האָט אַ צוק געטון מיטן האַלז, זאָגנדיק דאָס. — נאָר איך האָב זי ליב און שעץ זי. און אַלע, וואָס ווילן מיך קענען, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ העכער קול און כמורענדיק זיך, — בעט איך ליב צו האָבן זי און שעצן. זי איז גלייך ווי מיין ווייב, אַלץ איינס. איז ווייסטו שוין, מיט וועמען דו

האָסט צו טון. און אויב דו קלערסט, אַז דו וועסט זיך דערגידעריק
איז אַט גאָט, און אַט איז די שוועל.
און ווידער זענען זיינע אויגן מיט אַ פראַגע איבער אַלע דורכ-
געלאָפן.
— פאַרוואָס זשע וועל איך מיך דערגידעריקן, פאַרשטיי איך
נישט.
— הייס זשע, מאַשע, ברענגען נאַכטעסן: דריי פּאָרציעס, בראָנפן
און ווין... ניין, וואַרט-צו... ניין, מען דאַרף נישט... גיי.

XXV.

— איז זעסטו, — האָט ניקאָלאַי לעווין ווייטער גערעדט, — מיט
אָנשטרענגונג קנייטשנדיק דעם שטערן און ציפּנדיק זיך.
אים איז קענטיק שווער געווען צו אָריענטירן זיך, וואָס צו זאָגן
און צו טון.
— אָט זעסטו... — ער האָט אָנגעוויזן אין ווינקל פון צימער אויף
עפּעס אייזערנע פּרענטן, אַרומגעבונדענע מיט גראָבע שטריק. — דו זעסט
דאָס? דאָס איז דער אָנהייב פון אַ נייַ געשעפט, צו וועלכן מיר טרעטן
צו. דאָס דאָזיקע געשעפט איז אַ פּראָדוקציר-קאָאָפּעראַטיוו...
קאָנסטאַנטין האָט כמעט נישט געהערט. ער האָט זיך איינגעקוקט
אין זיין קרענקליך שווינדזיכטיק פּנים און אַלץ מער און מער רחמנות
געקריגן אויף אים, און ער האָט זיך נישט געקאָנט צווינגען אויסצוהערן
דאָס, וואָס דער ברודער האָט אים דערציילט וועגן דעם קאָאָפּעראַטיוו.
ער האָט געזען, אַז דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיוו איז בלויז אַ רעטונגס-
אַנקער פון דער פאַראַכטונג צו זיך אַליין. ניקאָלאַי לעווין האָט ווייטער
גערעדט:
— דו ווייסט, אַז דער קאַפּיטאַל דריקט דעם אַרבעטער. — די אַר-
בעטער בא אונז, די פּויערן, טראָגן די גאַנצע לאַסט פון דער אַרבעט און
זענען אַזוי געשטעלט אַזוי, אַז וויפיל זיי זאָלן נישט אַרבעטן, קאָנען זיי
נישט אַרויס פון זייער לאַגע פון אַרבעטס-פי. אַלע רווחים פון דעם
אַרבעטס-לוין, פאַר וועלכע זיי וואָלטן געקאָנט אויסבעסערן זייער לאַגע,
שאַפן זיך פרייע צייט און דורך דעם בילדונג, — דעם גאַנצן עודף פון

דעם לוין נעמען צו בא זיי די קאַפּיטאַליסטן. און די געזעלשאַפט האָט זיך אַזוי אָרגאַניזירט, אַז וואָס מער זיי וועלן אַרבעטן, אַלץ מער וועלן רייך ווערן די כוחרים, ערדבאַזיצער, און זיי וועלן תמיד זיין אַרבעטס-פערד. און דידאָזיקע אָרדנונג דאַרף מען ענדערן, — האָט ער פאַרענדיקט און פרעגנדיק אַ קוק געטון אויפן ברודער.

— יאָ, פּ רשטייט זיך, — האָט קאָנסטאַנטין געזאָגט, זיך איינ-קוקנדיק אין דער רויטקייט, וואָס האָט זיך באַוויזן אונטער דעם ברודערס בולטע באַקנביינער.

— און אָט אָרדנען מיר איין אַ שלאָסער-קאָאָפּעראַטיוו, ווו די גאַנצע אויסאַרבעטונג, סיי דער ריווח, סיי די אַרבעטס-מכשירים, אַלץ וועט זיין בשותּפותדיק.

— ווו-זשע וועט זיין דער קאָאָפּעראַטיוו? — האָט קאָנסטאַנטין לעווין געזאָגט.

— אין דאָרף וואָזדוויזשענסק, קאַזאַנער גובערניע.

— פאַרוואָס-זשע אין דאָרף? אין די דערפער איז, דאַכט זיך אַזוי אויך דאָ גענוג וואָס צו טון. צוואָס אין דאָרף אַ שלאָסער-קאָאָפּעראַטיוו?

— דערפאַר, וואָס די פּויערן זענען אַצינד פּונקט די אייגענע קנעכט, וואָס זיי זענען געווען פריער, און דערפאַר טאַקע איז דאָס דיר מיט סערגיי איוואַניטשן נישט אָנגענעם, וואָס מען וויל זיי אַרויספירן פון דערדאָזיקער קנעכטשאַפט, — האָט ניקאָלאַי לעווין געזאָגט, צערייצט פון דעם דערווידערן אים.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט אַ זיפץ געטון, באַטראַכטנדיק בשעת-מעשה דאָס צימער, אַ פּינצטערס און אַ שמוציקס. דערדאָזיקער זיפץ האָט, דאַכט זיך, נאָך מער צערייצט ניקאָלאַיען.

— איך קען דיינע מיט סערגיי איוואַניטשס אַריסטאָקראַטישע אָנ-שויונגען. איך ווייס, אַז ער שטרענגט אָן אַלע זיינע גייסטיקע כּוחות, כּדי צו באַרעכטיקן דאָס עקזיסטירנדע שלעכטס.

— ניין, אָבער נאָכוואָס רעדסטו וועגן סערגיי איוואַניטשן? — האָט לעווין שמייכלענדיק אַ זאָג געטון.

— סערגיי איוואַניטש? אָט פאַרוואָס! — האָט פּלוצלינג בא סערגיי איוואַניטשס נאָמען ניקאָלאַי לעווין אויסגעשריגן, — אָט נאָכוואָס... אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן? בלויז איין זאַך... נאָכוואָס ביסטו געקומען צו

מיר? דו באַציסט דיך צו דעם מיט ביטול, אויסגעצייכנט, און גיי דיר געזונטערהייט, גיי, — האָט ער געשריגן, אויפשטייענדיק פון טיש, — גיי, גיי!

— איך באַצי מיך לגמרי נישט מיט ביטול, — האָט קאָנסטאַנטין ליעווין אָפּהענטיק געזאָגט. — איך שפּאַר זיך אפילו נישט.

אין דער צייט איז צוריקגעקומען מאַריאַ ניקאָלאַיעוונא. ניקאָלאַי ליעווין האָט זיך בייז אומגעקוקט אויף איר. זי איז שנעל צוגעגאַנגען צו אים און עפּעס איינגערוימט.

— איך בין נישט געזונט, איך בין געוואָרן נערוועיש, — האָט ניקאָלאַי ליעווין אַ זאָג געטון, באַרויקנדיק זיך און שווער אָטעמענדיק, — און אַ חוץ דעם, דערציילסטו מיר וועגן סערגיי איוואַניטש און זיין אַרטיקל. דאָס איז אַזאַ אומזין, אַזאַ שקר, אַזאַ זעלבסטנאַרעריי. וואָס קאָן שרייבן וועגן גערעכטיקייט אַ מענטש, וועלכער קען זי נישט? איר האָט געלייענט זיין אַרטיקל? — האָט ער זיך געווענדט צו קריצקין, ווידער זיך זעצנדיק צום טיש און אָראָפּשאַרנדיק פון אים די האַלב-אָנגעשיטע פּאַפּיראָסן, כדי פריי צו מאַכן דאָס אָרט.

— איך האָב נישט געלייענט, — האָט קריצקי מרה-שחורהדיק געזאָגט, משמעות נישט ווילנדיק זיך אַריינלאָזן אין אַ געשפּרעך.

— פאַרוואָס? — האָט ניקאָלאַי ליעווין צערייצט זיך געווענדט צו קריצקין.

— ווייל איך האַלט נישט פאַר נייטיק צו פאַרלירן צייט אויף זיעם.

— דאָס הייסט, אַנטשולדיקט, פון וואַנען זשע ווייסט איר, אַז איר וועט פאַרלירן צייט? פאַר אַ סך איז דאָס אַרטיקל נישט צוגענגלעך, דאָס הייסט, העכער פון זיי. נאָר איך, איז עפּעס אַנדערש, איך זע דורך און דורך זיינע געדאַנקען און ווייס, פאַרוואָס דאָס איז שוואַך.

אַלע זענען שטיל געבליבן. קריצקי איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען און זיך גענומען צום היטל.

— איר ווילט נישט עסן קיין אָוונט-ברויט? נו, זייט געזונט. מאָרגן קומט מיטן שלאָסער.

ווי נאָר קריצקי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ניקאָלאַי ליעווין זיך צעשמייכלט און אַ ווינק געגעבן.

— אויך אויף צרות, — האָט ער אַ זאָג געטון. — איך זע דאָך...

אָבער אין דער מינוט האָט קריצקי פון דער טיר אים אַ רוף געטון.

— וואָס נאָך דאַרף מען? — האָט ער געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען צו אים אין קאָרידאָר אַריין. בלייבנדיק אַליין מיט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, האָט לעווין זיך געווענדט צו איר.

— און איר זענט שוין לאַנג מיטן ברודער? — האָט ער איר געזאָגט.

— שוין דאָס צווייטע יאָר. זייער געזונט האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. זיי טרינקען אַ סך, — האָט זי געזאָגט.

— ס'הייסט, וואָס טרינקט ער?

— בראָנפן טרינקען זיי, און זיי איז דאָס שעדלעך.

— אַ סך? — האָט לעווין אַ פליסטער געטון.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, מיט שרעק זיך אומקוקנדיק אויף דער טיר, אין וועלכער ניקאָלאַי לעווין האָט זיך באַוויזן.

— וועגן וואָס האָט איר גערעדט? — האָט ער געזאָגט, כמורענדיק זיך און אַריבערפירנדיק די צעשראָקענע אויגן פון איינעם אויפן צווייטן. — וועגן וואָס?

— וועגן גאָרנישט, — האָט קאָנסטאַנטין אין פאַרלעגנהייט געענטפערט.

— איר ווילט נישט זאָגן, דאַרף מען נישט. נאָר דו האָסט נישט מיט איר וואָס צו רעדן. זי איז אַ גאַסנמיידל, און דו ביסט אַ הער, — האָט ער אַ זאָג געטון, אַ צוק געבנדיק מיטן האַלז. — איך זע דאָך, דו האָסט אַלץ פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט און באַציסט דיך מיט באַדויערונג צו מיין פאַרבלאָנדזשעטקייט, — האָט ער ווידער מיט אַ העכער קול אָנגעהויבן רעדן.

— ניקאָלאַי דמיטריטש, ניקאָלאַי דמיטריטש, — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ ווידער אַ פליסטער געטון, זיך דערנענטערנדיק צו אים.

— נו, גוט, גוט... וואָס־זשע הערט זיך מיטן נאַכטעסן? אַ, אָט איז ער טאַקע, — האָט ער אַ זאָג געטון, דערזעענדיק דעם לאָקיי מיט דער טאַץ. — אַהער, אַהער שנעל, — האָט ער בייז אַ זאָג געגעבן און גלייך גענומען דעם בראָנפן, אָנגעגאָסן אַ גלעזל און גיריק אויסגעטרונקען. — טרינק, ווילסט? — האָט ער זיך געווענדט צום ברודער, באַלד פריילעך ווערנדיק. — נו, גענוג וועגן סערגיי איוואַניטש. פונדעסטוועגן פרייט מיך דיך צו זעען. ווי עס זאָל נישט זיין, זענען מיר פאָרט נישט קיין פרעמ-

דע. גו, טרינק-זשע אויס. דערציי̈ל, וואָס דו טוסט? — האָט ער ווייטער געי̈עדט, גיריק צעקייענדיק אַ שטיקל ברויט און אָנגיסנדיק אַ צווייט גלעזל. — ווי אַזוי לעבסטו?

— איך לעב איינער אַליין אין דאָרף, ווי איך האָב פריער געלעבט. איך פאַרנעם מיך מיט באַלעבאַטישקייט, — האָט קאָנסטאַנטין געענטפערט, מיט שרעק זיך איינקוקנדיק אין דער גיריקייט, מיט וועלכער דער ברודער האָט געטרונקען און געגעסן, און באַמיענדיק זיך צו פאַרבאַרגן זיין אויפמערקזאַמקייט.

— פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה?

— עס איז נישט אויסגעקומען, — האָט קאָנסטאַנטין רויט ווערנדיק געענטפערט.

— פאַרוואָס? פאַר מיר איז געענדיקט! איך האָב מיין לעבן קאַליע געמאַכט. דאָס האָב איך געזאָגט און וועל זאָגן, אַז ווען מען וואָלט מיר דעמאָלט געגעבן מיין חלק, ווען עס איז מיר נייטיק געווען, וואָלט מיין גאַנץ לעבן געווען אַן אַנדערש.

קאָנסטאַנטין האָט געאיילט אַריבערצופירן דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע.

— און דו ווייסט, אַז דיין וואַניושקאַ איז בא מיר אין פּאָקראָווסקאָ'ע אין דער קאַנטאָר? — האָט ער געזאָגט.

ניקאָלאַי האָט אַ דריי געטון מיטן האַלז און זיך פאַרטראַכט.

— דערציי̈ל מיר, וואָס הערט זיך אין פּאָקראָווסקאָיע? וואָס, דאָס הויז שטייט נאָך אַלץ, און די בעריאָזעס, און אונזער קלאַס-צימער? און פיליפּ דער גערטנער לעבט נאָך? ווי איך געדענק די אַלטאַנקע און די סאָפע!... זע-זשע, מאַך גאָרנישט אַנדערש אין הויז, האָב שנעל חתונה און פיר ווידער איין דאָס אייגענע, וואָס איז געווען. איך וועל דעמאָלט קומען צו דיר, אויב דיין פרוי וועט זיין אַ גוטע.

— קום אַצינד צו מיר, — האָט לעווין געזאָגט. — ווי גוט מיר וואָלטן זיך איינגעאָרדנט!

— איך וואָלט געקומען צו דיר, ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז איך וועל נישט טרעפן סערגיי איוואַניטשן.

— דו וועסט אים נישט טרעפן. איך לעב אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון אים.

— יאָ, נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, מוזסטו אויסקלויבן צווישן מיר

און אים, — האָט ער געזאָגט, נישט דרייסט קוקנדיק דעם ברודער אין די אויגן אַריין.

דידאָזיקע נישט דרייסטקייט האָט קאָנסטאַנטינען געריהרט.

— אויב דו ווילסט וויסן מיין גאַנצע אָפּנהאַרציקייט אין דער הינזיכט, וועל איך דיר זאָגן, אַז אין דיין קריג מיט סערגיי איוואַניטשן האַלט איך נישט אין דיין, נישט אין זיין זייט. איר זענט ביידע נישט גערעכט. דו ביסט נישט גערעכט אויף אַ מער אויסערלעכן אופן, און ער מער אינערלעך.

— אַ, אַ! דו האָסט דאָס פאַרשטאַנען, דו האָסט דאָס פאַרשטאַנען! — האָט ניקאָלאַי פריידיק אויסגעשריגן.

— נאָר איך, פּערזענלעך, אויב דו ווילסט וויסן, האַלט מייער דיין פריינטשאַפט, וויל...

— פאַרוואָס, פאַרוואָס?

קאָנסטאַנטין האָט נישט געקאָנט זאָגן, אַז ער האַלט טייערער דערפאַר, וואָס ניקאָלאַי איז אומגליקלעך און אים איז נייטיק פריינטשאַפט. אָבער ניקאָלאַי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט טאַקע געוואָלט זאָגן דאָס, און, אָנכמורענדיק זיך, האָט ער זיך ווידער גענומען צום בראָנפן.

— שוין גענוג! ניקאָלאַי דמיטריטש! — האָט מאַריאַ ניקאָלאַיעווּנאַ געזאָגט, אויסשטרעקנדיק די פולקע אָנטבלויזטע האַנט צו דער קאַראַפינקע.

— לאָז אָפּ! טשעפּע דיך נישט! איך וועל שלאָגן. — האָט ער אַ געשריי געגעבן.

מאַריאַ ניקאָלאַיעווּנאַ האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ מילדן און גוטן שמייכל, וועלכער האָט זיך איבערגעגעבן אויך ניקאָלאַיען, און האָט צוגענומען דעם בראָנפן.

— דו מיינסט, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט? — האָט ניקאָלאַי געזאָגט. — זי פאַרשטייט דאָס אַלץ בעסער פאַר אונז. אמת, אַז ס'איז דאָ אין איר עפּעס גוטס, ליבס?

— איר זענט פריער קיינמאָל נישט געווען אין מאָסקווע? — האָט איר קאָנסטאַנטין געזאָגט, כדי עפּעס צו זאָגן.

— זאָג איר נישט איר. זי האָט מורא פאַר דעם. חוץ דעם פרידנס־ריכטער, ווען מען האָט זי געמשפּט פאַר וועלן אַנטלויפן פון שאַנדהויז, האָט איר קיינער נישט געזאָגט איר. גאָט מיינער, וואָס פאַר אַן אומזוניקייט איז דאָס אויף דער וועלט! — האָט ער פּלוצלינג אויס-

געשריגן. — דידאָזיקע נייע אינסטיטוציעס, די פרידנס-ריכטער, די זעמ-סטוואָ — וואָס פאַר אַן אומגעלומפּערטקייט דאָס איז!

און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן זיינע צוזאַמענשטויסן מיט די נייע אינסטיטוציעס.

קאָנסטאַנטין לעווין האָט אים אויסגעהערט; און דאָס אָפּלייקענען דעם זינען פון אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אין וואָס ער איז איינשטימיק געווען מיט אים און פלעגט עס אָפט אַרויסזאָגן, איז אים גע-ווען נישט אָנגענעם אצינד פון ברודערס מויל.

— אויף יענער וועלט וועלן מיר אַלץ פאַרשטיין, — האָט ער שפּאַסנדיק געזאָגט.

— אויף יענער וועלט? אַך, איך האָב נישט ליב יענע וועלט! איך האָב נישט ליב, — האָט ער געזאָגט, אָפּשטעלנדיק די דערשראָקענע ווילדע אויגן אויפן ברודערס פּנים. — עס דאַכט זיך דאָך, אַז עס וואָלט גוט געווען אַוועקצוגיין פון דער גאַנצער נידערטרעכטיקייט, פאַרפּלאָנ-טערטקייט, סיי פרעמדער, סיי אייגענער, אָבער איך האָב מורא פאַרן טויט, שרעקלעך מורא פאַרן טויט. — ער האָט אויפגעשווידערט. — טרינק-זשע עפּעס. ווילסט שאַמפּאַניער? אָדער לאָמיר פאָרן ערגעץ. לאָמיר פאָרן צו די ציגיינער. ווייסט, איך האָב זייער ליב געקריגן ציגיינער און רוסישע לידער.

זיין צונג האָט זיך געגומען פּלאָנטערן און ער האָט אָנגעהויבן אַרי-בערשפּרינגען פון איין זאַך אויף דער צווייטער. קאָנסטאַנטין האָט מיט מאַשעס הילף אים איינגערעדט אין ערגעץ נישט צו פאָרן און אים גע-לייגט שלאָפן אַ פולשטענדיק שיכורן.

מאַשע האָט צוגעזאָגט צו שרייבן קאָנסטאַנטינען אין פאַל פון אַ נויט און אָנרעדן ניקאָלאַי לעווינען צו קומען וווינען צום ברודער.

XXVI.

אינדערפרי איז קאָנסטאַנטין לעווין אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע און אָוונט-צייט איז ער געקומען אַהיים. אויפן וועג, אין וואַגאָן, האָט ער גע־שמועסט מיט די שכנים וועגן פּאָליטיק, וועגן די נייע באַנען, און, פונקט ווי אין מאָסקווע, האָט אים באַהערשט דער פּלאָנטער פון באַגריפן, די אומצופרידנקייט מיט זיך, די בושה פאַר עפּעס; אָבער ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף זיין סטאַציע, האָט דערקענט דעם לאָמען קוטשער איגנאַט מיטן אויפגעשטעלטן קאָלנער פון קאַפּטן, ווען ער האָט דערזען אין דעם נישט העלן ליכט, וואָס איז געפאַלן פון די פענצטער פון דער סטאַציע, זיין אויסגעבעטן שליטן, זיינע פערד מיט די אונטערגעבונדענע ווידלען, אינם געשפּאַן מיט די רינגען און פראַנזן, ווען דער קוטשער איגנאַט האָט אים, נאָך בשעתן אַרויפלייגן דאָס געפּעק, דערציילט די דאָרפישע נייעס, וועגן דעם, אַז דער פּאַרמיטלער איז געקומען און וועגן דעם, אַז פּאַווא האָט זיך אָפּגעקעלבט, — האָט ער דערפילט, אַז דער פּלאָנטער הייבט ביסלעכווייז אָן זיך אויפצוקלערן און אַז די בושה און אומצופרידנקייט מיט זיך גייען אַריבער. דאָס האָט ער דערפילט באַם בלויזן דערזען איגנאַטן מיט די פערד; נאָר ווען ער האָט אָנגעטון דעם טולופּ, וואָס מען האָט אים געבראַנגט, זיך אַרומגע־הילט, אַריינגעזעצט אין שליטן און אָנגעהויבן פאָרן, טראַכטנדיק וועגן די פאָרשטייענדיקע פאַראָרדנונגען אין דאָרף און קוקנדיק אויפן צוגעשפּאַנטן דאָנער, דאָס געוועזענע רייטפערד, וואָס האָט זיך אונטערגעריסן, אָבער פאָרט נאָך געווען אַ פלינק פערד, האָט ער איגגאַנצן אַנדערש אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס, וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט זיך צוריק געפילט ווי שטענדיק און האָט אַנדערש נישט געוואָלט זיין. ער האָט אַצינד בלויז געוואָלט זיין בעסער, ווי ער איז פריער געווען. ערשטנס, האָט ער פון דעם טאָג אָן באַשלאָסן, אַז ער וועט שוין נישט מער האָפן אויף דעם אומגעוויינלעכן גליק, וואָס דאָס חתונה-האָבן האָט אים געזאָלט געבן, און וועט איבער דעם שוין נישט אַזוי גרינגשעצן דאָס קעגנוואַרטיקע. צווייטנס, וועט ער זיך שוין קיינמאָל נישט דערלויבן נאָכצוגעבן דער העסלעכער ליידנשאַפט, וואָס די דערינערונג וועגן איר האָט אים אַזוי געפּייניקט, ווען

ער האָט זיך געקליבן צו מאַכן דעם פאָרשלאַג. דערנאָך, דערמאַנענדיק זיך אָן ברודער ניקאָלאַי, האָט ער באַ זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט דערלויבן צו פאַרגעסן אים, וועט אַכטונג געבן אויף אים און אים נישט אַרויסלאָזן פון אויג, כדי גרייט צו זיין אויף הילף, ווען אים וועט זיין שלעכט. און דאָס וועט זיין בקרוב. ער האָט דאָס געפילט. חוץ דעם, האָט אויך דעם ברודערס שמועס וועגן קאָמוניזם, צו וועלכן ער האָט זיך דעמאָלט אַזוי לייכט באַצויגן, איצט אים געבייט צו פאַרטראַכטן זיך. ער האָט געהאַלטן דאָס איבערמאַכן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פאַר אַן אומזין, אָבער ער האָט שטענדיק געפילט די אומגערעכטיקייט פון זיין איבערפלוס אין פאַרגלייך מיט דער אָרימקייט פון פאָלק און ער האָט אַצינד באַשלאָסן באַ זיך, אַז כדי צו פילן זיך אינגאַנצן גערעכט, וועט ער, הגם ער האָט אויך פריער פיל געאַרבעט און נישט געלעבט אין לוקסוס, איצט נאָך מער אַרבעטן און נאָך ווינציקער לוקסוס זיך דערלויבן. און דאָס אַלץ האָט אים אויסגעזען אַזוי לייכט אויסצופירן איבער זיך, אַז ער האָט דעם גאַנצן וועג פאַרברענגט אין די אָנגענעמסטע פאַנטאַזיעס. מיט אַ מונטער געפיל פון האָפנונג אויף אַ ניי, בעסער לעבן איז ער ניין אַ זייגער באַנאַכט צוגעפאָרן צו זיין הויז.

פון די פענצטער פון אַגאַפיאַ מיכיילאָוונעס צימער, די אַלטע ניאַניע, וואָס האָט אויסגעפירט די ראָל פון אַן עקאָנאָמקע אין זיין הויז, איז געפאַלן ליכט אויפן שניי פאַרן הויז. זי איז נאָך נישט געשלאָפן. קוזמאַ, וואָס איז אויפגעוועקט געוואָרן דורך איר, איז אַ שלעפעריקער און באָרוועסער אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק. די יאַגד-סוקע לאַסקאַ, שיער נישט אומוואַרפנדיק קוזמאַן, איז אויך אַרויסגעשפרונגען און געוואָיעט, זיך געריבן אָן זיינע קני, כסדר זיך אויפגעהויבן און געוואָלט, נאָר נישט געוואַגט צרויפצולייגן אים די פעדערשטע לאַפעס אויף דער ברוסט.

— גיך, פאָטערל, זיך אומגעקערט, — האָט אַגאַפיאַ מיכיילאָוונאַ געזאָגט.

— זיך פאַרבענקט, אַגאַפיאַ מיכיילאָוונאַ. אין געסט איז גוט, אָבער אינדערהיים איז נאָך בעסער, — האָט ער איר געענטפערט און איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט.

דער קאַבינעט איז ביסלעכווייז באַלויכטן געוואָרן פון דעם געבראַכטן ליכט, עס זענען אַרויסגעטרעטן די באַקאַנטע איינצלהייטן: די הירשן-הערנער, די ביכער-שענק, דער שפיגל פונם אויוון מיטן לופט-שיבער, וועלכן מען האָט שוין לאַנג געדאַרפט פאַרריכטן, דעם פאָטערס סאָ-

פע, דער גרויסער טיש, אויפן טיש אַן אָפן בוך, אַ צעבראָכענער אַש־בעכער, אַ העפט מיט זיין האַנטשריפט. ווען ער האָט דאָס אַלץ דערזעען, איז אים אויף אַ מינוט באַפאַלן אַ ספק אין דער מעגלעכקייט איינצואָרדענען דאָס נייע לעבן, וועגן וועלכן ער האָט געפאַנטאַזירט אויפן וועג. די אַלע שפורן פון זיין לעבן האָבן אים אַזוי ווי אַרומגעכאַפט און אים געזאָגט: „ניין, דו וועסט נישט אַוועקגיין פון אונז און וועסט נישט זיין קיין אַנדערער. נאָר דו וועסט זיין אַזעלכער, ווי ביסט געווען: מיט די ספקות, מיט דער אייביקער אומצופרידנקייט מיט זיך, מיט די בחינמדיקע פרואוון אויסצובעסערן זיך און כסדרדיקע מפלות, מיט דעם אייביקן וואַרטן אויף גליק, וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן און איז נישט מעגלעך פאַר דיר".

נאָר דאָס האָבן גערעדט זיינע זאַכן, אַ צווייטע שטימע אָבער אין האַרץ האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך נישט אונטערוואַרפן דער פאַרגאַנגענהייט און אַז אַלץ איז מעגלעך צו מאַכן מיט זיך. און, האָרכנדיק דידאָזיקע שטימע, איז ער צוגעגאַנגען צום ווינקל, וווּ ס'זענען בײַ אים געשטאַנען צוויי פודיקע געוויכטן, און אָנגעהויבן גימנאַסטיש אויפהייבן זיי, באַמיענדיק זיך אַריינצוברענגען זיך אין אַ מונטערן צושטאַנד. הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון טריט. ער האָט אייליק אַוועקגעשטעלט די געוויכטן.

עס איז אַריינגעקומען דער פאַרוואַלטער און געזאָגט, אַז אַלץ איז דאַנקען גאָט אין אָרדנונג, נאָר מיטגעטיילט, אַז די גריקע אין נייעם טרוקן־שייער האָט אונטערגעברענט. דידאָזיקע ידיעה האָט לעווינען אויפגערעגט. דער נייער טרוקן־שייער איז אויפגעבויט און טיילווייז צוגעטראַכט געוואָרן דורך לעווינען. דער פאַרוואַלטער איז תּמיד געווען קעגן דעמדאָזיקן טרוקן שייער און האָט איצט מיט אַ באַהאַלטענעם טריומף דערקלערט, אַז די גריקע האָט אונטערגעברענט. לעווין אָבער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז אויב זי האָט אונטערגעברענט, איז דאָס בלויז דערפאַר, וואָס עס זענען נישט אָנגענומען געוואָרן די מיטלען, וועלכע ער האָט הונדערטער מאָל געהייסן. ס'איז אים געוואָרן פאַרדראָסיק, און ער האָט דעם פאַרוואַלטער געמאַכט אַ פאָרוואורף. אָבער עס איז געווען איין וויכטיקע און פריידיקע געשעעניש: עס האָט זיך אָפּגעקעלבט פּאַווא, די בעסטע, די טייערסטע קו, וואָס איז געקויפט געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג.

— קוזמאַ, גיב דעם טולופּ. און איר הייסט נעמען אַ לאַמטער, איך
וועל גיין אַ קוק טון, — האָט ער געזאָגט דעם פּאַרוואַלטער.
די קו-שטאַל פאַר די טייערע בהמות איז געווען באַלד הינטערן
הויז. דורכגייענדיק דעם הויף פאַ-ביי דעם שניי-גרוב באַם בעז-בוים, איז
ער צוגעקומען צו דער קו-שטאַל. עס האָט אַ שמעק געטון מיט ווארעמער
פּאַרע פון מיסט, ווען די צוגעפרוירענע טיר האָט זיך געעפנט, און די
בהמות, פאַרוואונדערט פון דעם אומגעוווינטן ליכט פון דער לאַמטער, האָבן
זיך אַ רודער געטון אויפן פרישן שטרוי. עס האָט אַ שימער געטון דער
גלאַטער, שוואַרץ-געפלעקטער, ברייטער רוקן פון דער האָלענדערין. בער-
קוט, דער אָקס, איז געלעגן מיט זיין רינג אין דער ליפּ און בדעה גע-
האַט אויפצושטיין, נאָר זיך מישב געווען און בלויז צוויי מאָל אַ סאָפּע
געטון, ווען מען איז לעבן אים פאַרבייגעגאַנגען. די רויטע שיינהייט, די
אַ היפּאָפּאָטאַם ריזיקע פּאַוואַ, אויסדרייענדיק זיך מיטן הינטן, האָט פאַר-
שטעלט פאַר די אַריינגעקומענע דאָס קעלבל און עס אַרומגעשמעקט.

לעווין איז אַריינגעגאַנגען אין שטאַל, האָט באַקוקט פּאַוואַן און
אויפגעהויבן דאָס רויט-געפלעקטע קעלבעלע אויף די שוואַנקענדיקע לאַנ-
גע פיס. די באַאומרויקטע פּאַוואַ האָט שוין אָנגעהויבן מרוטשען, נאָר זיך
באַרויקט, ווען לעווין האָט איר צוגערוקט דאָס קעלבל, און, שווער אָפּ-
אָטעמענדיק, האָט זי עס אָנגעהויבן מיט דער ראַציקער צונג צו באַלעקן.
דאָס קעלבעלע האָט, זוכנדיק, גע-טויסן מיט דער נאָז דער מוטערס פּאַכ-
ווע און געדרייט מיטן וויידעלע.

— אַהער לייכט-צו, פעדאָר, אַהער די לאַמטער, — האָט לעווין גע-
זאָגט, באַטראַכטנדיק דאָס קעלבל. — אין דער מוטער אַריין געראָטן!
אַ שאָד וואָס מיט דער פאַרב אין פאָטער אַריין. זייער שיין. לאַנג און
אין פיין-פעליק. וואַסילי פעדאָראָוויטש, אמת, שיין? — האָט ער זיך גע-
ווענדט צום פּאַרוואַלטער, אינגאַנצן שלום מאַכנדיק מיט אים פאַר דער
גריקע אונטער דער ווירקונג פון דער פרייד פון קעלבל.

— אין וועמען-זשע האָט עס שלעכט אַריינצוגעראָטן! און דער
מעקלער סעמיאָן איז צומאָרגנס נאָך אייער אָוועקפאָר געקומען. מען
וועט מוזן דורכקומען מיט אים, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט דער
פּאַרוואַלטער געזאָגט. — איך האָב אייך פריער מיטגעטיילט וועגן דער
מאַשין.

דידאָזיקע איינע פראַגע האָט אַריינגעפירט לעווינען אין אַלע פרטים
פון דער ווירטשאַפט, וועלכע איז געווען אַ גרויסע און פאַרוויקלטע. און

ער איז גלייך פון שטאַל אַריינגעגאַנגען אין קאַנטאָר אַריין, דורכשמועסנדיק זיך מיטן פּאַרוואַלטער און מיטן מעקלער סעמיאָן, האָט ער זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין און איז גלייך אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך אין גאַסטצימער אַריין.

XXVII.

דאָס הויז איז געווען אַ גרויס, אַן אַלטס, און הגם לעווין האָט געוואוינט אַליין, האָט ער דאָך באַהייצט און פאַרנומען דאָס גאַנצע הויז. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז נאַריש, געוווּסט, אַז דאָס איז אפילו נישט גוט און קעגן זיינע איצטיקע נייע פּלענער, נאָר דאָסדאָזיקע הויז איז געווען אַ גאַנצע וועלט פאַר לעווינען. דאָס איז געווען די וועלט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געשטאָרבן זיינע פאָטער און מוטער. זיי האָבן געלעבט מיט דעם לעבן, וואָס האָט לעווינען אויסגעזעען אַלס אידעאַל פון העכסטער פולקאָמענהייט און וואָס ער האָט געטרוימט צו באַנייען עס מיט זיין פרוי, מיט זיין פאַמיליע.

לעווין האָט קוים געדענקט זיין מוטער. דער באַגריף וועגן איר איז געווען פאַר אים אַ הייליקע דערינערונג, און זיין קינפטיקע פרוי האָט אין זיין פאַנטאַזיע געדאַרפט זיין אַן איבערחזרונג פון יענעם הערלעכן, הייליקן פרויען-אידעאַל, וואָס זיין מוטער איז געווען.

ליבע צו אַ פרוי האָט ער נישט בלויז נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן אָן חתונה-האָבן, נאָר ער האָט פריער זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַמיליע, און דערנאָך ערשט יענע פרוי, וועלכע וועט אים געבן די פאַמיליע. זיינע באַגריפן וועגן חתונה-האָבן זענען דערפאַר נישט ענלעך געווען צו די באַגריפן פון דער מערהייט פון זיינע באַקאַנטע, פאַר וועלכע דאָס חתונה-האָבן איז געווען איינס פון די פיל אַלטעגלעכע ענינים; פאַר לעווינען איז דאָס געווען דער עיקר פון לעבן, פון וועלכן עס איז אָפּהענגיק געווען זיין גאַנץ גליק. און אַצינד האָט מען פון דעם געמוזט זיך אָפּזאָגן!

ווען ער איז אַריינגעקומען אין קליינעם גאַסטצימער, וווּ ער האָט שטענדיק געטרונקען טיי, און זיך אַריינגעזעצט אין זיין פאָטעל מיט אַ בוך, און אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ האָט אים געברענגט טיי און מיט איר געוויינלעכן: „און איך וועל מיך זעצן, פאָטערל", האָט זי זיך אַוועקגעזעצט

אויף אַ שטול באַם פענצטער, האָט ער דערפילט, אַז ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט זיין, האָט ער זיך נישט געשיידט מיט זיינע טרוימען און אַז ער קאָן אָן זיי נישט לעבן. צי מיט איר, צי מיט אַ צווייטער, נאָר דאָס וועט זיין. ער האָט געלייענט דאָס בוך, געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט געלייענט, זיך אָפּשטעלנדיק, כדי אויסצוהערן אַגאַפיאַ מיכיילאָוונאַ, וועלכע האָט אָן אויפהער געפּלוידערט; און איינצייטיק זענען פאַרשידענע בילדער פון דער ווירטשאַפט און פון קינפטיקן פאַמיליע-לעבן אויפגעקומען אין זיין דמיון. ער האָט געפילט, אַז טיף אין זיין נשמה סדרט זיך, נאָרמירט זיך און שטעלט זיך איין עפּעס.

ער האָט געהערט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונעס דערציילן וועגן דעם, אַז פּראָכאָר האָט אָן גאָט פאַרגעסן, און פאַר דעם געלט, וואָס לעווין האָט אים געשענקט, ער זאָל זיך אַ קו קויפן, שיכורט ער אָן אויפהער און האָט דאָס ווייב צום טויט געשלאָגן; ער האָט געהערט און געלייענט דאָס בוך און זיך דערמאָנט דעם גאַנצן גאַנג פון זיינע געדאַנקען, וואָס זענען אויסגערופן געוואָרן דורכן לייענען. דאָס איז געווען טינדאַלס אַ בוך וועגן וואַרעמקייט. ער האָט זיך דערמאַנט אָן זיין פאַראיבל אויף טינדאַלן פאַר זיין זעלבסטצופרידנקייט אין דער געשיקטקייט פון מאַכן עקספּערימענטן און דערפאַר, וואָס אים פעלט אַ פילאָזאָפישער בליק. און פּלוצלינג איז אויפגעשווומען אַ פריידיקער געדאַנק: „אין צוויי יאָר אַרום וועל איך האָבן אין דער סטאַדע צוויי האָלענדערינס, פּאַווא אַליין קאָן נאָך לעבן, צוועלף יונגע ב ע ר ק ו ט י ש ע טעכטער.

ער האָט זיך ווידער גענומען צום בוך. „נו, גוט, עלעקטריע און וואַרעמקייט איז איינס און דאָס זעלבע; אָבער צי איז דען מעגלעך אין דער פאָרמולע, בעת מען דאַרף לעזן די פראַגע, צו שטעלן איין גרייס אָנשטאָט דער צווייטער? ניין. נו, איז וואָס-זשע? די פאַרבינדונג צווישן אַלע נאַטור-קרעפטן שפּירט זיך אַזוי אויך מיטן אינסטינקט... עס איז באַזונדער אָנגענעם, ווי אַזוי פּאַוואַס טאָכטער וועט שוין זיין אַ רויט-געפלעקטע קו, און די גאַנצע סטאַדע צוזאַמען מיט זידאָזיקע דריי... אויסגעצייכנט! אַרויסגיין מיטן ווייב און מיט די געסט באַגעגענען די סטאַדע... דאָס ווייב וועט זאָגן: איך מיט קאָסטיען האָבן אַזוי ווי אַ קינד אויסגעהאָדעוועט דאָסדאָזיקע קעלבעלע. ווי אַזוי קאָן דאָס אייך אַזוי אינטערעסירן? וועט זאָגן אַ גאַסט. אַלץ, וואָס אים אינטערעסירט, אינטערעסירט מיך. נאָר ווער איז זי?" און ער האָט זיך דערמאַנט דאָס, וואָס איז פאַרגעקומען אין מאָסקווע... „נו, וואָס-זשע קאָן מען טון?... איך בין נישט

שולדיק. נאָר אַצינד וועט אַלץ גיין אויף אַ נייעם שטייגער. דאָס איז נאַריש, אַז דאָס לעבן וועט נישט דערלאָזן, אַז די פאַרגאַנגענהייט וועט נישט דערלאָזן. מען דאַרף קעמפן, כדי בעסער, אַ סך בעסער צו לעבן...״ ער האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און זיך פאַרטראַכט. די אַלטע לאַסקאַ, וועלכע האָט נאָך נישט געהאַט גוט פאַרדייעט די פרייד פון זיין קומען און איז אַרויסגעלאָפן, כדי צו בילן אַ ביסל אינדרויסן, האָט זיך אומגע־געקערט, דרייענדיק מיטן ווידל און אַריינברענגענדיק מיט זיך אַ ריח פון לופט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים, אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער זיין האַנט. באַקלאָגלעך צוגעקוויטשעט און געבעטן ער זאָל איר אַ גלעט טון.

— זי רעדט בלויז נישט, — האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונאַ געזאָגט. — און אַ הונט... זי פאַרשטייט דאָך, אַז דער באַלעבאָס איז געקומען און ס'איז אים אומעטיק.

— פאַרוואָס זשע אומעטיק?

— איך זע דען נישט, פּאָטערל. שוין צייט פאַר מיר די הערן צו קענען. פון קליינוויז אָן בין איך צווישן די הערן אויסגעוואַקסן. נישקשה, פּאָטערל. אַבי נאָר געזונט, דאָס געוויסן איז ריין.

לעווין האָט שטאַרק געקוקט אויף איר, וואונדערנדיק זיך, ווי אַזוי זי האָט פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען.

— וואָס־זשע, ברענגען נאָך טיי? — האָט זי געזאָגט און, נעמענ־דיק דאָס שעלעכל, איז זי אַרויסגעגאַנגען.

לאַסקאַ האָט אַלץ אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער זיין האַנט. ער האָט איר אַ גלעט געגעבן, און זי האָט האַרט בײַ זיינע פיס זיך צונויפ־געדרייט אין אַ בייגל, אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער אַרויסגערוקטער הינטערשטער לאַפּע. און אַלס סימן, אַז אַצינד איז אַלץ גוט און ווי עס דאַרף צו זיין, האָט זי לייכט געעפנט דאָס מויל, אַ סמאַטשק געטון מיט די ליפּן און, בעסער אײַנקלייגנדיק אַרום די אַלטע ציין די קלעבי־קע ליפּן, איז זי שטיל געבליבן אין גליקזעליקער רויקייט. לעווין האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו דערדאָזיקער לעצטער באַוועגונג אירער.

— איך בין אויך אַזוי! — האָט ער זיך געזאָגט, — איך בין אויך אַזוי. נישקשה... אַלץ איז גוט.

XXVIII.

נאָכן באַל, באַלד אינדערפרי, האָט אַננאַ ארקאַדיעוונאַ אַרויסגעשיקט דעם מאַן אַ טעלעגראַמע וועגן איר אַרויספאָרן פון מאָסקווע דעם זעלבן טאָג.

— ניין, איך מוז פאָרן, — האָט זי דערקלערט דער שוועגערין די ענדערונג פון איר באַשלוס מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך דערמאַנט אָן אַזוי פיל ענינים, נישט צום איבערציילן: — ניין, שוין בעסער היינט.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט נישט געגעסן קיין מיטאָג אינדערהיים, נאָר האָט צוגעזאָגט צו קומען באַגלייטן די שוועסטער זיבן אַ זייגער.

קיטי איז אויך נישט געקומען. זי האָט געשיקט אַ צעטעלע, אַז דער קאָפּ טוט איר וויי. דאָללי און אַננאַ האָבן געגעסן מיטאָג אַליין מיט די קינדער און מיט דער ענגלענדערין. צי דערפאַר, וואָס קינדער זענען אַזוי נישט שטאַנדהאַפטיק אָדער זייער עמפינדלעך און זיי האָבן דערפילט, אַז אַננאַ איז דעם טאָג גאָרנישט די אייגענע, ווי אין יענעם, ווען זיי האָבן זי ליב געקריגן, אַז זי איז שוין נישט פאַרנומען מיט זיי, — זיי האָבן פּלוצלינג איבערגעריסן זייער שפּילן זיך מיט דער מומען און די ליבע צו איר, און זיי האָט לגמרי נישט אינטערעסירט דאָס, וואָס זי פאָרט אַוועק. אַננאַ איז דעם גאַנצן פרימאָרגן פאַרנומען געווען מיט די צוגרייטונגען צום אָפּפאָרן. זי האָט געשריבן צעטעלעך צו די מאָסקווער באַקאַנטע, האָט פאַרשריבן אירע חשבונות און זיך געפּאַקט. בכלל האָט זיך דאָללין געדאַכט, אַז איר געמיט איז נישט רויק, נאָר זי געפינט זיך אין יענעם פאַרדאַגהטן געמיטס־צושטאַנד, וואָס דאָללי האָט גוט געקענט באַ זיך; דערדאָזיקער צושטאַנד קומט נישט אָן אַ סיבה און דעקט מערסטנטייל צו די אומצופרידנקייט מיט זיך. נאָכן מיטאָג איז אַננאַ אַוועקגעגאַנגען זיך אָנטון אין איר צימער אַריין, און דאָללי איז איר נאָכגעגאַנגען.

— סאַראַ מאָדנע דו ביסט היינט, — האָט איר דאָללי געזאָגט.

— איך? דו מיינסט אַזוי? איך בין נישט קיין מאָדנע, נאָר איך

בין אַ שלעכטע. דאָס טרעפט מיט מיר. מיר גלוסט זיך אַלץ וויינען. דאָס איז זייער נאַריש, אָבער דאָס גייט איבער, — האָט אַניאַ שנעל געזאָגט און אָנגעבויגן דאָס רויט געוואָרענע פּנים צום קליינטשיקן זעקעלע, אין וועלכן זי האָט איינגעפּאַקט דאָס נאַכט־הייבל און די באַטיסט־טיכלעך. אירע אויגן האָבן באַזונדערס געגלאַנצט און כסדר זיך פאַרצויגן מיט טרערן. — אַזוי האָט זיך מיר פון פּעטערבורג נישט געגלוסט אַוועקצופאָרן, און אַצינד גלוסט זיך פון דאַנען נישט.

— דו ביסט געקומען אַהער און האָסט געטון אַ גוטע זאַך, — האָט דאָללי געזאָגט, אויפמערקזאַם זיך איינקוקנדיק אין איר.

אַננאַ האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט נאַסע אויגן פון טרערן.

— זאָג דאָס נישט, דאָללי. איך האָב גאָרנישט געטון און נישט געקאָנט טון. איך וווּנדער מיך אָפט, פאַרוואָס די מענטשן האָבן זיך צו־גויפגערעדט מיך קאַליע צו מאַכן. וואָס האָב איך געטון און וואָס האָב איך געקאָנט טון? בא דיר אין האַרץ האָט זיך געפונען אַזוי פיל ליבע, פדי מוחל צו זיין...

— אָן דיר ווייסט גאָט וואָס ס׳וואָלט געווען! סאַראַ גליקלעכע דו ביסט, אַננאַ! — האָט דאָללי געזאָגט. — בא דיר אויף דער נשמה איז אַלץ קלאָר און גוט.

— בא איטלעכן אויף דער נשמה זענען פאַראַן זיינע skeletons, ווי די ענגלענדער זאָגן.

— וואָסערע־זשע skeletons זענען בא דיר פאַראַן? בא דיר איז אַלץ אַזוי קלאָר.

— עס זענען פאַראַן! — האָט פּלוצלינג אַננאַ געזאָגט, און אומ־געריכט נאָך די טרערן, האָט אַ כיטרער, שפּאָטישער שמייכל פאַרקרימט אירע ליפּן.

— נו, זענען זיי לעכערלעכע, דיינע skeletons, און נישט קיין אומעטיקע, — האָט דאָללי שמייכלענדיק געזאָגט.

— ניין, אומעטיקע. דו ווייסט פאַרוואָס איך פאָר היינט, און נישט מאָרגן? דאָס האָט מיך געדריקט, און איך וויל עס דיר פאַרטרויען, — האָט אַננאַ געזאָגט, אַנטשלאָס, זיך אַ וואָרף טוענדיק אַהינטער אויף דער שטול און קוקנדיק דאָללין גלייך אין די אויגן אַריין.

און צו איר פאַרוווּנדערונג האָט דאָללי דערזען, אַז אַננאַ איז רויט געוואָרן ביז צו די אויערן, ביז צו די שוואַרצע קרייזלעך אויפן האַלז.

— יאָ, — האָט אננא ווייטער גערעדט. — דו ווייסט, פאַרוואָס קיטי איז נישט געקומען עסן מיטאָג? זי איז אייפערזיכטיק אויף מיר. איך האָב קאַליע געמאַכט... איך בין געווען די סיבה פון דעם, וואָס דער באַל איז געווען פאַר איר אַ פּיין און נישט קיין פרייד. אָבער, כ׳לעבן, כ׳לעבן, איך בין נישט שולדיק, אָדער שולדיק אַ ביסל, — האָט זי געזאָגט, מיט אַ דין קול אויסציענדיק דאָס וואָרט „אַ ביסל".

— אָ, ווי ענלעך דו האָסט דאָס געזאָגט צו סטיוואַן, האָט דאָללי געזאָגט לאַכנדיק.

אננאַ האָט זיך באַליידיקט.

— אָ, ניין, אָ, ניין! איך בין נישט סטיוואַ, — האָט זי, כמורעדנדיק זיך, געזאָגט. — איך זאָג עס דיר דערפאַר, וואָס איך דערלויב מיר אפילו נישט אויף קיין מינוט צו צווייפלען אין זיך, — האָט אננאַ געזאָגט.

אָבער אין דער מינוט, ווען זי האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי געפילט, אַז זיי זענען נישט ערלעך; זי האָט נישט בלויז געצווייפלט אין זיך, זי האָט געפילט אַן אויפרעגונג באַם געדאַנק וועגן ווראָנסקין און איז אַוועקגעפאָרן גיכער, ווי זי האָט געוואָלט, בלויז צוליב דעם, כדי מער זיך נישט צו טרעפן מיט אים.

— יאָ, סטיוואַ האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט מיט אים געטאַנצט אַ מאַזורקע און אַז ער...

— דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן ווי קאָמיש דאָס איז אַרויסגעקומען. איך האָב בלויז גערעכנט צו שדכענען, און דאָ איז פּלוצלינג גאָר עפּעס אַנדערש. אפשר האָב איך קעגן ווילן...

זי איז רויט געוואָרן און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אָ, זיי פילן דאָס באַלד! — האָט דאָללי געזאָגט.

— אָבער איך וואָלט געווען פאַרצווייפלט, ווען דאָ וואָלט געווען עפּעס ערנסטס פון זיין זייט, — האָט איר אננאַ איבערגעשלאָגן. — און איך בין זיכער, אַז דאָס אַלץ וועט פאַרגעסן ווערן, און קיטי וועט אויפהערן מיך צו האַסן.

— אגב, אננאַ, דעם אמת דיר צו זאָגן, ווינטש איך מיר נישט זייער דעמדאָזיקן שידוך פאַר קיטין. און ס׳איז בעסער, אַז דאָס זאָל זיך צעגיין, אויב ער, ווראָנסקי, האָט געקאָנט זיך פאַרליבן אין דיר אין איין טאָג.

— אָך, גאָט מיינער, דאָס וואָלט געווען אַזוי נאַריש! — האָט אננאַ געזאָגט, און ווידער איז אַ געדיכטע רויטקייט פון הנאה אַרויסגעקומען

אויף איר פּנים, ווען זי האָט דערהערט דעם געדאַנק, וואָס האָט זי אינטערעסירט, אַרויסגעזאָגט מיט ווערטער. — איז אָט פאַר איך אַוועק, האָבנדיק זיך געמאַכט אַ שונא אין קיטין, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געקריגן. אַך, וואָס פאַר אַ ליבע זי איז! נאָר דו וועסט דאָס פאַרריכטן, דאָללי? יאָ?

דאָללי האָט קוים געקאָנט איינהאַלטן דעם שמייכל. זי האָט ליב געהאַט אַננען, אָבער איר איז אָנגענעם געווען צו זען, אַז זי האָט אויך שוואַכקייטן.

— אַ שונא? דאָס קאָן נישט זיין.

— איך וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז איר אַלע זאָלט מיך ליב האָבן, ווי איך האָב אייך ליב; און אַציגד האָב איך אייך נאָך מער ליב געקריגן, — האָט אַננאַ געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן. — אַך, ווי נאַריש איך בין היינט.

זי האָט אַ פיר געטון דאָס טיכל איבערן פּנים און אָנגעהויבן זיך אָנטון.

שוין הארט פאַרן אַוועקפאָרן איז געקומען דער פאַרשפּעטיקטער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, מיט אַ רויט, פריילעך פּנים און מיט אַ ריח פון ווייַן און ציגאַרן.

אַננעס גערירטקייט האָט זיך איבערגעגעבן אויף דאָללין, און ווען זי האָט צום לעצטן מאָל אַרומגענומען די שוועגערין, האָט זי אַרויסגעפליסטערט:

— געדענק, אַננאַ: דאָס, וואָס דו האָסט פאַר מיר געטון, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. און געדענק, אַז איך האָב ליב געהאַט און וועל דיך תמיד ליב האָבן, ווי דעם בעסטן פריינט!

— איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס, — האָט אַננאַ אַ זאָג געטון, קושנדיק זי און באַהאַלטנדיק די טרערן.

— דו האָסט מיך פאַרשטאַנען און פאַרשטייסט. זיי געזונט, מיין אוצר!

XXIX.

„נו, אַלץ איז געענדיקט, און דאַנקען גאָט !“ איז געווען דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז איינגעפאַלן אַננאַ אַרקאַדיעווגען, ווען זי האָט זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט מיטן ברודער, וועלכער האָט ביז צום דריטן קלונג פאַרצוימט מיט זיך דעם וועג אין וואַגאָן. זי האָט זיך געזעצט אויף איר סאָפקע, צוזאַמען מיט אַננושקאַן, און זיך אַרומגעקוקט אין דער האַלב-ליכטיקייט פון דעם שלאָף-וואַגאָן. „דאַנקען גאָט, מאָרגן וועל איך זען סעריאָזשען און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, און מיין לעבן, דאָס גוטע און געוויינלעכע, וועט ווייטער גיין לויטן אַלטן סדר“.

אַלץ נאָך אין זעלבן פאַרדאַגהטן געמיטס-צושטאַנד, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען דעם גאַנצן טאָג, האָט אַננאַ מיט פאַרגעניגן און פּינקטלעכקייט זיך איינגעאָרדנט אין וועג אַריין ; מיט אירע קליינע, געשיקטע הענט האָט זי געעפנט און פאַרמאַכט דאָס רויטע זעקעלע, אַרויסגענומען אַ קישעלע, אַרויפגעלייגט עס זיך אויף די קניען, און גוט אַרומהילנדיק די פיס, האָט זי זיך רויק אַנידערגעזעצט. איין קראַנקע דאַמע האָט זיך שוין געלייגט שלאָפן. די צוויי איבעריקע דאַמען האָבן פאַרפירט אַ שמועס מיט אַננען, און די דיקע זקנה האָט זיך אַרומגעהילט די פיס און געמאַכט באַמערקונגען וועגן דעם הייצן. אַננאַ האָט געענטפערט עטלעכע ווערטער די דאַמען, אָבער נישט פאָרזעענדיק קיין אינטערעס אין דעם שמועס, האָט זי געבעטן אַננושקען אַרויסצונעמען דאָס לאַמטערנדל, האָט עס צוגעטשעפּעט צום פאָטעל און אַרויסגענומען פון איר טאָרבעלע אַן אויפשניידמעסערל און אַן ענגלישן ראָמאַן. די ערשטע צייט האָט זיך איר נישט געלייענט. אין אָנהייב האָבן געשטערט דער געפילדער און דאָס דרייען זיך ; דערנאָך, ווען דער צוג האָט גערירט, האָט מען נישט געקאָנט נישט זיך צוהערן צו די קלאַנגען ; דערנאָך דער שניי, וואָס האָט געפּאַטשט אין לינקן פענצטער אַריין און איז געבליבן קלעבן אויף דער שויב, און דאָס אויסזען פון דעם אַרומגעהילטן פאַרבייגעגאַנגענעם קאָנדוקטאָר, וואָס איז פאַרווייעט געווען מיט שניי פון איין זייט, און די שמועסן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער שניי-שטורם עס איז אַצינד אינדרויסן, האָט צעשטרייט איר אויפמערקזאַמקייט. ווייטער איז אַלץ געווען כסדר דאָס

אייגענע: דאָס זעלבע טרייסלען מיטן צוקלאַפּן, דער זעלבער שניי אין פענצטער, דאָס זעלבע שנעלע איבערגיין פון דומפּיקער היץ צו קעלט און ווידער צו היץ, דאָס זעלבע שימערן פון די אייגענע פּנימער אין דער האַלב־טונקלקייט און די זעלבע שטימען. אַננאַ האָט אָנגעהויבן לייענען און פאַרשטיין דאָס געלייענטע. אַננושקאַ האָט שוין געדרימלט, האַלטנדיק דאָס רויטע זעקעלע אויף די קניען מיט די ברייטע הענט אין די הענטשקעס, פון וועלכע איינע איז געווען צעריסן. אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ האָט געלייענט און פאַרשטאַנען, אָבער איר איז נישט אָנגענעם געווען צו לייענען, דאָס הייסט, נאָכצופאָלגן דאָס אָפּגעשפּיגלטע לעבן פון אַנדערע מענטשן. איר אַליין האָט זיך שטאַרק געוואָלט לעבן. האָט זי געלייענט, אַז די העלדין פון ראָמאַן איז אַרומגעגאַנגען אַרום אַ קראַנקן, — האָט זיך איר געגלוסט גיין מיט אומהערבאַרע טריט איבערן צימער פון אַ קראַנקן; האָט זי געלייענט וועגן דעם, ווי אַזוי אַ מיטגליד פון פּאַרלאַמענט האָט געהאַלטן אַ רעדע, — האָט זיך איר געוואָלט האַלטן די דאָזיקע רעדע; האָט זי געלייענט, ווי אַזוי די לעדי מערי איז נאָכגעריטן דער סטאַדע, זיך גערייצט מיט דער שוועגערין און פאַרווּנדערט אַלע מיט איר דרייסטקייט, האָט זיך איר אַליין געגלוסט דאָס צו טון. נאָר צו טון איז נישט געווען גאָרנישט, און אַרומטאַפּנדיק מיט אירע קליינע הענט דאָס גלאַטע מעסערל, האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צו לייענען.

דער העלד פון ראָמאַן האָט שוין אָנגעהויבן דערגרייכן זיין ענגליש גליק, ווערן אַ באַראָן און האָבן אַ גוט, און אַננאַ האָט געוואָלט צוזאַמען מיט אים פאָרן אין דעם גוט אַריין, ווי זי האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז ער דאַרף זיך שעמען און אַז זי שעמט זיך אויך פאַר דעם אייגענעם. נאָר פאַרוואָס־זשע שעמט ער זיך? „פאַרוואָס־זשע שעם איך מיך“, האָט זי זיך געפרעגט מיט אַ באַליידיקטער פאַרווּנדערונג. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך און זיך אָנגעשפּאַרט אָן אָנלען פון פאָטעל, פעסט צונויפדריקנדיק אין ביידע הענט דאָס אויפשנייד־מעסערל. קיין שום באַזונדערס איז נישט געווען. זי האָט איבערגעקליבן אַלע מאָסקווער איינדרוקן. אַלע זענען געווען גוטע, אָנגענעמע. זי האָט זיך דערמאַנט דעם באַל, זיך דערמאַנט ווראָנסקין מיט זיין פאַרליבט, אונטערטעניק פּנים, זיך דערמאַנט איר גאַנצע באַציונג מיט אים: קיין שום באַזונדערס איז נישט געווען. און איינצייטיק האָט טאַקע אויף דעם אָרט פון די דערינערונגען דאָס געפיל פון בושה זיך געשטאַרקט. ווי עס וואָלט עפּעס אַן אינערלעכע שטימע דווקא דאָ, ווען זי האָט זיך דערמאַנט אָן ווראָנסקין, איר געזאָגט: „וואַרעם, זיי־

ער וואַרעם, הייס". „נו. וואָס-זשע ? — האָט זי אַנטשלאָפן געזאָגט, איבער־
זעצנדיק זיך אין פּאָטעל. — וואָס־זשע באַדייט דאָס ? צי האָב איך דען
מורא גלייך אַ קוק צו טון אויף דעם ? נו, וואָס־זשע ? צי דען עקזיסטירן
און קאָנען עקזיסטירן צווישן מיר און דעם אָפיצירן־ייִנגל וועלכע ס'איז
אַנדערע באַציונגען, חוץ יענע, וואָס קומען פאָר מיט יעדן באַקאַנטן ?"
זי האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטון און ווידער זיך גענומען צום בוך,
אָבער שוין לגמרי נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זי לייענט. זי האָט אַ פּיר
געטון מיטן אויפשנייד־מעסערל איבער דער שויב, דערנאָך צוגעלייגט די
גלאַטע און קאַלטע פלאַך דערפון צו דער באַק און שיער אויפן קול זיך
נישט צעלאַכט פון פרייד, וואָס האָט זי פּלוצלינג אָן אַ סיבה באַהערשט.
זי האָט געשפּירט, אַז אירע נערוון ווערן ווי סטרונעס אַלץ שטייפער און
שטייפער אָנגעצויגן אויף עפּעס אַזעלכע זיך פאַרשרויפנדיקע פּלעקלעך.
זי האָט געפילט, אַז אירע אויגן עפענען זיך אַלץ מער און מער, אַז די
פינגער אויף די הענט און אויף די פיס באַוועגן זיך נערוועז, אַז אינע־
ווייניק שטיקט עפּעס דעם אָטעם און אַז אַלע בילדער און קלאַנגען אין
דערדאָזיקער זיך וויגנדיקער האַלב־טונקלקייט איבעראַשן זי מיט דער
אומגעוויינלעכער העלקייט. אויף איר זענען כסדר אָנגעקומען מינוטן פון
ספקות: צי פאָרט דער וואַגאָן פאָרויס אָדער צוריק, אָדער שטייט ער אינ־
גאַנצן. צי איז לעבן איר אַנושקאַ אָדער אַ פרעמדע ? „וואָס איז דאָרט,
אויפן הענטל: אַ פוטער איז דאָס, אָדער אַ חיה ? און וואָס בין איך אַליין
דאָ: איך אַליין אָדער אַן אַנדערע ?" איר איז שרעקלעך געווען זיך אָפּצוגעבן
דערדאָזיקער פאַרגעסנקייט. אָבער עפּעס האָט זי אַריינגעצויגן אין איר, און זי
האָט לויטן אייגענעם ווילן געקאָנט זיך אָפּגעבן איר און אָפּהאַלטן זיך. זי האָט
זיך אויפגעהויבן, כדי צו זיך צו קומען, האָט אַראָפּגעלייגט דעם פּלעד און
אַראָפּגענומען די פעלערינע פון וואַרעמען קלייד. זי איז אויף אַ מינוט צו
זיך געקומען און פאַרשטאַנען, אַז דער אַרייַנגעקומענער דאַרער פויער אין
לאַנגן געוואַנטענעם פּאַלטן, אויף וועלכן עס האָט געפעלט אַ קנאָפּ, איז
געווען דער הייצער, אַז ער האָט באַקוקט דעם טערמאָמעטער, אַז ווינט
און שניי האָבן זיך אַריינגעריסן נאָך אים אין דער טיר אַריין; נאָר דער־
נאָך האָט זיך ווידער אַלץ אויסגעמישט... דערדאָזיקער פויער מיט דער
לאַנגער טאַליע האָט אָנגעהויבן רייסן עפּעס אין דער וואַנט; די זקנה האָט
גענומען אויסציען די פיס איבער דער גאַנצער לענג פונם וואַגאָן און האָט
אים אָנגעפילט מיט אַ שוואַרצן וואָלקן; דערנאָך האָט עפּעס שרעקלעך
אָנגעהויבן צו סקריפּען און קלאַפּן, ווי מען וואָלט צעריסן עמעצן; דער־

כאָך האָט אַ רויט פייער פאַרבלענדט די אויגן, און דערנאָך איז אַלץ פאַרשטעלט געוואָרן דורך אַ וואַנט. אַננאַ האָט דערפילט, אַז זי פאַלט. אָבער דאָס אַלץ איז געווען נישט שרעקלעך, נאָר פריילעך. דאָס קול פון דעם אַרומגעהילטן און מיט שניי פאַרווייעטן מענטש האָט איר עפּעס אַ געשריי געטון אין אויער אַריין. זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז צו זיך געקומען; זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען איז צוגעפאָרן צו אַ סטאַציע און אַז דאָס איז געווען דער קאָנדוקטאָר. זי האָט געבעטן אַנגושקען צו דערלאַנגען איר די אַראָפּגענומענע פעלערינע און דאָס טוך, האָט זיי אָנגעטון און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

— אַרויסגיין ווינטשט איר זיך? — האָט אַנגושקאַ געפרעגט.

— יאָ, איך וויל איינאָטעמען אַ ביסל לופט. דאָ איז זייער הייס.

און זי האָט געעפנט די טיר. דער שניי־שטורעם און דער ווינט האָבן זיך אַ ריס געטון איר אַקעגן און פאַרפירט מיט איר אַ מלחמה וועגן דער טיר. און דאָס האָט איר אויסגעזען פריילעך. זי האָט געעפנט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען. דער ווינט האָט נאָר אַזוי ווי געוואַרט אויף איר: ער האָט זיך פריידיק צעפייפט און געוואָלט אַ כאַפּ טון און זי אַוועקטראָגן, נאָר זי האָט מיט דער האַנט זיך אָנגענומען בײַ דעם קאַלטן פאַרענטש און, צוהאַלטנדיק דאָס טוך, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּלאַטפאָרמע און אַרונטערגעגאַנגען הינטערן וואַגאָן. דער ווינט איז געווען שטאַרק אויפן גאַניקל, אָבער אויף דער פּלאַטפאָרמע הינטער די וואַגאָנעס איז געווען שטיל. זי האָט מיט תּענוג, מיט אַ פולער ברוסט איינגעאָטעמט אין זיך די שנייקע פראָסטיקע לופט און, שטייענדיק לעבן וואַגאָן, באַקוקט די פּלאַטפאָרמע און די באַלויכטענע סטאַציע.

XXX.

אַ שרעקלעכער שטורעם האָט זיך געריסן און געפייפט צווישן די רעדער פון די וואַגאָנעס, איבער די סלופּעס פון הינטער דעם ראָג פון דער סטאַציע. די וואַגאָנעס, די סלופּעס, די מענטשן, אַלץ, וואָס האָט זיך געזען, איז געווען פאַרווייעט פון איין זייט מיט שניי און איז אַלץ מער און מער פאַרווייעט געוואָרן. אויף אַן אויגנבליק האָט דער שטורעם זיך איינגעשטילט, אָבער דערנאָך איז ער ווידער אָנגעפלויגן מיט אַזאַ אימ־

פּעס, אַז עס האָט זיך געדאַכט, עס איז נישט מעגלעך אים זיך אָקעגנצושטעלן. דערווייל זענען עפּעס מענטשן געלאָפן, פרייליך געשמועסט צווישן זיך, געסקריפּעט איבער די ברעטער פון דער פּלאַטפאָרמע און אומאויפהערלעך געעפנט און פאַרמאַכט די גרויסע טירן. אַן איינגעבויגענער שאָטן פון אַ מענטש האָט זיך דורכגעגליטשט אונטער אירע פיס, און עס האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון אַ העמערל איבער אייזן. „אַ דעפּעשע גיב!" האָט זיך דערהערט אַ בייז קול פון דער צווייטער זייט פון דער שטורעמדיקער פינצטערניש. „אַהער, ביטע! נומער 28!" האָבן געשריגן נאָך אַנדערע שטימען, און פאַרווייעטע מיט שניי זענען דורכגעלאָפן אַרומגעבונדענע מענטשן. עפּעס צוויי הערן, מיט פייער פון פּאַפּיראָסן אין מויל, זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי איר. זי האָט אָפּגעזיפצט נאָכאַמאָל, כדי גענוג לופט אַריינצואָטעמען, און שוין אַרויסגענומען די האַנט פון דער מופטע, כדי זיך אָנצונעמען באַם פּאַרענטש און אַריינגיין אין וואַגאָן, ווי נאָך אַ מענטש אין אַ מיליטערישן פּאַלטן האָט לעבן איר אַליין איר פאַרשטעלט דאָס זיך וויגנדיקע ליכט פון דער לאַמטער. זי האָט זיך אומגעקוקט און אין דער זעלבער מינוט דערקענט ווראָנסקיס פּנים. צולייגנדיק די האַנט צום דאַשיק, האָט ער זיך אָנגעבויגן פאַר איר און געפרעגט, צי זי דאַרף נישט עפּעס, צי ער קאָן איר נישט דינען. זי האָט גענוג לאַנג, גאָרנישט ענטפערנדיק, זיך איינגעקוקט אין אים און, נישט געקוקט אויפן שאָטן, אין וועלכן ער איז געשטאַנען, האָט זי געזען, אָדער איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים און פון די אויגן. דאָס איז ווידער געווען יענער אויסדרוק פון רעספּעקטפולער אַנטציקונג, וואָס האָט נעכטן אַזוי געווירקט אויף איר. נישט איינמאָל אין די דאָזיקע לעצטע טעג און ערשט אַצינד, האָט זי זיך געזאָגט, אַז ווראָנסקי איז פאַר איר איינער פון די הונדערטער געוויינלעכע יונגעלייט, וואָס מען באַגעגנט אומעטום, אַז זי וועט זיך קיינמאָל נישט דערלויבן אפילו צו קלערן וועגן אים; אָבער איצט, אין ערשטן אויגנבליק פון דער באַגעגנונג מיט אים, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון פריידיקן שטאָלץ. איר איז נייטיק געווען צו פרעגן, נאָכוואָס ער געפינט זיך דאָ. זי האָט דאָס געוווּסט פונקט אַזוי זיכער, ווי ער וואָלט איר געזאָגט, אַז ער געפינט זיך דאָ, כדי צו זיין דאָרט, ווו זי איז.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר פאָרט. נאָכוואָס פאָרט איר? — האָט זי געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק די האַנט, מיט וועלכער זי האָט זיך גע-

וואָלט אָננעמען באַם פּאָרענטש, און אַן אומגעצוימטע פרייד און הייטער־קייט האָט גיִלויכטן אויף איר פּנים.

— נאָכוואָס איך פּאַר? — האָט ער איבערגעחזרט, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אריין. — איר ווייסט, איך פּאַר, כּדי צו זיין דאָרט, ווו איר זענט, — האָט ער געזאָגט, — איך קאָן נישט אַנדערש.

און אין דער זעלבער צייט, אַזוי ווי בייקומענדיק די שטערונגען, האָט דער ווינט אַנגעהויבן אַראָפּשיטן דעם שניי פון די וואַגאָן־דעכער, געגומען קלאַפּן מיט עפּעס אַן אייזערנעם אָפּגעריסענעם טאָזל, און פאָרויס האָט יעמערלעך און מרה־שחורהדיק זיך צערעוועט דער געדיכטער פייף פון לאָקאָמאָטיוו. די גאַנצע שרעק פון דעם שניי־שטורעם האָט איר אויס־געזעען נאָך הערלעכער אַצינד. ער האָט געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס איר נשמה האָט פאַרלאַנגט, אָבער פּאַר וועלכן זי האָט מורא געהאַט מיטן שכל. זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אויף איר פּנים האָט ער געזעען קאַמף.

— אַנטשולדיקט מיר, אויב אייך איז נישט אָנגענעם דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, — האָט ער אונטערטעניק אַרויסגעזאָגט.

ער האָט גערעדט העפלעך, דרך־ארצדיק, אָבער אַזוי פעסט און עקשנותדיק. אַז זי האָט לאַנג נישט געקאָנט גאָרנישט ענטפערן.

— דאָס איז שלעכט, וואָס איר רעדט, און איך בעט אייך, אויב איר זענט אַ גוטער מענטש, פאַרגעסט, וואָס איר האָט געזאָגט, ווי איך וועל עס פאַרגעסן, — האָט זי ענדלעך געזאָגט.

— קיין איין וואָרט אייערס, קיין איין באַוועגונג אייערע וועל איך נישט פאַרגעסן קיינמאָל און איך קאָן נישט.

— גענוג, גענוג, — האָט זי אויסגעשריגן, אומזיסט זיך באַמיענדיק צוצוגעבן אַ שטרענגן אויסדרוק איר פּנים, און וועלכן ער האָט זיך גיריק איינגעקוקט. אָננעמענדיק זיך מיט דער האַנט באַם קאַלטן פאָרענטש, האָט זי זיך אויפגעהויבן אויף די שטיגעלעך און איז שנעל אַריינגעגאַנגען אין פאָרהויז פון וואַגאָן. אָבער אין דאָזיקן קליינעם פאָרהויז האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. דורכקלערנדיק אין איר דמיון דאָס, וואָס ס'איז געווען, נישט דערמאָנענדיק נישט אירע, נישט זיינע ווערטער, האָט זי מיטן געפיל פאַר־שטאַנען, אַז דערדאָזיקער געשפּרעך אויף אַ מינוט האָט זיי שרעקלעך דער־נענטערט; און זי איז געווען דערשראָקן און גליקלעך פון דעם. שטייענ־דיק עטלעכע סעקונדן, איז זי אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן און זיך געזעצט אויף איר אָרט. דער געשפּאַנטער צושטאַנד, וועלכער האָט זי אין אָנהייב

געפייניקט, האָט נישט בלויז זיך באַנייט, נאָר זיך געשטאַרקט און עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז זי האָט מורא געהאַט, אַז יעדע מינוט קאָן זיך איבעררייסן אין איר עפּעס צופיל אָנגעצויגנס. זי איז נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. אָבער אין דער געשפּאַנטקייט און אין די טרוים־בילדער, וואָס האָבן איבערפולט איר דמיון, איז נישט געווען קיין שום אומאָנגענעמס און מרה־שחורהדיקס; פאַרקערט, עס איז געווען עפּעס פריידיקס, בריענדיקס און אויפרעגנדיקס. פאַרטאָג האָט אַננאַ איינגעדרימלט, זיצנדיק אין פאָטעל, און ווען זי האָט אויפגעוואַכט, איז שוין געווען ליכטיק, און דער צוג איז צוגעגאַנגען צו פּעטערבורג. באַלד האָבן געדאַנקען וועגן דער היים, וועגן מאַן, וועגן זון און דאגות פון דעם פאַרשטייענדן טאָג און פון די ווייטערע טעג זי אַרומגערינגלט.

אין פּעטערבורג, ווי נאָר דער צוג האָט זיך געשטעלט און זי איז אַרויסגעגאַנגען, איז דאָס ערשטע פּנים, וואָס האָט צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט, געווען דאָס פּנים פון מאַן. „אַך, גאָט מיינער! פון וואָס האָט ער געקריגן אַזעלכע אויערן?" האָט זי אַ קלער געטון, קוקנדיק אויף זיין קאַלטער און רעפּרעזענטאַטיווער פיגור און באַזונדערס אויף די אַצינד זי איבערראַשנדע אויערן, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט די ראַנדן פון זיין קיילעכיקן הוט. דערזעענדיק זי, איז ער איר אַקעגנגעגאַנגען, צונויפלייגנדיק די ליפּן אין זיין געוויינלעכן, איראָנישן שמייכל און גלייך קוקנדיק אויף איר מיט זיינע גרויסע מידע אויגן. עפּעס אַ נישט אָנגענעם געפיל האָט פאַרקלעמט איר האַרץ, ווען זי האָט באַגעגנט זיין איינגעשפּאַרטן און מידן בליק, ווי זי וואָלט זיך געריכט צו דערזעען אים אַן אַנדערן. באַזונדערס האָט זי איבערראַשט דאָס געפיל פון אומצופרידנקייט מיט זיך, וואָס זי האָט איבערגעלעבט באַם טרעפן זיך מיט אים. דאָסדאָזיקע געפיל איז געווען אַ היימיש, באַקאַנט געפיל, ענלעך צום צושטאַנד פון געמאַכטקייט, וואָס זי פלעגט פילן אין די באַציונגען צום מאַן; אָבער פריער האָט זי נישט באַמערקט דאָסדאָזיקע געפיל, אַצינד האָט זי עס קלאָר און שמערצלעך אָנערקענט.

— יאָ, ווי דו זעסט, דער צערטלעכער מאַן, צערטלעך ווי אין צווייטן יאָר נאָך דער חתונה, איז אויסגעגאַנגען פון פאַרלאַנג צו זען דיך, — האָט ער געזאָגט מיט זיין געלאַסן דין קול און מיט יענעם טאָן, וועלכן ער פלעגט כמעט שטענדיק באַנוצן צו איר, — מיטן טאָן פון אירָאָניע איבער דעם, ווער עס וואָלט באמת אַזוי גערעדט.

— סעריאָזשאַ איז געזונט? — האָט זי געפרעגט.

— און דאָס איז די גאַנצע באַלוינונג, — האָט ער געזאָגט, — פאַר מיין גאַנצער הייסקייט ? געזוגט, געזונט...

XXXI.

וראָנסקי האָט גאָרנישט געפרווט איינשלאָפן דידאָזיקע גאַנצע נאַכט. ער איז געזעסן אויף זיין פאָטעל, דאָ גלייך אָנשטעלנדיק די אויגן פאַר זיך, דאָ באַטראַכטנדיק די אַריינגייענדיקע און אַרויסגייענדיקע, און אויב ער האָט אויך פריער איבערראַשט און באַומרויקט די אים נישט באַקאַנטע מענטשן מיט זיין מינע פון אומוואַקלהאַפטער רויקייט, האָט ער אַצינד נאָך מער אויסגעזעען שטאָלץ און זעלבסטצופרידן. ער האָט געקוקט אויף מענטשן, ווי אויף זאַכן. אַ נערוועזער יונגערמאַן, אַ באַאַמטער אין קריינגעריכט, וואָס איז געזעסן קעגן אים, האָט אים אָנגעהויבן האַסן פאַר דערדאָזיקער מינע. דער יונגערמאַן האָט פאַררייכערט בא אים, געפרווט מיט אים רעדן, אפילו אים געשטויסן, כדי צו געבן אים צו פילן, אַז ער איז נישט קיין זאַך, נאָר אַ מענטש, אָבער וראָנסקי האָט אַלץ ווייטער געקוקט אויף אים, אַקוראַט ווי אויף אַ לאַמטער, און דער יונגערמאַן האָט זיך געקרימט, פילנדיק, אַז ער פאַרלירט די זעלבסטבאַהערשונג אונטערן דרוק פונם דאָזיקן נישט אָנערקענען אים אַלס מענטש.

וראָנסקי האָט גאָרנישט און קיינעם נישט געזעען. ער האָט זיך געפילט ווי אַ קייסער, נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געגלייבט, אַז ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף אַנגען, — ער האָט נאָך נישט געגלייבט אין דעם, — נאָר דערפאַר, וואָס דער איינדרוק, וועלכן זי האָט געמאַכט אויף אים, האָט אים געגעבן גליק און שטאָלץ.

וואָס פון דעם אַלעם וועט אַרויסקומען, האָט ער נישט געוווּסט און אפילו נישט געטראַכט. ער האָט געפילט, אַז אַלע זיינע ביז אַצינד פונאַנדערגעלאָזטע, צעוואָרפענע כוחות זענען צונויפגענומען אינאיינעם און מיט אַ שרעקלעכער ענערגיע געריכטעט צו איין גליקזעליקן ציל. און ער איז געווען גליקלעך פון דעם. ער האָט בלויז געוווּסט, אַז ער האָט איר געזאָגט אמת ; אַז ער פאָרט אַהין, ווו זי געפינט זיך, אַז דאָס גאַנצע גליק פון לעבן, דעם איינציקן זינען פון לעבן געפינט ער איצט אין זען און הערן זי. און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן אין באָלאָגאָווו,

כדי צו טרינקען זעלצער־וואסער, און האָט דערזעען אַננען, האָט נישט ווילנדיק דאָס ערשטע וואָרט זיינס איר געזאָגט דאָס טאקע, וואָס ער האָט געקלערט. און ער איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט איר דאָס געזאָגט, וואָס זי ווייסט דאָס אַצינד און טראַכט וועגן דעם. ער איז נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. אומקערנדיק זיך אין זיין וואַגאָן אריין, האָט ער נישט אויפהערנדיק איבערגעקליבן אַלע פּאָזעס, אין וועלכע ער האָט זי געזעען, אַלע אירע ווערטער, און, נייטנדיק דאָס האַרץ אָפּצושטאַרבן, האָבן אין זיין דמיון זיך געטראָגן בילדער פון דער מעגלעכער צוקונפט.

ווען ער איז אין פּעטערבורג אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן, האָט ער זיך געפילט נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט לעבהאַפט און פריש, ווי נאָך אַ קאַלטער וואַנע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בּאַ זיין וואַגאָן, וואַרטנדיק ביז זי וועט אַרויסגיין. „איך וועל זי נאָכאַמאָל זעען, — האָט ער זיך געזאָגט, נישט ווילנדיק שמייכלענדיק, — איך וועל זעען איר גאַנג, איר פּנים; זי וועט זאָגן עפּעס, אויסדרייען דעם קאָפּ, אַ בליק טון, אפשר אַ שמייכל געבן". אָבער נאָך איידער ער האָט זי דערזעען, האָט ער דערזעען איר מאַן, וועלכן דער נאַטשאַלניק פון דער סטאַציע האָט מיט דורך־ארץ דורכגעפירט צווישן עולם. „אַך, יאָ! דער מאַן!" אַצינד ערשט האָט ווראָנסקי צום ערשטן מאָל קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן איז אַ פאַרבונדענע פּערזאָן מיט איר. ער האָט געוווסט, אז זי האָט אַ מאַן, אָבער נישט געגלייבט אין זיין עקזיסטענץ, און פולשטענדיק אָנגעהויבן גלייבן אין אים בלויז ווען ער האָט אים דערזעען, מיט זיין קאָפּ, אַקסלען און פיס אין שוואַרצע הויזן; באַזונדער ווען ער האָט דערזעען, ווי דער־דאָזיקער מאַן האָט מיט אַ געפיל פון אייגנטום רויק אָנגענומען איר האַנט.

דערזעען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן מיט זיין פּעטערבירגיש־פרישן פּנים און שטרענג־זעלבסטזיכערער פיגור, אין אַ קיילעכיקן הוט, מיט אַ ביסל אַ הויכער פּלייצע, האָט ער אָנגעהויבן צו גלייבן אין אים און האָט איבערגעלעבט אַ נישט אַנגענעם געפיל, אַן ענלעכס צו דעם, וואָס עס וואָלט איבערגעלעבט אַ מענטש, וואָס איז געפּייניקט געוואָרן פון דורשט, האָט זיך דערקליבן צו אַ קוואַל און געפונען בּאַ דעמדאָזיקן קוואַל אַ הונט, אַ שעפּס אָדער אַ חזיר, וואָס האָט אויסגעטרונקען און שמוציק געמאַכט דאָס וואַסער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס גאַנג, וועלכער האָט געדרייט מיטן גאַנצן הינטן און מיט די טעמפּע פיס, האָט באַזונדערס באַליידיקט ווראָנסקין. ער האָט בלויז פאַר זיך אָנערקענט דאָס אומבאַדינג־

טע רעכט זי ליב צו האָבן. אָבער זי איז געווען אַלץ די אייגענע, און איר אויסזעען, וואָס האָט פּיזיש באַלעבט, אויפגערעגט און אָנגעפילט מיט גליק זיין נשמה האָט ווידער געווירקט אויף אים. ער האָט באַוויזן דעם דייטשישן לאַקיי, וואָס איז צוגעלאָפן צו אים פון דער צווייטער קלאַס, צו נעמען די זאַכן און פאָרן, און אַליין איז ער צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט געזעען די ערשטע באַגעגעניש פון דעם מאַן מיט דער פרוי און באַמערקט מיט דער דורכדרינגלעכקייט פון אַ פאַרליבטן אַ סימן פון לייכטער פאַרלעגנהייט, מיט וועלכער זי האָט גערעדט מיטן מאַן. „ניין, זי האָט נישט ליב און קאָן אים נישט ליב האָבן", האָט ער באַ זיך אַליין באַשלאָסן.

נאָך בעת ער איז צוגעגאַנגען צו אַננאַ אַרקאַדיעווגען פון הינטן, האָט ער מיט פרייד באַמערקט, אַז זי שפּירט זיין דערנענטערונג, וויל זיך שוין אומקוקן, און דערקענענדיק אים, האָט זי זיך ווידער געווענדט צום מאַן.

— איר האָט גוט פאַרבראַכט די נאַכט? — האָט ער געזאָגט, פאַרבייגנדיק זיך פאַר איר און אייַנצייטיק פאַרן מאַן און לאָזנדיק אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אָננעמען דידאָזיקע באַגריסונג אויף זיין חשבון און דערקענען אָדער נישט דערקענען אים, ווי אים וועט ווילגעפעלן.

— איך דאַנק אייַך, זייער גוט, — האָט זי געענטפערט.

איר פּנים האָט אויסגעזעען מיד, און עס איז נישט געווען דערויף יענער שפּיל פון באַלעבטקייט, וואָס האָט זיך געבעטן אויסגעדריקט צו ווערן דאָ דורך אַ שמייכל, דאָ דורך די אויגן; אָבער אויף איין אויגנבליק, בעת זי האָט אויף אים אַ קוק געגעבן, האָט עפּעס אַ שימער געטון אין אירע אויגן, און, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָסדאָזיקע פייער איז גלייך פאַרלאָשן געוואָרן, איז ער דאָך געווען גליקלעך פון דעמדאָזיקן אויגנבליק. זי האָט אַ בליק געטון אויפן מאַן, כּדי געוווּיר צו ווערן, צי ער קען ווראָנסקין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געקוקט אויף ווראָנסקין מיט אומצופרידנקייט, צעשטרייט זיך דערמאָנענדיק, ווער דאָס איז ווראָנסקיס רויִקייט און זעלבסטזיכערקייט האָט דאָ, ווי אַ קאָסע אויף אַ שטיין, אָנגעטראָפן אויף דער קאַלטער זעלבסטזיכערקייט פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

— גראַף ווראָנסקי, — האָט אַננאַ געזאָגט.

— אַ! מיר זענען באַקענט, דאַכט זיך, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש גלייכגילטיק געזאָגט, דערלאַנגענדיק די האַנט. — אַהין ביסטו

געפאָרן מיט דער מוטער, און צוריק מיטן זון, — האָט ער געזאָגט, דייט-לעך אַרויסרעדנדיק, ווי איטלעכעס וואָרט זייגס וואָלט געווען אַ רענדל. — איר פאָרט, אוודאי, פון אַרלויב ? — האָט ער געזאָגט און, נישט וואַרטנ-דיק אויף קיין ענטפער, זיך געווענדט צו דער פרוי מיט זיין וויציקן טאָן : — וואָס-זשע, אַ סך טרערן איז פארגאָסן געוואָרן אין מאָסקווע באַם שיידן זיך ?

מיט דערדאָזיקער ווענדונג צום ווייב האָט ער געגעבן צו פילן ווראָנסקין, אַז ער ווינטשט זיך צו בלייבן אַליין, און, אויסדרייענדיק זיך צו אים, האָט ער באַרירט דעם הוט ; אָבער ווראָנסקי האָט זיך גע-ווענדט צו אַננאַ אַרקאַדיעווגען :

— איך האָף צו האָבן דעם כבוד צו זיין בא אייך, — האָט ער געזאָגט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט מידע אויגן אַ קוק געטון אויף ווראָנסקין.

— עס פרייט מיך זייער, — האָט ער קאַלט געזאָגט, — מיר נע-מען אויף מאָנטיק. — דערנאָך, אַפּלאָזנדיק אינגאַנצן ווראָנסקין, האָט ער געזאָגט דער פרוי : — און ווי גוט דאָס איז, וואָס איך האָב גראָד געהאַט אַ האַלבע שעה צייט, דיר אַקעגן צו פאָרן, און וואָס כ'האָב געקאָנט אַרויסווייזן דיר מיין צערטלעכקייט, — האָט ער ווייטער גערעדט מיטן זעלבן וויציקן טאָן.

— דו שטרייכסט שוין צופיל אונטער דיין צערטלעכקייט, אַז איך זאָל זייער שעצן, — האָט זי געזאָגט מיטן זעלבן וויציקן טאָן, נישט ווילנדיק זיך צוהערנדיק צו ווראָנסקיס טריט, וועלכער איז געגאַנגען הינ-טער זיי. „אָבער וואָס גייט דאָס מיך אָן ?“ האָט זי אַ קלער געטון און אָנגעהויבן אויספרעגן דעם מאַן, ווי אַזוי סעריאָזשאַ האָט אָן איר די צייט פארבּרענגט.

— אָ, אויסגעצייכנט ! Mariette זאָגט, אַז ער איז געווען זייער ליב און... און איך מוז דיך מצער זיין... ער האָט נישט געבענקט נאָך דיר, נישט אַזוי, ווי דיין מאַן. אָבער נאָכאַמאָל merci, מיין פריינט, וואָס האָסט מיר געשענקט אַ טאָג. אונזער ליבער סאַמאָוואַר וועט זיין אין התלהבות. (סאַמאָוואַר האָט ער גערופן די באַרימטע גרעפין לידיאַ איוואַ-נאָוונאַ דערפאַר, וואָס זי האָט זיך תמיד און וועגן אַלעם אויפגערעגט און געהיצט.) זי האָט זיך געפרעגט אויף דיר. און ווייסט, אויב איך וועל מעגן וואָגן צו ראַטן, וואָלסטו צוגעפאָרן צו איר היינט. איר טוט דאָך אויף

אלעם ווי דאָס הארץ. אצינד איז זי, חוץ אלע אירע דאגות, פארנומען מיטן איבערבעטן די אָבלאָנסקיס.

די גרעפין לידיא איוואַנאָוונא איז געווען איר מאַנס א פריינט און דער צענטער פון איינעם פון די פעטערבורגער הויכע קרייזן, מיט וועלכן אננא איז דורכן מאַן נענטער ווי מיט אלע אנדערע געווען פאר־בונדן.

— איך האָב דאָך איר געשריבן.

— אָבער איר איז אַלץ בייטיק אויספירלעך. פאַר־צו, אויב דו ביסט נישט מיד, מיין פריינט. נו, די קאַטש וועט דיר געבן קאָנדראַטי, און איך פאָר אין קאָמיטעט אריין. איך וועל ווידער עסן מיטאָג נישט אליין, — האָט אלעקסיי אלעקסאַנדראָוויטש ווייטער גערעדט שוין נישט מיט קיין וויציקן טאָן. — דו וועסט נישט גלייבן, ווי איך בין געוווינט גע־וואָרן. . .

און ער האָט, לאַנג דריקנדיק איר האַנט, זי אריינגעזעצט אין דער קאַטש.

XXXII.

די ערשטע פערזאָן, וואָס האָט אויפגענומען אננען אינדערהיים, איז געווען דער זון. ער איז ארויסגעשפרונגען צו איר אויף די טרעפ, נישט געקוקט אויף דער גוווערנאַנטינס שרייען, און האָט מיט געוואלטיקער התלהבות געשריגן: „די מאַמע, די מאַמע!" צולויפנדיק צו איר, האָט ער זיך איר אָנגעהאָנגען אויפן האַלז.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז די מאַמע! — האָט ער געשריגן צו דער גוווערנאַנטין. — איך האָב געוווּסט.

און דער זון, פונקט ווי דער מאַן, האָט ארויסגערופן בא אננען א געפיל ענלעך צו אַנטוישונג. זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט שענער, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. זי האָט זיך געמוזט אראָפּ־לאָזן צו דער ווירקלעכקייט, כדי צו קוויקן זיך מיט אים אַלס אַזעלכן, ווי ער איז געווען. אָבער אויך אַזוי, ווי ער איז געווען, איז ער געווען הערלעך מיט זיינע בלאָנדע לאָקן, בלויע אויגן און דיקע שלאַנקע פיס־לעך אין שטייף אָנגעצויגענע זאָקן. אננא האָט איבערגעלעבט כמעט א

פיזישן תענוג אין דעם שפירן זיין נאָענטקייט און זיין צערטלען און א מאַ־ראַלישע באַרויקונג, ווען זי האָט באַגעגעגט זיין פשוטן, צוטרוילעכן און ליבנדיקן בליק און האָט געהערט זיינע נאַיווע פראַגן. אננא האָט ארויס־גענומען די מתנות, וועלכע דאָלליס קינדער האָבן געשיקט, און האָט דער־ציילט דעם זון, וואָס פאַר א מיידעלע טאַניא עס איז דאָ אין מאָסקווע און ווי דידאַזיקע טאַניא קאָן לייענען און לערנט אפילו אַנדערע קינדער.

— וואָס־זשע, איך בין ערגער פון איר ? — האָט סעריאָזשא גע־פרעגט.

— פאַר מיר בעסער פון אַלע אויף דער וועלט.

— איך ווייס דאָס, — האָט סעריאָזשא שמייכלענדיק געזאָגט.

אננא האָט נאָך נישט באַוויזן צו טרינקען קאַווע, ווי מען האָט גע־מאָלדן וועגן דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ. די גרעפין לידיאַ איוואַ־נאָוונאַ איז געווען א הויכע, דיקע פרוי, מיט א נישט געזונטן געלן קאָ־ליר פון פנים און הערלעכע פארטראַכטע אויגן. אננא האָט זי ליב געהאַט, אָבער היינט האָט זי אַזוי ווי צום ערשטן מאָל דערזען זי מיט אַלע אי־רע חסרונות.

— נו, וואָס, מיין פריינט, איר האָט צוגעטראָגן די איילבירט־צווייג ? — האָט די גרעפין לידיאַ געפרעגט, ווי נאָר זי איז אריינגעקומען אין צימער.

— יאָ, דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט, אָבער דאָס אַלץ איז גע־ווען נישט אַזוי וויכטיק, ווי מיר האָבן געמיינט, — האָט אננא געענט־פערט. — בכלל איז מיין belle soeur א צו אַנטשלאָסענע.

אָבער די גרעפין אננא איוואַנאָוונאַ, וועלכע האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלעם, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו איר, האָט געהאַט א געוווינהייט קיינמאָל נישט צו הערן דאָס, וואָס עס האָט זי אינטערעסירט; זי האָט איבערגעשלאָגן אננען:

— יאָ, עס איז דאָ א סך צרות און שלעכטס אויף דער וועלט, און איך בין היינט אַזוי פארמאַטערט.

— וואָס איז דען ? — האָט אננא געפרעגט, באַמיענדיק זיך איינ־צוהאַלטן דעם שמייכל.

— איך הייב אָן מיד ווערן פון דעם אומזיסטן מלחמה־פירן פאַרן אמת און ווער טיילמאָל אינגאַנצן צעשרויפט. דער ענין פון די שוועס־טערלעך (דאָס איז געווען א פיליאַנטראָפּישע, רעליגיעז־פאַט יאָטישע אינ־סטיטוציע) וואָלט זיך געפירט זייער גוט, אָבער מיט דידאָזיקע הערן איז

גאַרנישט מעגלעך צו מאַכן, — האָט די גרעפין לידיאַ צוגעגעבן מיט אַן איראָנישער רעזיגנאַציע. — זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אַן דעם געדאַנק, האָבן אים פאַרקריפּלט און באַהאַנדלען אים דערנאָך אַזוי קליינלעך און נישטיק. אַ צוויי-דריי מענטשן, אייער מאַן צווישן זיי, פאַרשטייען די גאַנצע באַדייטונג פון דעם ענין, און די איבעריקע מאַכן בלויז קאַליע. נעכטן שרייבט מיר פּראַווודין...

פּראַווודין איז געווען אַ באַוווסטער פּאַנסלאַוויסט אין אויסלאַנד, און די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ האָט דערציילט דעם אינהאַלט פון זיין בריוו.

דערנאָך האָט די גרעפין נאָך דערציילט די אומאָנגענעמלעכקייטן און שפּיצלעך קעגן דעם ענין פון פאַרייניקן די צערקוועס און איז איילik אַוועקגעפאָרן, וואָרים איר איז דעם טאָג נאָך אויסגעקומען צו זיין אויף אַ זיצונג פון אַ געוויסער געזעלשאַפט און אין דעם סלאַווישן קאָמיטעט.

„דאָס אַלץ איז דאָך געווען פריער אויך; אָבער פאַרוואָס פלעג איך דאָס פריער נישט באַמערקן? — האָט זיך אַננאַ געזאָגט. — אָדער זי איז היינט זייער צערייצט? און ס'איז באמת קאָמיש: איר ציל איז — וווילטעטיקייט, זי איז אַ קריסטין, און זי בייזערט זיך כסדר, און אַלץ איז בײַ איר שונאים, און אַלץ שונאים לגבי קריסטלעכקייט און וווילטעטיקייט".

נאָך דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ איז געקומען צו פאָרן אַ פריינדין, אַ דירעקטאָרס אַ ווייב, און האָט דערציילט אַלע שטאָטישע נייעס. דריי אַ זייגער איז זי אויך אַוועקגעפאָרן, צוזאָגנדיק צו קומען צו מיטאָג. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען אין מיניסטעריום. בלייבנדיק אַליין, האָט אַננאַ די צייט ביז מיטאָג אויסגענוצט אויף בייצוזיין בײַם זונס מיטאָג (ער האָט מיטאָג געגעסן באַזונדער) און צו ברענגען אין אָרדנונג אירע זאַכן, איבערלייענען און ענטפערן אויף די צעטעלעך און בריוו, וואָס האָבן זיך בײַ איר אָנגעזאַמלט אויפן טיש.

דאָס געפיל פון בושה אָן אַ סיבה, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אויפן וועג, און די אויפרעגונג זענען אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. אין די געוויינלעכע לעבנס-באַדינגונגען האָט זי זיך ווידער געפילט זיכער און פאַרוואָרפסלאָז.

זי האָט מיט פאַרוווּנדערונג זיך דערמאָנט איר נעכטיקן צושטאַנד. „וואָס-זשע איז געווען? גאָרנישט. ווראָנסקי האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט,

צו וועלכער עס איז לייכט אַ סוף צו מאַכן, און איך האָב געענטפערט אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט. דערציילן דאָס דעם מאַן, דאַרף מען נישט און מען טאָר נישט. רעדן וועגן דעם — הייסט צוגעבן דער זאַך אַ וויכטיקייט, וועלכע זי פאַרמאָגט נישט". זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט דערציילט וועגן כמעט אַ דערקלערונג, וואָס עס האָט איר געמאַכט אין פעטערבורג איר מאַנס אַ יונגער אונטערגעאָרדנטער, און ווי אַזוי אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געענטפערט, אַז, לעבנדיק אין דער הויכער געזעלשאַפט, קאָן יעדע פרוי זיין אונטערגעוואָרפן אַזעלכע זאַכן, נאָר אַז ער האָט פולן צוטרוי צו איר טאַקט און וועט זיך קיינמאָל נישט דערלויבן צו דערנידעריקן זי און זיך ביז אייפערזוכט. „אַלזאָ, איז נישטאָ נאָכוואָס צו דערציילן? און דאַנקען גאָט עס איז אויך נישטאָ וואָס צו דערציילן", האָט זי זיך געזאָגט.

XXXIII.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אומגעקערט פון מיניסטעריום פיר אַ זייגער, אָבער ווי עס פלעגט אָפט פאָרקומען, האָט ער נישט באַוויזן אַריינצוגיין צו איר. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט אויפנעמען די אינטערעסאַנטן, וואָס האָבן געוואַרט, און אונטערשרייבן געוויסע פאַפירן, וואָס דער פירער פון די ענינים האָט געברענגט. צו מיטאָג (באַ די קאַרענינס פלעגן שטענדיק עסן מיטאָג אַ מאַן דריי) זענען געקומען: אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס אַן אַלטע קוזינקע, דער דירעקטאָר פונם דעפאַרטאַמענט מיטן ווייב און אַ געוויסער יונגערמאַן, וועלכער איז רעקאָמענדירט געוואָרן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אַלס באַאַמטער צו אים. אַננאַ איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַסטצימער אַריין, כדי צו פאַרווײַלן זיי. פונקט פינף אַ זייגער, דער בראָנזענער זייגער פון פיאָטר דעם I-טן האָט נישט באַוויזן אויסצושלאָגן דעם פינפטן קלונג, איז אַרויסגעקומען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אין אַ ווייסן קראַוואַט און אין אַ פראַק מיט צוויי שטערנס, ווארים ער האָט באַלד נאָכן מיטאָג געדאַרפט אַוועקפאָרן. יעדע מינוט אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס לעבן איז געווען פאַרנומען און צוגעצייכנט. און כדי צו באַוויזן צו טון אַלץ, וואָס אים איז פאָרגעשטאַנען איטלעכן טאָג, האָט ער זיך געהאַלטן באַ דער שטרענגסטער פינקט-

דעבקייט. „אַן איילעניש און אָן אַברו״, איז געווען זיין דעוויז. ער איז אַריינגעגאַנגען אין זאַל, האָט זיך באַגריסט מיט אַלע און איילִיק זיך געזעצט, שמייכלענדיק צום ווייב.

— יאָ, געענדיקט זיך מיין איינזאַמקייט. דו וועסט נישט גלייבן, ווי נישט באַקוועם (ער האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט נ י ש ט ב אַ ק וו ע ם) עס איז צו עסן מיטאָג אַליין.

באַם מיטאָג האָט ער געשמועסט אַ ביסל מיט דער פרוי וועגן די מאָסקווער ענינים, מיט אַן איראָנישן שמייכל זיך געפרעגט אויף סטעפּאַן אַרקאַדיטש. אָבער הויפּטזעכלעך איז דער געשפּרעך געווען אַן אַלגעמיינער — וועגן די פּעטערבורגער אַמטלעכע און געזעלשאַפטלעכע ענינים. נאָכן מיטאָג האָט ער פאַרברענגט אַ האַלבע שעה מיט די געסט; און, ווידער מיט אַ שמייכל דריקנדיק דעם ווייבס האַנט, איז ער אַרויסגעגאַנגען און אַוועקגעפאָרן אין ראַט. אַננאַ איז דאָס מאָל נישט געפאָרן נישט צו דער פירשטין בעטסי טווערסקאַיאַ, וועלכע האָט זי איינגעלאַדן אין אָוונט, ווי נאָר זי איז געוויר געוואָרן וועגן איר קומען, נישט אין טעאַטער אַריין, וווּ זי האָט געהאַט אַ לאָזשע. זי איז נישט געפאָרן דער עיקר דערפאַר, וואָס דאָס קלייד, אויף וועלכן זי האָט אויסגערעכנט, איז נישט געווען פאַרטיק. פאַרנעמענדיק זיך נאָך די געסטס אַוועקפאָרן מיט איר טואַלעט, איז אַננאַ בכלל געווען זייער אויפגעבראַכט. פאַרן אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע האָט זי, אין אַלגעמיין אַ בריה אויף נישט זייער טייערע זיך צו קליידן, אָוועקגעגעבן דער מאָדיסטקע דריי קליידער איבערצומאַכן. די קליידער האָט מען געדאַרפט אַזוי איבערמאַכן, אַז מען זאָל זיי נישט קאָנען דערקענען און זיי האָבן געדאַרפט זיין פאַרטיק שוין מיט דריי טעג צוריק. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז צוויי קליידער זענען אינגאַנצן נישט פאַרטיק געווען, און איינס איז איבערגעמאַכט געוואָרן נישט אַזוי, ווי אַננאַ האָט געוואָלט. די מאָדיסטקע איז געקומען זיך פאַרענטפערן, טענהנדיק, אַז אַזוי וועט בעסער זיין, און אַננאַ איז אַזוי אויפגעקאָכט געוואָרן, אַז עס איז איר דערנאָך אַ חרפּה געווען צו דערמאָנען זיך. כּדי אינגאַנצן זיך צו באַרויקן, איז זי אַריינגעגאַנגען אין קינדער-צימער און דעם גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט מיטן זון, האָט אים אַליין געלייגט שלאָפן, איבערגעצלמט און צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע. זי איז געווען צופרידן, וואָס זי איז אין ערגעץ נישט געפאָרן און האָט אַזוי גוט פאַרבראַכט דעמדאָזיקן אָוונט. איר איז אַזוי לייכט און רויק געווען, אַזוי קלאָר האָט זי געזעען, אַז אַלץ, וואָס האָט

אויף דער באַן זיך איר פאַרגעשטעלט פאַר אַזוי וויכטיק, איז בלויז איינער פון די געוויינלעכע נישטיקע פאַלן פון אַריסטאָקראַטישן לעבן און אַז זי האָט נישט פאַר קיינעם, נישט פאַר זיך אַליין זיך וואָס צו שעמען. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט באַם קאַמין מיט אַן ענגלישן ראָמאַן און געוואַרט אויפן מאַן. פּינקטלעך האַלב צען האָט זיך דערהערט זיין קלונג, און ער איז אַריינגעקומען אין צימער.

— ענדלעך ביסטו עס! — האָט זי געזאָגט, אויסשטרעקנדיק אים די האַנט.

ער האָט אַ קוש געטאָן איר האַנט און זיך צוגעזעצט לעבן איר.

— בכלל זע איך, אַז דיין נסיעה איז געלונגען, — האָט ער איר געזאָגט.

— יאָ, זייער, — האָט זי געענטפערט און גענומען דערציילן אים אַלץ פון אָנהייב: איר רייזע מיט ווראָנסקין, איר קומען, דער צופאַל בײַ דער באַן. דערנאָך האָט זי דערציילט איר איינדרוק פון רחמנות מתחילת צום ברודער, דערנאָך צו דאָלין.

— איך האַלט נישט, אַז מען זאָל קאָנען מוחל זיין אַזאַ מענטש, הגם ער איז דיין ברודער, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש שטרענג געזאָגט.

אַננאַ האָט אַ שמייכל געטאָן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָס געזאָגט טאַקע דערפאַר, כדי צו ווייזן, אַז די מאָטיוון פון קרובהשאַפט קאָנען אים נישט אָפּהאַלטן פון אַרויסזאָגן זיין אויפריכטיקע מיינונג. זי האָט געקענט דעמדאָזיק, שטריך בײַ איר מאַן און אים ליב געהאַט.

— עס פרייט מיך, וואָס אַלץ האָט זיך בשלום געענדיקט און וואָס דו ביסט געקומען, — האָט ער פאָרגעזעצט. — נו, וואָס רעדט מען דאָרט וועגן דעם נייעם געזעץ, וואָס איך האָב דורכגעפירט אין ראַט?

אַננאַ האָט גאָרנישט געהערט וועגן דעם געזעץ, און זי האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, וואָס זי האָט אַזוי לייכט געקאָנט פאַרגעסן אָן דעם, וואָס איז געווען פאַר אים אַזוי וויכטיק.

— דאָ, פאַרקערט, האָט עס געמאַכט אַ גרויסן טומל, — האָט ער געזאָגט מיט אַ זעלבסטצופרידענעם שמייכל.

זי האָט געזען, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש וויל איר דערציילן עפּעס אָנגענעמס פאַר זיך וועגן דעמדאָזיקן ענין, און זי האָט מיט פראַגן

אים ארויפגעפירט צו דערציילן. ער האט מיטן זעלבן זעלבסטצופרידענעם שמייכל דערציילט וועגן די אוואציעס, וואס מען האט אים געמאכט צוליב דעמדאזיקן דורכגעפירטן געזעץ.

— איך בין געווען זייער, זייער צופרידן. דאס באווייזט, אז בא אונז הייבט זיך אן איינצושטעלן א פארנונפטיקער און פעסטער בליק אויף דעם ענין.

אויסטרינקענדיק דאס צווייטע גלאז טיי מיט כמעטענע און ברויט, איז אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש אויפגעשטאנען און אריינגעגאנגען אין זיין קאבינעט.

— און דו ביסט אין ערגעץ נישט געפארן? דיר איז, אוודאי, געווען לאנגווייליק? — האט ער געזאגט.

— א, ניין! — האט זי געענטפערט, אויפשטייענדיק נאך אים און באגלייטנדיק אים דורכן זאל אין קאבינעט אריין. — וואס-זשע לייענסטו איצט? — האט זי געפרעגט.

— איך לייען אצינד Duc de Lille, Poèsie des enfers, — האט ער געענטפערט. — זייער א מערקווירדיק בוך.

אננא האט א שמייכל געטון, ווי מען שמייכלט פון די שוואכקייטן פון געליבטע מענטשן, און, נעמענדיק אים אונטער דער האנט, האט זי אים באגלייט ביז דער טיר פונעם קאבינעט. זי האט געקענט זיין געוווינהייט, וואס איז געווארן א נויטווענדיקייט, צו לייענען אין אוונט. זי האט געוווסט, אז נישט געקוקט אויף די אמטלעכע פליכטן וואס פארשלונגען כמעט זיין גאנצע צייט, האלט ער פאר זיין חוב נאכצופאלגן אלעם מערקווירדיקן, וואס דערשיינט אין דער אינטעלעקטועלער ספערע. זי האט אויך געוווסט, אז אים אינטערעסירן ווירקלעך ביכער פאליטישע, פילאזאפישע, טעאלאגישע, אז די קונסט איז אים, לויט זיין נאטור, א גאנצן פרעמד, אבער, נישט געקוקט דערויף אדער טאקע צוליב דעם, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש גארנישט דורכגעלאזט פון דעם, וואס האט געמאכט א רושם אויף דעם געביט, און האט געהאלטן פאר זיין חוב אלץ צו לייענען. זי האט געוווסט, אז אויפן געביט פון פאליטיק, פילאזאפיע, טעאלאגיע, האט אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש געצווייפלט אדער געזוכט, אבער אין די פראגן פון קונסט און פאעזיע, באזונדערס אין מוזיק, וואס ער האט לגמרי נישט פארשטאנען, האט ער באשטימטע, פעסטע מיינונגען. ער האט ליב געהאט צו רעדן וועגן שעקספירן, ראפאעלן, בעטהאווענען,

וועגן דער באַדייטונג פון די נייע שולן פון פּאָעזיע און מוזיק, וועלכע זענען אַלע בײַ אים געווען אײַנגעטיילט מיט אַ זייער קלאָרן סדר.

— נו, גיי געזונטערהייט, — האָט זי געזאָגט בײַ דער טיר פון קאַבינעט, ווו עס זענען שוין געווען צוגעגרייט פאַר אים אַן אַבאַזשור אויפן ליכט און אַ קאַראַפינקע וואַסער בײַם פאָטעל. — און איך וועל אָנשרײַבן קיין מאָסקווע.

ער האָט אַ דריק געטון איר האַנט און ווידער זי אַ קוש געטון.

„פונדעסטוועגן איז ער אַ גוטער מענטש: אַן ערלעכער, אַ גוטער און געראָקווירדיקער אין זײַן ספערע, — האָט זיך אַננאַ געזאָגט, צוריק אַרײַנקומענדיק צו זיך, ווי זי וואָלט אים פאַרטיידיקט פאַר עמעצן, וואָס האָט אים באַשולדיקט און געזאָגט, אַז מען קאָן אים נישט ליב האָבן. — אָבער' וואָס שטאַרן אים עפּעס די אויערן אַזוי אויסטערליש אָפּ! צי ער האָט זיך אָפּגעשוירן ? ...“

פּינקטלעך צוועלף, ווען אַננאַ איז נאָך געזעסן בײַם שרײַב-טיש און האָט פאַרענדיקט דעם בריוו צו דאָללין, האָבן זיך דערהערט טריט אין לאַטשן, און אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַן אָפּגעוואַשענער און פאַרקעמטער, מיט אַ בוך אונטערן אָרעם, איז צוגעגאַנגען צו איר.

— שוין צײַט, שוין צײַט, — האָט ער געזאָגט, באַזונדער שמייכלענדיק, און איז אַרײַנגעגאַנגען אין שלאָפצימער.

„און וואָסער רעכט האָט ער געהאַט אַזוי צו קוקן אויף אים ?“ האָט אַננאַ אַ קלער געטון, דערמאָנענדיק זיך ווראָנסקיס בליק אויף אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן.

זי האָט זיך אויסגעטון, איז אַרײַנגעגאַנגען אין שלאָפצימער, אָבער אויף איר פּנים איז נישט בלויז נישט געווען יענע באַלעבעטקייט, וועלכע האָט בעת איר זײַן אין מאָסקווע אַזוי געשפּריצט פון אירע אויגן און שמייכל, פאַרקערט, אַצינד האָט דאָס פײַער אויסגעזען פאַרלאָשן אָדער ערגעץ ווייט באַהאַלטן אין איר.

XXXIV.

אוועקפֿאָרנדיק פֿון פּעטערבורג, האָט ווראָנסקי איבערגעלאָזט זיין גרויסע דירה אויף דער מאָרסקאַיאַ דעם פֿריינט און באַליבטן חבר פּעטריצקין.

פּעטריצקי איז געווען אַ יונגער פּאָרוטשיק, נישט קיין באַזונדער יחוסדיקער און נישט בלויז נישט קיין רייכער, נאָר אָרום און אָרום אין חובות, אָוונט-צייט תּמיד שיכּור; ער פֿלעגט אָפֿט פֿאַר פֿאַרשידענע, אי קאָמישע אי מיאוסע, געשיכטעס אַריינפֿאַלן אין הויפּטוואַכט. אָבער ער איז געווען געליבט סיי פֿון די חברים, סיי פֿון די שעפֿלייט. צופֿאָרנדיק אָרום צוועלף אַ זייגער פֿון דער באַן צו זיין וווינונג, האָט ווראָנסקי דערזעען באַם טויער די אים גוט-באַקאַנטע באַלעגאָלישע קאַטש. אויף זיין קלונג, האָט ער נאָך פֿון הינטער דער טיר דערהערט אַ שטאַרק לאַכן פֿון מענער, אַ פּלאַפּלען פֿון אַ פֿרויען-קול און פּעטריצקיס געשריי: „אויב עמעצער פֿון די רוצחים, איז נישט אַריינלאָזן!” ווראָנסקי האָט נישט געהייסן דעם אָרדינאַנס זאָגן וועגן זיך און איז שטילינקע אַריינגעגאַנגען אין ערשטן צימער. די באַראָנעסע שילטאָן, פּעטריצקיס פֿריינדין, בלישטשענדיק מיטן ליליאַ-אַטלאַס פֿון קלייד, מיטן ראָזן, בלאָנדן פּנימל און, ווי אַ קאַנאַריק, אָנפֿילנדיק דאָס גאַנצע צימער מיט איר פּאַריזער פּלוידערן, איז געזעסן בײַ אַ קיילעכיקן טיש און האָט געקאָכט קאַווע. פּעטריצקי אין פּאַלטן און דער ריטמייסטער קאַמעראָווסקי אין דער פֿולער פֿאָרם, מסתּמא, פֿון דער דינסט, זענען געזעסן אָרום איר.

— בראַוואָ! ווראָנסקי! — האָט פּעטריצקי אויסגעשריגן, אויפֿשפּרינגענדיק און קנאַקנדיק מיט דער שטול. — דער באַלעבאָס אַליין! באַראָנעסע, קאַווע אים. פֿון נייעם טשייניק. מיר האָבן זיך גאָרנישט געריכט! איך האָף, דו ביסט צופֿרידן מיט דער באַשיינונג פֿון דיין קאַבינעט, — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער באַראָנעסע. — איר זענט דאָך באַקאַנט?

— נאָך ווי! — האָט ווראָנסקי געזאָגט, פֿריילעך שמייכלענדיק און דריקנדיק דער באַראָנעסעס קליינע האַנט. — ווי דען, אַן אַלטער פֿריינט!

— איר קומט אהיים פון וועג, — האָט די באַראָנעסע געזאָגט, — אַנטלויף איך. אַך, איך וועל די מינוט אַוועקפאָרן, אויב איך שטער.

— איר זענט אינדערהיים דאָרט, ווו איר זענט, באַראָנעסע, — האָט וראָנסקי געזאָגט. — וואָס מאַכסטו, קאַמעראָווסקי, — האָט ער צוגעגעבן, קאַלט דריקנדיק קאַמעראָווסקיס האַנט.

— אָט איר קאָנט קיינמאָל נישט זאָגן אַזעלכע שיינינקע זאַכן, — האָט די באַראָנעסע זיך געווענדט צו פּעטריצקין.

— ניין, פאַרוואָס-זשע? נאָכן מיטאָג וועל איך אויך נישט ערגער זאָגן.

— נאָכן מיטאָג איז קיין קונץ נישט! נו, איך וועל אייך געבן קאַווע, גייט וואַשט זיך אָפּ און טוט זיך אָן — האָט די באַראָנעסע געזאָגט, ווידער זעצנדיק זיך און אָרגפול דרייענדיק דאָס שרייפעלע אין דעם נייעם טשייניקל. — פּיער, גיט אַהער די קאַווע, — האָט זי זיך געווענדט צו פּעטריצקין, וועלכן זי האָט גערופן פּיער לויט זיין פאַמיליע פּעטריצקי, נישט באַהאַלטנדיק אירע באַציִונגען מיט אים. — איך וועל צושיטן.

— איר וועט קאַליע מאַכן!

— ניין, איך וועל נישט קאַליע מאַכן! נו, און אייער ווייב? — האָט פּלוצלינג די באַראָנעסע געזאָגט, איבערשלאָגנדיק וראָנסקיס געשפּרעך מיטן חבר. — מיר האָבן אייך דאָ חתונה געמאַכט. איר האָט געבראַנגט אייער פרוי?

— ניין, באַראָנעסע. איך בין געבוירן געוואָרן אַ ציגיינער און וועל שטאַרבן אַ ציגיינער.

— טאַקע גלייכער, טאַקע גלייכער. גיט אַהער די האַנט.

און נישט אָפּלאָזנדיק וראָנסקין, האָט די באַראָנעסע, דורכפלעכטנדיק מיט וויצן, אים אָנגעהויבן דערציילן אירע לעצטע לעבנס-פּלענער און פרעגן זיין עצה.

— ער וויל מיר אַלץ נישט געבן קיין גט! נו, וואָס-זשע זאָל איך טון? (ער איז געווען איר מאַן) איך וויל אַצינד אָנהייבן אַ פּראָצעס. ווי אַזוי עצהט איר מיר? קאַמעראָווסקי, גיט-זשע אַכטונג אויף דער קאַווע, — זי איז אויסגעלאָפן; איר זעט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען מיט ענינים! איך וויל אַ פּראָצעס, ווייל מיין פאַרמעגן איז מיר נייטיק. איר פאַרשטייט די דאָזיקע נאַרישקייט, אַז איך בין אים כלומרשט נישט טריי, — האָט זי מיט פאַראַכטונג געזאָגט, — און דערפאַר וויל ער זיך באַנוצן מיט מיין גוט.

ווראָנסקי האָט מיט פאַרגעניגן געהערט דאָס דאָזיקע פריילעכע פּלאַפּלען פון דער שיינינקער פרוי, האָט איר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעבן האַלב וויציקע עצות און בכלל גלייך אָנגענומען זיין געוויינלעכן טאָן פון האַלטן זיך מיט דעם מין פרויען. אין זיין פּעטערבורגער וועלט האָבן אַלע מענטשן זיך איינגעטיילט אויף צוויי אינגאַנצן קעגנזייטלעכע סאָרטן. איין נידעריקער, סאָרט — דורכשניטלעכע, נאַרישע און, דער עיקר, קאָמישע מענטשן, וועלכע גלייבן, אַז איין מאַן דאַרף לעבן מיט איין פרוי, מיט וועלכער ער האָט גענומען חופּה-קדושין, אַז אַ מיידלין דאַרף זיין אומשולדיק, אַ פרוי שעמעוודיק, אַ מאַנסביל העלדיש, איינגעהאַלטן און פעסט, אַז מען דאַרף דערציִען קינדער, פאַרדינען אויף ברויט פאַר זיך, צאָלן חובות און נאָך אַזעלכע ענלעכע נאַרישקייטן. דאָס איז געווען דער סאָרט אַלטמאָדישע און קאָמישע מענטשן. אָבער עס איז געווען אַן אַנדערער סאָרט מענטשן, די אמתע, צו וועלכן זיי אַלע האָבן געהערט, וווּ מען דאַרף זיין דער עיקר עלעגאַנט, גרויסמוטיק, דרייסט, פריילעך, זיך אָפּגעבן יעדער ליידנשאַפט נישט רויט ווערנדיק און פון אַלעם איבעריקן לאַכן.

ווראָנסקי איז בלויז אין דער ערשטער מינוט געווען צעטומלט נאָך די איינדרוקן פון דער גאָר אַנדערער וועלט, וועלכע ער האָט געבראַכט פון מאָסקווע; אָבער ער איז באַלד, ווי ער וואָלט אַריינגעשטעקט די פיס אין אַלטע לאַטשן, אַריין אין זיין פריערדיקער פריילעכער און אָנגענעמער וועלט.

די קאַווע האָט זיך טאַקע נישט אָפּגעקאָכט, נאָר האָט אַלע באַשפּריצט און איז אַנטלאָפן, און אַרויסגערופן טאַקע דאָס, וואָס איז נייטיק געווען, דאָס הייסט, געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר גערויש און געלעכטער און פאַרגאָסן אַ טייערן טעפּך און דער באַראָנעסעס קלייד.

— נו, אַצינד זייט געזונט, וואָרים אַנדערש, וועט איר זיך קיינמאָל נישט אָפּוואַשן, און אויף מיין געוויסן וועט זיין דער גרעסטער פאַרברעך פון אַן אָרנטלעכן מענטש — אומריינקייט. עצהט איר אַ מעסער צום האַלדז?

— אומבאַדינגט, און אַזוי, אַז אייער הענטל זאָל זיין וואָס נענטער פון זיינע ליפּן. ער וועט אַ קוש טאָן אייער הענטל און אַלץ וועט זיך בשלום ענדיקן. — האָט ווראָנסקי געענטפערט.

— איז היינט אין פראַנצויזישן. — און אַ רויש געטאָן מיטן קלייד, איז זי פאַרשוווּנדן געוואָרן!

קאַמעראַווסקי האָט זיך אויך אויפגעהויבן, נאָר ווראָנסקי, נישט וואַרטנדיק ביז ער וועט אוועקגיין, האָט אים דערלאַנגט די האַנט און איז אוועקגעגאַנגען אין טואַלעטצימער. בעת ער האָט זיך געוואַשן, האָט אים פעטריצקי אין קורצע שטריכן געמאָלט זיין לאַגע, אויף וויפיל זי האָט זיך געענדערט נאָך ווראָנסקיס אוועקפאָרן. קיין געלט איז גאָרנישטאָ. דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט געבן און וועט נישט באַצאָלן די חובות. דער שניידער וויל איינזעצן און דער אַנדערער דראָט אויך אומבאַדינגט איינצוזעצן. דער פּאָלק-קאָמאַנדיר האָט דערקלערט, אַז אויב דידאָזיקע סקאַנדאַלן וועלן נישט אויפהערן, דאַרף מען דעמיסיאָנירן. די באַראָנעסע איז דערעסן געוואָרן, ווי ביטערער רעטעך, באַזונדערס דערמיט, וואָס זי וויל כסדר געבן געלט; אָבער עס איז דאָ איינע, ער וועט זי ווייזן ווראָנסקין, אַ וואונדער, אַ פּראַכט, אין שטרענגן מזרח-סטיל „genere פון רבקהס שקלאַפין, פאַרשטייסטו". מיט בערקאָשעוון אויך זיך צעקריגט, און ער האָט געוואָלט שיקן סעקונדאַנטן, אָבער עס וועט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ווערן. בכלל אָבער איז אַלץ אויסגעצייכנט און אומגעווייגלעך פריילעך. און, נישט לאָזנדיק דעם חבר זיך פאַרטיפן אין די פּרטים פון זיין לאַגע, האָט פעטריצקי גענומען דערציילן אים אַלע אינטערעסאַנטע נייעסן. הערנדיק דאָס אַזוי גוט באַקאַנטע דערציילן פעטריצקיס אין דער אַזוי גוט באַקאַנטער אומגעבונג פון זיין דריי-יעריקער וווינונג, האָט ווראָנסקי איבערגעלעבט אַן אַנגענעם געפיל פון אומקערן זיך צו דעם געוויינלעכן און זאָרגלאָזן פעטערבורגער לעבן.

— עס קאָן נישט זיין! — האָט ער אויסגעשריגן, אָפּלאָזנדיק דעם פּעדאַל פון דעם וואַש-טישל, מיט וועלכן ער האָט באַגאָסן זיין שיינעם געזונטן האַלז, — עס קאָן נישט זיין! — האָט ער אויסגעשריגן בײַ דער ידיעה וועגן דעם, אַז לאָראַ איז זיך צונויפגעגאַנגען מיט מילעעוון און האָט אַוועקגעוואָרפן פערטינגאָפן. — און ער איז נאָך אַלץ אַזוי נאַריש און צופרידן? נו, און וואָס איז מיט בוזולוקאָוון?

— אַך, מיט בוזולוקאָוון איז געווען אַ מעשה פלא! — האָט פעטריצקי אויסגעשריגן. — זיין ליידנשאַפט איז דאָך — בעלער, און ער האָט נישט דורך קיין איין הויף-באַל. איז ער אַוועק אויפן גרויסן באַל אין אַ נייעם העלם? דו האָסט געזען די נייע העלמען? זיי זענען זייער שיין, גרינגער. שטייט ער אַזוי... ניין, דו הער.

— איך הער, — האָט ווראָנסקי, ווישנדיק זיך מיט אַ האָריק האַנטכוך, געענטפערט.

— גייט דורך די גרויספירשטין מיט עפּעס אַ געזאַנדטן, און אויף זיין אומגליק פאַרפירן זיי אַ שמועס וועגן די נייע העלמען. האָט די גרויס־פירשטין געוואָלט ווייזן אַ נייעם העלם... זעען זיי, אונזער פיינער בחור שטייט. (פּעטריצקי האָט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי ער שטייט מיט דעם העלם.) האָט די גרויספירשטין געבעטן צו געבן איר דעם העלם, — גיט ער נישט. וואָס איז? מען ווינקט צו אים, מ'שאָקלט מיט דעם קאָפּ, מען כמורעט זיך. גיב. ער גיט נישט. ער איז פאַרשטאַרט געוואָרן. דו קאָנסט דיר פאָרשטעלן!... נאָר דערדאָזיקער... ווי הייסט ער... וויל שוין נעמען בײַ אים דעם העלם... ער גיט נישט!... האָט ער אים אויסגעריסן, דער־לאַנגט דער גרויספירשטין. אָט דאָס איז אַ נייער, זאָגט די גרויספירשטין. זי האָט איבערגעדרייט דעם העלם און, קאָנסט דיר פאָרשטעלן, פון דאָרטן — בוך! אַ באַרנע, קאָנפעקטן, צוויי פונט קאָנפעקטן!... ער האָט דאָס אָנגעגנבעט דער פיינער בחור!...

ווראָנסקי האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער. און לאַנג דערנאָך, רעדנדיק שוין וועגן עפּעס אַנדערש, איז ער זיך פאַרגאַנגען מיט זיין גע־זונט געלעכטער, אַרויסשטעלנדיק זיינע פעסטע געדיכטע ציין, ווען ער האָט זיך דערמאַנט אָן דעם העלם.

געוואָר געוואָרן אַלע נייעסן, האָט ווראָנסקי מיט דער הילף פון לאַקיי אָנגעטון דעם מונדיר און געפאָרן זיך מעלדן. נאָכן מעלדן זיך האָט ער בדעה געהאַט צוצופאָרן צום ברודער, צום בעטסי און מאַכן עטלעכע וויזיטן, כדי אָנצוהייבן פאָרן אין יענער הויכער געזעלשאַפט, ווו ער וועט קאָנען טרעפן די קאַרענינאַ. ווי תמיד אין פּעטערבורג, איז ער אַרויסגע־פאָרן פון דער היים, כדי נישט צוריקצוקומען ביז שפּעט בײַנאַכט.

צווייטע טייל.

I.

כוף ווינטער איז בא די שטשערבאצקיס אין הויז פאָרגעקומען א
קאָנסיליום, וועלכער האָט געדאַרפט אנטשיידן וועגן קיטיס געזונט-צו-
שטאנד און וואָס מען דאַרף טון, כדי צוריקצושטעלן אירע אָפּגעשוואַכ-
טע כוחות. זי איז געווען קראַנק, און מיטן דערנענטערן זיך פון פרי-
לינג איז איר צושטאַנד געוואָרן ערגער. דער הויז-דאָקטאָר האָט איר גע-
געבן פיש-טראָן, דערנאָך אייזן, דערנאָך לאַפּיס, אָבער אַזוי ווי נישט דאָס
ערשטע, נישט דאָס צווייטע, נישט דאָס דריטע האָט נישט געהאָלפן, האָט
מען איינגעלאַדן א באַרימטן דאָקטאָר. דער באַ ימטער דאָקטאָר, נאָך
נישט קיין אַלטער, גאַנץ שיינער מאַנסביל, האָט פאַרלאַנגט צו באַטראַכטן
די קראַנקע. ער האָט, דאַכט זיך, מיט א באַזונדער פאַרגעניגן אָנגעוויזן,
אַז די מיידלשע שעמעוודיקייט איז בלויז אַן איבערבלייבעניש פון באַר-
באַריזם און אַז עס איז נישטאָ קיין נאַטירלעכערס ווי דאָס, אַז נאָך
נישט קיין אַלטער מאַנסביל זאָל אַרומטאַפּן א יונגע נאַקעטע פריילין.
ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר נאַטירלעך דערפאַר, וואָס ער האָט
דאָס געטון יעדן טאָג און האָט דערביי, ווי אים האָט זיך געדאַכט, נישט
געפילט און נישט געטראַכט קיין שום שלעכטס, און דעריבער האָט ער
די מיידלשע שעמעוודיקייט געהאַלטן נישט בלויז אַלס איבערבלייבעניש
פון באַרבאַריזם, נאָר אויך אַלס באַליידיקונג פאַר זיך.

מען האָט געמוזט זיך אונטערגעבן, וואָרים נישט געקוקט דערויף,
וואָס אַלע דאָקטוירים האָבן זיך געלערנט אין איין שול, פון איינע און די
זעלבע ביכער, האָבן געקענט איין וויסנשאַפט, און נישט געקוקט דערויף,
וואָס מאַנכע האָבן געזאָגט, אַז דער דאָזיקער באַרימטער דאָקטאָר איז

א שײַעכטער דאָקטאָר, איז בײַ דער פירשטין אין הויז און אין איר קרייז איבער עפּעס אַנערקענט געוועזן, אַז נאָר דער דאָזיקער באַרימטער דאָקטאָר ווייסט עפּעס באַזונדערס און אַז נאָר איינער קאָן ראַטעווען קיטין. נאָכדעם, ווי ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט און אויסגעקלאַפּט די פון בושה צעמישטע און מבולבלע קראַנקע, איז דער באַרימטער דאָקטאָר, נאָך א פלייסיקן אָפּוואַשן זיך די הענט, געשטאַנען אין גאַסטצימער און גערעדט מיטן פירשט. דער פירשט האָט זיך געכמורעט, אונטערגעהוסט, הערנדיק דעם דאָקטאָר. ער האָט, ווי א דערפאַרענער, נישט נאַרישער און נישט קראַנקער מענטש, נישט געגלייבט אין דער מעדיצין און איז אין האַרצן בייז געווען אויף דער דאָזיקער גאַנצער קאָמעדיע, בפרט נאָך, אַז אפשר נאָר ער איינער האָט גרינטלעך פאַרשטאַנען די סיבה פון קיטיס קראַנקייט. „דאָס הייסט א טשאַקער", האָט ער געקלערט, צופּאַסנדיק אין געדאַנק דעם דאָזיקן נאָמען פון יעגער-לעקסיקאָן צום באַרימטן דאָקטאָר און הערנדיק זיין פּלוידערײַ וועגן די סימנים פון דער טאָכטערס קראַנקייט. דער דאָקטאָר ווידער האָט קוים איינגעהאַלטן דעם אויסדרוק פון פאַראַכטונג צו דעם דאָזיקן אַלטן פּריץ און מיט אָנשטרענגונג זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער פלאַך פון זיין פאַרשטאַנד. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיטן אַלטן איז נישטאָ וואָס צו רעדן און אַז דער קאָפּ אין דעם דאָזיקן הויז איז — די מוטער. פאַר איר האָט ער דאָס בדעה געהאַט אַרויסצווייזן זיין גאַנץ חריפות. אין דער צייט איז די פירשטין אַריינגעקומען אין גאַסטצימער מיטן הויז-דאָקטאָר. דער פירשט איז אַוועקגעגאַנגען, באַמיענדיק זיך אַרויסצווייזן, ווי לעכערליך אים זעט אויס די גאַנצע קאָמעדיע. די פירשטין איז געווען צעמודערט און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. זי האָט זיך געפילט שולדיק פאַר קיטין.

— נו, דאָקטאָר, אַנטשיידט אונזער גורל, — האָט די פירשטין געזאָגט. — זאָגט מיר אַלץ. — „איז דאָ א האָפענונג?" האָט זי געוואָלט זאָגן, אָבער אירע ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן, און זי האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן די דאָזיקע פראַגע. — אַלזאָ, דאָקטאָר?

— באַלד, פירשטין, איך וועל איבערעדן מיטן קאָלעגע און דעמאָלט וועל איך האָבן דעם כבוד מיטצוטיילן אייך מיין מיינונג.

— זאָלן מיר אייך פאַרלאָזן?

— אויב אייך וועט ווילגעפעלן.

די פירשטין איז מיט א זיפץ אַרויסגעגאַנגען.

ווען די דאָקטוירים זענען געבליבן אַליין, האָט דער הויז-דאָקטאָר

נישט דרייסט אָנגעהויבן אַרויסזאָגן זיין מיינונג וואָס איז באַשטאַנען אין דעם. אַז עס איז דאָ אַן אָנהייב פון אַ טובערקולאָז-פּראָצעס, אָבער... און אַזוי ווייטער. דער באַרימטער דאָקטאָר האָט אים געהערט און אינמיטן זיין רעדן אַ קוק געטון אויף זיין גרויסן גאָלדענעם זייגער.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט. — אָבער...

דער הויז-דאָקטאָר איז רעספּעקטפול שטיל געבליבן אינמיטן רעדן.

— באַשטימען, ווי איר ווייסט, דעם אָנהייב פון אַ טובערקולאָז-פּראָצעס קאָנען מיר נישט; ביז באַוויזן זיך פון קאַווערנעס איז נישטאָ קיין שום באַשטימטס. אָבער חושד זיין קאָנען מיר. און סימפּטאָמען זענען פאַראַן: שלעכטע פאַרדייונג, נערוועזע אויפגערייצטקייט און דגל. די פראַגע שטייט אַזוי: בא אַ חשד פון אַ טובערקולאָז פּראָצעס, וואָס דאַרף מען טון, כדי אונטערצוהאַלטן די דערנערונג?

— אָבער איר ווייסט דאָך, דאָ זענען תּמיד פאַראַן באַהאַלטענע מאָראַלישע, גייסטיקע סיבות, — האָט דער הויז-דאָקטאָר זיך דערלויבט מיט אַ דינעם שמייכל אַריינצוואַרפן.

— יאָ, דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, — האָט דער באַרימטער דאָקטאָר געענטפערט, ווידער אַ קוק טוענדיק אויפן זייגער. — אַנטשולדיקט, די יאַוזסקער בריק איז שוין אויפגעשטעלט, צי דאַרף מען נאָך אַלץ פאָרן אַרום און אַרום? — האָט ער געפרעגט. — אַ! שוין אויפגעשטעלט. יאָ, נו, קאָן איך אין צוואַנציק מינוט זיין. האָבן מיר גערעדט, אַז די פראַגע איז אַזוי געשטעלט: אונטערהאַלטן די דערנערונג און אויסבעסערן די נערוון. איינס איז אין שייכות מיטן צווייטן, מען דאַרף ווירקן אויף ביידע זייטן פון קרייז.

— אָבער אַ רייזע קיין אויסלאַנד? — האָט דער הויז-דאָקטאָר געפרעגט.

— איך בין אַ שונא פון די רייזעס קיין אויסלאַנד. און באַווייליקט צו זען: אויב עס איז פאַראַן אַן אָנהייב פון אַ טובערקולאָז פּראָצעס, וואָס מיר קאָנען נישט וויסן, וועט אַ רייזע קיין אויסלאַנד נישט העלפן. עס איז נייטיק אַזאַ מיטל, וואָס זאָל אונטערהאַלטן די דערנערונג און זאָל נישט שאַדן.

און דער באַרימטער דאָקטאָר האָט פאַרגעלייגט זיין פּלאַן פון היילן מיט סאָדענישע וואַסערן, וואָס דער הויפּט-ציל בא'ם באַשטימען זיי איז באַשטאַנען דעריין, וואָס זיי קאָנען נישט שאַדן.

דער הויז־דאָקטאָר האָט אויפמערקזאַם און רעספּעקטפול אויסגעהערט.

— אָבער אַלס די נוצן, וואָס ס׳קאָן ברענגען אַ רייזע קיין אויסלאַנד, וואָלט איך אַרויסגעשטעלט דאָס בייטן די געוווינהייטן, דאָס באַזייטיקן די באַדינגונגען, וואָס רופן אַרויס זכרונות. און חוץ דעם... דער מוטער ווילט זיך, — האָט ער געזאָגט.

— אַ ! נו, אויב אַזוי, מילא, זאָלן זיי פאָרן, אָבער ס׳וועלן זיי שאָדן ברענגען דידאָזיקע דייטשע שאַרלאַטאַנעס... מ׳דאַרף זען, זיי זאָלן האָרכן... נו, זאָלן זיי פאָרן.

ער האָט ווידער אַ קוק געטון אויפן זייגער.

— אָ ! שוין צייט, — און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

דער באַרימטער דאָקטאָר האָט דערקלערט דער פירשטין (די העפלעכקייט האָט דאָס געפאָדערט), אַז ער מוז נאָכאַמאָל זען די קראַנקע.

— ווי ! נאָכאַמאָל באַטראַכטן ! — האָט די מוטער מיט שרעק אויסגעשריגן.

— אָ, ניין, איך דאַרף געוויסע פּרטים, פירשטין.

— ביטע זייער.

און די מוטער איז, באַגלייט פון דאָקטאָר, אַריינגעגאַנגען אין גאַסטצימער צו קיטין. אָן אויסגעדאַרטע און ראָזע, מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ אין די אויגן פון דער איבערגעטראָגענער בושה, איז קיטי געשטאַנען אין מיטן צימער.

ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, איז זי רויט געוואָרן און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. איר גאַנצע קראַנקייט און דאָס היילן האָבן איר אויסגעזעען אַלס אַזאַ נאַרישע, אפילו קאָמישע זאַך ! דאָס היילן זי האָט איר אויסגעזעען פונקט אַזוי קאָמיש, ווי דאָס צונויפשטעלן שטיקלעך פון אַ צעבראָכענער וואַזע. איר האַרץ איז געווען צעבראָכן. וואָס־זשע ווילן זיי זי היילן מיט פּילן און פּראָשקעס ? אָבער זי האָט נישט געקאָנט באַליידיקן די מוטער, נאָך מער דערפאַר, וואָס די מוטער האָט זיך געהאַלטן פאַר דער שולדיקער.

— זייט זיך מטריח זעצט זיך, פירשטין, — האָט קיטין געזאָגט דער באַרימטער דאָקטאָר.

ער האָט מיט אַ שמייכל זיך געזעצט קעגן איר, אָנגענומען דעם

דופק און הידער אָנגעהויבן שטעלן לאַנגווייליקע פראַגן. זי האָט אים געענטפערט און פלוצלינג, בייז ווערנדיק, אויפגעשטאַנען.

— אַנטשולדיקט מיר, דאָקטאָר, אָבער דאָס וועט, כלעבן, צו גאָרנישט פירן. איר פרעגט מיך צו דריי מאָל דאָס אייגענע.

דער באַרימטער דאָקטאָר האָט זיך נישט באַליידיקט.

— קרענקלעכע צערייצטקייט, — האָט ער געזאָגט דער פירשטין, — ווען קיטי איז אַרויסגעגאַנגען. — איבעריקנס, איך האָב געענדיקט...

און דער דאָקטאָר האָט פאַר דער פירשטין, ווי פאַר אַן אויסשליסלעך קלוגער פרוי, וויסנשאַפטלעך באַצייכנט דער קראַנקערס צושטאַנד און פאַרענדיקט מיט אַן אָנווייזונג וועגן דעם, ווי אַזוי צו טרינקען די וואַסערן, וועלכע זענען געווען נישט נייטיק. אויף דער פראַגע — צי פאָרן קיין אויסלאַנד? — האָט דער דאָקטאָר זיך פאַרטיפט אין רעיונות, ווי ער וואָלט אַנטשיידט אַ שווערע פראַגע. די אַנטשיידונג איז ענדלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן: פאָרן און נישט גלייבן די שאַרלאַטאַנעס, און וועגן אַלעם זיך ווענדן צו אים.

גלייך עס וואָלט עפּעס פרייליכס געשען נאָך דעם דאָקטאָרס אָפּפאָרן. די מוטער איז פרייליכער געוואָרן, אַריינקומענדיק צו דער טאָכטער, און קיטי האָט זיך אויך געמאַכט, אַז זי איז פרייליכער געוואָרן. איר איז אָפט, כמעט שטענדיק, אַצינד אויסגעקומען צו מאַכן זיך.

II.

באַלד נאָכן דאָקטאָר איז געקומען צו פאָרן דאָלי. זי האָט געוווּסט, אַז אין דעם טאָג דאַרף זיין דער קאָנסיליום און, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט נישט לאַנג זיך אויפגעהויבן פון קימפּעט (זי האָט געבוירן אַ מיידעלע סוף ווינטער), נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט געהאַט אַ סך אייגענע צרות און זאָרגן, האָט זי דאָך איבערגעלאָזט דאָס זייג־קינד און אַ קראַנק געוואָרן מיידעלע און איז געקומען געוויר ווערן וועגן קיטיס גורל, וועלכער האָט היינט געדאַרפט אַנטשיידט ווערן.

— נו, וואָס, — האָט זי געזאָגט, אַריינקומענדיק אין גאַסטצימער און נישט אויסטוענדיק דעם הוט. — איר זענט אַלע פרייליך. אוודאי גוט?

מען האָט איר געפּרווט דערציילן, וואָס דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הגם דער דאָקטאָר האָט גערעדט זייער גלאַטיק און לאַנג, איז דאָך בשום אופן נישט מעגלעך געווען איבערצוגעבן, וואָס ער האָט געזאָגט. אינטערעסאַנט איז נאָר געווען דאָס, וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

דאָלי האָט נישט ווילנדיק אַ זיפץ געטון. דער בעסטער פריינט אירער, די שוועסטער, פאָרט אַוועק. און איר לעבן איז נישט פריילעך. די באַציאונגען מיט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן זענען נאָך דעם איבערבעטן זיך געוואָרן דערנידעריקנדיק. די פאַרליימונג, וועלכע אַננאַ האָט געמאַכט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט דויערהאַפט, און די פאַמיליען-איינציקייט האָט זיך ווידער איינגעבראָכן אויפן זעלבן אָרט. קיין שום באַשטימטס איז נישט געווען, אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש איז כמעט קיינמאָל נישט געווען אינדערהיים. קיין געלט איז אויך כמעט קיינמאָל נישט געווען, און די חשדים פון אומטרייקייט האָבן שטענדיק געפּייניקט דאָלין, זי פלעגט זיי שוין פאַרטרייבן פון זיך, מורא האָבנדיק פאַר דעם איבערגעלעבטן ליידן פון איפערזוכט. דער ערשטער אויסברוך פון אייפערזוכט, וואָס איז איינמאָל איבערגעלעבט געוואָרן, האָט זיך שוין נישט געקאָנט אומקערן, און אפילו די אַנטדעקטע אומטרייקייט וואָלט שוין נישט געקאָנט ווירקן אויף איר אַזוי, ווי אין ערשטן מאָל. אַזאַ אַנטדעקונג וואָלט איר נאָר צוגענומען די פאַמיליען-געוווינהייטן, און זי האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן, פאַראַכטנדיק אים און מער פון אַלעם זיך פאַר דערדאָזיקער שוואַכקייט. אויסער דעם, האָבן די דאגות פון דער גרויסער פאַמיליע זי אומאויפהערלעך געפּייניקט: דאָ האָט דאָס קאָרמען פון דעם זייגקינד זיך נישט איינגעגעבן, דאָ איז די ניאַניע אַוועקגעגאַנגען, דאָ איז, ווי אַצינד, איינס פון די קינדער קראַנק געוואָרן.

— וואָס הערט זיך, וואָס מאַכן דייַנע? — האָט די מוטער געפרעגט.

— אַך, maman, איר האָט געניג אייגענע צרות. לילי איז קראַנק געוואָרן, און איך האָב מורא, אַז דאָס איז שקאַרלאַטינע. איך בין טאַקע אַצינד אַרויסגעפאָרן, כדי געוויר צו ווערן, ווייַל, אויב עס איז — גאָט באַהיט — שקאַרלאַטינע, וועל איך מיך שוין נישט קאָנען אַרויסרירן.

דער אַלטער פירשט איז נאָכן דאָקטאָרס אַוועקפאָרן אויך אַרויסגע-

באַנגען פֿון זיין קאַבינעט און, אונטערשטעלנדיק זיין באַק דאָלי'ן און שמייעסנדיק מיט איר אַ ביסל, האָט ער זיך געווענדט צום ווייב:

— ווי אַזוי־זשע האָט איר באַשלאָסן, איר פֿאָרט? נו, און מיט מיר וואָס ווילט איר טון?

— איך מיין, אַז דו זאָלסט בלייבן, אַלעקסאַנדער, — האָט דאָס ווייב געזאָגט.

— ווי איר ווילט.

— Maman, פֿאַרוואָס־זשע זאָל דער פּאַפּאַ נישט פֿאָרן מיט אונז? — האָט קיטי געזאָגט. — אי אים אי אונז וועט פֿריילעכער זיין.

דער עלטער פֿירשט איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אַ גלעט געטון מיט דער האַנט קיטיס האָר. זי האָט אויפֿגעהויבן דאָס פּנים און, גענייט שמייכלענדיק, געקוקט אויף אים. איר האָט זיך תּמיד געדאַכט, אַז ער פֿאַרשטייט זי בעסער פֿון אַלע אין דער פֿאַמיליע, הגם ער האָט ווייניק גערעדט מיט איר. זי איז געווען, ווי די קלענסטע, דעם פֿאָטערס ליבלינג; און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיין ליבע צו איר האָט אים געמאַכט דורכדרינגלעך. ווען איר בליק האָט זיך צונויפֿגעטראָפֿן איצט מיט זיינע בלויע, גוטע אויגן, וואָס האָבן אויפֿמערקזאַם געקוקט אויף איר, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער זעט זי דורך און דורך און פֿאַרשטייט דאָס גאַנצע עגמת נפֿש אירס. זי האָט, רויט ווערנדיק, זיך אַ צי געטון צו אים, דערוואַרטנדיק אַ קוש, אָבער ער האָט איר נאָר אַ גלעט געגעבן איבער די האָר און אַ זאָג געטון:

— די דאָזיקע נאַרישע שיניאָנען! צו דער אייגענער טאָכטער איז זיך גאָרנישט צו דערקלויבן, נאָר דו גלעטסט די האָר פֿון געפּגרטע ווייבער. נו, וואָס, דאָלינקאַ, — האָט ער זיך געווענדט צו דער עלטערער טאָכטער, — דיין תּכשיט וואָס מאַכט?

— גאָרנישט, פּאַפּאַ, — האָט דאָלי געענטפֿערט, פֿאַרשטייענדיק, אַז עס רעדט זיך וועגן מאַן. — ער פֿאָרט אַלץ אַרום, איך זע אים כּמעט נישט, — האָט זי נישט געקאָנט נישט צוגעבן מיט אַן איראָנישן שמייכל.

— וואָס־זשע, ער איז נאָך נישט אַוועקגעפֿאָרן אין דאָרף אַריין דעם וואַלד פֿאַרקויפֿן?

— ניין, ער קלויבט זיך אַלץ.

— אַזוי! — האָט דער פֿירשט געפֿרעגט. — דאַרף איך מיך אויך קלויבן? איך הער דיך, — האָט ער זיך געווענדט צום ווייב, זעצנדיק

זיך. — און דו אָט וואָס, קאַטיאַ, — האָט ער צוגעגעבן צו דער יינגערער טאָכטער, — דו שטיי אַמאָל אויף, אין איין שיינעם טאָג, און זאָג דיר: איך בין דאָך אינגאַנצן געזונט און פריילעך, און קום ווידער באַלד אינ־דערפרי מיטן פּאַפּאַ אויפן פראָסט שפּאַצירן. האַ?

עס איז, דאַכט זיך, געווען גאַנץ פּשוט דאָס, וואָס דער פאָטער האָט געזאָגט, אָבער קיטי איז בא דידאָזיקע ווערטער צעמישט געוואָרן און האָט זיך פאַרלוירן, ווי אַ געכאַפּטער פאַרברעכער. „יאָ, ער ווייסט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ און מיט דידאָזיקע ווערטער זאָגט ער מיר, אַז הגם עס איז אַ חרפּה, אָבער מען דאַרף איבערטראָגן די חרפּה“. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָננעמען מיט מוט צו ענטפערן עפּעס. זי האָט שוין געוואָלט אָנהייבן און פּלוצלינג זיך צעוויינט און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

— אָט דאָס זענען דיינע וויצן! — איז די פירשטין אָנגעפאַלן אויפן מאַן. — דו טוסט תמיד אַזוי... — האָט זי אָנגעהויבן אירע מוסר־רייד.

דער פירשט האָט גאַנץ לאַנג געהערט דער פירשטינס פאַרוואָרפן און געשוויגן, אָבער זיין פּנים איז אַלץ מער און מער אָנגעברוגזט געוואָרן.

— זי איז אַזוי נעבעכדיק, די אָרימינקע, אַזוי נעבעכדיק, און דו פילסט נישט, אַז איר טוט וויי יעדע אָנדייטונג אויף דעם, וואָס איז געווען די סיבה. אַך, אַזוי זיך טועה צו זיין אין מענטשן! — האָט די פירשטין געזאָגט, און לויט דער ענדערונג פון איר טאָן האָבן דאָלליי און דער פירשט פאַרשטאַנען, אַז זי רעדט וועגן ווראָנסקין. — איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי עס זענען נישטאָ קיין געזעצן קעגן אַזעלכע מיאוסע, אומ־ווירדיקע מענטשן.

— אַך, איך וואָלט כאָטש נישט געהערט, — האָט דער פירשט אוי־מעטיק אַ זאָג געטון, אויפשטייענדיק און אַזוי ווי וועלנדיק אַוועקגיין, אָבער ער איז שטיין געבליבן אין דער טיר. — געזעצן זענען דאָ, מאַ־מעניו, און אויב דו האָסט מיך שוין אַרויסגערופן אויף דעם, וועל איך דיר זאָגן, ווער עס איז שולדיק אין אַלעם: דו און דו. בלויז דו. געזעצן קעגן אַזעלכע ווילע יונגען זענען תמיד געווען און זענען דאָ! יאָ, ווען עס וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס האָט נישט געדאַרפט זיין, איך — בין אַ זקן, אָבער איך וואָלט אים געשטעלט אויפן באַריער, דעמדאָזיקן

פרינט. יאָ, אָבער אַצינד גייט היילט, פירט צו זיך דידאָזיקע שאַרלאַטאַנעס.

דער פירשט האָט, דאַכט זיך, געהאַט צו זאָגן נאָך אַ סך, אָבער ווי נאָר די פירשטין האָט דערהערט זיין טאָן, האָט זי גלייך, ווי דאָס פלעגט שטענדיק געשען בײַ ערנסטע פראַגן, זיך אונטערגעגעבן און חרטה געהאַט.

— Alexandre, Alexandre, — האָט זי געפּליסטערט, באַוועגנדיק זיך, און האָט זיך צעוויינט.

ווי נאָר זי האָט זיך צעוויגט, איז דער פירשט אויך שטיל געבליבן, ער איז צוגעגאַנגען צו איר.

— נו, גענוג, גענוג! דיר איז אויך שווער, איך ווייס. וואָס קאָן מען טון! קיין גרויס אומגליק איז נישט. גאָט איז באַרמהאַרציק... דאַנק... — האָט ער געזאָגט, שוין אַליין נישט ווייסנדיק, וואָס ער רעדט, און ענטפערנדיק אויף דער פירשטינס נאַסן קוש, וועלכן ער האָט דערפילט אויף זיין האַנט. און דער פירשט איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

באַלד ווי נאָר קיטי איז אַרויסגעגאַנגען מיט טרערן פון צימער, האָט דאָלי מיט איר מוטערלעכער, פאַמיליען־געוווינהייט גלייך דערזעען, אַז דאָ שטייט פאַר אַ פרויאישער ענין, און זיך צוגעגרייט עס צו טון. זי האָט אויסגעטון דעם הוט און, מאָראַליש זיך פאַרקאַטשענדיק די אַרבל, האָט זי זיך צוגעגרייט צו דער טעטיקייט. בעת דער מוטערס אָנפאַל אויפן פאָטער, האָט זי געפּרווט אָפּהאַלטן די מוטער, אויף וויפיל דער טאָכטערישער דרך־ארץ האָט דאָס דערלויבט. בשעת דעם פירשטס אויסברוך האָט זי געשוויגן, געפילט אַ בושה פאַר דער מוטער און צערטלעכקייט צום פאָטער דערפאַר, וואָס ער איז באַלד צוריק גוט געוואָרן. אָבער ווען דער פאָטער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי זיך פאַרנומען צו טון די הויפּט זאַך, וואָס איז נייטיק געווען — גיין צו קיטין און באַרויקן זי.

— איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, maman: צי ווייסט איר, אַז לעווין האָט געוואָלט מאַכן אַ פאָרשלאַג קיטין, ווען ער איז דאָ געווען דאָס לעצטע מאָל? ער האָט געזאָגט סטיוואַן.

— נו, וואָס־שע? איך פאַרשטיי נישט...

— איז אפשר האָט אים קיטי אָפּגעזאָגט? זי האָט אייך נישט געזאָגט?

— ניין, זי האָט גאָרנישט געזאָגט נישט וועגן דעם, נישט וועגן צווייטן; זי איז צו שטאָלץ. אָבער איך ווייס, אַז אַלץ איז פון דעם...

— יאָ, שטעלט אייך פאָר, אויב זי האָט אָפּגעזאָגט לעווינען, — און זי וואָלט אים נישט אָפּגעזאָגט, אויב יענער וואָלט נישט געווען, איך ווייס... און דערנאָך האָט זי דערדאָזיקער אַזוי מוראדיק אָפּגענאַרט.

דער פירשטין איז צו שרעקלעך געווען צו טראַכטן, ווי שטאַרק שולדיק זי איז קעגן דער טאָכטער, און זי איז בייז געוואָרן.

— אַך, איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט! היינט וויל מען נאָר אַלץ לעבן מיטן אייגענעם שכל, דער מוטער זאָגט מען גאָרנישט, און דערנאָך. . .

— Maman, איך וועל גיין צו איר.

— גיי. איך פאַרווער זיך דען? — האָט די מוטער געזאָגט.

III.

אַריינקומענדיק אין קיטיס קליינינקן קאַבינעט, אין דעם שיינינקן, ראָזינקן צימערל, מיט די ליאַלקעלעך vieux ux saxe און אַזאַ יונגינקן, ראָזינקן און פריילעכן, ווי קיטי אַליין איז ערשט מיט צוויי חדשים צוריק געווען, האָט דאָלי זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן פאַראַיאָרן צוזאַמען אויפגערוימט דאָסדאָזיקע צימערל. מיט וואָסער פריילעכקייט און ליבשאַפט. דאָס האַרץ איז איר פאַרקילט געוואָרן, ווען זי האָט דערזען קיטין, וועלכע איז געזעסן אויף אַ נידעריקער, פון דער טיר נאָענטסטער שטול, מיט אַנגעשטעלטע אומבאַוועגלעכע אויגן אויף אַ ווינקל פון טעפּעך. קיטי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער שוועסטער, און דער קאַלטער, עטוואָס שטרענגער, אויסדרוק פון איר פּנים האָט זיך נישט געביטן.

— איך וועל אַצינד אַהיימפאָרן און זיך אַריינזעצן אין שטוב, און דו וועסט נישט טאָרן קומען צו מיר, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געזאָגט, זעצנדיק זיך לעבן איר. — איך וויל זיך דורכשמועסן מיט דיר.

— וועגן וואָס? — האָט, דערשראָקן אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, שנעל קיטי אַ פרעג געטאָן.

— וועגן וואָס דען, אויב נישט וועגן דיין צרה.

— איך האָב נישט קיין צרה.

— גענוג, קיטי, צי מייגסטו דען, אז איך קאָן נישט וויסן? איך ווייס אַלץ. און גלייב מיר, דאָס איז אַזוי נישטיק... מיר אַלע זענען דאָס דורכגעגאַנגען.

קיטי האָט געשוויגן, און איר געזיכט האָט געהאַט אַ שטרענגן אויסדרוק.

— ער איז נישט ווערט, אַז דו זאָלסט ליידן איבער דעם, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פאָרגעזעצט, גלייך צוטרעטנדיק צום ענין.

— יאָ, ווייל ער האָט זיך געזאָרפּן מיט מיר, — האָט מיט אַ געבראָכן קול קיטי אַ זאָג געטון. — רעד נישט! איך בעט דיך, רעד נישט!

— אָבער ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? קיינער האָט דאָס נישט געזאָגט. איך בין זיכער, אַז ער איז געווען פאַרליבט אין דיר און איז געבליבן פאַרליבט, אָבער...

— אַך, צום שרעקלעכסטן איז פאַר מיר דאָס־דאָזיקע מיטפילן! — האָט קיטי אויסגעשריגן, פּלוצלינג בייז ווערנדיק. זי האָט זיך אויסגעדרייט אויף דער שטול, איז רויט געוואָרן און שנעל אָנגעהויבן באַוועגן מיט די פינגער, צונויפדריקנדיק דאָ מיט איינער, דאָ מיט דער צווייטער האַנט דעם שנאָל פון פּאַסיק, וועלכן זי האָט געהאַלטן. דאָלי האָט געקענט דער שוועסטערס דאָזיקע מאַניר, צו כאַפּן כסדר מיט די הענט, ווען זי פלעגט ווערן אויפגערייצט; זי האָט געוווּסט, ווי קיטי איז פעיק אין אַ מינוט פון היציקייט צו פאַרגעסן זיך און אָנרעדן אַ סך איבעריקס און נישט אָנגענעמס, און דאָלי האָט זי געוואָלט באַרויקן; אָבער עס איז שוין געווען שפּעט.

— וואָס, וואָס ווילסטו מיר געבן צו פילן, וואָס? — האָט קיטי שנעל געזאָגט. — דאָס, וואָס איך בין געווען פאַרליבט אין אַ מענטש, וועלכער האָט מיך נישט געוואָלט קענען, און אַז איך שטאַרב פון ליבע צו אים? און דאָס זאָגט מיר אַ שוועסטער, וועלכע מיינט, אַז... אַז... אַז זי פילט מיט!... איך וויל נישט דידאָזיקע באַדויערונגען און אָנשטעלן!

— קיטי, דו ביסט אומגערעכט.

— פאַרוואָס פייניקסטו מיך?

— פאַרקערט, איך זע, אַז דו האָסט עגמת נפש...

אָבער קיטי האָט אין איר היציקייט זי נישט געהערט.

איך האָב גאָרנישט איבער וואָס צו זיין צעבראָכן און זיך טרייסטן.

איך בין אויף אַזוי פיל שטאָלץ, אַז איך וועל מיר קיינמאָל נישט דער־לויבן ליב צו האָבן אַ מענטש, וועלכער האָט מיך נישט ליב.

— איך זאָג דאָך גאָרנישט... איינס — זאָג מיר דעם אמת, — האָט דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, זי אָננעמענדיק בײַ דער האַנט, אַ זאָג געטון: — זאָג מיר, לעווין האָט דיר געזאָגט?...

דאָס דערמאָנען לעווינען האָט, דאַכט זיך, צוגענומען קיטין די לעצטע זעלבסטבאַהערשונג: זי איז אויפגעשפּרונגען פון דער שטול, אַ וואָרף געטון דעם שנאָל אויף דער ערד און מאַכנדיק גיכע זשעסטן מיט די הענט, אָנגעהויבן צו רעדן:

— ווי קומט דאָ ווידער אַהער לעווין? איך פאַרשטיי נישט, נאָכ־וואָס דו דאַרפסט מיך פּייניקן? איך האָב געזאָגט און חזר איבער, אַז איך בין שטאָלץ און וועל קיינמאָל, קיינמאָל נישט טון דאָס, וואָס דו טוסט, אומצוקערן זיך צו אַ מענטש, וועלכער האָט דיך פאַרראַטן, וועלכער האָט ליב געקריגן אַן אַנדערע פרוי. איך פאַרשטיי דאָס נישט! דו קאָנסט, און איך קאָן נישט!

אַרויסגעזאָגט דיזאָזיקע ווערטער, האָט זי אַ קוק געטון אויף דער שוועסטער און, דערזעענדיק, אַז דאָללי שווייגט, טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט קיטי, אָנשטאָט אַרויסצוגיין פון צימער, ווי זי האָט בדעה געהאַט, זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער טיר, פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט אַ טיכל און אויך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דאָס שווײַגן האָט געדויערט אַ מינוט צוויי. דאָללי האָט געטראַכט וועגן זיך. די דערנידערונג אירע, וועלכע זי האָט תמיד געפילט, האָט זיך באַזונדער שמערצלעך אָפּגערופן אין איר, ווען עס האָט זי דערמאָנט אָן דעם די שוועסטער. זי האָט נישט דערוואַרט אַזאַ אכזריות פון דער שוועסטער און זי איז בייז געווען אויף איר. אָבער פּלוצלינג האָט זי דער־הערט אַ גערויש פון אַ קלייד און איינצייטיק אַ קלאַנג פון אַן אַרויסגע־פּלאַצט, אײַנגעהאַלטן שלאָכצן, און עפּעס עמעצנס הענט האָבן פון הינטן אַרומגענומען איר האַלז. קיטי איז אויף די קניען געשטאַנען פאַר איר.

— דאָלינקאַ, איך בין אַזוי, אַזוי אומגליקלעך! — האָט זי שולדיק אַ פליסטער געטון.

און דאָס מיט טרערן באַדעקטע ליבע פּנים האָט זיך באַהאַלטן אין דאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונעס קלייד.

גלײַך ווי די טרערן וואָלטן געווען יענע נייטיקע שמירעכץ, אָן וועלכן עס האָט נישט געקאָנט גיין מיט געהעריקן דערפאָלג די מאַשין

פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג צווישן ביידע שוועסטערן, — נאָך די טרערן האָבן די שוועסטערן זיך צערעדט נישט וועגן דעם, וואָס זיי האָט אינטערעסירט, אָבער, שמועסנדיק אפילו וועגן זייטיקע זאכן, האָבן זיי אויך פאַרשטאַנען איינע די אַנדערע. קיטי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט, וואָס זי האָט אין כּעס אַרויסגעזאָגט, וועגן דעם מאַנס אומטרייקייט און וועגן דער דערנידעריקונג, האָט טיף אין האַרץ געטראָפן די אָרימע שוועסטער, נאָר אַז זי האָט איר מוחל געווען. דאָללי האָט, פון איר זייט, פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט וויסן; זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אירע השערות זענען געווען ריכטיק, אַז דאָס אומגליק, קיטיס אומהיילבאַר אומגליק באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס לעווין האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג און וואָס זי האָט אים אָפּגעזאָגט, און ווראָנסקי האָט זי אָפּגענאַרט, און אַז זי איז גרייט ליב צו האָבן לעווינען און צו האַסן ווראָנסקין. קיטי האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט וועגן דעם; זי האָט גערעדט בלויז וועגן איר געמיטס-צושטאַנד.

— נישטאָ בּאַ מיר קיין שום אומגליק, — האָט זי געזאָגט, באַרויקנדיק זיך, — נאָר צי קאָנסטו פאַרשטיין, אַז מיר איז געוואָרן אַלץ מיאוס, אָפּשטויסנד, גראָב, און קודם כּל איך אַליין. דו קאָנסט דיר נישט פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַ מיאוסע געדאַנקען איך האָב וועגן אַלעם.

— וואָס פאַר אַ מיאוסע געדאַנקען קאָנסטו דען האָבן! — האָט דאָללי שמייכלענדיק געפרעגט.

— די סאַמע, סאַמע מיאוסטע און גראָבסטע; איך קאָן דיר נישט זאָגן. דאָס איז נישט קיין צער, נישט קיין אומעט, נאָר אַ סך ערגער. ווי אַלץ וואָס איז געווען שיינס אין מיר, אַלץ האָט זיך באַהאַלטן, און עס איז געבליבן בלויז סאַמע העסלעכס. נו, ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגן? — האָט זי פאָרגעזעצט, זעענדיק שטיינונג אין דער שוועסטערס אויגן. — דער פּאַפּאַ האָט ערשט אָנגעהויבן רעדן צו מיר... דאַכט זיך מיר, אַז ער מיינט בלויז, אַז איך דאַרף חתונה האָבן. די מאַמאַ פירט מיך אויף אַ באַל: דאַכט זיך מיר, אַז זי פירט מיך בלויז צוליב דעם, כּדי מיך שנעלער חתונה צו מאַכן און פּטור ווערן פון מיר. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט אמת, אָבער איך קאָן נישט פאַרטרייבן דידאָזיקע געדאַנקען. די אַזוי גערופענע חתנים קאָן איך נישט זעען. מיר דאַכט זיך, אַז זיי נעמען פון מיר אַ מאָס אַראָפּ. פריער פאָרן ערגעץ אין אַ באַל-קלייד איז געווען פאַר מיר פּשוט אַ פאַרגעניגן, איך האָב אָנגעקוקט פון מיר; אַצינד

איז מיר אַ בזיון, נישט אָנגענעם. נו, וואָס ווילסטו! דער דאָקטאָר... נו...

קיטי האָט זיך פארהאַקט; זי האָט געוואָלט ווייטער זאָגן, אַז זינט עס האָט זיך געמאַכט מיט איר די ענדערונג, איז איר סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געוואָרן אומדערטרעגלעך נישט אָנגענעם און אַז זי קאָן אים נישט זעען אָן די סאַמע גרעבסטע און העסלעכסטע פאָרשטעלונגען.

— נו־יאָ, אַלץ שטעלט זיך מיר פאָר אויפן סאַמע גרעבסטן און העסלעכסטן אופן, — האָט זי ווייטער גערעדט. — דאָס איז מיין קראַנקייט. אפשר וועט דאָס איבערגיין...

— טראַכט נישט...

— איך קאָן נישט. בלויז בײַ די קינדער איז מיר גוט, בלויז בײַ דיר.

אַ שאָד, וואָס דו טאָרסט נישט קומען צו מיר.

— ניין, איך וועל קומען. איך האָב געהאַט שקאַרלאַטינע, און איך וועל בעטן די maman.

קיטי האָט אויסגעפירט דאָס איריקע און איז אַריבערגעפאָרן צו דער שוועסטער, און די גאַנצע צייט פון דער שקאַרלאַטינע, וועלכע איז ווירקלעך געקומען, איז זי אַרומגעגאַנגען אַרום די קינדער. ביידע שוועסטערן האָבן בשלום אַרויסגעפירט אַלע זעקס קינדער. אָבער קיטיס געזונט האָט זיך נישט פאַרראַכטן, און נאָכן גרויסן תענות זענען די שטשערבאַצקיס אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

IV.

דער פּעטערבורגער העכסטער קרייז איז אייגנטלעך איינער, אַלע קענען איינער דעם אַנדערן, פאָרן אפילו איינער צום אַנדערן. אָבער דער דאָזיקער גרויסער קרייז האָט זיך זיינע פונאַנדערטיילונגען. אננא אַרקאַדיעוונאַ האָט געהאַט פריינט און ענגע באַציונגען אין דריי פאַרשידענע קרייזן. איין קרייז איז געווען אַן אַמטלעכער, אַן אָפיציעלער. איר מאַנס קרייז, וועלכער איז באַשטאַנען פון זיינע געהילפן און אונטערגעאָרדנטע, וואָס זענען אויפן פאַרשידנאַרטיקסטן און צופעליקסטן אופן פאַרבונדן און פונאַנדערגעטיילט געווען לויט די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען. אננא

האָט אַצינד קוים זיך געקאָנט דערמאַנען יענץ געפיל פון יראת הכבוד, וועלכעס זי האָט די ערשטע צייט געהאַט צו דידאָזיקע פערזאָנען. אַצינד האָט זי זיי אַלע געקענט, ווי עס קען איינער דעם אַנדערן אין אַ קרייז־שטאָט: האָט געוווסט וואָס פאַר אַ געוווינהייטן און שוואַכקייטן עמעצער האָט, וועלכער שטיוול וועמען קוועטשט; האָט געוווסט זייע־ע באַציונגען פון איינעם צום אַנדערן און צום הויפּט־צענטער; האָט געוווסט ווער אַן וועמען, און ווי אַזוי, און מיט וואָס עס האַלט זיך, און ווער מיט וועמען און אין וואָס עס גייט זיך צונויף און גייט זיך פונאַנדער; אָבער דער־דאָזיקער קרייז פון מלוכהשע, מאַנסבילשע אינטערעסן האָט קיינמאָל, נישט געקוקט אויף דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַס איינרעדן איר, נישט געקאָנט אינטערעסירן זי, און זי האָט אים אויסגעמיטן.

דער צווייטער, אַנגען נאָענטער קרייז, איז געווען דער, דורך וועלכן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געמאַכט זיין קאַריערע. דער צענטער פון דעמדאָזיקן קרייז איז געווען די גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ. דאָס איז געווען דער קרייז פון אַלטע, נישט שיינע, ווילטועריש און פרומע פרויען און קלוגע, ערגייציקע מענער. איינער פון די קלוגע מענטשן, וואָס האָט געהערט צו דעמדאָזיקן קרייז, האָט אים אָנגערופן „דאָס געוויסן פון דער פעטערבורגער געזעלשאַפט”. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זייער טייער געהאַלטן דעמדאָזיקן קרייז, און אַננאַ, וועלכע האָט זיך אַזוי געקאָנט צוזאַמענלעבן מיט אַלע, האָט די ערשטע צייט פון איר פעטערבורגער לעבן זיך געפונען פריינט אויך אין דעמדאָזיקן קרייז. אַצינד אָבער, נאָכן אומקערן זיך פון מאָסקווע, איז איר דערדאָזיקער קרייז געוואָרן אומדערטרעגלעך. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז סיי זי, סיי זיי אַלע זענען נישט נאַטירלעך, און איר איז געוואָרן אַזוי לאַנגווייליק און אומבאַקוועם אין דערדאָזיקער געזעלשאַפט, אַז זי איז ווי ווייט מעגלעך ווייניקער געפאָרן צו דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָווגאַ.

ענדלעך דער דריטער קרייז, וווּ אַננאַ האָט געהאַט באַציונגען, איז געווען אייגנטלעך די הויכע געזעלשאַפט, — די געזעלשאַפט פון בעלער, מיטאָגן, גלענצנדע טואַלעטן, די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געהאַלטן מיט איין האַנט אָן הויף, כדי נישט אַראָפּצולאָזן זיך צו דער האַלב־אַריסטאָקראַטיע, וואָס די מיטגלידער פון קרייז האָבן געמיינט, אַז זיי פאַראַכטן זי, אָבער מיט וועלכע זיי האָבן געהאַט ניש בלויז ענלעכע, נאָר אפילו איינע און די זעלבע געשמאַקן. איר באַציונג מיט דעמדאָזיקן קרייז האָט זיך געהאַלטן דורך דער פירשטין בעטסי טווערסקאַיאַ, איר קוזינס פרוי,

וועלכער האָט געזהאָט הונדערט און צוואַנציק טויזנט הכנסה און וועלכע האָט גלייך ווי אַננאַ האָט זיך באַוויזן אין דער הויכער געזעלשאַפט באַזונדער זי ליב געקריגן, זיך פאַרנומען מיט איר און זי אַריינגעצויגן אין איר קרייז, לאַכנדיק פון דער גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונעס קרייז.

— ווען איך וועל זיין אַלט און מיאוס, וועל איך אויך ווערן אַזעלכע, — האָט בעטסי געזאָגט, אָבער פאַר איך, פאַר אַ יונגער, שיינער פרוי, איז נאָך צו פרי אין דעם מושב־זקנים אַריין.

אַננאַ האָט די ערשטע צייט, וויפיל זי האָט געקאָנט, אויסגעמיטן דידאָזיקע וועלט פון דער גרעפין טווערסקאַיאַ, ווייל זי האָט געפאָדערט אויסגאַבן, גרעסערע פון אירע מעגלעכקייטן, און עס איז איר אויך אייגנטלעך בעסער געפעלן געוואָרן די ערשטע; אָבער נאָך דער רייזע קיין מאָסקווע איז געוואָרן פאַרקערט. זי האָט אויסגעמיטן די מאָראַלישע פריינט אירע און איז געפאָרן אין דער הויכער וועלט. דאָרט פלעגט זי באַגעגענען ווראָנסקין און איבערלעבן אַן אומרויקע פרייד בײַ דידאָזיקע באַגעגענישן. באַזונדערס אָפט פלעגט זי טרעפן ווראָנסקין בײַ בעטסי, וועלכע איז געווען אַ געבוירטיקע ווראָנסקאַיאַ און זיינס אַ קוזינקע. ווראָנסקי איז געווען אומעטום, וווּ ער האָט נאָר געקאָנט טרעפן אַננען, און האָט איר געזאָגט, ווען ער האָט געקאָנט, וועגן זיין ליבע. זי האָט אים נישט געגעבן קיין שום יסוד, אָבער יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט זיך טרעפן מיט אים, האָט אין איר האַרץ זיך אָנגעצונדן דאָס זעלבע געפיל פון באַלעבטקייט, וועלכעס איז זי באַפאַלן יענעם טאָג אין וואַגאָן, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען. זי האָט אַליין געשפּירט, אַז בײַם זען אים האָט אַ פרייד געלויכטן אין אירע אויגן און געקרימט אירע ליפן אין אַ שמייכל, און זי האָט נישט געקאָנט פאַרלעשן דעם אויסדרוק פון דעראָזיקער פרייד.

די ערשטע צייט האָט אַננאַ אויפריכטיק געגלייבט, אַז זי איז נישט צופרידן פון דעם, וואָס ער דערלויבט זיך צו פאַרפאָלגן זי; אָבער באַלד נאָכן צוריקקערן פון מאָסקווע קומענדיק אויף אַן אָוונט, ווו זי האָט גערעכנט צו טרעפן אים. און ער איז נישט געווען, האָט זי, לויט דעם טרויער, וואָס האָט זי באַהערשט, קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דאָסדאָזיקע פאַרפאָלגן איז איר נישט בלויז נישט אומאָנגענעם, נאָר אַז עס שאַפט דעם גאַנצן אינטערעס פון איר לעבן.

די באַרימטע זינגערין האָט געזונגען דאָס צווייטע מאָל, און די גאַנצע הויכע געזעלשאַפט איז געווען אין טעאַטער. דערזעענדיק פֿון זיין פֿאָטעל אין דער ערשטער רייע די קוזינקע, איז ווראָנסקי נישט וואַרטנ־דיק אויף קיין אַנטראַקט, אַרייַנגעגאַנגען צו איר אין דער לאָזשע.

— פֿאַרוואָס־זשע זענט איר נישט געקומען עסן מיטאָג? — האָט זי אים געזאָגט. — איך וווּנדער מיך אויף דערדאָזיקער העלזעעריש־קייט פֿון פֿאַרליבטע, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, אַזוי, אַז ער אַליין זאָל הערן: — ז י א י ז נ י ש ט ג ע ו ו ע ן. אָבער קומט נאָך דער אָפּערע.

ווראָנסקי האָט פֿרעגנדיק אַ קוק געטון אויף איר. זי האָט אַנגעבויגן דעם קאָפּ. ער האָט מיט אַ שמייכל איר געדאַנקט און זיך געזעצט לעבן איר.

— און ווי איך דערמאָן מיך אייער אָפּלאַכן! — האָט פֿאָרגעזעצט זי פֿירשטין בעטסי, וועלכע האָט געפֿונען אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן אין דעם נאָכפֿאָלגן די אַנטוויקלונג פֿון דערדאָזיקער ליידנשאַפֿט. — ווו איז דאָס זאַלץ אַהינגעקומען! איר זענט געפֿאַנגען, מיין ליבער.

— איך וויל טאַקע נאָר דאָס, אַז איך זאָל זיין געפֿאַנגען, — האָט ווראָנסקי געענטפֿערט מיט זיין רויקן, גוטמוטיקן שמייכל. — אויב איך קלאָג מיך, איז בלויז דעריף, וואָס איך בין צו ווייניק געפֿאַנגען, אויב זאָגן דעם אמת. איך הייב אָן פֿאַרלירן די האָפֿנונג.

— וואָסער האָפֿנונג קאָנט איר דען האָב? — האָט בעטסי געזאָגט, באַליידיקט פֿאַר איר פֿריינט: — entendons nous... — אָבער אין אי־רע אויגן זענען אַרומגעלאָפֿן פֿייערלעך, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זי פֿאַר־שטייט זייער גוט און פּונקט אַזוי ווי ער, וואָסער האָפֿנונג ער קאָן האָבן.

— קיין שום האָפֿנונג, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, לאַכנדיק און אַרויסשטעלנדיק זיינע גלייכע ציין, — אַנטשולדיקט, — האָט ער צוגע־געבן, נעמענדיק פֿון איר האַנט דעם בינאָקל און אָנהייבנדיק איבער איר אַנטבלויזטן אַקסל אַריבער צו באַקוקן די קעגנאיבערדיקע רייע לאָזשעס. — איך האָב מורא, אַז איך ווער קאָמיש.

ער האָט געוווּסט גאַנץ גוט, אַז אין די אויגן פֿון בעטסי און פֿון אַלע אַריסטאָקראַטישע מענטשן ריזיקירט ער נישט צו זיין לעכערלעך. ער האָט געוווּסט גאַנץ גוט, אַז אין די אויגן פֿון דידאָזיקע מענטשן קאָן די ראָל פֿון אַן אומגליקלעך פֿאַרליבטן אין אַ מיידל און בכלל אין אַ פֿריי־ער פֿרוי זיין לעכערלעך; אָבער די ראָלע פֿון אַ מענטש, וואָס האָט זיך

צוגעטשעפעט צו א פארהייראטער פרוי און גיט אוועק זיין גאנץ לעבן דערויף, כדי זי ארייגצושלעפן אין אויסגעלאסנקייט, — אז דידאזיקע ראלע פארמאגט עפעס שיינס, דערהויבנס און קאן קיינמאל נישט זיין לעכערלעך, און דערפאר האט ער מיט א שטאלצן און פריילעכן שמייכל, וואס האט געשפילט אונטער זיינע וואנסעס, אראפגעלאזט דעם בינאקל און א קוק געטון אויף דער קוזינע.

— און פארוואס זענט איר נישט געקומען אויף מיטאג, — האט זי געזאגט, שעפנדיק נחת פון אים.

— דאס דארף מען אייך דערציילן. איך בין געווען פארנומען, און מיט וואס? איר וועט קיינמאל נישט טרעפן. איך האב געהאלפן שלום מאכן צווישן א מאן מיט דעם באליידיקער פון זיין פרוי. יא, כ'לעבן!

— וואס-זשע, און איר האט שלום געמאכט?

— כמעט.

— איר דארפט מיר דאס דערציילן, — האט זי געזאגט, אויפשטייענדיק. — קומט אריין אין צווייטן אנטראקט.

— איך קאן נישט: איך פאר אין פראנצויזישן טעאטער.

— פון דער ניילסאן? — האט מיט שרעק געפרעגט בעטסי, וועלכע וואלט לחלוטין נישט אונטערגעשיידט די ניילסאן פון יעדער כאריסטין.

— וואס-זשע קאן מען טון? איך דארף מיך דארט מיט עמעצן זען, אלץ צוליב דעם ענין פון מיין שלום מאכן.

— געבענטשט זענען די שלום-מאכער, זיי וועלן דערלייזט ווערן, — האט בעטסי געזאגט, דערמאנענדיק זיך עפעס ענלעכס, וואס זי האט אמאל געהערט פון עמעצן. — נו, זעצט-זשע אייך, דערציילט, וואס איז?

און זי האט זיך צוריק אוועקגעזעצט.

V.

— דאָס איז אַ ביסל נישט באַשיידן, אָבער ס'איז אַזוי פיין, אַז עס גלוסט זיך שרעקלעך צו דערציילן, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, קוקנדיק אויף איר מיט לאַכנדיקע אויגן. — איך וועל נישט אָנרופן קיין פאַמי־ליע־נעמען.

— אָבער איך וועל טרעפן, — גלייכער אַזוי.

— הערט־זשע: עס פאָרן צוויי פריילעכע יונגעלייט...

— פאַרשטייט זיך, אָפיצירן פון אייער פּולק?

— איך זאָג נישט אָפיצירן, פשוט צוויי יונגעלייט, וואָס האָבן אָפּ־געגעסן פרישטיק.

— זעצט איבער: וואָס האָבן געמאַכט אַ כּוסה.

אפשר. זיי פאָרן אויף מיטאָג צו אַ חבר אין פריילעכסטן געמיטס־צושטאַנד און זעען אַ שיינינקע פרוי יאָגט זיי איבער אויף אַ דראָזשקע, קוקט זיך אום און, זיי על כּל פּנים דאַכט זיך, זי גריסט זיך צו זיי און לאַכט. זיי פאַרשטייט זיך, נאָך איר. טרייבן מיטן גאַנצן כּוח. צו זייער פאַרוואונדערונג, שטעלט זיך די שיינהייט אָפּ באַם טויער פון דעם זעלבן הויז, וווהין זיי פאָרן. די שיינהייט לויפט אַרויף אויפן אייבערשטן שטאָק. זיי זעען בלויז די ראָזע ליפּעלעך פון הינטערן קורצן וואַל אָפּער און די הערלעכע קליינע פיסלעך.

— איר דערציילט דאָס מיט אַזאַ געפיל, אַז מיר דאַכט זיך, איר אַליין — זענט איינער פון די צוויי.

— און וואָס האָט איר מיר ערשט געזאָגט? נו, די יונגעלייט גייען אַריין צום חבר, באַ אים איז אַ געזעגנונגס־מיטאָג. דאָ טרינקען זיי טאַקע, אפשר, אויס אַ ביסל איבעריקס, ווי תּמיד אויף געזעגנונגס־מיטאָגן. און באַם מיטאָג פרעגן זיי זיך אויס, ווער עס וווינט אינדערהייך אין דעם הויז. קיינער ווייסט נישט, און בלויז דעם באַלעבאָס לאַקיי אויף זייער פראַגע — צי עס וווינען אינדערהייך מ א מ ז ע ל ן — ענטפערט, אַז זיי זענען דאָ זייער אַ סך. נאָכן מיטאָג גייען די יונגעלייט אַריין צום באַלע־באָס אין קאַבינעט אַריין און שרייבן אַ בריוו צו דער אומבאַקאַנטער. זיי האָבן אָנגעשריבן אַ ליידנשאַפטלעכן בריוו, אַ דערקלערונג און טראָגן

אליין ארויף דעם בריוו איינדערהייך, כדי צו דערקלערן דאס, וואס וואלט אין בריוו געווען נישט גאר פארשטענדלעך.

— נאכוואס דערציילט איר מיר אזעלכע מיאוסע זאכן ? נו ?

— זיי קלינגען אן. עס קומט ארויס א מיידל, זיי גיבן דעם בריוו און פארזיכערן דאס מיידל, אז ביידע זענען אזוי פארליבט, אז זיי וועלן באלד שטארבן דא בא דער טיר. דאס דערשטוינטע מיידל פירט איינטער-האנדלונגען. פלוצלינג באווייזט זיך א הער מיט באקנבערד-ווורשטלעך, א רויטער ווי א ראק, דערקלערט, אז אין הויז וווינט קיינער נישט, א חוץ זיין ווייב, און טרייבט ארויס ביידע.

— פונוואנען-זשע ווייסט איר, אז ער האט באקנבערד, ווי איר זאגט, ווורשטלעך ?

— אט הערט. היינט בין איך געפארן זיי אויסגלייכן.

— נו, און וואס-זשע ?

— דא איז דאס סאמע אינטערעסאנטסטע. עס ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז א גליקלעך פארפאלק פון א טיטולאר-ראט מיט א טיטולאר-ראטין. דער טיטולאר-ראט גיט איין אן אנקלאגע, און איך ווער א שלום-פארמיטלער, און א וואסערער !... איך פארזיכער אייך, טאלעיראן איז א גארנישט אקעגן מיר.

— אין וואס-זשע באשטייט די שווערקייט ?

— אט הערט... מיר האבן זיך אנטשולדיקט ווי עס באדארף צו זיין : „מיר זענען פארצווייפלט, מיר בעטן אנטשולדיקונג פאר דער שרעקלעכער מיספארשטענדעניש”... דער טיטולאר-ראט מיט די ווורשטלעך הייבט אן ווייך צו ווערן, אבער ער וויל אויך אויסדריקן זיינע געפילן, און ווי נאר ער הייבט אן אויסצודריקן, הייבט ער זיך אן צו היצן און רעדן גראבקייטן, און איך מוז ווידער לאזן אין גאנג אלע מיינע דיפלאמאטישע טאלענטן. „איך בין מסכים, אז זייער האנדלונג איז נישט קיין שיינע, אבער איך בעט אייך צו נעמען אין אכט די מיספארשטענדעניש, די יונגקייט ; חוצדעם האבן די יונגעלייט נאר-וואס געהאט געפרישטיקט. איר פארשטייט. זיי האבן חרטה מיטן גאנצן הארץ, בעטן מען זאל זיי מוחל זיין זייער שולד”. דער טיטולאר-ראט ווערט ווידער ווייך : „איך בין מסכים, גראף, און בין גרייט מוחל צו זיין, אבער, איר פארשטייט, אז מיין פרוי, מיין פרוי, אן ארנטלעכע פרוי, איז אויסגעשטעלט אויף פארפאלגונגען, גראבקייטן און עזותקייטן פון עפעס יינגלעך, נידערטרעכ...” און פארשטייט איר, דאסדאזיקע יינגל איז דערביי, און איך דארף שלום

מאַכן צווישן זיי. איך לאָז ווידער אין גאַנג די דיפּלאָמאַטיע, און ווי נאָר מען דאַרף פאַרענדיקן דעם ענין, הייבט דער טיטולאַר־ראַט ווידער אָן זיך צו היצן, רויט צו ווערן, די וואָרשטלעך הייבן זיך אונטער, און איך צעגיס מיך ווידער אין דיפּלאָמאַטישע סובטעלקייטן.

— אַך, דאָס מוז מען אייך דערציילן! — האָט בעטסי לאַכנדיק זיך געווענדט צו אַ דאַמע, וואָס איז אַריינגעקומען אין איר לאָזשע. — ער האָט מיך אַזוי לאַכנדיק געמאַכט... נו, bonne chouce, — האָט זי צוגעגעבן, דערלאַנגענדיק ווראָנסקין דעם פינגער, וואָס איז פריי געווען פון האַלטן דעם פעכער, און מיט אַ באַוועגונג פון די אַקסלען אַראָפּלאָזנדיק דעם אַרויפגעהויבענעם דעקאָלטע פון קלייד, כדי צו זיין, ווי געהעריק, אינגאַנצן נאַקעט, ווען זי וועט אַרויסגיין פאָרויס צו דער ראַמפּע, אין ליכט פון גאַז און אונטער אַלעמענס אויגן.

ווראָנסקי איז געפאָרן אין פראַנצויזישן טעאַטער אַריין, וווּ ער האָט באמת געדאַרפט זען דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר, וועלכער פלעגט נישט דורכלאָזן קיין איין פאָרשטעלונג אין פראַנצויזישן טעאַטער, כדי זיך דורכצושמועסן מיט אים וועגן זיין שלום־פאַרמיטלונג, וואָס האָט אים פאַרנומען און געווילט שוין דעם דריטן טאָג. אין דעם ענין איז פאַרמישט געווען פעטריצקי, וועלכן ער האָט ליב געהאַט, און אַ צווייטער, וועלכער איז נישט לאַנג אַריינגעטרעטן, אַ ווילער יאַט, אַן אויסגעצייכנטער חבר, דער יונגער פירשט קעדראָוו. און דער עיקר — דאָ זענען פאַרמישט געווען די אינטערעסן פון פּאָלק.

ביידע זענען געווען אין ווראָנסקיס עסקאַדראָן. צום פּאָלק־קאָמאַנדיר איז געקומען צו פאָרן אַ באַאַמטער, דער טיטולאַר־ראַט ווענדען, מיט אַן אָנקלאַגע אויף זיינע אָפיצירן, וועלכע האָבן באַליידיקט זיין פרוי. די יונגע פרוי זיינע, ווי ווענדען האָט דערציילט, — ער איז געווען אַ האַלב יאָר נאָך דער חתונה, — איז געווען אין צערקווע מיט דער מוטער און, פלוצלינג דערשפּירנדיק זיך נישט געזונט, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ געוויסן צושטאַנד, האָט זי נישט געקאָנט מער שטיין און איז אַהיימגעפאָרן אויף דער ערשטער בעסטער דראָזשקע, וואָס איז איר אונטערגעקומען. דאָ האָבן זי אָנגעהויבן נאָכיאָגן אָפיצירן, זי האָט זיך דערשראָקן און, נאָך מער קראַנק ווערנדיק, איז זי אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ אַהיים.

ווענדען אַליין, צוריקקומענדיק פון אַמט, האָט דערהערט אַ קלונג און עפּעס שטימען. ער איז אַרויסגעגאַנגען און, דערזעענדיק שיכורע

אָפּיצירן מיט אַ בריוו, האָט ער זיי אַרויסגעשטופּט. ער האָט געבעטן אַ שטרענגע שטראָף.

— ניין, ווי איר ווילט, — האָט דער פּאָלק־קאָמאַנדיר געזאָגט ווראָנסקין, איינלאַדנדיק אים צו זיך, — פּעטריצקי ווערט אומדערטרעגלעך. עס גייט נישט אַדורך קיין וואָך אָן אַ מעשה. דער דאָזיקער באַאַמטער וועט נישט אַפּלאָזן דעם ענין, ער וועט גיין ווייטער.

ווראָנסקי האָט געזען די גאַנצע אומאָנשטענדיקייט פון דעם עסק און אַז קיין דועל קאָן דאָ נישט זיין, אַז מען דאַרף אַלץ טון, כדי ווייך צו מאַכן דעמדאָזיקן טיטולאַר־ראַט און צו פאַררייבן דאָס עסק. דער פּאָלק־קאָמאַנדיר האָט איינגערופן ווראָנסקין טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט אים געקענט פאַר אַן איידעלן און קלוגן מענטש, און דער עיקר פאַר אַ מענטש, וואָס האַלט טייער דעם כבוד פון פּאָלק. זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט און באַשלאָסן, אַז פּעטריצקי און קעדראָוו מיט ווראָנסקין דאַרפן פאָרן צו דעמדאָזיקן טיטולאַר־ראַט זיך אַנטשולדיקן. דער פּאָלק־קאָמאַנדיר און ווראָנסקי — ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ווראָנסקיס נאָמען און דער מאָנאָגראַם פון פליגל־אַדיוטאַנט דאַרפן אַ סך מיטווירקן, אַז דער טיטולאַר־ראַט זאָל ווייך ווערן. און באמת, די דאָזיקע צוויי מיטלען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר טיילווייז ווירקזאַמע; אָבער דער רעזולטאַט פון דער פאַרגלייכונג איז געבליבן צווייפלהאַפט, ווי ווראָנסקי האָט טאַקע דערציילט.

קומענדיק אין פראַנצויזישן טעאַטער, איז ווראָנסקי אַריינגעגאַנגען מיטן פּאָלק־קאָמאַנדיר אין פאָיע און אים דערציילט וועגן זיין דערפאָלג אָדער אומדערפאָלג. באַטראַכטנדיק אַלץ, האָט דער פּאָלק־קאָמאַנדיר באַשלאָסן איבערצולאָזן אָן פאָלגן דעמדאָזיקן ענין, אָבער דערנאָך האָט ער, פון פאַרגעניגן וועגן, אָנגעהויבן אויספרעגן ווראָנסקין וועגן די פרטים פון זיין וויזיט און לאַנג זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער הערנדיק ווראָנסקיס דערציילן וועגן דעם, ווי אַזוי דער שטיל־געבליבענער טיטולאַר־ראַט האָט פּלוצלינג ווידער זיך אָנגעצונדן, דערמאָנענדיק זיך די איינצלהייטן פון דעם ענין, און ווי אַזוי ווראָנסקי, לאַווירנדיק ביַ דעם לעצטן האַלבן וואָרט פון דער איבערבעטונג, האָט זיך אָפּגעטרעטן, אַרויסשטופּנדיק פאַר זיך פּעטריצקין.

— אַ מיאוסע מעשה, אָבער אַ קאָמישע. קעדראָוו קאָן זיך דאָך נישט שלאָגן מיט דעמדאָזיקן הער! אַזוי שרעקלעך האָט ער זיך געהיצט? — האָט ער לאַכנדיק איבערגעפרעגט. — ווי געפעלט אייך די

קלער היינט ? ווונדערבאַר ! — האָט ער געזאָגט וועגן אַ נייער פראַנצויזישער אַקטריסע. — וויפיל דו זאָלסט זי נישט זעען, איז זי יעדן טאָג אַ נייע. בלויז די פראַנצויזן אליין קאָנען דאָס.

VI.

נישט צוואַרטנדיק אויפן סוף פון לעצטן אַקט," איז די פירשטין בעטסי אוועקגעפאָרן פון טעאַטער. זי האָט נאָר-וואָס באַוויזן אַריינצוגיין אין איר טואַלעטצימער, צו באַשיטן איר לאַנג בלייך פּנים מיט פּודער, אָפּצווישן עס, פאַרריכטן דעם טואַלעט און באַפעלן צו דערלאַנגען טיי אין גרויסן גאַסטצימער אַריין, ווי עס האָבן שוין איינע נאָך דער אַנדערער אָנגעהויבן צופאָרן קאַטשן צו איר ריזיק הויז אויף דער באָלשאַיאַ מאָרסקאַיאַ. די געסט זענען אַראָפּגעגאַנגען פאַרן גרויסן טויער, און דער דיקער שווייצער, וועלכער פלעגט, אויף אַ באַלערנדיקן אופן פאַר די דורכגייער, אין די פרימאָרגנס לייענען צייטונגען הינטער דער גלעזערנער טיר, האָט גערוישלאָז געעפנט די ריזיקע טיר, דורכלאָזנדיק פאַרביי זיך די געסט.

כמעט אין איינער און דער זעלבער צייט זענען אַריינגעגאַנגען די באַלעבאָסטע מיט אַן אויפגעפרישטער פריזור און אויפגעפרישט פּנים פון איין טיר און די געסט פון דער צווייטער אין גרויסן גאַסטצימער אַריין מיט די טונקעלע ווענט, ווייכע טעפּיכער און העל באַלויכטענעם טיש, וואָס האָט געבלאַנקט אונטער די פייערן פון די ליכט מיט דער ווייסקייט פון דעם טישטוך, מיטן זילבער פונם סאַמאָוואַר און מיט דעם דורכזיכטיקן פאַרצעליי פונם טיי-געשיר.

די באַלעבאָסטע האָט זיך געזעצט צום סאַמאָוואַר און האָט אויסגעטון די הענטשקעס. איבעררוקנדיק די שטולן מיט דער הילף פון אומבאַמערקבאַרע לאַקייען, האָט זיך די געזעלשאַפט אויסגעזעצט, צעטיילנדיק זיך אויף צוויי טיילן, — בײַם סאַמאָוואַר מיט דער באַלעבאָסטע, און אינעם קייגנאיבערדיקן עק פון גאַסטצימער, ארום דעם געזאַנדטנס שיינער פרוי אין שוואַרצן סאַמעט און מיט שוואַרצע שאַרפע ברעמען. דער געשפּרעך האָט איןביידע צענטרען, ווי שטענדיק אין די ערשטע מינוטן,

זיך געוואַקלט, איז איבערגעשלאָגן געוואָרן דורך די באַגעגעענישן, באַגריסונגען, פאַרשלאָגן וועגן טיי, אַזוי ווי זוכנדיק אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן.

— זי איז אומגעווייגלעך שיין, ווי אַן אַקטריסע ; קענטיק, אַז זי האָט דורכגעשטודירט קאָולבאַך, — האָט געזאָגט אַ דיפּלאָמאַט אין קרייז פון דעם געזאַנדטנס פרוי, — איר האָט באַמערקט, ווי זי איז אַנידערגעפאַלן...

— אַך, איך בעט אייך, לאָמיר נישט רעדן וועגן דער ניִלסאָן ! וועגן איר קאָן מען נישט זאָגן קיין שום נייעס, — האָט געזאָגט אַ דיקע, רויטע, בלאָנדע דאַמע אָן ברעמען און אָן אַ שיניאָן אין אַן אַלט זיידן קלייד. דאָס איז געווען די פירשטין מיאַכקאַיאַ, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט איר פּשוטקייט, גראָבער באַנעמונג און מען האָט זי גערופן enfant terrible. די פירשטין מיאַכקאַיאַ איז געזעסן אינמיטן צווישן ביידע קרייזן און, צוהערנדיק זיך, האָט זי גענומען אַן אָנטייל דאָ אין דעם, דאָ אין יענעם. — מיר האָבן היינט דריי מענטשן געזאָגט די זעלבע פראַזע וועגן קאָולבאַכן, ווי זיי האָלטן זיך צונויפגערעדט. און איך ווייס נישט מיט וואָס די פראַזע איז זיי אַזוי געפעלן.

דער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דערדאָזיקער באַמערקונג און מען האָט געדאַרפט צוטראַכטן אַ נייע טעמע.

— דערציילט אונז עפּעס וויציקס, אָבער נישט בייזמוטיקס, — האָט געזאָגט דעם געזאַנדטנס פרוי, אַ גרויסע מייסטערין צו פירן אַ גלענצנדן געשפּרעך, וואָס ווערט אָנגערופן אויף ענגליש small-talk, ווענדנדיק זיך צום דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט אויך נישט געוווסט, וואָס אַצינד אָנצוהייבן.

— מען זאָגט, אַז דאָס איז זייער שווער, אַז בלויז בייזמוטיקס איז קאָמיש, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל. — אָבער איך וועל פּרוּוון. גיט אַ טעמע. אַלץ איז געווענדט אין דער טעמע. אויב די טעמע איז געגעבן, איז העפטן אויף איר שוין גרינג. איך קלער אָפט, אַז פאַר די באַרימטע רעדנער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט וואָלט אַצינד שווער געווען צו רעדן קלוג. דאָס גאַנצע קלוגע איז אַזוי דערעסן...

— דאָס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן, — האָט אים לאַכנדיק איבערגעשלאָגן דעם געזאַנדטנס פרוי.

דער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן אָנגענעם ; אָבער טאָקע דערפאַר,

וואָס ער איז געווען שוין צו אַנגענעם, האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט. מען האָט געמוזט אָנקומען צום טרייען, קיינמאָל נישט פאַרראַטנדיקן מיט — לשון־הרע.

— איר געפינט נישט, אַז אין טושקעוויטשן איז דאָ עפּעס פון Louis XV ? — האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דעם שיינעם בלאָנדן יונגנמאַן, וואָס איז געשטאַנען באַם טיש.

— יאָ, יאָ! ער איז אין זעלבן גוסט, ווי דאָס גאַסטצימער, דער־פאַר טאַקע פאַרברענגט ער דאָ אַזוי אָפט.

דערדאָזיקער געשפּרעך איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן, ווייל עס איז גערעדט געוואָרן מיט רמזים גראָד וועגן דעם, וואָס מען האָט נישט גע־טאָרט רעדן אין דעמדאָזיקן גאַסטצימער, דאָס הייסט, וועגן טושקעוויטשס באַציונגען צו דער באַלעבאָסטע.

אַרום דעם סאַמאָוואַר און דער באַלעבאָסטע האָט דער שמועס אין דער צייט אויך אַזוי אַ געוויסע צייט זיך געוואַקלט צווישן די דריי אומ־פאַרמיידלעכע טעמעס: די לעצטע געזעלשאַפטלעכע נייעס, טעאַטער און טאַדלען דעם נאָענטן, ביז ער האָט זיך איינגעשטעלט, אַרויפקומענדיק אויף דער לעצטער טעמע, דאָס הייסט, אויף לשון־הרע.

— איר האָט געהערט, אויך די מאַלטישטשעווא — נישט די טאָכ־טער, נאָר די מוטער — נייט זיך אַ קאָסטיום diable rose!

— עס קאָן נישט זיין! ניין, דאָס איז הערלעך!

— איך וווּנדער מיך, ווי אַזוי מען קאָן מיט איר שכל — זי איז דאָך נישט קיין נאַר — נישט זען, ווי קאָמיש זי איז.

איטלעכער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן צום טאַדלען און אָפּלאַכן פון דער אומגליקלעכער מאַלטישטשעווא, און דער געשפּרעך האָט פריילעך אָנגעהויבן צו קנאַקן, ווי אַ צעפלאַקערט פייער.

דער פירשטין בעטסיס מאַן, אַ גוטמוטיקער דיקער מענטש, אַ ליידנ־שאַפטלעכער זאַמלער פון גראַווירן, געווויר ווערנדיק, אַז באַם ווייב זע־נען דאָ געסט, איז פאַרן קלוב אַריינגעגאַנגען אין גאַסטצימער. ער איז אומהערבאַר איבערן ווייכן טעפּיך צוגעגאַנגען צו דער פירשטין מיאַכקאַיאַ.

— ווי איז אייך געפעלן געוואָרן די נילסאָן? — האָט ער געזאָגט.

— אַך, מעג מען זיך אַזוי אונטערגנבענען? איר האָט מיך אַזוי דערשראָקן! — האָט זי געענטפערט. — רעדט נישט מיט מיר, איך בעט אייך, וועגן דער אָפּערע, איר פאַרשטייט גאָרנישט אין מוזיק. בעסער וועל

איך מיך ארײַפּלאָזן צו אײַך און רעדן מיט אײַך וועגן אײַערע מאַיאָליקן און גראַוויורן. נו, וואָסער מציאה האָט איר דאָרט נישט לאַנג געקויפט אויפן מארק?

— איר ווילט, וועל איך אײַך ווײַזן. אָבער איר קענט אײַך נישט.

— ווײַזט. איך האָב מיך אויסגעלערנט בײַ דידאַזיקע, ווי רופט מען זיי... באַנקירן... בײַ זיי זענען דאָ הערלעכע גראַוויורן. זיי האָבן אונז געוויזן.

— וואָס, איר זענט געווען בײַ דער שוצבורג? — האָט די באַלע־באָסטע געפרעגט פון סאַמאָוואַר.

— געווען, ma chere. זיי האָבן מיך אײַנגעלאַדן מיטן מאַן אויף מיטאָג, און מיר געזאָגט, אַז דער סאָס אויף דעם מיטאָג האָט געקאָסט טויזנט רובל, — האָט די פירשטין מיאַכקאַיאַ הויך געזאָגט, פילנדיק, אַז אַלע הערן זי, — און זייער אַ שלעכטער סאָס, עפּעס גרינס. מען האָט געמוזט זיי אײַנלאַדן, און איך האָב געמאַכט אַ סאָס פאַר פינף און אכציק קאָפּיקעס, און אַלע זענען געווען זייער צופרידן. איך קאָן נישט מאַכן קיין טויזנטרובלדיקע סאָסן.

— זי איז אײַנציק! — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט.

— וווּנדערבאַר! — האָט עמעצער געזאָגט.

דער עפעקט, וועלכן דער פירשטין מיאַכקאַיאַס געשפּרעכן פלעגן מאַכן, איז תמיד געווען דער זעלבער, און דער סוד פון איר געמאַכטן עפעקט איז באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט גערעדט, הגם נישט גאַנץ אויפן אָרט, ווי אַצינד, אָבער אײנפאַכע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ זינען. אין דער געזעלשאַפט, ווו זי האָט געלעבט, האָבן אַזעלכע ווערטער גע־ווירקט ווי דאָס שאַרפזיניקסטע שפּאַסן. די פירשטין מיאַכקאַיאַ האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס ווירקט אַזוי, אָבער זי האָט געוווּסט, אַז דאָס ווירקט, און האָט דאָס אויסגענוצט.

אַזוי ווי בעת דער פירשטין מיאַכקאַיאַס רעדן האָבן זי אַלע גע־הערט, און דער שמועס אַרום דעם געזאַנדטנס פרוי האָט אויפגעהערט, האָט די באַלעבאָסטע געוואָלט צונויפבינדן די גאַנצע געזעלשאַפט אין אײ־נעם און האָט זיך געווענדט צום געזאַנדטנס פרוי:

— איר ווילט בשום אופן נישט קיין טיי? איר וואָלט אַריבערגע־גאַנגען צו אונז.

— ניין, אונז איז דאָ זייער גוט, — האָט דעם געזאַנדטנס פרוי

מיט אַ שמייכל געענטפערט און פאַרגעזעצט דעם אָנגעהויבענעם געשפּרעך.

דער געשפּרעך איז געווען וועגן אַן אַנגענעמער. מען האָט באַרעדט די קאַרענינס — די פרוי און דעם מאַן.

— אננאַ האָט זיך זייער געענדערט זינט איר מאָסקווער נסיעה. אין איר איז דאָ עפּעס אויסטערלישס, — האָט איר פריינדין געזאָגט.

— די הויפּט-ענדערונג איז די, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַלעקסיי ווראָנסקיס שאָטן, — האָט דעם געזאַנדטס פרוי געזאָגט.

— איז וואָס-זשע? בּאַ גרימען איז דאָ אַ משל: אַ מענטש אָן אַ שאָטן, אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעווירן דעם שאָטן. און דאָס איז אים אַ שטראָף פאַר עפּעס. איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין אין וואָס עס באַשטייט די שטראָף. אָבער אַ פרוי מוז זיין נישט אָנגענעם אָן אַ שאָטן.

— יאָ, אָבער פרויען מיט אַ שאָטן ענדיקן געוויינלעך שלעכט, — האָט אננאַס פריינדין געזאָגט.

— אַ פּיפּעטש אייך אויף דער צונג, — האָט פּלוצלינג די פירשטין מיאַכקאַיאַ געזאָגט, דערהערנדיק דידאָזיקע ווערטער. — די קאַרענינאַ איז אַ הערלעכע פרוי. דעם מאַן איהרן האָב איך נישט ליב, אָבער זי האָב איך זייער ליב.

— פאַרוואָס-זשע האָט איר נישט ליב דעם מאַן? ער איז אַזאַ אויסגעצייכנטער מענטש, — האָט דעם געזאַנדטס פרוי געזאָגט. — מיין מאַן זאָגט, אַז אַזעלכע מלוכה-מענער זענען דאָ וויניק אין איראָפּע.

— און מיר זאָגט אויך דער מאַן, נאָך איך גלייב נישט, — האָט די פירשטין מיאַכקאַיאַ געזאָגט. — ווען אונזערע מענער זאָלן נישט זאָגן, וואָלטן מיר אויך געזען דאָס, וואָס עס איז; אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז לויט מיין מיינונג פּשוט אַ שוטה. איך זאָג דאָס שטילערהייט... נישט אמת, ווי אַלץ ווערט קלאָר? פריער, ווען מען האָט מיך געהייסן האַלטן אים פאַר קלוג, האָב איך אַלץ געזוכט און אייגעפונען, אַז איך אַליין בין נאַריש, נישט זעענדיק זיין שכל; און ווי נאָר איך האָב געזאָגט: ע ר א י ז אַ נ אַ ר, אָבער שטילערהייט, איז אַזוי אַלץ קלאָר געוואָרן, נישט אמת?

— ווי שלעכט איר זענט היינט!

— להלוטין נישט. איך האָב נישט קיין אַנדערע ברירה. עמעצער פון די צוויי איז נאַריש. נו, איר ווייסט דאָך, אַז וועגן זיך טאָר מען דאָס קיינמאָל נישט זאָגן.

— קיינער איז נישט צופרידן מיט זיין צושטאַנד, און יעדערער איז צופרידן מיט זיין שכל, — האָט דער דיפּלאָמאַט געזאָגט מיט אַ פראַנצויזישן פערז.

— אָט, אָט, טאַקע אַזוי, האָט אייליק זיך געווענדט צו אים די פירשטין מיאַכקאַיאַ. — אָבער עס האַנדלט זיך אין דעם, װאָס אַננען װעל איך אייך נישט אַװעקגעבן. זי איז אַזאַ װוילע, אַ ליבע. וואָס-זשע זאָל זי טון, אַז אַלע זענען פאַרליבט אין איר און גייען איר נאָך ווי די שאָטנס?

— עס פאַלט מיר גאָרנישט איין צו טאַדלען זי, — האָט זיך אַנגעס פריינדין פאַרענטפערט.

— אויב אונז גייט קיינער נישט נאָך ווי אַ שאָטן, באַווייזט דאָס נישט, אַז מיר האָבן אַ רעכט צו טאַדלען.

און געענדיקט אַננעס פריינדין דעם געהעריקן פּסק, איז די פירשטין מיאַכקאַיאַ אויפגעשטאַנען און צוזאַמען מיטן געזאַנדטנס פרוי זיך פאַררוקט צום טיש, ווו עס איז געפירט געוואָרן אַן אַלגעמיינער געשפרעך וועגן פרייסישן קעניג.

— וועגן וועמען האָט איר דאָרט געטריבן רכילות? — האָט בעטסי געפרעגט.

— וועגן די קאַרענינס. די פירשטין האָט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, — האָט דעם געזאַנדטנס פרוי געענטפערט, מיט אַ שמייכל זעצנדיק זיך צום טיש.

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט געהערט, — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט, אַלע מאָל אַ קוק טוענדיק אויף דער אַריינגאַנג-טיר. — ענדלעך זענט איר אויך דאָ! — האָט זי זיך געווענדט מיט אַ שמייכל צום אַריינגעקומענעם ווראָנסקין.

ווראָנסקי איז געווען נישט בלויז באַקאַנט מיט אַלע, נאָר ער האָט געזען יעדן טאָג אַלע, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן, און דעריבער איז ער אַריינגעגאַנגען מיט דער פרייער האַלטונג, מיט וועלכער מען גייט אַריין אין אַ שטוב צו מענטשן, פון וועלכע מען איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען.

— פונוואַנען איך קום? — האָט ער געענטפערט אויף דער פראַגע פון געזאַנדטנס פרוי. — וואָס-זשע קאָן מען טון, מען זיך מודה זיין. פון די בופן. דאַכט זיך, צום הונדערטסטן מאָל, און אַלץ מיט אַ ניי פאַרגעניגן. פראַכטפול! איך ווייס, אַז דאָס איז אַ בושה; אָבער אין דער אָפּע-

רע שלאָף איך, און אין די בופן זיך איך ביז דער לעצטער מינוט, און עס איז פריילעך. היינט...

ער האָט אָנגערופן אַ פראַנצויזישע אַקטריסע און געוואָלט עפּעס דערציילן וועגן איר, אָבער דעם געזאַנדטנס פרוי האָט אים מיט אַ קאָטאָהעסדיקער שרעק איבערגעשלאָגן:

— איך בעט אייך, דערציילט נישט וועגן דעמדאָזיקן גרויל.

— מילא, וועל איך נישט, בפרט, אַז אַלע קענען דידאָזיקע גרוילן.

— און אַלע וואָלטן געפאָרן אַהין, ווען דאָס זאָל זיין אַזוי אָנגענומען, ווי די אָפּערע, — האָט די פירשטין מיאַכקאַיאַ אונטערגעכאַפּט.

VII.

באַ דער אַריינגאַנג-טיר האָבן זיך דערהערט טריט, און די פירשטין בעטסי, ווייסנדיק, אַז דאָס איז די קאַרענינאַ, האָט אַ בליק געטון אויף ווראָנסקין. ער האָט געקוקט אויף דער טיר, און זיין פּנים האָט געהאַט אַן אויסטערליש נייעם אויסדרוק. ער האָט פריידיק, שאַרף און איינצייטיק נישט דרייסט געקוקט אויף דער אַריינגייענדיקער און האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן. אין גאַסטצימער איז אַריינגעגאַנגען אַננאַ. ווי תמיד האַלטנדיק זיך אומגעווייגלעך גלייך און נישט ענדערנדיק די ריכטונג פון בליק, האָט זי מיט איר שנעלן, אַנטשלאָסענעם און לייכטן טריט, וואָס האָט זי אונטערגעשיידט פונם גאַנג פון אַנדערע פרויען פון דער הויכער געזעלשאַפט, געמאַכט די עטלעכע טריט, וועלכע האָבן זי אָפּגעטיילט פון דער באַלעבאָסטע, אַ דריק געטון איר האַנט, אַ שמייכל געגעבן און מיט דעם שמייכל זיך אומגעקוקט אויף ווראָנסקין. ווראָנסקי האָט זיך נידעריק פאַרנייגט און איר צוגערוקט אַ שטול.

זי האָט געענטפערט בלויז מיט אַ נייג פון קאָפּ, איז רויט געוואָרן און האָט זיך אָנגעכמורעט. אָבער באַלד, שנעל שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צו די באַקאַנטע און דריקנדיק די אויסגעשטרעקטע הענט, האָט זי זיך געווענדט צו דער באַלעבאָסטע:

— איך בין געווען באַ דער גרעפין לידיאַ און האָב געוואָלט פריער קומען, אָבער איך האָב מיך פאַרזעסן. באַ איר איז געווען סער דזשאָן. דייער אַן אינטערעסאַנטער.

— אָך, דאָס איז דערדאָזיקער מיסיאָנער.

— יאָ, ער האָט דערציילט וועגן אינדישן לעבן זייער אינטע־רעסאַנטס.

דער שמועס, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם קומען, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו וויקלען, ווי דאָס פייער פון אַ לאָמפּ, וואָס האָט געהאַלטן בײַ פאַרלאָשן ווערן.

— סער דזשאָן! יאָ, סער דזשאָן. איך האָב אים געזעען. ער רעדט גוט. וולאַסיעווא איז גאָר פאַרליבט אין אים.

— און דאָס איז אמת, אַז די קלענערע וולאַסיעווא האָט חתונה מיט טאָפּאָוון?

— יאָ, מען שמועסט, אַז דאָס איז שוין פעסט באַשלאָסן.

— איך ווונדער מיך אויף די עלטערן. מען זאָגט, אַז דאָס איז אַ חתונה אויס ליידנשאַפט.

— אויס ליידנשאַפט? וואָס פאַר אַן אַנטידילוויאַלע געדאַנקען איר האָט! ווער רעדט היינט וועגן ליידנשאַפט? — האָט דעם געזאַנדטנס פרוי געזאָגט.

— וואָס קאָן מען טון? דידאָזיקע נארישע אַלטע מאָדע איז נאָך אַלץ נישט אונטערגעגאַנגען, — האָט ווראָנסקי געזאָגט.

— איז טאָקע שלעכט פאַר די, וואָס האַלטן זיך אין דער מאָדע. איך ווייס פון גליקלעכע חתונות בלויז אויס אויסרעכנונג.

— יאָ, אָבער דערפאַר ווי אָפט ווערט דאָס גליק פון חתונות אויס אויסרעכענונג צעפלויגן ווי שטויב טאַקע דערפון, וואָס עס באַווייזט זיך די זעלבע ליידנשאַפט, וועלכע מען האָט נישט אָנערקענט, — האָט ווראָנ־סקי געזאָגט.

— אָבער חתונות אויס אויסרעכנונג רופן מיר אָן אַזעלכע, ווען ביידע האָבן שוין זייערס דורכגעמאַכט. דאָס איז ווי שקאַרלאַטינע, דאָס דאַרף מען דורכגיין.

— דאַן דאַרף מען זיך אויסלערנען קינסטלעך צו אימפן ליבע, ווי פּאָקן.

— איך בין געווען אין דער יוגנט פאַרליבט אין אַ דיאַק, — האָט די פירשטין מיאַכקאַיאַ געזאָגט. — איך ווייס נישט, צי דאָס האָט מיר געהאָלפן.

— ניין, איך מיין, אָן שפּאַס, אַז כדי צו דערקענען די ליבע, דאַרף

מען זיך טועה זיין און דערנאָך זיך אויסבעסערן, — האָט די פירשטין בעטסי געזאָגט.

— אפילו נאָך דער חתונה? — האָט דעם געזאַנדטנס פרוי וויציק געזאָגט.

— עס איז קיינמאָל נישט שפּעט חרטה צו האָבן, — האָט דער דיפּלאָמאַט געזאָגט אַן ענגליש שפּריכוואָרט.

— טאַקע אַזוי, — האָט בעטסי אונטערגעכאַפּט, — מען דאַרף זיך טועה זיין און אויסבעסערן דעם טעות. ווי קלערט איר וועגן דעם? — האָט זי זיך געווענדט צו אַננען, וועלכע האָט מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל אויף די ליפּן געהערט דעמדאָזיקן געשפּרעך.

— איך מיין, — האָט אַננאַ געזאָגט, שפּילנדיק זיך מיט דער אויסגעטויגנער הענטשקע, — איך מיין... אויב וויפיל קעפּ, אַזוי פיל שכלען, איז אויך וויפיל הערצער, אַזוי פיל מינים ליבע.

ווראָנסקי האָט געקוקט אויף אַננען און מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ געוואַרט, וואָס זי וועט זאָגן. ער האָט אָפּגעזיפצט אַזוי ווי נאָך אַ געפאַר, ווען זי האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער.

אַננאַ האָט זיך פּלוצלינג געווענדט צו אים:

— איך האָב דערהאַלטן פון מאָסקווע אַ בריוו. מען שרייבט מיר, אַז קיטי שטשערבאַצקאַיאַ איז זייער קראַנק.

— טאַקע? — האָט, אַנכמורענדיק זיך, געזאָגט ווראָנסקי.

אַננאַ האָט שטרענג אַ קוק געטון אויף אים.

— אייך אינטערעסירט דאָס נישט?

— פאַרקערט, זייער. וואָס טאַקע שרייבט מען אייך, אויב מען קאָן וויסן? — האָט ער געפרעגט.

אַננאַ איז אויפגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו בעטסי.

— גיט מיר אַ שעלעכל טיי, — האָט זי געזאָגט, זיך אָפּשטעלנדיק הינטער איר שטול.

בעת בעטסי האָט איר אָנגעגאָסן טיי, איז ווראָנסקי צוגעגאַנגען צו אַננען.

— וואָס־זשע שרייבט מען אייך? — האָט ער איבערגעחזרט.

— איך טראַכט אָפט, אַז מענער פאַרשטייען נישט דאָס, וואָס איז נישט איידל, נאָר רעדן שטענדיק דערפון, — האָט אַננאַ געזאָגט, נישט ענטפערנדיק אים, — איך האָב אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, — האָט

זי צוגעגעבן און, אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, זיך געזעצט בײַם קײלעכיקן טיש מיט די אַלבאָמען.

— איך פאַרשטיי נישט אינגאַנצן די באַדייטונג פון אייערע ווערטער, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק איר דאָס שעלעכל.

זי האָט אַ בליק געטון אויף דער סאָפע לעבן זיך, און ער האָט זיך גלייך אַנידערגעזעצט.

— יאָ, איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, — האָט זי געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף אים: — איר האָט שלעכט געהאַנדלט, שלעכט, זייער שלעכט.

— איך ווייס דען נישט, אַז איך האָב שלעכט געהאַנדלט? אָבער ווער איז די סיבה, וואָס איך האָב אַזוי געהאַנדלט?

— נאָכוואָס זאָגט איר מיר דאָס? — האָט זי געזאָגט, שטרענג קוקנדיק אויף אים.

— איר ווייסט נאָכוואָס, — האָט ער געענטפערט דרייסט און פריידיק, זיך צונויפטרעפנדיק מיט איר בליק און נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן.

נישט ער, נאָר זי האָט זיך פאַרלוירן.

— דאָס באַווייזט בלויז, אַז איר האָט נישט קיין האַרץ, — האָט זי געזאָגט. אָבער איר בליק האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט, אַז ער האָט האַרץ, און דערפאַר טאַקע האָט זי מורא פאַר אים.

— דאָס, וועגן וועלכן איר האָט נאָר-וואָס גערעדט, איז געווען אַ טעות, און נישט קיין ליבע.

— איר געדענקט, אַז איך האָב אייך פאַרבאָטן אַרויסצורעדן דאָס-דאָזיקע וואָרט, דאָסדאָזיקע העסלעכע וואָרט, — האָט אויפציטערנדיק געזאָגט אַננאַ; אָבער זי האָט גלייך דערפילט, אַז מיט דעמדאָזיקן איינעם וואָרט פּאַרבאָטן האָט זי דערוויזן, אַז זי אָנערקענט פאַר זיך געוויסע רעכט אויף אים און מיט דעם אַליין גיט זי אים אונטער מוט צו רעדן וועגן ליבע. — איך האָב דאָס אייך שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, — האָט זי פאַרגעזעצט, אַנטשלאָסן קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין און אינגאַנצן פלאַמענדיק פון דער רויטקייט, וואָס האָט אָנגעצונדן איר פּנים. — און היינט בין איך בכיוון געקומען, וויסנדיק, אַז איך וועל אייך טרעפן. איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז דאָס מוז זיך ענדיקן. איך בין קיינמאָל פאַר קיינעם נישט רויט געוואָרן, און איר גייט מיך צו פילן זיך שולדיק אין עפּעס.

ער האָט געקוקט אויף איר און איז געווען איבערראַשט פון דער ביינער גייסטיקער שיינקייט פון איר פּנים.

— וואָס ווילט איר פון מיר ? — האָט ער געזאָגט איינפאַך און ערנסט.

— איך וויל, אַז איר זאָלט פאָרן קיין מאָסקווע און בעטן פאַרציילונג בא קיטין, — האָט זי געזאָגט.

— איר ווילט דאָס נישט, — האָט ער געזאָגט.

ער האָט געזעען, אַז זי רעדט דאָס, וואָס זי נייט זיך צו רעדן, אָבער נישט דאָס, וואָס זי וויל.

— אויב איר האָט מיך ליב, ווי איר זאָגט, — האָט זי אַ פּליסטער געטאָן, — מאַכט־ושע, אַז איך זאָל זיין רויק.

זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— ווייסט איר דען נישט, אַז איר זענט פאַר מיר דאָס גאַנצע לעבן; אָבער פון קיין רו ווייס איך נישט און קאָן זי אייך נישט געבן. זיך אינגאַנצן, ליבע... יאָ. איך קאָן נישט טראַכטן וועגן אייך און זיך באַזונדער. איר און איך איז פאַר מיר איינס. און איך זע נישט אויף ווייטער קיין מעגלעכקייט פון רו נישט פאַר זיך, נישט פאַר אייך. איך זע אַ מעגלעכקייט פון פאַרצווייפלונג, אומגליק... אָדער איך זע אַ מעגלעכקייט פון גליק, פון וואָסער גליק!... איז עס נישט מעגלעך ? — האָט ער צוגעגעבן בלויז מיט די ליפּן, אָבער זי האָט געהערט.

זי האָט אַלע אירע גייסטיקע כוחות אָנגעשטרענגט דערויף, כדי צו זאָגן דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט; אָבער אָנשטאָט דעם האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים איר בליק, וואָס איז פול געווען מיט ליבע, און האָט גאָרנישט געענטפערט.

„אָט איז עס ! — האָט ער מיט התלהבות געקלערט. — דעמאָלט, ווען איך האָב מיך שוין מיאש געווען און ווען איך האָב געמיינט, עס וועט נישט נעמען קיין סוף, — אָט איז עס ! זי האָט מיך ליב. זי איז זיך מודה אין דעם".

— טוט־ושע דאָס פאַר מיר, זאָגט מיר קיינמאָל נישט דידאָזיקע ווערטער, און לאָמיר זיין גוטע פריינט, — האָט זי געזאָגט מיט ווערטער, אָבער גאָר עפּעס אַנדערש האָט געזאָגט איר בליק.

— קיין פריינט וועלן מיר נישט זיין, איר ווייסט דאָס אַליין. און צי מיר וועלן זיין די גליקלעכסטע אָדער אומגליקלעכסטע פון די מענטשן, דאָס ליגט אין אייער מאַכט.

זי האָט געוואָלט זאָגן עפּעס, אָבער ער האָט איר איבערגעשלאָגן:
— איך בעט דאָך איינס: איך בעט רעכט צו האָפן, פייניקן זיך, ווי אצינד; נאָר אויב איך מאָר דאָס אויך נישט, הייסט מיך פאַרשוויגן ווערן, און איך וועל פאַרשווינדן. איר וועט מיך נישט זעען, אויב מיין אַנוועזנהייט איז אייך שווער.
— איך וויל אייך נישט אין ערגעץ פאַרטרייבן.
— ענדערט בלויז גאָרנישט. לאָזט אַלץ, ווי עס איז, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטעריק קול. — אָט איז אייער מאַן.
באמת, אין דער מינוט איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט זיין רויקן, אומגעשיקטן גאַנג אריינגעגאַנגען אין גאַסטצימער.
אַ בליק געגעבן אויפן ווייב און אויף ווראָנסקין, איז ער צוגעגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע און אַנידערזעצנדיק זיך בא אַ שעלעכל טיי, האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט זיין נישט געאיילט, שטענדיק הערבאַר קול, אין זיין געוויינלעכן וויציקן טאָן, אָפּשפּעטנדיק פון עמעצן.
— אייער ראַמבוליע איז אין פולן קאָמפּלעט, — האָט ער געזאָגט, באַטראַכטנדיק די גאַנצע געזעלשאַפט: גראַציעס און מוזעס.
אָבער די גרעפין בעטסי האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעמדאָזיקן טאָן זיינעם, sneering, ווי זי האָט דאָס גערופן, און, ווי אַ קלוגע באַלעבאָסטע, האָט זי אים באַלד אַרויפגעפירט אויף אַן ערנסטן געשפּרעך וועגן דער אַלגעמיינער מיליטער-דינסט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז גלייך אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם געשפּרעך און האָט אָנגעהויבן שוין ערנסט פאַרטיידיקן דאָס נייע געזעץ פאַר דער פירשטין בעטסי, וועלכע איז אָנגעפאַלן אויף אים.
ווראָנסקי און אננא זענען ווייטער געזעסן בא דעם קליינעם טיש.
— דאָס הייבט אָן ווערן נישט אָנשטענדיק, — האָט איין דאַמע אַ פּליסטער געטון, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער קארענינא, אויף ווראָנסקין און אויף איר מאַן.
— וואָס האָב איך אייך געזאָגט, — האָט אננעס פריינדין געענטפערט.
אָבער נישט בלויז דידאָזיקע דאַמען, כמעט אַלע, וואָס זענען געווען אין גאַסטצימער, אפילו די פירשטין מיאַכקאַיאַ און בעטסי אַליין, האָבן צו עטלעכע מאָל אַ בליק געוואָרפן אויף די אָפּגעזונדערטע פון אַלגעמיינעם קרייז, ווי דאָס וואָלט זיי געשטערט. בלויז איין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט קיין איין מאָל נישט קיין קוק געגעבן אין יענער זייט

אַריין און איז נישט אָפּגעצויגן געוואָרן פון דעם אינטערעסאַנטן אָנגעהויבענעם געשפּרעך.

באַמערקט דעם נישט אָנגענעמען איינדרוק, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף אַלע, האָט די פירשטין בעטסי אונטערגערוקט אויף איר אָרט אויסצוהערן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אַ צווייטע פּערזאָן און איז צוגעגאַנגען צו אַננען.

— איך וואונדער מיך שטענדיק אויף דער קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט פון אייער מאַנס רעדן, — האָט זי געזאָגט. — די סאַמע טראַנסצענדענטאַלע באַגריפן ווערן מיר צוטריטלעך, ווען ער רעדט.

— אָ, יאָ! — האָט אַננאַ געזאָגט, שיינענדיק מיט אַ גליקלעכן שמייכל און נישט פאַרשטייענדיק קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס בעטסי האָט גערעדט. זי איז אַריבערגעגאַנגען צום גרויסן טיש און האָט זיך באַטייליקט אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אָפּזיצנדיק אַ האַלבע שעה, איז צוגעגאַנגען צום ווייב און איר פאָרגעלייגט צו פאָרן אינאיינעם אַהיים, אָבער זי, נישט קוקנדיק אויף אים, האָט געענטפערט, אַז זי וועט בלייבן אויף וואַרטעסן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

דער אַלטער, דיקער טאָטער, דער קאַרעניניאַס קוטשער, אין גלאַנציקן לעדערנעם פעלץ, האָט קוים איינגעהאַלטן דעם געפרוירענעם לינקן גרויען, וואָס האָט נישט געקאָנט איינשטיין פאַרן טויער. דער לאַקיי איז געשטאַנען באַם געעפנטן טירל. דער שווייצער איז געשטאַנען און געהאַלטן די אויסנווייניקסטע טיר. אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ האָט מיט דער קליינער פלינקער האַנט אָפּגעטשעפּעט די אַרבל-שפּיצן פון דעם פוטער-הוקל און אַנבייגנדיק דעם קאָפּ, האָט זי מיט אַנטציקונג געהערט, וואָסווראָנסקי האָט גערעדט, באַגלייטנדיק זי.

— איר האָט גאָרנישט געזאָגט; איך פאָדער אויך גאָרנישט. — האָט ער געזאָגט, — אָבער איר ווייסט, אַז נישט פריינטשאַפט איז מיר נייטיק, פאַר מיר איז מעגלעך איין גליק אין לעבן, דאָס וואָרט, וועלכעס איר האָט אַזוי נישט ליב... יאָ, ליבע...

— ליבע... — האָט זי איבערגעחזרט פּאַמעלעך, מיט אַן אינערלעך

קול און פלוצלינג, בשעת זי האָט אָפּגעטשעפּעט די שפּיצן צוגעגעבן: — איך האָב דערפאַר נישט ליב דאָסדאָזיקע וואָרט, ווייל עס באַ ײט פאַר מיר צופיל, אַ סך מער, ווי איר קאָנט פאַרשטיין, — און זי האָט אים אַ קוק געטון אין פּנים אַריין. — ביז ווידערזעען!

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט, איז מיט אַ פלינקן, שטייפן גאַנג דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם שווייצער און פאַרשוואונדן אין דער קאַרעטע אַריין.

איר בליק, די באַרירונג פון איר האַנט האָבן אים אָפּגעבריט. ער האָט אַ קוש געטון זיין האַנט אויף יענעם אָרט ווו זי האָט אים באַרירט, און איז אַהיימגעפאָרן אַ גליקלעכער, מיטן באַוווסטזיין, אַז היינט קען אָוונט האָט ער זיך דערנענטערט צו דער דערגרייכונג פון זיין ציל מער, ווי אין די לעצטע צוויי חדשים.

VIII.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט קיין שום באַזונדערס און נישט אָנשטענדיקס נישט געפונען אין דעם, וואָס זיין פרוי איז געזעסן מיט ווראָנסקין באַ אַ באַזונדערן טיש און האָט וועגן עפּעס לעבהאַפט געשמועסט; אָבער ער האָט באַמערקט, אַז אַנדערע אין גאַסטצימער האָט דאָס אויסגעזעען ווי עפּעס באַזונדערס און נישט אָנשטענדיקס, און דעריבער האָט דאָס אויסגעזעען נישט אָנשטענדיק אויך אים. ער האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זאָגן וועגן דעם דער פרוי.

צוריקגעקומען אַהיים, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַריינגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט, ווי ער פלעגט געוויינלעך טון, זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל, געעפנט דאָס בוך וועגן פּאַפּיזם אויפן אָרט, ווו ער האָט זיך פאַרלייגט מיטן אויפשנייד־מעסער, און געלייענט ביז איינס אַ זייגער. ווי ער פלעגט געוויינלעך טון; בלויז פון צייט־צו־צייט האָט ער זיך אַ רייב געטון דעם הויכן שטערן און אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, אַזוי ווי פאַרטרייבנדיק עפּעס. אין דער געוויינלעכער שעה איז ער אויפגעשטאַנען און געמאַכט זיין נאַכט־טואַלעט. אַננאַ אַרקאַדיעוונאַ איז נאָך נישט געווען. מיטן בוך אונטערן אָרעם איז ער אַרויפגעקומען אינדערהייך; אָבער דעם היינטיקן אָוונט זענען, אַנשטאָט די געוויינלעכע געדאַנקען און מחשבות

וועגן די אַמטלעכע ענינים, זייַנע רעיונות פֿול געווען מיטן ווייב און מיט עפּעס נישט אָנגענעמס, וואָס איז געשען מיט איר. ער האָט, קעגן זיין געוווינהייט, זיך נישט געלייגט אין בעט אַריין, נאָר, מיט פאַרלייגטע הענט אַהינטער, אָנגעהויבן גיין הין און צוריק איבער די צימערן. ער האָט זיך נישט געקאָנט לייגן, פילנדיק, אַז ער מוז פריער באַטראַכטן דידאָזיקע ניי געשאַפענע אומשטענדן.

ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיט זיך אַליין באַשלאָסן, אַז מען דאַרף איבעררעדן מיטן ווייב, האָט דאָס אים אויסגעזעען זייער לייכט און איינפאַך; אָבער אַצינד, ווען ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן דידאָזיקע ניי געשאַפענע אומשטענדן, האָבן זיי אים אויסגעזעען זייער פאַרוויקלט און נישט אָנגענעם.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז נישט געווען אייפערזיכטיק. אייפערזוכט, ווי זיין איבערצייגונג איז געווען, באַליידיקט די פרוי, און צו דער פרוי דאַרף מען האָבן צוטרוי. פאַרוואָס מען דאַרף האָבן צוטרוי, דאָס הייסט, די פולע זיכערקייט אין דעם, אַז זיין יונג ווייב וועט אים תמיד ליב האָבן, האָט ער זיך נישט געפרעגט; אָבער ער האָט נישט געשפירט קיין אומצוטרוי, דעריבער האָט ער געהאַט צוטרוי און זיך געזאָגט, אַז מען דאַרף אים האָבן. איצט אָבער, הגם זיין איבערצייגונג וועגן דעם, אַז אייפערזוכט איז אַ שענדלעך געפיל און אַז מען דאַרף האָבן צוטרוי, איז נישט געווען צעשטערט, האָט ער דאָך געפילט, אַז ער שטייט פּנים-אל-פּנים פאַר עפּעס נישט לאָגיש און נישט פאַרשטענדלעכס, און נישט געוווּסט, וואָס מען דאַרף טון. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געשטאַנען פּנים-אל-פּנים פאַרן לעבן, פאַר דער מעגלעכקייט, אַז זיין פרוי זאָל ליב האָבן עמעצן, חוץ אים. און דאָס טאַקע האָט אים אויסגעזעען זייער פאַרוויקלט און אומפאַרשטענדלעך, ווייל דאָס איז געווען דאָס לעבן גופא. דאָס גאַנצע לעבן זיינס האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דורכגעלעבט און דורכגעאַרבעט אין אַמטלעכע ספערן, וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט אָפּשפּיגלונגען פון לעבן. און איטלעכעס מאָל, וואָס ער האָט זיך צונויפגעשטויסן מיטן לעבן גופא, האָט ער זיך אָוועקגעדרייט דערפון. אַצינד האָט ער איבערגעלעבט אַ געפיל, ענלעך צו דעם, וואָס עס וואָלט איבערגעלעבט אַ מענטש, וועלכער איז רויק אַריבערגעגאַנגען א בער אַ תהום אויף אַ בריק און פּלוצלינג דערזעען, אַז די דאָזיקע בריק איז צענומען און אַז דאָרטן איז אַ זומפּ. דער זומפּ איז געווען דאָס לעבן גופא, די בריק — דאָס קינסטלעכע לעבן, וועלכעס

עס האָט דורכגעלעבט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. אים זענען צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן פראַגן וועגן דער מעגלעכקייט פאַר זיין פרוי ליב צו קריגן עמעצן, און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם.

ער איז נישט אויסגעטויענערהייט געגאַנגען מיט זיין געמאָסטענעם טריט הין און צוריק איבערן קלינגענדיקן פאַרקעט, וואָס איז באַלויכטן געווען מיט איין טיש-לאָמפּ, איבערן טעפּיך פון פינצטערן גאַסטצימער, אין וועלכן דאָס ליכט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויפן גרויסן, נישט לאַנג געמאַכטן פּאָרטרעט זיינעם, וואָס איז געהאָנגען איבער דער סאָפע, און דורך איר קאַבינעט, ווו עס האָבן געברענט צוויי ליכט, באַלייכטנדיק די פּאָרטרעטן פון אירע קרובים און פריינדינס און די שיינע, אים שוין לאַנג גוט באַקאַנטע, שמאָכטעס פון איר שרייב-טיש. דורך איר צימער איז ער צוגעגאַנגען ביז צו דער טיר פון שלאָפצימער און ווידער זיך אויסגעדרייט.

יעדעס מאָל פון זיין דורכגיין זיך, און מערסטנטייל אויפן פּאַרקעט פון ליכטיקן עסצימער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך געזאָגט: „יאָ, דאָס מוז מען אַנטשיידן און אונטערברעכן, אַרויסזאָגן דעם אייגענעם בליק אויף דעם און די אייגענע אַנטשיידונג". און ער האָט זיך אויסגעדרייט צוריק. „אָבער וואָס-זשע אַרויסזאָגן; וואָסער אַנטשיידונג?" האָט ער זיך געזאָגט אין גאַסטצימער און נישט געפונען קיין ענטפער. „און ענדלעך, — האָט ער זיך געפרעגט פאַרן אויסדרייען זיך אין קאַבינעט אַריין, — וואָס-זשע איז געשעען? גאָרנישט. זי האָט לאַנג גערעדט מיט אים. נו, וואָס-זשע? מיט ווער עמען אַ פרוי אין דער היינטיקער געזעלשאַפט קאָן אַלץ רעדן? און חוץ דעם זיין אייפערזיכטיק — הייסט דערנידעריקן זיך און זי", האָט ער זיך געזאָגט, אַריינגייענדיק אין איר קאַבינעט; אָבער די דאָזיקער ישוב-הדעת, וואָס האָט פריער געהאַט אַזאַ געוויכט פאַר אים, האָט אַצינד גאָרנישט געוואויגן און באַדייט. און ער האָט פון דער טיר פון שלאָפצימער זיך אויסגעדרייט ווידער צום זאַל; אָבער ווי נאָר ער איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין פינצטערן גאַסטצימער, האָט אים עפּעס אַ שטימע געזאָגט, אַז דאָס איז נישט אַזוי און אויב אַנדערע האָבן דאָס באַמערקט, הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן עפּעס. און ער האָט זיך ווידער געזאָגט אין עסצימער: „יאָ, דאָס מוז מען אַנטשיידן און אונטערברעכן און אַרויסזאָגן דעם אייגענעם בליק..." און ער האָט ווידער אין גאַסטצימער פאַרן אויסדרייען זיך געפרעגט: ווי אַזוי אַנטשיידן? און דערנאָך זיך געפרעגט: וואָס איז געשעען? און געענטפערט: גאָרנישט, און זיך

דערמאָנט אָן דעם, אַז אייפערזוכט איז אַ געפיל, וואָס באַליידיקט די פרוי; אָבער ער האָט ווידער אין גאַסטצימער זיך איבערצייגט, אַז עס איז געשען עפעס. זיינע געדאַנקען, אַקוראַט ווי דער קערפער, האָבן געמאַכט אַ פולן קרייז, נישט אָנטרעפנדיק אויף קיין שום נייעס. ער האָט דאָס באַמערקט, זיך אַ רייב געטון דעם שטערן און זיך אַנידערגעזעצט אין איר קאַבינעט.

דאָ, קוקנדיק אויף איר טיש מיטן מאַלאַכיטענעם ביוואַר, וואָס איז געלעגן אינדערהייך, און מיט אַן אָנגעהויבן צעטעלע, האָבן זיינע געדאַנקען זיך פּלוצלינג געביטן. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איר, וועגן דעם, וואָס זי טראַכט און פילט. ער האָט צום ערשטן מאָל זיך לעבעדיק פאָרגעשטעלט איר פּערזענלעך לעבן, אירע געדאַנקען, אירע פאַרלאַנגען, און דער געדאַנק, אַז בײַ איר קאָן און עס מוז זיין אַן אייגן פּערזענלעך לעבן, האָט אים אויסגעזעען אַזוי שרעקלעך. אַז ער האָט זיך געאיילט צו פאַרטרייבן אים. דאָס איז געווען דער זומפּ, וווהין עס איז אים שרעקלעך געווען אַריינצוּבליקן. איבערטראָגן זיך מיטן געדאַנק און מיטן געפיל אין אַ צווייטן וועזן איז געווען אַ גייסטיקע טעטיקייט, וואָס איז פרעמד געווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. ער האָט געהאַלטן דידאָזיקע גייסטיקע טעטיקייט פאַר אַ שעדלעך און געפערלעך פאַנטאַזירן.

„און שרעקלעכער פון אַלעם איז דאָס, — האָט ער געטראַכט, וואָס גראָד אַצינד, ווען מיין ענין דערגענטערט זיך צום סוף (ער האָט געמיינט דעם פּראָיעקט, וועלכן ער האָט איצט דורכגעפירט), ווען מיר איז נייטיק די גאַנצע רויקייט און אַלע גייסטיקע כּוחות, — אַצינד פאַלט אויף מיר די גאַנצע אומזיניקע צערודערונג. אָבער וואָס-זשע קאָן מען טון? איך בין נישט פון די מענטשן, וועלכע טראָגן איבער אומרויקייט און בהלה און האָבן נישט קיין כּוח אַ קוק צו טון זיי אין פּנים אַריין".

איך דאַרף באַטראַכטן, אַנטשיידן און אָפּוואַרפן, — האָט ער הויך אַ זאָג געטון.

„די פראַגן וועגן אירע געפילן, וועגן דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען און קאָן פאָרקומען אין איר נשמה, דאָס איז נישט מיין זאַך, דאָס איז אַ זאַך פון איר געוויסן און פאַלט אַרונטער אונטער דער רעליגיע", האָט ער זיך געזאָגט, פילנדיק אַ דערלייכטערונג באַם באַוווסטזיין, אַז עס איז געפונען געוואָרן יענער פונקט פון געזעצלעכקייט, אונטער וועלכן עס פאַלן אַרונטער די געשאַפענע אומשטענדן.

„בכן, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך געזאָגט, — זענען די פראַגן וועגן אירע געפילן און אַזוי ווייטער פראַגן פון איר געוויסן, וועלכע קאָנען מיך נישט אָנגיין. מיין פליכט אָבער איז קלאָר באַשטימט. ווי דער קאָפּ פון דער פאַמיליע, — בין איך די פּערזאָן, וואָס איז מחויב אָנצופירן מיט איר, און דעריבער טיילווייז די פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָן; איך דאַרף אָנווייזן אויף דער סכּנה, וועלכע איך זע, אויסהיטן און אפילו באַנוצן מאַכט. איך בין מחויב איר אַרויסצוזאָגן".

און אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס קאָפּ האָט זיך קלאָר צונויפגעלייגט אַלץ, וואָס ער וועט אַצינד זאָגן דער פרוי. באַטראַכטנדיק, וואָס ער וועט זאָגן, האָט ער באַדויערט, וואָס אויף היימישן געברויך דאַרף ער אַזוי אומבאַמערקבאַר אויסברענגען זיין צייט און זיינע גייסטיקע כּוחות; אָבער, נישט געקוקט דערויף, האָט אין זיין קאָפּ קלאָר און דייטלעך, ווי אַ באַריכט, זיך פאַרגעשטעלט די פאָרם און דער סדר פון דער פאַרשטייענדיקער רעדע. „איך דאַרף זאָגן און אַרויסזאָגן פאָלגנדיקס: ערשטנס, אויפקלערן די באַדייטונג פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און אָנשטענדיקייט; צווייטנס, די רעליגיעזע אויפקלערונג פון דער חתונה-באַדייטונג; דריטנס, אויב מען דאַרף, אָנווייזן אויף דעם אומגליק, וואָס קאָן אַרויסקומען פאַרן זון; פערטנס, אָנווייזן אויף איר אייגן אומגליק". און פאַרפלעכטנדיק די פינגער מיט די האַנטפלאַכן אַראָפּ, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַ ציה געטון, און די פינגער האָבן אָנגעהויבן צו קנאַקן אין די גלידער.

דערדאָזיקער זשעסט, די שלעכטע געוווינהייט, — דאָס פאַרייניקן די הענט און קנאַקן מיט די פינגער, — האָט אים תּמיד באַרויקט און געבראַכט צו פּינקטלעכקייט, וועלכע איז אים אַצינד אַזוי נייטיק געווען. באַם טויער האָט זיך דערהערט דאָס גערויש פון אַ צופאָרנדיקער קאָטש. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן זאַל.

אויף די טרעפּ זענען אַרויפגעגאַנגען פרויען-טריט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, גרייט צו זיין רעדע, איז געשטאַנען, דריקנדיק זיינע צונויפגעקרייצטע פינגער און וואַרטנדיק, צי עס וועט נישט ערגעץ נאָך אַ קנאַק טון. איין גליד האָט אַ קנאַק געטון.

שוין לויט דעם קלאַנג פון די לייכטע טריט אויף די טרעפּ האָט ער דערפילט איר דערנענטערן זיך און, הגם ער איז געווען צופרידן פון זיין רעדע, איז אים געוואָרן שרעקלעך פאַר דער פאַרשטייענדער דערקלערונג...

IX.

אַננאַ איז געגאַנגען, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און האָט זיך געשפּילט מיט די טראָלבן פון באַשליק. איר פּנים האָט געגלאַנצט מיט אַ העלן גלאַנץ; אָבער דערדאָזיקער גלאַנץ איז געווען נישט קיין פריילעכער, — ער האָט דערמאַנט אָן דעם בליאַסק פון אַ שׂרפה, אינמיטן אַ פינצטערער נאַכט. דערזעען דעם מאַן, האָט אַננאַ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און, אַזוי ווי אויפוואַכנדיק, אַ שמייכל געטון.

— דו ביסט נישט אין בעט? נאַדיר אַ וואונדער! — האָט זי געזאָגט, אויסגעטון דעם באַשליק און, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, געגאַנגען ווייטער, אין טואַלעטצימער אַריין. — עס איז צייט, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט זי אַ זאָג געטון פון הינטער דער טיר.

— אַננאַ, איך דאַרף מיך דורכשמועסן מיט דיר.

— מיט מיר? — האָט זי פאַרוואונדערט געפרעגט, אַרויסגעגאַנגען פון דער טיר און אַ קוק געגעבן אויף אים. — וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? וועגן וואָס? — האָט זי געפרעגט זעצנדיק זיך. — נו, לאָמיר זיך דורכשמועסן, אויב מען דאַרף אַזוי. אָבער עס וואָלט גלייכער געווען צו גיין שלאָפן.

אַננאַ האָט גערעדט, וואָס עס איז איר געקומען אויף די ליפּן, און האָט זיך אַליין געוואונדערט, הערנדיק זיך, איר פעיקייט צו זאָגן ליגנט. ווי איינפאַך, נאַטירלעך זענען געווען אירע ווערטער און ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך איז עס געווען, אַז איר ווילט זיך פּשוט שלאָפן! זי האָט זיך געפילט אָנגעטון אין אַ נישט דורכדרינגלעכן פּאַנצער פון ליגנט, זי האָט געשפּירט, אַז עפּעס אַן אומגעזעענע קראַפט העלפט איר צו און האַלט זי אונטער.

— אַננאַ, איך בין מחויב דיך צו וואָרענען, — האָט ער געזאָגט.

— וואָרענען? — האָט זי געזאָגט. — אין וואָס?

זי האָט געקוקט אַזוי פּשוט, אַזוי הייטער, אַז ווער עס האָט זי נישט געקענט, ווי דער מאַן האָט זי געקענט, וואָלט נישט געקאָנט באַמערקן קיין שום נישט נאַטירלעכס נישט אין דעם טאָן, נישט אין דעם זינען פון אי־

דע ווערטער. אָבער פֿאַר אים, וועלכער האָט זי געקענט, וואָס האָט געווּסט, אַז ווען ער פֿלעגט זיך לייגן מיט פֿינף מינוט שפּעטער, פֿלעגט זי באַמערקן און זיך פֿרעגן אויף דער סיבה פֿון דעם, פֿאַר אים, וואָס האָט געווּסט, אַז אַלע אירע פֿריידן, יעדע פֿריילעכקייט, יעדן טרויער פֿלעגט זי אים גלייך מיטטיילן, — פֿאַר אים אַצינד צו זעען, אַז זי וויל נישט באַמערקן זיין צושטאַנד, אַז זי וויל נישט זאָגן קיין וואָרט וועגן זיך, האָט באַדייט אַ סך. ער האָט געזעען, אַז יענע טיפֿקייט פֿון איר נשמה, וואָס איז פֿריער תמיד געווען אָפֿן פֿאַר אים, איז אַצינד פֿאַרמאַכט פֿאַר אים. נאָך ווייניק, ער האָט לויט איר טאָן געזעען, אַז זי געפֿינט זיך אפֿילו נישט אין קיין פֿאַרלעגנהייט פֿון דעם, נאָר האָט אַזוי ווי גלייך געזאָגט אים: יאָ, פֿאַרמאַכט, און דאָס דאַרף אַזוי זיין און וועט ווייטער אויך אַזוי זיין. אַצינד האָט ער איבערגעלעבט אַ געפֿיל, ענלעך צו דעם, וואָס עס וואָלט איבערגעלעבט אַ מענטש, אומקערנדיק זיך אַהיים און געפֿינענדיק זיין הויז פֿאַרשלאָסן. „נאָר אפֿשר וועט דער שליסל נאָך געפֿינען ווערן”, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געטראַכט.

— איך וויל דיך וואָרענען אין דעם, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטיל קול, — אַז איבער נישט אויפֿמערקזאַמקייט און לייכטזיניקייט קאָנסטו אין דער הויכער געזעלשאַפֿט געבן אַ גרונד צו רעדן וועגן דיר. דיין צו לעבהאַפֿט רעדן היינט מיטן גראַף ווראָנסקי (ער האָט פֿעסט און מיט אַ רויקער באַטאָנונג אַרויסגערעדט דעם דאָזיקן נאָמען) האָט געווענדט אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט.

ער האָט גערעדט און געקוקט אויף אירע לאַכנדיקע אויגן, וואָס זיינען אַצינד שרעקלעך געווען פֿאַר אים מיט זייער נישט דורכדרינגלעכקייט און, רעדנדיק, האָט ער געפֿילט די גאַנצע אומנוצלעכקייט און איבעריקייט פֿון זיינע ווערטער.

— דו ביסט שטענדיק אַזוי, — האָט זי געענטפֿערט, ווי אינגאַנצן נישט פֿאַרשטייענדיק אים און פֿון דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזאָגט, בכיוון פֿאַרשטייענדיק בלויז דאָס לעצטע. — דאָ איז דיר נישט אָנגענעם, וואָס איך בין אומעטיק, דאָ איז דיר נישט אָנגענעם, וואָס איך בין פֿריילעך. מיר איז נישט אומעטיק געווען. באַליידיקט דאָס דיך?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ ציטער געטאָן און פֿאַרבויגן די הענט, כּדי צו קנאַקן מיט זיי.

— אַך, איך בעט דיך, קנאַק נישט, איך האָב אַזוי נישט ליב, — האָט זי געזאָגט.

— אַננאַ, צי ביסטו דאָס? — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש שטיל געזאָגט, מאַכנדיק אַן אָנשטרענגונג איבער זיך און אָפּהאַלטנדיק די באַוועגונג פון די הענט.

— אָבער וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס? — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ אויפריכטיקער און קאָמישער פאַרוואונדערונג. — וואָס ווילסטו פון מיר?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געשוויגן אַ ווײַלע און זיך אַ רייב געטון מיט דער האַנט דעם שטערן און די אויגן. ער האָט דערזען, אַז אָנשטאָט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט טון, דאָס הייסט, וואָרענען דאָס ווייב פון אַ טעות אין די אויגן פון דער הויכער געזעלשאַפט, האָט ער נישט ווילנדיק זיך אויפגערעגט וועגן דעם, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו איר געוויסן, און געקעמפּט מיט עפּעס אַ וואַנט, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט.

— איך האָב אָט וואָס בדעה צו זאָגן, — האָט ער פאָרגעזעצט קאַלט און רויק, — און איך וועל דיך בעטן מיך אויסצוהערן. איך האַלט, ווי דו ווייסט, אייפערזוכט פאַר אַ געפיל, וואָס באַליידיקט און דערנידעריקט און וועל מיר קיינמאָל נישט דערלויבן זיך צו לאָזן פירן פון דעם דאָזיקן געפיל; אָבער עס זענען פאַראַן געוויסע כּללים פון אָנשטענדיקייט, וועלכע מען קאָן נישט עובר זיין אומבאַשטראָפט. הײַנט האָב נישט איך באַמערקט, אָבער, אורטיילנדיק לויט דעם איינדרוק, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויף דער געזעלשאַפט, האָבן אַלע באַמערקט, אַז דו האָסט דיך אויפגעפירט און געהאַלטן נישט אינגאַנצן אַזוי, ווי מען האָט זיך געקאָנט ווינטשן.

— איך פאַרשטיי לחלוטין גאָרנישט, — האָט אַננאַ געזאָגט, אַ קוועטש טוענדיק מיט די פּלייצעס. „אים איז אַלץ איינס, — האָט זי אַ קלער געגעבן. — נאָר אין דער געזעלשאַפט האָט מען באַמערקט, און דאָס באַאומרויִקט אים“. — דו ביסט נישט געזונט, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָט זי צוגעגעבן, איז אויפגעשטאַנען און געוואָלט אַוועקגיין אין דער טיר אַרײַן; אָבער ער האָט זיך אַ באַוועג געטון פאָרויס, ווי וועלנדיק זי אָפּשטעלן.

זיין פּנים איז געווען נישט שיין און ז״מעטיק, ווי אַננאַ האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזעען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און, פאַרבייגנדיק דעם קאָפּ אַהינטער, אויף אַ זייט, האָט זי אָנגעהויבן מיט איר פלינקער האַנט אַרויסצוציען די האָר־נאַדלען.

— נו, איך הער, וואָס וועט זיין, — האָט זי אַ זאָג געטון רויק און איראָניש. — און הער אפילו מיט אינטערעס, ווייל איך וואָלט געוואָלט פאַרשטיין, אין וואָס עס גייט ?

זי האָט גערעדט און זיך געוווּנדערט אויף דעם נאַטירלעך-רויקן, אמתן טאָן מיט וועלכן זי האָט גערעדט, און אויף דעם אויסוואַל פון די ווערטער, וועלכע זי האָט באַנוצט.

— אַריינגיין אין אַלע פּרטים פון דיינע געפילן האָב איך נישט קיין רעכט און האַלט דאָס בכלל פאַר אומנוצלעך און אפילו שעדלעך, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אָנגעהויבן. — גראָבנדיק זיך אין דער אייגענער נשמה, גראָבן מיר זיך אויס אַזעלכעס, וואָס וואָלט דאָרט געלעגן אומבאַמערקט. דיינע געפילן — דאָס איז אַ זאַך פון דיין געוויסן; אָבער איך בין מחויב פאַר דיר, פאַר זיך און פאַר גאָט אָנצווייזן דיר דיינע פליכטן. אונזער לעבן איז צונויפגעבונדן, און צונויפגעבונדן נישט דורך מענטשן, נאָר דורך גאָט. צערייסן דעמדאָזיקן פאַרבאַנד קאָן בלויז אַ פאַרברעך, און אַזאַ מין פאַרברעך ברענגט נאָך זיך אַ שטראָף.

— איך פאַרשטיי גאָרנישט. אַך, גאָט מיינער, און ווי עס ווילט זיך מיר צום אומגליק שלאָפן ! — האָט זי געזאָגט, שנעל צענעמענדיק די האָר מיט דער האַנט און זוכנדיק די איבערגעבליבענע האָרבאָדלען.

— אַננאַ, ווי גאָט איז דיר ליב, רעד נישט אַזוי, — האָט ער מילד געזאָגט. — אפשר בין איך מיך טועה, אָבער גלייב מיר, אַז דאָס, וואָס איך זאָג, זאָג איך פּונקט אַזוי פאַר מיר, ווי פאַר דיר. איך בין דיין מאַן און האָב דיך ליב.

אויף אַן אויגנבליק האָט איר פּנים זיך אָפּגעלאָזט, און עס איז פאַרלאָשן געוואָרן דער איראָנישער פונק אינעם בליק ; אָבער דאָס וואָרט : איך האָב ליב, האָט זי ווידער אויפגעבראַכט. זי האָט אַ טראַכט געטון : „ער האָט ליב ? צי קאָן ער דען ליב האָבן ? ווען ער וואָלט נישט געהערט, אַז עס איז פאַראַן ליבע, וואָלט ער אפילו קיינמאָל נישט באַנוצט דאָסדאָזיקע וואָרט. ער ווייסט גאָרנישט, וואָס עס איז אַזוינס ליבע“.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, כ'לעבן, איך פאַרשטיי נישט, — האָט זי געזאָגט. — מאַך קלאָר, וואָס דו געפינסט...

— דערלויב, לאָז מיך ענדיקן. איך האָב דיך ליב. אָבער איך רעד נישט וועגן זיך ; די הויפּט-פּערזאָנען זענען דאָ אונזער זון און דו אַליין. עס קאָן זייער זיין, איך חזר איבער, אַז דיר וועלן אויסזעען גאַנץ אומזיסט

און נישט אויפן צרט מיינע ווערטער; אפשר זענען זיי אַרויסגערופן דורך מיין טעות. אין אַזאַ פאַל, בעט איך דיך מיר מוחל צו זיין. נאָר אויב דו אַליין פילסט, אַז ס'איז פאַראַן כאָטש אַ מינדסטער גרונד, בעט איך דיך איבערצוטראַכטן זיך, און, אויב דאָס האַרץ זאָגט דיר, אויך מיר אַרויסצוזאָגן...

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש. אַליין דאָס נישט באַמערקנדיק, האָט גערעדט נישט דאָס, וואָס ער האָט צוגעגרייט.

— איך האָב גאָרנישט צו זאָגן. און... — האָט זי פּלוצלינג שנעל געזאָגט, קוים איינהאַלטנדיק אַ שמייכל, — כ'לעבן, ס'איז צייט שלאָפן צו גיין.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ זיפץ געטון און, נישט זאָגנדיק מער גאָרנישט, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין שלאָפצימער אַריין.

ווען זי איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער, איז ער שוין געלעגן. זיינע ליפּן זענען געווען שטרענג צונויפגעפּרעסט און די אויגן האָבן נישט געקוקט אויף איר. אַננאַ האָט זיך געלייגט אין איר בעט אַריין און דערוואַרט יעדע מינוט, אַז ער וועט נאָכאַמאָל אָנהייבן צו רעדן מיט איר. זי האָט אי מורא געהאַט פאַר דעם, וואָס ער וועט אָנהייבן צו רעדן, אי ס'האָט זיך איר געוואָלט. אָבער ער האָט געשוויגן. זי האָט לאַנג אומבאַוועגלעך געוואַרט און שוין פאַרגעסן אָן אים. זי האָט געטראַכט וועגן אַן אַנדערן, זי האָט אים געזען און געפילט, ווי איר האַרץ ווערט בײַ דעם געדאַנק פול מיט אויפרעגונג און פאַרברעכערישער פרייד. פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ רעגלמעסיק און רויק פייפן פון דער נאָז. אין דער ערשטער מינוט האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אַזוי ווי זיך דערשראָקן פאַר זיין פייפן און זיך אָפּגעשטעלט; אָבער, איבערוואַרטנדיק צוויי אָטעמצוגן, האָט דאָס פייפן זיך דערהערט מיט אַ נייער, רויקער רעגלמעסיקייט.

— שפּעט, שפּעט, שוין שפּעט, — האָט זי אַ פליסטער געטון מיט אַ שמייכל. זי איז לאַנג געלעגן אומבאַוועגלעך מיט אָפענע אויגן, וואָס זייער גלאַנץ, האָט זיך איר געדאַכט, האָט זי אַליין אין דער פינצטערניש געזען.

X.

פון דעם אָוונט אָן האָט זיך אָנגעהויבן א ניי לעבן פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און פאַר זיין ווייב. קיין שום באַזונדערס איז נישט געשעען. אַננאַ איז, ווי שטענדיק, געפאָרן אין דער הויכער געזעלשאַפט, האָט באַזונדערס אָפט פאַרבראַכט בא דער פירשטין בעטסי און פלעגט זיך אומעטום טרעפן מיט ווראָנסקין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דאָס געזעען, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט טון. אויף אַלע פרווון זיינע אַרויסצורופן זי אויף אַן אויפקלערונג, האָט זי אים אַקעגנגעשטעלט אַ נישט דורכדרינגלעכע וואַנט פון עפעס אַ פריילעכער שטוינונג. אויסערלעך איז געווען דאָס אייגענע, אָבער די אינערלעכע באַציונגען האָבן זיך אינגאַנצן געענדערט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, אַזאַ מעכטיקער מאַן אין דער מלוכה-טעטיקייט, האָט זיך דאָ געפילט מאַכטלאָז. ווי אַן אָקס, הכנעהדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט ער געוואַרט אויף דעם קלאַפּ, וועלכער, ער האָט געשפירט, איז געווען איבער אים אויפגעהויבן. איטלעכעס מאָל, וואָס ער פלעגט אָנהייבן צו טראַכטן וועגן דעם, האָט ער געפילט, אַז מען דאַרף פרווון נאָכאַמאָל, אַז מיט גוטסקייט, מיט צערטלעכקייט, מיט איבערצייגונג איז נאָך דאָ אַ האָפנונג זי צו ראַטעווען, צו ברענגען זי דערצו, זי זאָל זיך מישב זיין, און ער האָט זיך יעדן טאָג פאַרנומען צו רעדן מיט איר. אָבער איטלעכעס מאָל, וואָס ער פלעגט אָנהייבן צו רעדן מיט איר, האָט ער געפילט, אַז דער גייסט פון שלעכטס און נאַרעריי, וואָס האָט זי באַהערשט, האָט אים אויך באַהערשט, און ער האָט גערעדט מיט איר גאָרנישט דאָס און נישט מיט דעם טאָן, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט רעדן! ער האָט נישט ווילנדיק גערעדט מיט איר מיט זיין געוויינלעכן טאָן פון אָפּשפּעטן פון יענעם. ווער עס וואָלט אַזוי גערעדט און אין דעם טאָן האָט מען נישט געקאָנט זאָגן דאָס, וואָס עס איז נייטיק געווען איר צו זאָגן.

. . . .

. . . .

XI.

דאָס, וואָס ס'איז כמעט אַ גאַנץ יאָר געווען פאַר וראָנסקין דער אויסשליסלעך איינציקער ווונטש פון זיין לעבן, וואָס האָט אים פאַרביטן אַלע פריערדיקע פאַרלאַנגען; דאָס, וואָס איז פאַר אַננען געווען אַן אומ-מעגלעכער, שרעקלעכער און דערפאַר נאָך מער צויבערהאַפטער טרוים פון גליק, דערדאָזיקער ווונטש איז באַפרידיקט געוואָרן. אַ בלייכער מיט אַ ציטערדיקן אונטערשטן קין, איז ער געשטאַנען איבער איר און גע-בעטן זי זאָל זיך באַרויקן, אַליין נישט וויסנדיק פון וואָס און מיט וואָס.

— אַננאַ! אַננאַ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול. — אַננאַ, אום גאָטס ווילן!...

אָבער וואָס העכער ער האָט גערעדט, אַלץ נידעריקער האָט אַראָפּגעלאָזט איר, אַמאָל שטאָלצן, פרייליכן, אַצינד אָבער שענדלעכן קאָפּ, און זי האָט זיך איינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט און איז געפאַלן פון דער סאָפע, אויף וועלכער זי איז געזעסן, אויף דער פּאָדלאָגע אַראָפּ, צו זיינע פיס; זי וואָלט אַראָפּגעפאַלן אויפן טעפּיך, ווען ער וואָלט זי נישט געהאַלטן.

— גאָט מיינער! זיי מיר מוחל! — האָט זי שלאָכצנדיק גערעדט, צודריקנדיק זיינע הענט צו איר ברוסט.

זי האָט זיך געפילט אַזוי פאַרברעכעריש און שולדיק, אַז איר איז געבליבן בלויז זיך צו דערנידעריקן און בעטן פאַרצייונג, און אין לעבן האָט זי אַצינד, חוץ אים, קיינעם נישט געהאַט, אַזוי, אַז זי האָט אויך צו אים געווענדט איר בקשה וועגן פאַרצייונג. זי האָט, קוקנדיק אויף אים, פיזיש געפילט איר דערנידערונג און מער גאָרנישט געקאָנט רעדן. ער אָבער האָט געפילט, וואָס עס דאַרף פילן אַ רוצח, ווען ער זעט דעם קערפּער, בײַ וועלכן ער האָט צוגענומען דאָס לעבן. דערדאָזיקער לעבנס-לאָזער קערפּער איז געווען זייער ליבע, דער ערשטער פּעריאָד פון זייער ליבע. עס איז געווען עפּעס שרעקלעכס און עקלדיקס אין די דערינע-רונגען וועגן דעם, פאַרוואָס עס איז באַצאָלט געוואָרן מיט דעמדאָזיקן

שרעקלעכן פרייז פון בושה. א בושה פאר איר גייסטיקער נאקעטקייט האט זי געשטיקט און זיך איבערגעגעבן אים, אבער, נייעט געקוקט אויף דער גאנצער שרעק פון דעם רוצח פארן קערפער פון דעם דערהרגעטן, דארף מען שניידן אויף שטיקער, באהאלטן דעמדאזיקן קערפער, דארף מען געניסן פון דעם, וואס דער רוצח האט זיך דערווארבן מיט דעם מארד.

און מיט כעס, אזוי ווי מיט ליידנשאפט, ווארפט זיך דער רוצח אויף דעמדאזיקן קערפער, שלעפט אים און שניידט אים; אזוי האט ער אויך באדעקט מיט קושן איר פנים און די אקסלען. זי האט געהאלטן זיין האנט און זיך נישט גערירט. יא, דידאזיקע קושן, — דאס איז עס, וואס איז געקויפט פאר דערדאזיקער בושה. יא, און דאס איז די איינציקע האנט, וועלכע וועט שטענדיק זיין מיינע, — די האנט פון מיין מיטהעלפער. זי האט אויפגעהויבן דידאזיקע האנט און איר א קוש געטון. ער האט זיך אראפגעלאזט אויף די קניען און געוואלט זען איר פנים, אבער זי האט עס באהאלטן און גארנישט געזאגט. ענדלעך, אזוי ווי מאכנדיק אן אנשטרענגונג איבער זיך, האט זי זיך אויפגעהויבן און אים אפגעשטופט. איר פנים איז נאך אלץ געווען אזוי שיין, אבער דערפאר נאך מער געבעכדיק.

— אלץ איז געענדיקט, — האט זי געזאגט. — איך האב גארנישט אויסער דיך. געדענק דאס.

— איך קאן נישט נישט געדענקען דאס, וואס איז מיין לעבן. פאר א מינוט פון דעם גליק...

— וואטער גליק! — האט זי מיט עקל און שרעק געזאגט, און די שרעק האט זיך נישט ווילנדיק איבערגעגעבן אים. — ווי גאט איז דיר ליב, קיין ווארט, קיין ווארט מער.

זי איז שנעל אויפגעשטאנען און זיך אוועקגעדרייט פון אים.

— קיין ווארט מער, — האט זי איבערגעחזרט און מיט אן אויסטערלישן פאר אים אויסדרוק פון קאלטער פארצווייפלונג אויפן פנים האט זי זיך צעשיידט מיט אים. זי האט געפילט, אז זי קאן אין דער מינוט מיט ווערטער נישט אויסדריקן יענץ געפיל פון בושה, פרייד און שרעק פאר דעמדאזיקן אריינטרעטן אין א ניי לעבן, און האט נישט געוואלט רעדן וועגן דעם, ביליק מאכן דאסדאזיקע געפיל מיט נישט געהעריקע ווערטער. אבער אויך דערנאך, נישט אויפן צווייטן, נישט אויפן דריטן טאג, האט זי נישט בלויז נישט געפונען קיין ווערטער, מיט וועלכע זי

וואָלט געקענט אויסדריקן די גאַנצע פאַרוויקלטקייט פון דידאָזיקע בעפיילן, נאָר זי האָט אויך נישט געפונען קיין געדאַנקען, מיט וועלכע זי זאָל קאָנען פאַר זיך אַליין באַטראַכטן אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין איר נשמה.

זי האָט זיך געזאָגט: „ניין, אַצינד קאָן איך וועגן דעם נישט טראַכטן; דערנאָך, ווען איך וועל זיין רויקער". אָבער דידאָזיקע רויקייט פאַר די געדאַנקען איז קיינמאָל נישט געקומען; יעדעס מאָל, וואָס איר פלעגט איינפאַלן אַ געדאַנק וועגן דעם, וואָס זי האָט געטון, וואָס מיט איר וועט זיין, און וואָס זי דאַרף טון, פלעגט זי באַפאַלן אַ שרעק, און זי האָט פאַרטריבן פון זיך דידאָזיקע געדאַנקען.

— דערנאָך, דערנאָך, — האָט זי געזאָגט, — ווען איך וועל זיין רויקער.

דערפאַר אין שלאָף, ווען זי האָט נישט געהאַט קיין שליטה איבער אירע געדאַנקען, פלעגט איר לאַגע זיך איר פאָרשטעלן אין איר גאַנצער העסלעכער נאַקעטקייט אירער. איין חלום האָט זי כמעט יעדע נאַכט געזען. איר האָט זיך געחלומט, אַז ביידע צוזאַמען זענען געווען אירע מענער, אַז ביידע האָבן זי באַשיט מיט זייערע צערטלעכקייטן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געוויינט, קושנדיק אירע הענט, און האָט געזאָגט: ווי גוט עס איז אַצינד! און אַלעקסיי ווראָנסקי איז געווען דערביי, און ער איז אויך געווען איר מאַן. און זי, וואונדערנדיק זיך דערויף, וואָס דאָס האָט איר פריער אויסגעזען אוממעגלעך, האָט זיי דערקלערט, לאַכנדיק, אַז דאָס איז אַ סך איינפאַכער און אַז זיי ביידע זענען אַצינד צופרידן און גליקלעך. אָבער דערדאָזיקער חלום האָט, ווי אַ קאָשמאַר, זי געשטיקט, און זי פלעגט מיט שרעק זיך אויפכאַפּן.

XII.

נאָך אין דער ערשטער צייט נאָך זיין אומקערן זיך פון מאָסקווע, ווען לעווין פלעגט איטלעכעס מאָל אויפציטערן און רויט ווערן, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם שענדלעכן אָפזאָג, האָט ער זיך געזאָגט: „איך בין אויך אַזוי רויט געוואָרן און האָב אויפגעציטערט, האַלטנדיק אַלץ פאַר פאַרלוירן, ווען איך האָב באַקומען אַן איינס פאַר פיזיק און בין גע־

בליבן אויפן צווייטן קורס; איך האָב אויך אַזוי זיך געהאַלטן פאַר פאַרלוירן נאָכדעם, ווי איך האָב קאַליע געמאַכט דער שוועסטערס ענין, וואָס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן. און וואָס-זשע? אַצינד, ווען עס זענען אַריבערגעגאַנגען יאָרן, דערמאָן איך מיך און וואונדער זיך, ווי אַזוי דאָס האָט געקאָנט מיך מצער זיין. דאָס אייגענע וועט אויך זיין מיט דער צרה: עס וועט אַריבערגיין אַ צייט, און איך וועל זיין צו דעם גלייכגילטיק".

אָבער עס זענען פאַרגאַנגען דריי חדשים, און ער איז נישט געוואָרן צו דעם גלייכגילטיק, און אים איז פונקט אַזוי, ווי אין די ערשטע טעג, געווען שמערצלעך זיך צו דערמאָנען אָן דעם. ער האָט נישט געקאָנט זיך באַרויקן, ווייל ער, וועלכער האָט אַזוי לאַנג געחלומט וועגן אַ פאַמיליע-לעבן, וועלכער האָט זיך געפילט אַזוי רייף צו דעם, איז נאָך אַלץ נישט געווען פאַרהייראַט און איז געווען ווייטער ווי ווען-עס-איז פון חתונה-האָבן. ער האָט קרענקלעך געפילט אַליין, ווי עס האָבן געפילט אַלע זיינע אַרומיקע, אַז עס איז נישט גוט אין זיינע יאָרן פאַר אַ מענטש צו זיין אַליין. ער האָט געדענקט, ווי ער האָט פאַר זיין צוועקפאָרן קיין מאַסקווע געזאָגט איינמאָל זיין בהמה-טרייבער ניקאָלאַיען, אַ נאַיוון פויער, מיט וועלכן ער פלעגט ליב האָבן צו רעדן אַ ביסל: „ווי מיינסטו, ניקאָלאַי! איך וויל חתונה האָבן", און ווי אַזוי ניקאָלאַי האָט אייליק געענטפערט, ווי וועגן אַ זאַך, אין וועלכער עס קאָן נישט זיין קיין שום ספק: „שוין לאַנג צייט, קאָנסטאַנטין דמיטריטש". אָבער דאָס חתונה-האָבן איז אַצינד געוואָרן ווייטער פון אים, ווי ווען-עס-איז. דאָס אָרט איז געווען פאַרנומען, און, ווען ער האָט אַצינד אין רעיון אויף דעם אָרט געפּרוווט שטעלן עמעצן פון זיינע באַקאַנטע פרייליינס, האָט ער געפילט, אַז דאָס איז לחלוטין נישט מעגלעך. חוץ דעם האָט די דערינערונג וועגן דעם אָפּזאָג און וועגן דער ראָליע, וועלכע ער האָט בײַ דעם געשפּילט, אים געפּייניקט מיט בושה. וויפיל ער האָט זיך נישט געזאָגט, אַז ער איז דאָ אין גאָרנישט שולדיק, האָט די דאָזיקע דערינערונג, צוגלייך מיט אַנדערע פון דעם מין שענדלעכע דערינערונגען, אים געגייט אויפצוציטערן און רויט ווערן. עס זענען געווען אין זיין פאַרגאַנגענהייט, ווי בײַ יעדן מענטש, אָנערקענטע דורך אים שלעכטע האַנדלונגען, פאַר וועלכע דאָס געוויסן האָט אים געדאַרפט פּייניקן; אָבער די דערינערונג וועגן די שלעכטע האַנדלונגען האָט אים ווייט נישט אַזוי געפּייניקט, ווי די דאָזיקע נישטיקע, אָבער שענדלעכע דערינערונגען. די דאָזיקע וואונדן האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרצויגן. צוגלייך מיט די דאָזיקע דערינערונגען זענען געשטאַנען אַצינד דער אָפּזאָג

און יענע נעבעכדיקע לאַגע, אין וועלכער ער האָט געדאַרפט פאַר־קומען פאַר אַנדערע אין דעמדאָזיקן אָוונט. אָבער די צייט און די אַרבעט האָבן געטון זייערס. די שווערע דערינערונגען זענען אַלץ מער און מער פאַרשטעלט געוואָרן פאַר אים דורך די נישט אָנגעזעענע, אָבער באַדייטנ־דיע געשעעענישן פון דאָרפישן לעבן. מיט יעדער וואָך האָט ער אַלץ זעל־טענער זיך דערמאָנט אָן קיטין. ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַ ידיעה, אַז זי האָט שוין התונה געהאַט אָדער וועט בקרוב התונה האָבן, האָפנדיק, אַז אַזאַ ידיעה וועט, ווי דאָס אויסרייסן פון אַ צאָן, אינגאַנצן אים אויסהיילן.

דערווייל איז געקומען דער פרילינג, אַ הערלעכער, אַ פריינטלע־כער, אָן דערוואַרטונגען און אַנטוישונגען פון פרילינג, אייגער פון יענע זעלטענע פרילינגס, מיט וועלכן עס פרייען זיך צוזאַמען די געוויקסן, די חיות און די מענטשן. דערדאָזיקער הערלעכער פרילינג האָט נאָך מער אויפגערודערט לעווינען און אים באַפעסטיקט אין דער דעה אָפּצוזאָגן זיך פון דעם גאַנצן פריערדיקן, כדי איינצוּאָרדנען פעסט און אומאָפּהענגיק זיין איינזאַם לעבן. הגם אַ סך פון יענע פּלענער, מיט וועלכע ער האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף אַריין, זענען דורך אים נישט אויסגעפירט געוואָרן, פונדעסטוועגן איז דער סאַמע עיקר — די ריינקייט פון לעבן דורך אים אָפּגעהיטן געוואָרן. ער האָט נישט געשפירט די בושה, וואָס פלעגט אים געווייִנטלעך, פייניקן נאָך אַ מאָראַליש פאַלן, און ער האָט געקאָנט דרייסט קוקן מענטשן אין די אויגן אַריין. נאָך אין פעברואַר האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ וועגן דעם, אַז דעם ברודער ניקאָלאַיס געזונט פאַרערגערט זיך, נאָר אַז ער וויל זיך נישט היילן, און צוליב דעם בריוו איז לעווין געפאָרן קיין מאָסקווע צום ברודער און האָט באַ־וויזן אָנצוּרעדן אים צו באַראַטן זיך מיט אַ דאָקטאָר און אַרויספאָרן אויף בעדער קיין אויסלאַנד. אים איז אַזוי גוט געלונגען אָנצוּרעדן דעם ברודער און צו באָרגן אים געלט אויף דער נסיעה, נישט צערייצנדיק אים, אַז אין דער הינזיכט איז ער געווען מיט זיך צופרידן. חוץ דער ווירטשאַפט, וואָס האָט געפאָדערט באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פרילינגסצייט, חוץ דעם לייענען, האָט לעווין נאָך אָנגעהויבן דעם ווינטער אַ ווערק וועגן ווירטשאַפט, וואָס דער פּלאַן דערפון איז באַשטאַנען דערין, אַז דער כאַ־ראַקטער פון דעם אַרבעטער אין דער ווירטשאַפט זאָל אָנגענומען ווערן פאַר אַן אַבסאָלוטן פאַקטאָר, ווי דער קלימאַט און דער באָדן, און אַז אַלע טעזן פון ווירטשאַפטלעכער וויסנשאַפט זאָלן דערפאַר אַרויסדריגנען

נישט בלויז פון די פאַקטאָרן פון באָדן און קלימאַט, נאָר פון די פאַקטאָרן פון באָדן, קלימאַט און אַ געוויסן אומפאַרענדערלעכן כאַראַקטער פון אַרבעטער. אַזוי, אַז נישט געקוקט אויף דער אָפּגעזונדערטקייט אָדער אַ דאַנק דער אָפּגעזונדערטקייט, איז זיין לעבן געווען אומגעווייגלעך פאַרפולט; בלויז פון צייט־צו־צייט פלעגט ער איבערלעבן אַן אומבאַפרידיקטן פאַרלאַנג מיטצוטיילן די געדאַנקען, וואָס פלעגן בלאָנושען בא אים אין קאָפּ, עמעצן, חוץ אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונען, כאָטש אויך מיט איר איז אים נישט זעלטן אויסגעקומען צו שמועסן וועגן פיזיק, טעאָריע פון ווירטשאַפט און באַזונדער וועגן פילאָזאָפיע; פילאָזאָפיע איז געווען אַגאַפיאַ מיכאַילאָוונעס באַליבטע טעמאַ.

דער פרילינג האָט זיך לאַנג נישט געעפנט. אין די לעצטע וואָכן פון תענות איז געשטאַנען אַ לויטער, פראָסטיק וועטער. באַטאָג איז צעגאַנגען אויף דער זון, און באַנאַכט איז דערגאַנגען ביז זיבן גראַד; בעת די פרעסטלעך האָט מען אויף פורן געקאָנט פאָרן אָן אַ וועג. די פאַסכאַ האָט נאָך געטראָפן ליגן דעם שניי. דערנאָך האָט פלוצלינג, אַ טאָג נאָך דער פאַסכאַ־וואָך, אַ בלאָז געטון אַ וואַרעמער ווינט, עס האָבן זיך אָנגערוקט וואָלקנס, און דריי טעג און דריי נעכט האָט געגאָסן אַ גראָבער און וואַרעמער רעגן. דאָנערשטיק האָט דער ווינט זיך איינגעשטילט, און עס האָט זיך אָנגערוקט אַ געדיכטער גרויער נעפל, אַזוי ווי באַהאַלטנדיק די סודות פון די פאָרגעקומענע ענדערונגען אין דער נאַטור. אין נעפל האָבן זיך אַ גאָס געטון די וואַסערן, האָבן אָנגעהויבן פּלאַצן און זיך רירן די אייז־קריעס, ראָבן שנעלער זיך אַ לאָז געטון די טריבע שוימיקע שטראָמען, און איבער קראַסנאַיאַ גאָרקאַ האָט אָנגעצייט זיך צעריסן דער נעפל, די וואָלקנס זענען זיך צעלאָפן ווי שעפעלעך, עס האָט זיך אויסגעלייטערט, און עס האָט זיך געעפנט דער אמתער פרילינג. אינדערפרי האָט די אויפגעגאַנגענע העלע זון שנעל אויפגעגעסן די דינע אייז־שוים, וואָס האָט פאַרצויגן די וואַסערן, און די גאַנצע וואַרעמע לופט, וואָס איז פול געווען מיט די אויסדעמפונגען פון דער אויפגעלעבטער ערד, האָט אָנגעהויבן צו ציטערן. עס האָט זיך אָנגעהויבן גרינען דאָס אַלטע און ווי נאָדלען אַרויסגעקראָכענע יונגע גראָז, עס האָבן זיך אָנגעבלאָזן די קנאָספן פון דער קאַלינע, פון די ווייַנפּערלעך און פון דער קלעפּיקער שפּירט־בעריאָזע, און אויף דעם מיט גאָלדענעם בליעכץ באַשאָטענער לאָזינע האָט זיך צעהודושעט די אַרויסגעלאָזטע, זיך אָנגעפליגענע בין. עס האָבן זיך צעגאָסן די אומגעזעענע לערכעס איבער די סאַמעטענע גרינקייטן און די

מיט איין באַדעקטע פעלדער. עס האָבן זיך צעוויינט די קיביצן איבער די מיט טריבן וואַסער פאַרגאָסענע טאָלן און זומפּן. און הויך זענען דורכגעפלויגן מיט אַ פרילינגדיק גרעגעריי באָטשאַנעס און גענז. עס האָבן זיך צעריטשעט אויף די לאָנקעס די אָפּגעקראָכענע בהמות, באַ װעלכע די שערשטש האָט זיך בלויז ערטערווייז נאָך נישט געהאַט געביטן, עס האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן די שעפּסעלעך אַרום זייערע מעקענדיקע מוטערס, וואָס האָבן די וואָל פאַרלוירן, עס האָט גענומען אַרומלויפן דאָס פלינק-פיסיקע קליינוואַרג איבער די אויסגעטרוקנטע וועגלעך מיט סימנים פון באָרוויסע פיס, עס האָבן זיך צעקלונגען באַם טייך די פריילעכע קולות פון די פויערטעס מיט דער לייוונט, און עס האָט זיך דערהערט איבער די הויפן דאָס קלאַפּן פון פויערישע העק. וואָס האָבן גענומען פאַרריכטן די צקעראייזנס און בראָנעס. ס'איז געקומען דער אמתער פרילינג.

XIII.

לעווין האָט אָנגעטאָן גרויסע שטיוול און צום ערשטן מאָל נישט קיין פוטער, נאָר אַ טוכענעם קאַפּטן און זיך געלאָזט גיין איבער דער ווירטשאַפט, שפּרייזנדיק איבער טייכלעך, וואָס האָבן געשניטן די אויגן מיט זייער גלאַנצן אויף דער זון, טרעטנדיק דאָ אויף אַ שטיקל אייז, דאָ אין קלעפּיקער בלאָטע.

פרילינג — די צייט פון פּלענער און אונטערנעמונגען. און, אַרויסגייענדיק אויפן הויף, האָט לעווין, ווי אַ בוים פרילינגס-צייט, וואָס ווייסט נאָך נישט וווהין און ווי אַזוי עס וועלן זיך צעוואַקסן זיינע יונגע שפּראָצונגען און צווייגן, וואָס זענען איינגעשלאָסן אין די אָנגעגאָסענע קנאָספּן, אַליין נישט גוט געוווּסט, צו וועלכע אונטערנעמונגען אין זיין באַליבטער באַלעבאַטישקייט ער וועט זיך אַצינד נעמען, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער איז פול מיט די בעסטע פּלענער און אייפטוען. קודם כל איז ער אַריינגעגאַנגען צו די בהמות. די קי זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויפן הויף און, שיינענדיק מיט דער נייער גלאַטער שערשטש, וואַרעמענדיק זיך אויף דער זון, האָבן זיי געמרוטשעט, בעטנדיק זיך אין פעלד אַריין. אָנקוקנדיק פון די ביז צו די קלענסטע פּרטים אים באַקאַנטע בהמות,

האָט לעווין געהייסן זיי אַרויסטרייבן אין פעלד אַריין, און אויפן הויף אַרויסלאָזן די קעלבער. דער פּאַסטוך איז פריילעך אַ לויף געטון זיך פאַרנעמען אין פעלד אַריין. די פויערטעס — די פי-טרייבערינס האָבן פאַרהויבן די ספּודניצעס און זענען מיט באָרוועסע, נאָך ווייסע, נישט אָפּגעברענטע פיס, שליאָפּענדיק אין דער בלאָטע, מיט צווייגלעך נאָכגעלאָפן די מעקענדיקע, פון פרילינג-פרייד ווילד געוואָרענע קעלבער, אַריינטרייבנדיק זיי אין הויף אַריין.

אָנקוקנדיק פון דער פאַרמערונג אין היינטיקן יאָר, וואָס איז געווען אומגעווייגלעך שיין, — די פריע קעלבער זענען געווען אַזוי גרויס ווי אַ פויערישע קו, פּאַוואַס טאָכטער, פון דריי חדשים, איז געווען אַזוי הויך ווי די יעריקע, — האָט לעווין געהייסן זיי אַרויסטראָגן די קאָריטע און אַרונטערלייגן דאָס היי הינטער די קראַטן. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דעם אין ווינטער נישט באַנוצטן פי-הויף זענען די אין האַרבסט געמאַכטע קראַטן געווען צעבראָכן. ער האָט געשיקט נאָך דעם טשעשליאַר, וועלכער האָט לויט דער פאַראָרדנונג געדאַרפט אַרבעטן בּאַ די דרעש-מאַשינען. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טשעשליאַר האָט פאַרראָכטן די בראָנעס, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרראַכטן ווערן נאָך פון קאַרנאַוואַל אָן. דאָס איז געווען זייער פאַרדריסלעך לעווינען. עס איז געווען פאַרדריסלעך, וואָס עס האָט זיך איבערגעחזרט די אייביקע נאַכלעסיקייט אין דער באַלעבאַטישקייט, קעגן וועלכער ער האָט אַזוי פיל יאָרן געקעמפט מיט אַלע זיינע כּוחות. די קראַטן, ווי ער איז געוויר געוואָרן, וואָס זענען נישט בייטיק ווינטער, זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער אַרבעטס-שטאַל אַריין און זענען דאָרט צעבראָכן געוואָרן, ווייל זיי זענען טאַקע געמאַכט געווען לייכט, פאַר די קעלבער. חוץ דעם, האָט זיך פון דעם אויך אַרויסגעוויזן, אַז די בראָנעס און אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע כּלים, וועלכע ער האָט געהייסן באַקוקן און פאַרריכטן נאָך ווינטער און פאַר וועלכע עס זענען אומישנע גענומען געוואָרן דריי טשעשליאַרעס, זענען געווען נישט פאַרראָכטן און די בראָנעס האָט מען פאָרט גענומען פאַרריכטן, ווען מען האָט שוין געדאַרפט פאָרן בראָנעווען. לעווין האָט געשיקט נאָכן פאַרוואַלטער; אָבער ער איז באַלד אַליין אויך געגאַנגען אים אָפּזוכן. דער פאַרוואַלטער, שיינענדיק אויך אַזוי, ווי אַלע אין דעם טאָג, אין אַ שעפּסן טולופּל, איז געגאַנגען פון שייער, ברעכנדיק אין די הענט אַ שטרויעלע.

— פאַרוואָס איז דער טשעשליאַר נישט בײַ די דרעש־מאַשינען?

— איך האָב געוואָלט נעכטן מעלדן: מען דאַרף די בראָנעס פאַר־ריכטן. עס איז דאָך שוין צײַט צו אַקערן.

— וואָס־זשע האָט מען ווינטער געטון?

— וועגן וואָס דאַרפט איר אַ טשעשליאַר?

— ווו זענען די קראַטן פון קעלבער־הויף?

— איך האָב געהייסן זיי אַוועקטראָגן אויף די ערטער. וואָס וועט איר מאַכן מיט דעם פאָלק! — האָט דער פאַרוואַלטער געזאָגט, מאַכנדיק מיט דער האַנט.

— נישט מיט דעם פאָלק, נאָר מיט דעם פאַרוואַלטער! — האָט לעווין געזאָגט זיך אָנצינדנדיק. — נו, צוּוואָס האַלט איך אײַך! — האָט ער אויסגעשריגן. אָבער, דערמאָנענדיק זיך, אַז דאָס וועט נישט העלפן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן רעדן און בלויז אָפּגע־זיפצט. — נו, וואָס, זייען קאָן מען? — האָט ער געפרעגט, שווײַגנדיק אַ ווײַלע.

— נאָך טורקין וועט מען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן קאָנען.

— און די קאָנטשינע?

— איך האָב געשיקט וואַסיליען מיט מישקען, — זיי זייען. איך ווייס בלויז נישט, צי זיי וועלן דורכקריכן: עס איז זומפּיק.

— אויף וויפיל דיעסיאַטין?

— אויף זעקס.

— פאַרוואָס־זשע נישט אויף אַלע? — האָט לעווין אויס־געשריגן.

וואָס מען האָט געזייעט קאָנטשינע בלויז אויף זעקס און נישט אויף צוואָנציק דיעסיאַטין, דאָס איז געווען נאָך פאַרדראָסיקער. דאָס זייען קאָנ־טשינע איז סײַ לויט דער טעאָריע, סײַ לויט זײַן אייגענער פּראַקטיק געווען גוט בלויז דעמאָלט, ווען עס איז געטון געוואָרן וואָס פריער, כּמעט גלײַך נאָכן שניי. און קיינמאָל האָט דאָס לעווין נישט געקאָנט אויספירן.

— עס איז קיין מענטשן נישטאָ. וואָס וועט איר מיט דעם פאָלק טון? דרײַ זענען נישט געקומען. אָט איז אויך סעמיאָן...

— נו, איר וואָלט אַוועקגעשטעלט דאָס שטרוי.

— איך האָב דאָך טאַקע אָפּגעשטעלט.

— חוי-זשע זענען די מענטשן ?

— פינף מאכן קאמפאט (דאס האט געהייסן קאמפאסט). פיר שיטן איבער דעם האבער : ווי ער וואלט זיך נישט גערירט, קאנסטאנטין דמיטריטש.

לעווין האט גאנץ גוט געוווסט, אז „ווי ער וואלט זיך נישט גערירט", מיינט מען, אז זיי האבן די זריעה פון ענגלישן האבער שוין קאליע געמאכט, — האבן ווידער נישט געטון דאס, וואס ער האט באפוילן.

— איך האב דאך געזאגט נאך בעתן תענות, דרענגער !... — האט ער אויסגעשריגן.

— באאומרויקט אייך נישט, מיר וועלן אלץ מאכן אין דער צייט.

לעווין האט בייז א מאך געטון מיט דער האנט, האט זיך געלאזט גיין צו די שייערס באקוקן דעם האבער און זיך אומגעקערט צו דער פערדשטאל. דער האבער איז נאך נישט קאליע געווארן. אבער די ארבעטער האבן אים איבערגעשיט מיט לאפעטעס, בעת מען האט אים געקאנט גלייך אראפלאזן אין אונטערשטן שייער ; ער האט פאראָרדנט וועגן דעם און, אפרייסנדיק פונדאנען צוויי ארבעטער צום זייען די קאנושינע, האט לעווין זיך בארויקט פון דעם כעס אויפן פארוואלטער. אויך דער טאג איז געווען אזוי שיין, אז מען האט נישט געקאנט בייז זיין.

— איגנאט ! — האט ער א געשריי געטון צום קוטשער, וועלכער האט מיט פארשארצטע הענט געוואשן באם ברונעם די קאטש, — זאטל מיר אן...

— וועמען באפעלט איר ?

— נו, כאטש קאלפיקן.

— איך הער אייך.

בעת מען האט אנגעזאטלט דאס פערד, האט לעווין ווידער א רוף געטון דעם פארוואלטער, וואס האט זיך געדרייט פארן אויג, כדי זיך איבערצובעטן מיט אים, און האט אנגעהויבן רעדן מיט אים וועגן די פארשטייענדע פרילינג-ארבעטן און ווירטשאפטלעכע פלענער.

דאס מיסט אנהייבן צו פירן פריער, כדי ס'זאל ביז צום פריען היישניט אלץ זיין פארענדיקט. און מיט די אקעראייזנס אקערן אן איבער-

רייס דאָס ווייטערע פעלד, אַזוי, אַז עס זאָל געהאַלטן ווערן אויף אויס־בעסערונג. דעם היי־שניט אָראָפּנעמען אינגאַנצן, נישט אין דער העלפט, און מיט אַרבעטער.

דער פּאַרוואַלטער האָט געהערט אויפמערקזאַם און באַשיינפּערלעך זיך אָנגעטון אַ כּוח, כּדי צו באַגיטיקן דעם באַלעבאָס אויפטועכצן. אָבער ער האָט פּאָרט געהאַט די, לעווינען גוט באַקאַנטע, תּמיד אים דענערווירנ־דיקע, האָפענונגסלאָזע און מרה־שחורהדיקע מינע. דידאָזיקע מינע האָט גע־זאָגט: דאָס אַלץ איז גוט, אָבער ווי גאָט וועט געבן.

קיין זאַך האָט אַזוי נישט מצער געווען לעווינען, ווי דערדאָזיקער טאָן. אָבער אַזאַ טאָן האָבן געהאַט אַלע פּאַרוואַלטערס, וויפיל זיי זענען נישט אויסגעווען בײַ אים. אַלע האָבן געהאַט דיזעלבע באַציונג צו זיינע אויפטועכצן, און דערפאַר האָט ער אַצינד זיך שוין נישט געבייזערט, נאָר געהאַט עגמת נפש און געפילט זיך נאָך מער אויפגערייצט צו קעמפן מיט דערדאָזיקער עפּעס סטיכישער קראַפט, וועלכע ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט אָנרופן ווי: „וואָס גאָט וועט געבן" און וועלכע האָט זיך אים תּמיד אַקעגנגעשטעלט.

— אויב מיר וועלן באַוויזן, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט דער פּאַרוואַלטער געזאָגט.

— פאַרוואָס־זשע זאָלט איר נישט באַוויזן ?

— אַרבעטער מוז מען אומבאַדינגט דינגען נאָך אַ מאָן פינפצען, מען קומט נישט. היינט איז מען געווען, צו זיבעציק רובל פאַרן זומער פאַרלאַנגען זיי.

לעווין איז אַנטשוויגן געוואָרן. ווידער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דידאָזיקע קראַפט. ער האָט געוווּסט, אַז וויפיל זיי האָבן זיך נישט באַמיט, האָבן זיי נישט געקאָנט קריגן מער ווי פערציק, זיבן און דרייסיק, אַכט און דרייסיק אַרבעטער פאַר דעם איצטיקן פּרייז; פערציק האָבן זיך פאַר־דונגען, און מער נישט. אָבער פונדעסטוועגן האָט ער נישט געקאָנט נישט קעמפן.

— שיקט קיין סורי, קיין טשעפּיראָווקע, אויב זיי וועלן נישט קו־מען. מען דאַרף זוכן.

— שיקן וועל איך שיקן, — האָט וואַסילי פעדאָראָוויטש מרה־שחורהדיק געזאָגט. — נאָר אָט זענען די פערד אויך שוואַך געוואָרן.

— מיר וועלן צוקויפן. איך ווייס דאָך, — האָט ער לאַכנדיק צו־געגעבן, — איר וואָלט אַלץ געוואָלט וואָס ווייניקער און וואָס ערגער;

אָבער איך וועל דאָס היינטיקע יאָר שוין נישט לאָזן אייך אויף אייער שטייגער טון. איך וועל אַלץ אַליין.

— איר, דאַכט זיך, שלאָפט אַזוי אויך ווייניק. אונז איז פריילעכער, ווען דער באַלעבאָס גיט אַכטונג...

— איז זייעט מען נאָך בערעזאָווע דאָל קאָנטשינע? איך וועל צופאָרן אַ קוק טון, — האָט ער געזאָגט, זיך אויפזעצנדיק אויפן קליינעם בולאַנעם קאָלפּיק, וועלכן דער קוטשער האָט צוגעפירט.

— דורכן טייך וועט איר נישט אַריבערפאָרן, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט דער קוטשער אַ געשריי געטון.

— נו, איז דורכן וואַלד.

און מיט אַ האַפּערדיקן פלינקן טריט פון דעם גוטן אויסגערוטן פערדל, וואָס האָט צוגעכראָפּעט איבער די קאַלוזשעס און אַרויסגעריסן די לייצן, איז לעווין איבער די בלאָטעס פון הויף אַרויסגעריטן פון טויער און אַוועק אין פעלד אַריין.

אויב לעווינען איז פריילעך געווען אויף דעם פי-הויף און תבואה-הויף, איז אים נאָך פריילעכער געוואָרן אין פעלד. ריטמיש זיך צושאָקלענדיק אויף דעם גוטן פערדל, אַריינציענדיק דעם וואַרעמען, פרישן ריח פון שניי און פון דער לופט באַם דורכפאָרן דעם וואַלד איבער די ערטערווייז געבליבענע רעשטלעך פון שטויביקן אַראָפּגעזונקענעם שניי מיט צעפלאָסענע צייכנס, האָט ער אָנגעקוואָלן פון יעדן בוים זײַנעם מיט דעם אויפגעלעבטן מאָך אויף דער קאָרע און מיט די אָנגעשוואָלענע קנאָספּן. ווען ער איז אַרויסגעריטן פון וואַלד, האָבן אויף אַ ריזיקן שטח, ווי אַ גלייכער סאַמעטענער טעפּיך, זיך אויסגעשפּרייט פאַר אים גרינגעדיקע פעלדער אָן איין לער אָדער וואַסעריק אָרט, וואָס זענען בלויז ווו-נישט-ווו אין די ראָוועס געפלעקט געווען דורך די רעשטלעך פון צעגייענדיקן שניי. ס'האָט אים נישט דערצערנט נישט דער אָנבליק פון דעם פויערישן פערד מיטן קיציק, וואָס האָבן צעטרעטן זיין יונג פעלד (ער האָט געהייסן אַן אַקעגנגעקומענעם פויער אַראָפּטרייבן זיי), נישט דער שפּאָטישער און נאַרישער ענטפער פונם פויער איפּאַט, וועלכן ער האָט באַגעגנט און געפרעגט: „וואָס, איפּאַט, שוין צייט צו זייען?" — „מען דאַרף פריער צעאַקערן, קאָנסטאַנטין דמיטריטש", האָט איפּאַט געענטפערט. וואָס ווייטער ער איז געפאָרן, אַלץ פריילעכער איז אים געוואָרן, און די ווירטשאַפטלעכע פּלענער איינער בעסער פאַרן אַנדערן האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט: אַרומצוזאַמען אַלע פעלדער מיט לאָזינע אויף די מערדיאַנאַלע ליניעס, אַזוי, אַז דער

שניי זאָל נישט בלייבן ליגן אונטער זיי; איבערשניידן זיי אויף זעקס מיסט-פעלדער און דריי זאַפּאַסנע גראָז-פּאַרזייעטע, אויסבויען אַ בהמות-הויף אויפן אונטערשטן עק פעלד און אויסגראָבן אַ סטאַוו, און צום אויסגיטיקן איינאָרדנען איבערטראָגלעכע אָפּצוימונגען פאַר די בהמות. און דעמאָלט 300 דיעסיאַטין ווייץ, 100 קאַרטאָפל און 150 קאָנטשינע און קיין איין פאַרצערטער דיעסיאַטין.

מיט אַזעלכע פאַנטאַזיעס, פאַרזיכטיק קערוועגדיק דאָס פערד אויף די מיעדזעס, כדי נישט צו צעטרעטן זיין יונג פעלד, איז ער צוגעריטן צו די אַרבעטער, וואָס האָבן געזייעט די קאָנטשינע. די פור מיט דער זריעה איז געשטאַנען נישט אויף דער גרענעץ-ליניע, נאָר אויפן אַקער-פעלד, און דער ווינטער-ווייץ איז צעגראָבן געווען פון די רעדער און צעטרעטן פון דעם פערד.ביידע אַרבעטער זענען געזעסן אויף דער מיעדזע און אַפּנים גערייכערט אַ בשותּפותדיקע ליולקע. די ערד אין דער פור, מיט וועלכער די זריעה איז געווען אויסגעמישט, איז נישט צעריבן געווען, און זי איז איינגעלעגן אָדער געפרוירן געוואָרן אין שטיקלעך. דערזעען דעם באַלעבאָס, האָט דער אַרבעטער וואַסילי זיך געלאָזט גיין צו דער פור, און מישקאַ האָט זיך גענומען זייען. דאָס איז געווען נישט גוט, אָבער אויף אַרבעטער האָט לעווין זעלטן זיך געבייזערט. ווען וואַסילי איז צוגעקומען, האָט לעווין אים געהייסן אַראָפּפירן דאָס פערד אויף דער מיעדזע.

— עס שאַדט נישט, הער, עס וועט זיך אויסגלייכן, — האָט וואַסילי געענטפערט.

— איך בעט דיך, טענה נישט, — האָט לעווין געזאָגט, נאָר טו, וואָס מען זאָגט.

— איך הער אייך, — האָט וואַסילי געענטפערט און אָנגענומען דאָס פערד באַם קאָפּ. — ס'איז שוין איינמאָל אַ זייען, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט ער געזאָגט, וועלנדיק נושא חן זיין, — ערשטער סאָרט. נאָר צו גיין איז שרעקלעך! אַ פּוד אויף יעדער לאַפּטשע מוז מען שלעפּן.

— פאַרוואָס איז בא אייך די ערד נישט דורכגעזיפּט? — האָט לעווין געזאָגט.

— מיר צערייבן זי, — האָט וואַסילי געענטפערט, אָננעמענדיק זריעה און צערייבנדיק די ערד אין די דלאָניעס.

וואַסילי איז נישט שולדיק געווען, וואָס מען האָט אים אַריינגע-

שאָטן נישט דורכגעזיפּטע ערד, אָבער פונדעסטוועגן איז פּאַדראַס׳ק געווען.

שוין נישט איינמאָל אויספּרווונדיק מיט דערפאָלג דאָס אים באַקאַנטע מיטל צו פאַרטויבן זיין פּאַרדראָס און אַלץ, וואָס זעט אויס שלעכט, צו מאַכן צוריק גוט, האָט לעווין אויך אַצינד באַנוצט דאָסדאָזיקע מיטל. ער האָט אַ קוק געטון, ווי אַזוי מישקאַ האָט געשפּרייזט, איבערדרייענדיק די גרויסע שטיקער ערד, וואָס האָבן זיך אים אָנגעקלעבט אויף יעדן פוס, איז אַראָפּגעגאַנגען פון פערד, האָט גענומען בא וואַסילין די זיפּ און זיך געלאָזט גיין זייען.

— ווו האָסטו דיך אָפּגעשטעלט ?

וואַסילי האָט אָנגעוויזן אויפן צייכן מיטן פוס, און לעווין האָט זיך געלאָזט גיין, ווי ער האָט געקאָנט, באַזייען די ערד מיט דער זריעה. צו גיין איז געווען שווער, ווי אין אַ בלאָטע, און דורכגייענדיק דאָס שטיק פעלד, האָט לעווין זיך דערשוויצט, זיך אָפּגעשטעלט און אָוועקגעגעבן די זיפּ.

— נו, הער, זומער זאָלט איר צו מיר פאַר דעם שטיק קיין טענות נישט האָבן, — האָט וואַסילי געזאָגט.

— וואָס איז דען ? — האָט לעווין פריילעך געזאָגט, פילנדיק שוין די ווירקונג פון דעם אָנגעווענדטן מיטל.

— איר וועט זען זומער. ס׳וועט זיין אַ חילוק. איר גיט נאָר אַ קוק, ווו איך האָב געזייעט דעם פאַרגאַנגענעם פרילינג. ווי עס האָט אַרויסגעזעצט ! איך, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, דאַכט זיך, ווי פאַר אַן אייגענעם פאָטער פלייס איך מיך. איך אַליין האָב נישט ליב שלעכט צו מאַכן און הייס אויך אַנדערע נישט. אַז דעם באַלעבאָס איז גוט, איז אויך אונז גוט. אַז דו גיסט אַזוי אַ קוק דאָרט, — האָט וואַסילי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן פעלד, — קוועלט דאָס האַרץ אָן.

— אָבער אַ גוטער פרילינג, וואַסילי !

— אַזאַ פרילינג, אַז אַלטע לייט געדענקען נישט. איך בין אינדערהיים געווען, בא אונז האָט דאָרט אויך דער אַלטער דריי אַכטל ווייץ פאַרזייעט, זאָגט ער, אַז ס׳איז פון קאָרן נישט אונטערצושיידן.

— און איר האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן זייען ווייץ ?

— איר האָט דאָך אויסגעלערנט פאַראַיאָרן ; איר האָט דאָך מיר

צוויי מעסטלעך געשענקט. אַ פּערטל האָבן מיר פאַרקויפט און דריי אַכטל פאַרזייעט.

— נו, געדענק זשע, צערייב די שטיקער, — האָט לעווין געזאָגט, צוגייענדיק צום פערד, — און אויף מישקען גיב אַכטונג. און אויב ס'וועט גוט אויפגיין, וועסטו צו פופציק קאָפּיקעס פון דעסיאַטין באַקומען.

— מיר דאַנקען אונטערטעניק. מיר זענען פון אייך, דאַכט זיך, אַזוי אויך גענוג צופרידן.

לעווין איז אויפגעזעסן אויפן פערד און אַוועקגעריטן אויפן פעלד, וווּ עס איז געווען די פאַריאָריקע קאָנטשינע, און אויף דעם, וואָס איז מיטן אַקער געווען צוגעגרייט פאַר פרילינג-ווייץ.

דער אויפגאַנג פון דער קאָנטשינע אויפן אָפּגעשניטענעם פעלד איז געווען וווּנדערבאַר. זי האָט שוין אינגאַנצן אויפגעשפּראָצט און שטאַרק זיך געגרינט אונטער די צעבראָכענע פאַריאָריקע שטרויען פון ווייץ. דאָס פערד האָט געזונקען איבער די האַלבע פיס און יעדער פוס זיינער האָט געפּאַטשט, אַרויסרייסנדיק זיך פון דער האַלב אויפגעגאַנגענער ערד. איבער דעם צעאַקערטן פעלד איז אינגאַנצן נישט מעגלעך געווען דורכצופאַרן: ס'האָט בלויז געהאַלטן דאָרט, וווּ ס'איז נאָך געווען אייז, און אין די אויפגעגאַנגענע בראָזדעס איז דער פוס געזונקען העכער ווי אין דער העלפט. דאָס פעלד איז צעאַקערט געווען אויסגעצייכנט: אין צוויי טעג אַרום וועט מען קאָנען בראָנעווען און זייען. אַלץ איז געווען הערלעך, אַלץ איז געווען פריילעך. צוריק איז לעווין געפאָרן איבערן טייך, האָפנדיק, אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן. און באמת, ער איז אַריבערגעפאָרן און האָט איבערגעשראָקן צוויי קאַטשקעס. „עס מוזן זיין אויך וואַלדשנעפּן", האָט ער אַ קלער געטון און גראָד באַם אָנדרייען זיך אַהיים באַגעגנט דעם וואַלד-וועכטער, וועלכער האָט באַשטעטיקט זיין סברא וועגן די וואַלדשנעפּן.

לעווין איז שנעל אַהיימגעריטן, כדי צו באַוויזן אָפּצועסן מיטאָג און צוגרייטן די ביקס צום אָוונט.

XIV.

צורייטנדיק אַהיים אין פרייליעכסטן געמיט־צושטאַנד, האָט לעווין דערהערט אַ קלינגען פון אַ גלעקל פון דער זייט פון הויפּט־צופאָר צום הויז.

„דאָס איז פון דער באַן, — האָט ער אַ קלער געטון, — די ריכטיקע צייט פון מאָסקווער צוג... ווער קאָן דאָס זיין? וואָס ווען זיין אויב דאָס איז דער ברודער ניקאָלאַי? ער האָט דאָך געזאָגט: „אפשר וועל איך אוועקפאָרן אויף בעדער, און אפשר וועל איך צו דיר קומען“. אים איז געוואָרן שרעקלעך נישט אָנגענעם אין דער ערשטער מינוט, וואָס דעם ברודער ניקאָלאַיס אָנוועזנהייט וועט צעשטערן דידאָזיקע גליקלעכע פרילינגדיקע אויפגעלייגטקייט זיינע. אָבער ס'איז אים געוואָרן אַ חרפה פאַר דעמדאָזיקן געפיל, און ער האָט גלייך אַזויווי געעפנט זיינע גייסטיקע אָרעמס און מיט הארציקער פרייד אָפגעוואַרט און געוואָלט אַצינד מיט דער גאַנצער נשמה, אַז דאָס זאָל זיין דער ברודער. ער האָט אַ ריר געטון דאָס פערד און, אַרויסרייטנדיק נאָך דער אַקאַציע, האָט ער דערזעען צופאָרן אַ באַלעגאָלישע טראָיקע פון דער באַן־סטאַציע און אַ הער אין אַ פוטער. דאָס איז נישט געווען דער ברודער. „אַך, ווען דאָס זאָל זיין עפעס אַן אָנגענעמער מענטש, מיט וועלכן מען זאָל קאָנען רעדן אַ ביסל“, האָט ער אַ טראַכט געטון.

— אַ! — האָט לעווין פריידיק אויסגעשריגן, אויפהייבנדיק ביידע הענט אינדערהייך. — דאָס הייסט אַן אָנגעלייגטער גאַסט! אַך, ווי מיך פרייט, וואָס דו ביסט געקומען! — האָט ער אויסגעשריגן, דערקענענדיק סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן.

„איך וועל זיכער געווויר ווערן, צי זי האָט חתונה געהאַט, אָדער ווען זי האָט חתונה“, האָט ער אַ קלער געטון.

און אין דעמדאָזיקן הערלעכן פרילינגס־טאָג האָט ער דערפילט, אַז דאָס דערמאָנען זיך אָן איר איז לחלוטין נישט שמערצלעך פאַר אים.

— וואָס, דו האָסט דיך נישט געריכט? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אַרויסקריכנדיק פון שליטן, מיט אַ שטיקל בלאָטע אויף

דער נאָז, אויף דער באַק און אויף דער ברעם, אָבער שײַנענדיק מיט פרײלעכקייט און געזונט. — איך בין געקומען דיך זעען — איינס, — האָט ער געזאָגט, ארומנעמענדיק און קושנדיק אים, — צו גיין א ביסל אויף יאַגד — צוויי, און דעם וואַלד אין יערגושאַוו פאַרקויפן — דריי.

— אויסגעצייכנט! און וואָסער פרילינג מיר האָבן? ווי אזוי ביסטו עס אויף א שליטן דערפאָרן?

— מיט א וואָגן איז נאָך ערגער, קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט דער באַקאַנטער באַלעגאָלע געענטפערט.

— נו, עס פרייט מיך זייער, זייער דיין קומען, — האָט האַרציק שמייכלענדיק מיט א קינדיש-פריידיקן שמייכל געזאָגט לעווין.

לעווין האָט אריינגעפירט זיין גאַסט אין צימער פאַר צוגערייזטע, וווהין עס זענען אויך אריינגעטראָגן געוואָרן סטעפּאַן ארקאַדיעוויטשס זאַכן: א זאַק, א ביקס און א שייד, א ציגאַרן-טאַש, און, איבערלאָזנדיק אים זיך אָפּוואַשן און איבערטאָן, איז ער אליין דערווייל אריינגעגאַנגען אין קאַנטאָר זאָגן וועגן דעם אַקערן און דער קאָנטשינע. אגאַפיא מיכאַילאָוונא, וועלכע האָט זיך שטענדיק געזאָרגט פאַר דעם כבוד פון הויז, האָט אים אויפגענומען אין פאָרצימער מיט פראַגן מכוח דעם מיטאָג.

— טוט ווי איר ווילט, אַבי שנעלער, — האָט ער געזאָגט און זיך געלאָזט גיין צום פאַרוואַלטער.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט, איז סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש, אן אָפּגעוואַשענער, א פאַרקעמטער און מיט א שיינענדיקן שמייכל, ארויסגעגאַנגען פון זיין טיר און זיי זענען ביידע ארויפגעגאַנגען אינדערהייך.

— נו, עס פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב מיך דערקליבן צו דיר! אַצינד וועל איך פאַרשטיין, אין וואָס עס באַשטייען די הייליקע עבודות, וואָס דו פירסט דאָ דורך. אָבער ניין, כ'לעבן, איך בין דיך מקנא. וואָסער הויז, ווי פיין אַלץ איז! ליכטיק, פריילעך, — האָט סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש געזאָגט, פאַרגעסנדיק, אַז נישט שטענדיק איז פרילינג און אַזעלכע לויטערע טעג, ווי היינט. — און סאַראַ פּראַכט דיין ניאַניע איז! עס וואָלט געווונטשן געווען א שיינינק שטוב-מיידל אין א פאַרטוכל; אָבער בא דיין מאָנאַכן-לעבן און שטרענגן סטיל איז דאָס זייער שיין.

סטעפּאַן ארקאַדיעוויטש האָט דע צ״לט א סך אינטערעסאַנטע נייעס און באַזונדערס די אינטערעסאַנטע נייעס פאַר לעווינען, אַז דער ברודער

זיינער סערגיי איוואַנאָוויטש קלויבט זיך אויפֿן היינטיקן זומער צו אים אין דאָרף אַריין.

קיין איין וואָרט האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש נישט געזאָגט וועגן קיטין און בכלל וועגן די שטשערבאַצקיס; ער האָט בלויז איבערגעגעבן אַ גרוס פֿון ווייב. לעווין איז אים דאַנקבאַר געווען פֿאַר זיין סובטעלקייט און איז געווען זייער צופֿרידן פֿון גאַסט. ווי תמיד, האָט בּאַ אים אין דער צייט פֿון זיין איינזאַמקייט זיך אָנגעקליבן אַ תהום פֿון געדאַנקען און געפֿילן, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט איבערגעבן די אַרומיקע, און אַצינד האָט ער אויסגעגאָסן פֿאַר סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אי די פּאָעטישע פֿרייד פֿון פֿרילינג, אי די דורכפֿאַלן און די פּלענער פֿון דערווירטשאַפֿט, אי די געדאַנקען און די באַמערקונגען וועגן די ביכער, וועלכע ער האָט געלייענט, און באַזונדערס די אידעע פֿון זיין ווערק, וואָס דעם יסוד דערפֿון, הגם ער אַליין האָט דאָס נישט באַמערקט, האָט געשאַפֿן די קריטיק פֿון אַלע אַלטע ווערק וועגן באַלעבאַטישקייט. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, שטענדיק אַ ליבער, וואָס פֿאַרשטייט אַלץ אויפֿן ווינק, איז דאָס מאָל געווען באַזונדערס ליבלעך, און לעווין האָט אין אים באַמערקט נאָך אַ נייעם, אים אָנגענעמען שטריך, פֿון אַכטונג און אַזוי ווי צערטלעכקייט צו אים.

אַגאַפֿיאַ מיכאַילאָוונעס און דעם קוכערס באַמיִונגען, אַז דאָס מיטאָג זאָל זיין באַזונדער גוט, האָבן זיך פֿאַרענדיקט בלויז מיט דעם, וואָסביידע אויסגעהונגערטע פֿריינט, צוזעצנדיק זיך צום פֿאַרבייסן, האָבן זיך אָנגעגעסן מיט ברויט מיט פּוטער, געגנזנס און געזאַלצענע שוואָמען, און וואָס לעווין האָט געהייסן דערלאַנגען די יויך אָן די קרעפּלעך, מיט וועלכע דער קוכער האָט געוואָלט באַזונדערס פֿאַרוווּנדערן דעם גאַסט. אָבער סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, הגם ער איז געוווינט געווען צו אַנדערע מיטאָגן, האָט אַלץ געפֿונען פֿאַר אויסגעצייכנט: סיי דעם געשטעלטן בראָנפֿן, סיי דאָס ברויט, סיי די פּוטער, און באַזונדערס דאָס געגנזנס, און די שוואָמען, און דעם קרויט-באָרשט, און די הון אין ווייסן סאָס, און דעם ווייסן קרימער וויין — אַלץ איז געווען פּראַכטפֿול און וווּנדערבאַר.

— אויסגעצייכנט, אויסגעצייכנט, — האָט ער געזאָגט, פֿאַררייכערנדיק אַ דיקן פּאַפּיראָס נאָכן געבראָטנס. — איך בין צו דיר פּונקט ווי פֿון אַ שיף נאָך גערויש און טרייסלעניש אויף אַ שטילן ברעג אַראָפּגעגאַנגען. זאָגסטו, אַז דער אַרבעטער-עלעמענט גופֿא דאַרף אויסשטו-

דירט ווערן און ער דאַרף אָנפירן באַם אויסוויילן די ווירטשאַפטס-מענטשן. איך בין דאָך אין דעם א פראָפאַן: אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די טעאָריע און דאָס אָנווענדן זי וועט אויך האָבן אַ השפּעה אויפֿן אַרבעטער.

— יאָ, אָבער וואַרט-צו: איך רעד נישט וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע, איך רעד וועגן דער ווירטשאַפטלעכער וויסנשאַפט. זי דאַרף זיין ווי די נאַטור-וויסנשאַפטן און באַאָבאַכטן די געגעבענע דערשיינונגען אויך פון אַרבעטער מיט זיין עקאָנאָמישן, עטנאָגראַפישן...

אין דער צייט איז אַגאַפיאַ מיכאַילאָווגאַ אַריינגעקומען מיט איינגעמאַכטס.

— נו, אַגאַפיאַ מיכאַילאָווגאַ, — האָט איר סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, קושנדיק די שפּיצן פון זיינע פּוכיקע פינגער, — סאַראַ געבנזנס ס'איז באַ אייך, סאַראַ בראָנפן געשטעלטער!... און ווי מיינסטו, ס'איז שוין נישט צייט, קאָסטיאַ? — האָט ער צוגעגעבן.

לעווין האָט אַ קוק געגעבן אין פענצטער אריין אויף דער זון, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער די נאַקעטע ביימער-שפּיצן פון וואַלד.

— שוין צייט, שוין צייט, — האָט ער געזאָגט. — קוזמאַ, שפּאַנען די לאַנגע ברישקע! — און איז אַראָפּגעלאָפן.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, אַראָפּגייענדיק אונטן, האָט אַליין פּינקטלעך אַראָפּגענומען דעם לייוונטענעם איבערצוג פון דעם לאַקירטן קעסטל, געעפנט עס און אָנגעהויבן אַרויסנעמען זיין טייערע ביקס פון אַ נייעם פאַסאָן. קוזמאַ, וועלכער האָט שוין געפילט אַ היפשע גאַב אויף בראָנפן, האָט נישט אָפּגעטרעטן פון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן און אים אָנגעטון אי די זאָקן אי די שטיוול, וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אים גערן געלאָזט טון.

— באַפעל, קאָסטיאַ, אויב דער סוחר ריאַבינין וועט קומען — איך האָב אים געהייסן היינט קומען — מען זאָל אים אויפנעמען און ער זאָל צוּוואַרטן...

— דו פאַרקויפסט דען ריאַביגינען דעם וואַלד?

— יאָ. דו קענסט אים דען?

— אוודאי, קען איך אים. איך האָב געהאַט מיט אים עסקים „בפירוש און ענדגילטיק".

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט זיך צעלאַכט. „בפירוש און ענדגילטיק" זענען געווען דעם סוחרס באַליבטע ווערטער.

— יאָ, ער רעדט שרעקלעך קאָמיש. זי פאַרשטייט שוין, וווהין דער באַלעבאָס גייט! — האָט ער צוגעגעבן, א גלעט טוענדיק מיט דער האַנט לאַסקען, וועלכע האָט, צוהאָיענדיק, זיך געדרייט אַרום לעווינען און געלעקט דאָ זיין האַנט, דאָ זיינע שטיוול און די ביקס.

די ברישקע איז שוין געשטאַנען באַם גאַניק, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

— איך האָב געהייסן איינשפאַנען, הגם עס איז נישט ווייט; אפשר וועלן מיר צופוס צוגיין?

— ניין, מיר וועלן בעסער פאָרן, — האָט סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, צוגייענדיק צו דער ברישקע. ער איז אויפגעזעסן, אַרומגעוויקלט זיך די פיס מיט דעם טיגער-פלעד און פאַררייכערט א ציגאַר. — ווי אַזוי קאָנסטו נישט רייכערן! א ציגאַר — דאָס איז נישט אַזוי דאָס פאַרגעניגן, ווי די קרוין און דער סימן פון פאַרגעניגן. אָט דאָס הייסט געלעבט! ווי גוט! אָט ווי אַזוי איך וואָלט געוואָלט לעבן.

— ווער-זשע שטערט דיר? — האָט לעווין שמייכלענדיק געזאָגט.

— ניין, דו ביסט א גליקלעכער מענטש. אַלץ, וואָס דו האָסט ליב, האָסטו. האָסט ליב פערד, — האָסטו, הינט — האָסטו, יאַגד — האָסטו, באַלעבאַטישקייט — האָסטו.

— אפשר דערפאַר, וואָס איך פריי מיך מיט דעם, וואָס איך האָב, און זאָרג נישט וועגן דעם, וואָס איך האָב נישט, — האָט לעווין געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך אָן קיטין.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטש האָט פאַרשטאַנען, א קוק געטון אויף אים, אָבער גאָרנישט געזאָגט.

לעווין איז דאַנקבאַר געווען אָבלאָנסקין דערפאַר, וואָס ער, מיט זיין שטענדיקן טאַקט, באַמערקנדיק, אַז לעווין האָט מורא פאַר א געשפרעך וועגן די שטשערבאַצקיס, האָט גאָרנישט גערעדט וועגן זיי; אַצינד האָט זיך שוין לעווינען געגלוסט געוויר ווערן דאָס, וואָס אים האָט אַזוי געפייניקט, אָבער ער האָט נישט געוואָגט אָנצוהייבן א שמועס וועגן דעם.

— נו, וואָס הערט זיך באַ דיר? — האָט לעווין געזאָגט, א קלערנדיק וועגן דעם, ווי נישט שיין עס איז פון זיין זייט צו טראַכטן בלויז וועגן זיך.

סטעפאַן אַרקאַדיעוויטשס אויגן האָבן זיך פריילעך צעגלאַנצט.

— דו אָנערקענסט דאָך נישט, אז מען זאָל קאָנען ליב האָבן קוי־לעטשן, ווען מען האָט אָן אייגן אָפּגעמאָסטענע פּאָרציע, לויט דיר איז דאָס אַ פאַרברעך; און איך אָנערקען נישט קיין לעבן אָן ליבע, — האָט ער געזאָגט, פאַרשטייענדיק אויף זיין שטייגער לעווינס פראַגע. — וואָס־זשע זאָל איך טון, איך בין אזוי באַשאַפן. און, כ׳לעבן, מען טוט מיט דעם אזוי ווייניק שלעכטס עמעצן, און זיך אזוי פיל פאַרגעניגן...

— וואָס־זשע, עפּעס נייעס אפשר? — האָט לעווין געפרעגט.

— עס איז דאָ, ברודער! זעסטו, דו קענסט דעם טיפּ פון אָסיאַנישע פרויען... פרויען, וועלכע דו זעסט אין חלום... אָט, דידאָזיקע פרויען זע־גען פאַראַן אויף דער וואָר... און דידאָזיקע פרויען זענען שרעקלעך. די פרוי, זעסטו, דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס וויפיל דו זאָלסט זי נישט שטודירן, דעם זי אַלץ זיין אינגאַנצן אַ נייעס.

— איז שוין גלייכער נישט צו שטודירן.

— ניין. אַ געוויסער מאַטעמאַטיקער האָט געזאָגט, אז דער תענוג באַשטייט נישט אין דעם אַנטדעקן אמת, נאָר אין דעם זוכן אים.

לעווין האָט געהערט שווייגנדיק און, נישט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס ער האָט געמאַכט איבער זיך, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן אין דער נשמה פון זיין פריינט, צו פאַרשטיין זיינע געפילן און דעם צויבער פון שטודירן אַזעלכע פרויען.

XV.

דאָס אָרט פון דער פייגל־יאָגד איז געווען נישט ווייט בײַ אַ טייכל אין אַ דראָבנעם אָשינע־וואַלד. צופאָרנדיק צום וואַלד, איז לעווין אַראָפּגעגאַנגען און האָט צוגעפירט אָבלאָנסקין צום עק פון אַ מאָכיק און זומפּיק שטיקל פליין, וואָס איז שוין פריי געוואָרן פון שניי. ער אַליין האָט זיך אומגעקערט אין צווייטן עק אריין, צו אַ צוויי־ליניג־בערעזע און, אָנשפּאַרנדיק די ביקס אָן אַ געשפּאָלטענער פאַרטרוקנטער אונטערשטער צווייג, האָט ער אויסגעטון דעם קאַפטן, איינגעצויגן דעם פּאַסעק און געפּרווט, צי ער קאָן פריי באַוועגן מיט די הענט.

די אַלטע גרויע לאַסקאַ, וואָס איז אים כסדר נאָכגעגאַנגען, האָט זיך פאָרזיכטיק געזעצט אַקעגן אים און אָנגעשפּיצט די אויערן. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הינטערן גרויסן וואַלד, און אין שקיעה־שײַן האָבן די בערעזעס, צעשאָטן איבערן אָשינע־וועלדל, זיך בולט גע־צייכנט מיט זייערע הענגענדיקע צווייגן מיט אָנגעבלאָזענע קנאָספּן, גרייט צום פּלאַצן.

פון טיפן וואַלד אַרויס, ווו עס איז נאָך געבליבן שניי, איז קוים הערבאַר אין שלענגלענדיקע שמאָלע ריטשקעלעך נאָך געפלאָסן וואַסער. קליינע פייגל האָבן געצוויטשערט און זענען פון צייט־צו־צייט אַריבערגעפלויגן פון איין בוים אויפן צווייטן.

אין די מינוטן פון פולשטענדיקער שטילקייט האָט זיך געהערט אַ שאָרך פון די פאַריאָריקע בלעטער, וואָס האָבן זיך באַוועגט פון אויפגיין פון דער ערד און פון דעם וואַקסן פון גראָז

„ווי הערלעך! מען הערט און מען זעט, ווי דאָס גראָז וואַקסט!“ האָט זיך לעווין געזאָגט, באַמערקנדיק, ווי עס האָט זיך אַ ריר געטאָן אַ פייכט אָשינע־בלאַט פון גריפעל־קאָליר לעבן דער נאָדל פון אַ יונג גרעזל. ער איז געשטאַנען, האָט געהערט און געקוקט דאָ אַראָפּ, אויף דער פייכטער מאָכיקער ערד, דאָ אויף לאַסקען, וואָס האָט זיך צוגעהערט, דאָ אויף דעם ים פון נאַקעטע וואַלד־שפּיצן, וואָס האָט זיך פאַר אים הינטערן באַרג אויסגעשפּרייט, דאָ אויפן הימל, וואָס האָט זיך געטונקלט און איז מיט ווייסע וואָלקן־שטרייפן פאַרצויגן געווען. אַ שפּאַרבער, אײַליק פאָכנדיק מיט די פליגל, איז הויך דורכגעפלויגן איבער ווייטן וואַלד; אַ צווייטער איז פּונקט אויך אַזוי דורכגעפלויגן אין דער זעלבער ריכטונג און פאַרשוווּנדן געוואָרן. די פייגל האָבן אַלץ העכער און אומרויקער געצוויטשערט אין וואַלד. נישט ווייט האָט זיך צעאָכצט אַ פילין, און לאַסקאַ, אויפציטערנדיק, האָט פאָרזיכטיק איבערגעטרעטן עטלעכע טריט און, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט, האָט זי זיך אָנגעהויבן אײַנהערן. פון יענער זייט טײַכל האָט זיך דערהערט אַ קוקאַווקע. זי האָט צוויי מאָל געקוקעט מיט איר געוויינלעך קול, און דערנאָך איז זי הייזעריק געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אײַלן און זיך פאַרהאַקט.

— אַ מבין! שוין אַ קוקאַווקע! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אַפּערגייענדיק פון הינטערן קוסט.

— יאָ, איך הער, — האָט לעווין געענטפערט, מיט אומצופרידנקייט

צעשטערנדיק די שטילקייט פון וואַלד מיט זיין קול, וואָס איז אים אַליין נישט אָנגענעם געווען. — אַצינד שוין באַלד.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס פיגור איז ווידער אַרונטערגעגאַנגען הינטערן קוסט, און לעווין האָט בלויז געזען אַ העל פייערל פון אַ שוועבעלע, וואָס האָט זיך באַלד געביטן אויף אַ רויטער קייל פון אַ פּאַפּיראָס מיט אַ בלוי רויכל.

טשיק! טשיק! האָבן אַ קנאַק געטון די דורך סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אָנגעצויגענע ציינגלעך.

— און דאָס וואָס שרייט? — האָט אָבלאָנסקי געפרעגט, ווענדנדיק לעווינס אויפמערקזאַמקייט אויף אַ צעצויגן שרייען, אַזוי ווי אַ זשרעבּאָקל וואָלט, אַרומטאַנצנדיק, מיט אַ דין קעלעכל געהירזשעט.

— אַ, דאָס ווייסטו נישט? דאָס איז אַ האָז. אָן ער. אָבער גענוג גערעדט! הער, עס פליט! — האָט לעווין כמעט אויסגעשריגן, אָנציענדיק די ציינגלעך.

עס האָט זיך דערהערט אַ ווייטער, דינער פייף און, פונקט אין דעם געוויינלעכן טאַקט, וואָס איז אַזוי באַקאַנט דעם יעגער, אין צוויי סעקונדן אַרום — אַ צווייטער, אַ דריטער, און נאָך דעם דריטן פייף האָט זיך שוין דערהערט אַ כאַרקען.

לעווין האָט אַ וואָרף געטון מיט די אויגן אויף רעכטס, אויף לינקס, און אָט האָט פאַר אים אויף דעם טריביק-בלויען הימל, איבער די זיך צונויפגיסנדיקע צאַרטע שפּראָצלעך פון די אָשינע-שפּיצן זיך באַוויזן אַ פליענדיקער פויגל. ער איז געפלויגן גלייך אויף אים אַרויף; די נאָענטע קלאַנגען פון דעם כאַרקען, ענלעכע צו אַ גלייכמעסיק רייסן פון שטייף געוועב, האָבן זיך דערהערט איבערן סאַמע אויער; עס האָט זיך שוין געזען דער לאַנגער שנאָבל און דער האַלז פונם פויגל, און אין דער מינוט, וואָס לעווין האָט זיך אָנגעצילט, האָט פון הינטערן קוסט אַפער, ווו אָבלאָנסקי איז געשטאַנען, אַ בליאַסק געטון אַ רויטער בליץ, דער פויגל האָט, ווי אַ פייל, זיך אַראָפּגעלאָזט און ווידער אַ שוועב געטון אינדערהייך. ווידער האָט אַ בליאַסק געטון אַ בליץ, און עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל. און קלאַפּנדיק מיט די פליגל, ווי באַמיענדיק זיך צו דערהאַלטן זיך אויף דער לופט, האָט דער פויגל זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַן אויגנבליק און שווער אַ פאַל געטון אויף דער זומפּיקער ערד.

— נישט געטראָפן? — האָט אַ געשריי געטון סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש, וועלכער האָט איבער דעם רויך נישט געזען.

— אָט איז ער! — האָט לעווין געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף לאַסקען; דער הונט האָט, אויפהייבנדיק אַן אויער און הויך פאָכענדיק מיטן שפּיצל פון האָריקן ווידל, מיט אַ לאַנגזאַמען טריט, ווי וועלנדיק פאַרלענגערן דאָס פאַרגעניגן און ווי שמייכלענדיק, צוגעטראָגן דעם דערהרגעטן פויגל צום באַלעבאָס. — נו, עס פרייט מיך, וואָס דיר איז געלונגען, — האָט לעווין געזאָגט, אייבנצייטיק שוין שפּירנדיק אַ געפיל פון קנאה, וואָס נישט אים איז געלונגען צו דערהרגענען דעמדאָזיקן וואַלדשנעפּ.

— מיאוס נישט געטראָפן פון דער רעכטער ריר! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געענטפערט, אָנלאָדנדיק די ביקס. — שש... עס פליט.

באמת, עס האָבן זיך דערהערט דורכדרינגלעכע פייפן, וואָס זענען שנעל נאָכגעקומען איינער נאָכן אַנדערן. צוויי וואַלדשנעפּן, שפּילנדיק זיך, דעריאָגנדיק איינער דעם צווייטן, וואָס האָבן בלויז געפייפט און נישט געכאָרקעט, זענען אָנגעפלויגן אויף די סאַמע קעפּ פון די יעגערס. עס האָבן זיך דערהערט פיר שאָסן, און, ווי שוואַלבן, האָבן די וואַלדשנעפּן זיך שנעל אַ פאַרדריי געגעבן און פאַרשוווּנדן פון בליק.

. . . .

די יאַגד איז געווען אַ הערלעכע. סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט דערהרגעט נאָך צוויי שטיק און לעווין צוויי, פון וועלכע איינעם האָט ער נישט געפונען. עס האָט אָנגעהויבן פינצטער ווערן. די ליכטיקע, זילבערנע ווענערע האָט נידעריק אויף מערב שוין געלויכטן פון הינטער די בערעזעס אָפּער מיט איר צאַרטן גלאַנץ און הויך אויף מזרח האָט שוין געשימערט מיט זיינע רויטע פייערן דער אומעטיקער אַרקטורוס. איבערן קאָפּ בא זיך האָט לעווין געכאַפּט און פאַרלוירן די שטערן פונם שטערן-וואָגן. די וואַלדשנעפּן האָבן שוין אויפגעהערט צו פליען; נאָר לעווין האָט באַשלאָסן נאָך צוצוואַרטן ביז די ווענערע, וועלכע ער האָט געזען נידעריקער פון אַ בערעזע-צווייגל, וועט אַרויפגיין העכער פון דעם צווייגל און ביז די שטערן פונם שטערן-וואָגן וועלן אומעטום דייטלעך זיין. די ווענערע איז שוין אַרויפגעגאַנגען העכער פונם צווייגל, דער שטערן-וואָגן מיט זיין דישעל האָט זיך שוין איינגאַנצן געזען אויפן פינצטער-בלויען הימל, אָבער ער האָט אַלץ נאָך געוואַרט.

— שוין אפשר צייט? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט.

אין וואַלד איז שוין געווען שטיל, און קיין איין פייגעלע האָט זיך נישט גערירט.

— מיר וועלן נאָך שטיין אַ ביסל, — האָט לעווין גע-ענטפערט.

— ווי דו ווילסט.

זיי זענען געשטאַנען אַצינד אַ טריט פינפצען איינער פון אַנדערן.

— סטיוואַ! — האָט פּלוצלינג לעווין געזאָגט. — פאַרוואָס-זשע זאָגסטו מיר נישט, צי דיין שוועגערין האָט חתונה געהאַט אָדער ווען זי האָט חתונה?

לעווין האָט זיך געפילט אַזוי פעסט און רויק, אַז קיין שום ענטפער, האָט ער געמיינט, וואָלט אים נישט געקאָנט צעררודערן. אָבער ער האָט בשום אופן זיך נישט געריכט דערויף, וואָס סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אים געענטפערט.

— אי זי האָט נישט געקלערט, אי זי קלערט נישט חתונה צו האָבן, נאָר זי איז זייער קראַנק און די דאָקטוירים האָבן זי געשיקט קיין אויס-לאַנד. מען האָט אפילו מורא פאַר איר לעבן.

— וואָס רעדסטו! — האָט לעווין אויסגעשריגן. — זי איז זייער קראַנק? וואָס-זשע איז מיט איר? ווי פילט זי זיך...

בשעת זיי האָבן דאָס גערעדט, האָט לאַסקאַ, אָנשפּיצנדיק די אויערן, אַ קוק געטון אינדערהייך אויפן הימל אַרויף און מיט פאַריבל אויף זיי.

„אָט האָבן זיי געפונען אַ צייט צו שמועסן, — האָט זי געקלערט. — און ער פליט... אָט איז ער, אַזוי איז עס טאַקע. זיי לאָזן דורך..." האָט לאַסקאַ געקלערט.

אָבער אין דעם אייגענעם אויגנבליק האָבן ביידע פּלוצלינג דער-הערט אַ דורכדרינגלעכן פייף, וועלכער האָט אַזוי ווי אַ שמיץ געטון זיי איבערן אויער. און ביידע האָבן זיך פּלוצלינג געכאַפּט צו די ביקסן; צוויי בליצן האָבן אַ בליאַסק געטון און צוויי קנאַלן האָבן זיך דערהערט אין איין און דעם זעלבן אויגנבליק. דער הויך פליענדיקער וואַלדשנעפּ האָט אויגנבליקלעך צונויפגעלייגט די פליגל און איז אַראָפּגעפאַלן אין וואַלד אַריין, פאַרבייגנדיק די דינע ריטלעך.

— אויסגעצייכנט! אַ בשותפותדיקער! — האָט לעווין אויסגעשריגן און איז אַוועקגעלאָפן מיט לאַסקאַן אין וואַלד אַריין אָפּזוכן דעם וואַלד-

שנעפּ. „אַך, וועגן וואָס איז דאָס נישט אָנגענעם געווען? — האָט ער זיך דערמאַנט. — יאָ, קיטי איז קראַנק... וואָס־זשע קאָן מען טון, זייער אַ שאָד“, האָט ער געטראַכט.

— אַ, געפונען! אָט אַ כאַכעמעס, — האָט ער געזאָגט, אַרויסנעמענדיק פון לאַסקעס פּיסק דעם װאַרעמען פויגל און אַרײנלייגנדיק אים אין דעם כמעט פולן יאַגדטאַש. — געפונען, סטיוואַ! — האָט ער אַ געשריי געטון.

XVI.

אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט לעווין זיך אויסגעפרעגט אַלע פּרטים וועגן קיטיס קראַנקייט און די שטשערבאַצקיס פּלענער, און הגם ער וואָלט זיך געשעמט מודה צו זיין דערין, איז דאָך דאָס, וואָס ער איז געוויר געוואָרן, אים אָנגענעם געווען. אָנגענעם טאַקע דערפאַר, וואָס עס איז נאָך געווען אַ האָפענונג, און נאָך מער אָנגענעם דערפאַר, וואָס ווי געטון האָט איר, יענער, וואָס האָט אים אַזוי פיל ווי פאַרשאַפט. אָבער ווען סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן די סיבות פון קיטיס קראַנקייט און דערמאַנט ווראָנסקין, האָט אים לעווין איבערגעשלאָגן:

— איך האָב נישט קיין שום רעכט צו וויסן פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, דעם אמת געזאָגט, אויך נישט קיין שום אינטערעס.

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט קוים באַמערקבאַר אַ שמייכל געטון, אויפכאַפּנדיק די אויגנבליקלעכע און אים אַזוי גוט באַקאַנטע ענדערונג אין לעווינס פּנים; ער איז געוואָרן פּונקט אַזוי אומעטיק, וויפיל ער איז מיט אַ מינוט צוריק געווען פריילעך.

— דו האָסט שוין אינגאַנצן פאַרענדיקט וועגן וואַלד מיט ריאַביניגען? — האָט לעווין געפרעגט.

— יאָ, פאַרענדיקט. דער פּרייז איז אַ שיינער, אַכט און דרייסיק טויזנט. אַכט פאָרויס, און דאָס איבעריקע אויף זעקס יאָר. איך האָב מיך לאַנג אַרומגעפּאָרעט מיט דעם, קיינער האָט מער נישט געגעבן.

— דאָס הייסט, דו האָסט אומזיסט אַוועקגעגעבן דעם וואַלד, — האָט לעווין מרה־שחורהדיק געזאָגט.

— דאָס הייסט, פּאַרוואָס־זשע אומזיסט ? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, וויסנדיק, אַז אַצינד וועט אַלץ זיין נישט גוט פאַר לעווינען.

— ווייל דער וואַלד איז ווערט, לכל הפּחות, פינף הונדערט רובל אַ דעסאַטין, — האָט לעווין געענטפערט.

— אַך, גיי הייב אָן מיט די לאַנדווירטן ! — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש וויציק געזאָגט. — דערדאָזיקער ביטול־טאָן אייערער צו אונז שטאָט־לייט !... און אַז ס׳קומט אויס צו מאַכן אַן עסק, מאַכן מיר בעסער. גלייב מיר, אַז איך האָב אַלץ באַרעכנט, — האָט ער געזאָגט, — און דער וואַלד איז זייער במקח פאַרקויפט. אַזוי אַז איך האָב מורא יענער זאָל אפילו נישט חרטה קריגן. דאָס איז דאָך נישט קיין וואַלד פון מאַטעריאַל־האָלץ, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, וועלנדיק מיט דעם וואָרט מ אַ ט ע ר י אַ ל ־ ה אָ ל ץ איינגאַנצן איבערצייגן לעווינען אין דער אומגערעכטיקייט פון זיינע ספקות, — נאָר מער פון ברען־האָלץ. און וועט אַרויסגעבן נישט מער ווי דרייסיק סאַזשען פון אַ דעסאַטין, און ער האָט מיר געגעבן צו צוויי הונדערט רובל.

לעווין האָט ביטולדיק אַ שמייכל געטון. „איך קען דעמדאָזיקן מאַניר, — האָט ער אַ קלער געגעבן, — נישט בלויז פון אים אַליין, נאָר טאַקע פון אַלע שטאָט־איינוווינער, וועלכע פאַרברענגען אַ צוויי מאָל אין צען יאָר אין אַ דאָרף, כאַפּן אויף אַ צוויי דריי דאָרפישע ווערטער און באַנוצן זיי ווו מ׳דאַרף און ווו מ׳דאַרף נישט, פעסט איבערצייגט, אַז זיי ווייסן שוין אַלץ. מ אַ ט ע ר י אַ ל ־ ה אָ ל ץ, אַ ר ו י ס ג ע ב ן ד ר י י ־ ס י ק ס אַ ז ש ע ן. ער רעדט ווערטער, און אַליין פאַרשטייט ער גאָרנישט”.

— איך וועל דיך נישט גיין לערנען דאָס, וואָס דו שרייבסט דאָרט אין אַמט, — האָט ער געזאָגט, — און אויב איך וועל דאַרפן, וועל איך פרעגן בא דיר. און דו ביסט אַזוי זיכער, אַז דו פאַרשטייסט די גאַנצע חכמה וועגן וואַלד. זי איז שווער. דו האָסט איבערגעציילט די ביימער ?

— ווי אַזוי ציילט מען דאָס איבער ביימער ? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש לאַכנדיק געזאָגט, אַלץ וועלנדיק אַרויספירן דעם פריינט פון זיין שלעכטער שטימונג. — איבערציילן זאַמדן, די שטראַלן פון פּלאַנעטן, וואָלט אפילו יאָ אפשר געקאָנט אַ הויכער שכל...

— נו־יאָ, און ריאַבינינס הויכער שכל קאָן. און קיין איין סוחר וועט

ניט קיין אימגעציילט. אויב מען גיט אים נישט אוועק אומזיסט, אזוי ווי דו. דיין וואלד קען איך. איך קום דארט יעדעס יאר אויף יאגד, און דיין וואלד איז ווערט פינף הונדערט רובל מזומן געלט, און ער האט דיר געגעבן צו צוויי הונדערט אויסצוצאלן. הייסט עס, דו האסט אים געשענקט א דרייסיק טויזנט.

— נו, הער אויף צו עקזאלטירן זיך. — האט סטעפאן ארקאדיע־וויטש רחמנותדיק געזאגט: — פארוואס־זשע האט קיינער נישט געגעבן?

— דערפאר, וואס ער איז יד־אחת מיט די סוחרים; ער האט גע־געבן אפטרעט־געלט. איך האב מיט זיי אלץ געהאט צו טון, איך קען זיי. דאס איז דאך נישט קיין סוחרים, נאר אויפקויפערס. ער וועט גארנישט גיין אויף קיין געשעפט, ווו עס שטייט אים נאר צען, פופצן פראצענט, נאר ער ווארט ער זאל קויפן פאר צוואנציק קאפיקעס א רובל.

— נו, גענוג! דו ביסט נישט גוט געשטימט.

— להלוטין נישט, — האט לעווין מרה־שחורהדיק געזאגט, ווען זיי זיינען צוגעפארן צום הויז.

באם גאניק איז שוין געשטאנען א וועגעלע, א שטייף באצויגנס מיט אייזן און לעדער, מיט א זאט פערד, א שטייף איינגעשפאנטס מיט ברייטע רימענס. אויפן וועגעלע איז געזעסן א שטייף אנגעגאסענער מיט בלוט און שטייף ארומגעגארטלטער פארוואלטער, וועלכער האט געדינט אלס קוטשער ריאבינינען. ריאבינין אליין איז שוין געווען אין הויז און האט באגעגנט די פרייַנט אין פארצימער. ריאבינין איז געווען א הויכער, דארער מענטש פון מיטעלע יארן, מיט וואנסעס און מיט א ראזירטער ארויסגערוקטער גאמבע און בולטע טריבע אויגן. ער איז געווען אנגעטון אין א בלויען סורדוט מיט לאנגע פאלעס, מיט קנעפלעך נידעריקער פונם הינטן, און אין הויכע אויף די קנעכלעך געקנייטשטע און אויף די ליטקעס גלייכע שטיוול, אויף וועלכע עס זענען געווען אנגעטון גרויסע קאלאשן. ער האט זיך קיילעכיק ארומגעווישט זיין פנים און, פארקנעפלענדיק דעם סורדוט, וועלכער האט זיך אן דעם אויך זייער גוט געהאלטן, האט ער מיט א שמייכל באגריסט די אריינגעקומענע, אויסשטרעקנדיק סטעפאן אר־קאדיעוויטשן די האנט, ווי ער וואלט געוואלט כאפן עפעס.

— נו, אט זענט איר אויך געקומען, — האט סטעפאן ארקאדיע־וויטש געזאגט, דערלאנגענדיק אים די האנט. — אויסגעצייכנט.

— איך האב נישט געוואגט נישט הארכן די באפעלן פון אייער דורכלויכט, כאטש דער וועג איז זייער שלעכט. בפירוש דעם גאנצן וועג

צופיס געגאנגען, אָבער געקומען צום טערמין. קאָנסטאַנטין דמיטריטש, מיין אכטונג, — האָט ער זיך געווענדט צו לעווינען. באַמיענדיק זיך צו כאַפּן אויף זיין האַנט. אָבער לעווין האָט, אַנכמורענדיק זיך, געמאַכט אַ מינע, אַז ער באַמערקט נישט זיין האַנט, און האָט אַרויסגענומען די וואַלד־שנעפּן. — איר האָט באַוויליקט צו פאַרוויילן זיך אַ ביסל מיט יאַגד? דאָס, הייסט עס, וואָס פאַר אַ פויגל וועט זיין? — האָט ריאַבינין צוגעגעבן, מיט ביטול קוקנדיק אויף די וואַלדשנעפּן: — באַטעמט, הייסט עס, איז ער. — און ער האָט אומצופרידן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַזוי ווי שטאַרק צווייפלענדיק דערין, אַז דאָסדאָזיקע עסק זאָל ווערט זיין די טרחה.

— ווילסט אַריינגיין אין קאַבינעט? — האָט לעווין, אומעטיק כמו־רענדיק זיך, אויף פראַנצויזיש געזאָגט צו סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן. — גייט אַריין אין קאַבינעט, וועט איר זיך דאָרט דורכרעדן.

— מען קאָן זייער, וווהין איר ווילט, — האָט מיט ביטולדיקער חירדע ריאַבינין געזאָגט, אַזוי ווי וועלנדיק געבן צו פילן, אַז פאַר אַנ־דערע קאָנען זיין שוועריקייטן, ווי אַזוי און מיט וועמען זיך צו באַ־גיין, נאָר פאַר אים קאָנען קיינמאָל און אין גאָרנישט נישט זיין קיין שווערייקייטן.

אַריינגעקומען אין קאַבינעט, האָט ריאַבינין פון געוווינהייט זיך אַרומגעקוקט, אַזויווי זוכנדיק דאָס הייליקע בילד, אָבער, געפינענדיק עס, האָט ער זיך נישט איבערגעצלמט. ער האָט באַקוקט די שענק און פּאָלי־צעס מיט ביכער און מיטן זעלבן ספק, ווי בנוגע די וואַלדשנעפּן, האָט ער ביטולדיק אַ שמייכל געטון און אומצופרידן אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ, שוין בשום אופן נישט דערלאָזנדיק, אַז דאָסדאָזיקע עסק זאָל ווערט זיין די טרחה.

— וואָס־זשע, איר האָט געבראַכט דאָס געלט? — האָט אָבלאָנסקי געפרעגט. — זעצט אייך.

— וועגן געלט וועט קיין מניעה נישט זיין. זען זיך, איבערשמועסן בין איך געקומען.

— וועגן וואָס־זשע איבערשמועסן? זעצט אייך.

— דאָס קאָן מען, — האָט ריאַבינין געזאָגט, זעצנדיק זיך און אויפן פּיינלעכסטן פאַר אים אופן זיך אָנשפּאַרנדיק מיטן עלנבויגן אויפן אָנלען פון פאָטעל. — נאָכלאָזן דאַרף מען, פירשט. אַן עבירה וועט זיין.

און דאָס געלט איז ענדגילדיק גרייט, ביז איין קאָפּיקע. איבער געלט איז נישטאָ קיין מניעה.

לעווין, וועלכער האָט דערווייל אַריינגעשטעלט די ביקס אין דער שאַנק, איז שוין אַרויסגעגאַנגען פון דער טיר, אָבער, דערהערנדיק דעם סוחרס רייד, זיך אָפּגעשטעלט.

— איר האָט אַזוי אויך דעם וואַלד בחינם גענומען, — האָט ער געזאָגט. — ער איז צו שפּעט צו מיר געקומען, אַנישט וואָלט איך געהען דעם פּרייז באַשטימט.

ריאַבינין איז אויפגעשטאַנען און שווייגנדיק מיט אַ שמייכל אַ קוק געטון פון אונטן אַרויף אויף לעווינען.

— זייער קאַרג קאָנסטאַנטין דמיטריטש, — האָט ער געזאָגט, מיט אַ שמייכל ווענדנדיק זיך צו סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן, — אוממעגלעך עפּעס צו קויפן. איך האָב געדונגען דעם ווייץ, שיין געלד געגעבן.

— פאַרוואָס זאָל איך אייך דאָס מייניקע בחינם אַוועקגעבן? איך האָב עס דאָך נישט אויף דער ערד געפונען און נישט געגנבעט.

— אַנטשולדיקט, היינטיקע צייטן איז גנבענען לחלוטין אוממעגלעך. אַלץ פאַלט היינטיקע צייטן אַרונטער אונטערן געריכט, אַלץ איז היינט אָנשטענדיק; נישט שייך צו גנבענען. מיר האָבן גערעדט אויף נאמנות. דער פּרייז איז אַ צו טייערער פאַרן וואַלד, דער חשבון האַלט נישט אויס. איך בעט כאָטש עפּעס נאָכצולאָזן.

— צי איז דאָס עסק פאַרענדיקט בײַ אייך אָדער נישט, אויב פאַרענדיקט, איז זיך נישטאָ וואָס צו דינגען, און אויב נישט פאַרענדיקט, — האָט לעווין געזאָגט, — קויף איך דעם וואַלד.

דער שמייכל איז פּלוצלינג פאַרשוווּנדן פון ריאַבינינס פּנים. אַן אויסדרוק פון אַ שפּאַרבער, אַ ווילדער און אכזריותדיקער, האָט זיך באַוויזן דערויף. ער האָט מיט פלינקע ביינערנע פינגער אויפגעקנעפּלט דעם סורדוט, אויפדעקנדיק דאָס אַריבערגעלאָזטע העמד, די מעשענע קנעפּלעך פון דער וועסט מיטן קייטעלע פון זייגער און שנעל אַרויסגענומען אַ גראָבן אַלטן טייסטער.

— ביטע, דער וואַלד איז מיין, — האָט ער אַ זאָג געטון, שנעל זיך איבערגעצלמט און אויסגעשטרעקט די האַנט. — נעמט געלט, דער וואַלד איז מיין. אַט ווי אַזוי ריאַבינין האַנדלט, און נישט גראָשנס

ציילן, — האָט ער א זאָג געטאָן, כמורעדיק זיך און פּאַכענדיק מיטן טייסטער.

— איך אויף דיין װאָרט װאָלט מיך נישט געאײלט, — האָט לעװין געזאָגט.

— אנטשולדיק, — האָט אָבלאָנסקי מיט פאַרװוּנדערונג געזאָגט, — איך האָב דאָך געגעבן א װאָרט.

לעװין איז אַרױסגעגאַנגען פון צימער מיט א קלאַפּ פון דער טיר. ריאַבינין, קוקנדיק אויף דער טיר, האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַלץ די יוגנט, ענדגילטיק קינדישקייט אַלץ. איך קויף דאָך, גלייבט מיר אויף די נאמנות, סתם אַזוי, הייסט עס, בלויז אויף רום, אַז אָט האָט ריאַבינין, און נישט עמעצער אַנדערש בא אָבלאָנסקין דעם װאַלד געקויפט. און אויב גאָט װעט נאָך העלפן, דער חשבון װעט אויסהאַלטן. בנאמנות. ביטע, א שטיקל אָפּמאַך אָנשרייבן...

אין א שעה אַרום האָט דער סוחר, פינקטלעך פאַרקנעפּלענדיק זיין כאַלאַט און פאַרהאַקלענדיק די הוקלען פון סורדוט, מיטן אָפּמאַך אין קעשענע, זיך אַריינגעזעצט אין זיין פעסט געקאָװעט װעגעלע און איז אַהיימגעפאָרן.

— אָך, דידאָזיקע פריצים! — האָט ער געזאָגט דעם פּראָװאַלטער: — איין צרה.

— ס'איז װי ס'טרעפט, — האָט דער פּראָװאַלטער געענטפערט, איבערגעבנדיק די לייצן און פאַרקנעפּלענדיק דאָס לעדערנע פאַרטוך. — און מיטן קניהלע, מיכאַיל איגנאַטיטש?

— נו, נו...

XVII.

סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש איז, מיט אַן אָנגעשטאָפּטער קעשענע פון די סעריעס, װעלכע דער סוחר האָט אים געגעבן פאַר דריי חדשים פאָרױס, אַרױפגעגאַנגען אינדערהייך. דאָס עסק מיטן װאַלד איז געװען פאַרענדיקט, דאָס געלט אין קעשענע, די יאָגד איז געװען אַן אויסגעצייכנטע, און סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש האָט זיך געפונען אין פרײלעכסטן געמיט-צושטאַנד, דעריבער האָט זיך אים באַזונדערס געװאָלט צעשטרייען די שלעכטע

שטימונג, וואָס איז באַפאַלן לעווינען. אים האָט זיך געוואָלט פאַרענדיקן דעם טאָג באַם נאָכטעסן פונקט אַזוי אָנגענעם, ווי ער איז אָנגעהויבן געוואָרן.

באמת, לעווין איז געווען נישט גוט געשטימט און, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצן פאַרלאַנג צו זיין צערטלעך און ליבלעך מיט זיין ליבן גאַסט, האָט ער נישט געקאָנט זיך גובר זיין, די באַרוישונג פון דער ידיעה וועגן דעם, אַז קיטי האָט נישט חתונה געהאַט, האָט אים ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו צענעמען.

קיטי האָט נישט חתונה געהאַט און איז קראַנק, און איז קראַנק פון ליבע צו אַ מענטש, וועלכער האָט זיך געוואָרפן מיט איר. דידאָזיקע באַליידיקונג איז אַזוי ווי געפאַלן אויף אים. וורא‌נסקי האָט זיך געוואָרפן מיט איר, און זי האָט זיך געוואָרפן מיט אים, לעווינען. בכן, האָט ווראָנסקי אַ רעכט געהאַט צו פאַראַכטן לעווינען און איז דעריבער געווען זיין שונא. אָבער דאָס אַלץ האָט לעווין נישט געטראַכט. ער האָט בעפּלהאָפּט גע־פילט, אַז אין דעם איז דאָ עפּעס אַ באַליידיקונג פאַר אים, און איז ביז געווען אַצינד נישט דערויף, וואָס האָט אים צערודערט, נאָר האָט זיך געטשעפּעט צו אַלעם, וואָס ס'איז אונטערגעקומען. דאָס נאַרישע פאַרקויפן דעם וואַלד, דער שווינדל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אָב־לאָנסקין און וועלכער איז פאָרגעקומען באַ אים אין הויז, האָט אים צערייצט.

— נו, האָסט פאַרענדיקט? — האָט ער געזאָגט, טרעפנדיק אינ־דערהייך סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן. — ווילסט עסן אָוונטברויט?

— יאָ, איך וועל מיך נישט אָפּזאָגן. וואָס פאַר אַן אַפּעטיט איך האָב אין דאָרף, וווּנדערבאַר! פאַרוואָס־זשע האָסטו ריאַבינינען נישט פאַר־געלייגט עפּעס צו עסן?

— אַ, כאַפּט אים דער טייוול!

— פונדעסטוועגן, ווי אַזוי באַגייסטו זיך מיט אים! — האָט אָב־לאָנסקי געזאָגט. — דו האָסט אים אפילו די האַנט נישט דערלאַנגט. פאַר־וואָס־זשע האָסטו אים נישט דערלאַנגט די האַנט?

— דערפאַר, וואָס איך וועל אַ לאַקיי נישט דערלאַנגען די האַנט, און אַ לאַקיי איז טויזנט מאָל בעסער פון אים.

— וואָסער רעטראָגראַד דו ביסט פונדעסטוועגן! און דאָס צונויפ־גיסן זיך פון די קלאַסן! — האָט אָבלאָנסקי געזאָגט.

— ווען עס איז אָנגעגעם זיך צונויפצוגיסן — געזונטערהייט, און מיר איז דערווידער.

— דו, זע איך, ביסט גאָר א רעטראָגראַד.

— כ׳לעבן, איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, ווער איך בין. איך בין — קאָנסטאַנטין לעווין, מער גאָרנישט.

— און קאָנסטאַנטין לעווין, וועלכער איז זייער נישט גוט געשטימט, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש שמייכלענדיק געזאָגט.

— יאָ, איך בין נישט גוט געשטימט און ווייסטו פון וואָס? פון, אַנטשולדיק מיר, דיין נאַרישן פאַרקויף...

סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש האָט גוטמוטיק זיך פאַרקרומט, ווי אַ מענטש, וועלכן מען באַליידיקט און מען צערודערט אומשולדיק.

— נו, גענוג, — האָט ער געזאָגט. — ווען איז דאָס געשען, אַז עמעצער זאָל עפּעס פאַרקויפן און מען זאָל אים נישט באַלד נאָכן פאַרקויפן זאָגן: „דאָס איז אַ סך מער ווערט?‟ און כּל־זמן מען פאַרקויפט, גיט קיינער נישט... ניין, איך זע, אַז דו האָסט אַ בייז האַרץ אויף דעם אומגליקלעכן ריאַבינינען.

— אפשר האָב איך טאַקע. און דו ווייסט פאַרוואָס? דו וועסט ווידער זאָגן, אַז איך בין אַ רעטראָגראַד אָדער נאָך עפּעס אַ שרעקלעך וואָרט; נאָר פונדעסטוועגן איז מיר אַ פאַרדראָס און אַ באַליידיקונג צו זען די פאַראָרעמונג, וואָס קומט פאָר אין אַלע זייטן. פונם אַדל, צו וועלכן איך געהער און וואָס, נישט געקוקט אויפן צונויפגיסן זיך פון די שטאַנדן, עס פרייט מיך זייער, וואָס איך געהער... און אַ פאַראָרעמונג נישט אויס לוקסוס. דאָס וואָלט נישט געשאַדט; אַ לעב טון פּריציש — דאָס איז אַן אַדעליקער ענין, דאָס קאָנען בלויז אַדללייט. אַצינד קויפן די פויערן אַרום אונז אָפּ די ערד, — דאָס אַרט מיך נישט. דער פּריץ טוט גאָרנישט, דער פויער אַרבעט און שטויסט אַרויס דעם ליידיקגייער. אַזוי דאַרף זיין. און איך בין זייער צופרידן מיטן פויער. נאָר מיר איז פאַרדראָסיק צו קוקן אויף דערדאָזיקער פאַראָרעמונג איבער עפּעס אַזאַ, כ׳ווייס נישט ווי אַזוי אָנצורופן, אַזאַ אומשולדיקייט. דאָ האָט אַן אַרענדאַר, אַ פּאָליאַק, געקויפט פאַר אַ האַלבן פּרייז בײַ אַ פּריצה, וואָס זיצט אין ניצאַ, אַ וווּנדערבאַר גוט. דאָ גיט מען אַוועק אַ סוחר אין אַרענדע פאַר אַ רובל אַ דעסיאַטין ערד, וואָס איז ווערט צען רובל. דאָ האָסטו, אָן יעדער סיבה, אַוועקגעשענקט דעמדאָזיקן שווינדלער דרייסיק טויזנט.

— איז וואָס-זשע? ציילן יעדן בוים?

— אומבאַדינגט ציילן. װאָרים אָט האָסטו נישט געציילט, און ריאַבינין האָט יאָ געציילט. ריאַבינינס קינדער װעלן האָבן מיטלען צו לעבן און צו בילדן זיך, און דיינע, אפשר, נישט.

— נו, אַנטשולדיק מיר, אָבער עס איז דאָ עפּעס קליינלעכס אין דעמדאָזיקן ציילן. מיר האָבן אונזערע עסקים, זיי זייערע, און זיי דאַרפן אויך פאַרדינען. נו, איבעריקנס, די זאַך איז אָפּגעטון, און אַ סוף. און אָט איז אויך דאָ אַ געפּרעגלטס, אַזאַ יאַיעטשניצע האָב איך צומיינסט ליב. און אַגאַפיאַ מיכאַילאָװנאַ װעט אונז נאָך געבן דעמדאָזיקן װונדערבאַרן געשטעלטן בראָנפן אַ ביסעלע...

סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש האָט זיך געזעצט צום טיש און אָנגעהויבן שפּאַסן מיט אַגאַפיאַ מיכאַילאָװנאַ, פאַרזיכערנדיק זי, אַז אַזאַ מיטאָג און אָװנטברויט האָט ער שוין לאַנג נישט געגעסן.

— אָט, איר לויבט כאָטש, — האָט אַגאַפיאַ מיכאַילאָװנאַ געזאָגט, — און קאָנסטאַנטין דמיטריטש, װאָס דו זאָלסט אים נישט דערלאַנגען, כאָטש ברויט אַ שטיקל האַרטס, — איז אָפּגעגעסן און אַװעקגעגאַנגען.

װיפיל לעװין האָט זיך נישט באַמיט זיך גובר צו זיין, איז ער געװען אומעטיק און שװייגנדיק. ער האָט געדאַרפט שטעלן איין פראַגע סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטשן, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן און האָט נישט געפונען נישט די פאָרם, נישט די צייט, װי אַזוי און װען זי צו שטעלן. סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש איז שוין געהאַט אַראָפּגעגאַנגען צו זיך אונטן, האָט זיך אויסגעטון, װידער זיך אָפּגעװאַשן, זיך אָנגעטון אַ געפּעלבט נאַכט-העמד און זיך געלייגט, און לעװין איז אַלץ געבליבן בא אים אין צימער, רעדנדיק װעגן פאַרשידענע קלייניקייטן און נישט זייענדיק בכוח צו פרעגן, װאָס ער האָט געװאָלט.

— װי װוּנדערלעך מען מאַכט דאָס זייף, — האָט ער געזאָגט, באַקוקנדיק און אויפוויקלענדיק דאָס שמעקעדיקע שטיקל זייף, װעלכעס אַגאַפיאַ מיכאַילאָװנאַ האָט צוגעגרייט פאַרן גאַסט, נאָר װעלכעס אָבלאָנסקי האָט נישט באַנוצט. — דו גיב נאָר אַ קוק, װאָס איז דאָך אַ קונסטװערק.

— יאָ, אַלץ איז איצטער זייער פאַרפולקאָמט געװאָרן, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעװיטש געזאָגט, פייכט און גליקזעליק שמייכלענדיק. — די טעאַטערס, למשל, און די דאָזיקע פאַרװייליגונגס-הייזער... אַ-אַ-אַ! — האָט ער געגענעצט. — עלעקטרישע ליכט אומעטום... אַ-אַ!

— יאָ, עלעקטרישע ליכט, — האָט לעװין געזאָגט. יאָ. נו, און װו

איז ווראָנסקי אַצינד? — האָט ער געפרעגט, פּלוצלינג אָוועקלייגנדיק דעם זייף.

— ווראָנסקי? — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש געזאָגט, אויפהערנדיק צו גענעצן: — ער איז אין פּעטערבורג. ער איז אָוועקגעפאָרן באַלד נאָך דיר און איז דערנאָך קיין איינמאָל נישט געווען אין מאָסקווע. און ווייסט, קאָסטיאַ, איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, — האָט ער ווייטער גערעדט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן עלנבויגן אויפן טיש און אַרויפלייגנדיק אויף דער האַנט זיין שיין רויט פּנים, פון וועלכן עס האָבן, ווי שטערן, אַרויסגצלויכטן, בוימלדיקע, גוטע און שלעפעריקע אויגן. — דו ביסט אַליין שולדיק געווען. דו האָסט דיך דערשראָקן פאַר אַ קאָנקורענט. און איך, ווי איך האָב דיר אויך דעמאָלט געזאָגט, כ'ווייס נישט, אויף וועמעס זייט עס איז געווען מער שאַנסן. פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען אויף קיין אָנגריף? איך האָב דיר געזאָגט דעמאָלט, אַז... — ער האָט אַ גענעץ געטון בלויז מיט די ליפּן, נישט עפענענדיק דאָס מויל.

„צי ווייסט ער אָדער ווייסט נישט, אַז איך האָב געמאַכט אַ פאָרשלאַג? — האָט לעווין אַ קלער געטון, קוקנדיק אויף אים. — יאָ, עפּעס איז דאָ אַ כיטרעקייט, אַ דימפּלאָמאַטישקייט אין זיין פּנים", און, פילנדיק, אַז ער ווערט רויט, האָט ער שווייגנדיק גלייך געקוקט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשן אין די אויגן אַריין.

— אויב עס איז דעמאָלט געווען עפּעס פון איר זייט, איז דאָס געווען אַן עקזאַלטירן זיך מיט דער אויסערלעכקייט, — האָט אָבלאָנסקי פאָרגעזעצט. — דערדאָזיקער, ווייסטו, פולשטענדיקער אַריסטאָקראַטיזם און די קינפטיקע לאַגע אין דער הויכער געזעלשאַפט האָבן געווירקט נישט אויף איר, נאָר אויף דער מוטער.

לעווין האָט זיך אָנגעכמורעט. די באַליידיקונג פון דעם אָפּזאָג, דורך וועלכער ער איז דורכגעגאַנגען, האָט ווי אַ פרישע, נאָר־וואָס באַקומענע וווּנד אים אַ ברען געטון אין האַרץ. אָבער ער איז געווען אינדערהיים, און אינדערהיים העלפן די ווענט צו.

— וואַרט־צו, וואַרט־צו, — האָט ער אַרויסגערעדט, איבערשלאָגנדיק אָבלאָנסקין. — דו זאָגסט: דער אַריסטאָקראַטיזם. אָבער דערלויב דיך צו פרעגן, אין וואָס עס באַשטייט דערדאָזיקער אַריסטאָקראַטיזם פון ווראָנסקין אָדער פון וועמען עס זאָל נישט זיין, — אַזאַ אַריסטאָקראַטיזם, אַז מען זאָל זיך קאָנען וואַרפן מיט מיר? דו האַלטסט ווראָנסקין פאַר אַן אַריסטאָקראַט, אָבער איך נישט. אַ מענטש, וואָס זיין פאָטער איז אַרויסגעקראָכן

פון גאָרנישט מיט דער הילף פון אינטריגע, וואָס דיין מוטער איז, גאָט ווייסט, מיט וועמען נישט געווען אין באַציונגען... ניין, אַנטשולדיק מיר שוין, נאָר איך האַלט פאַר אַן אַריסטאָקראַט זיך און מענטשן ענלעכע צו מיר, וועלכע קאָנען אין דער פאַרגאַנגענהייט אָנווייזן אויף אַ דריי-פיר אָרנטלעכע פאַמיליען-דורות, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער העכסטער שטופע פון בילדונג (טאַלאַנט און שכל — איז אַ באַזונדערע זאַך), און וועלכע האָבן קיינמאָל פאַר קיינעם זיך נישט דערנידעריקט, קיינמאָל אין קיינעם זיך נישט געניי[ט]יקט, ווי עס האָבן געלעבט מיין פאָטער, מיין זיידע. און איך קען אַ סך אַזעלכע. דיר זעט אויס נידעריק, וואָס איך צייל די ביימער אין וואַלד, און דו שענקסט אַוועק דרייסיק טויזנט ריאַבינינען; נאָר דו וועסט באַקומען אַן ארענדע און כ'ווייס נישט וואָס נאָך, און איך וועל נישט באַקומען און דעריבער האַלט איך טייער דאָס גע-ירשנטע און פאַרהאָרעוועטע... מיר זענען אַריסטאָקראַטן, און נישט יענע, וועלכע קאָנען עקזיסטירן בלויז דורך נדבות פון מעכטיקע אויף דער וועלט און וועלכע מען קאָן אָפּקויפן פאַר אַ צוואַנציקערל.

— אָבער אויף וועמען דייטסטו אָן? איך בין מיט דיר מסכים, — האָט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אויפריכטיק און הייטער געזאָגט, הגם ער האָט געפילט, אַז אונטערן נאָמען פון די, וועמען מען קאָן קויפן פאַר אַ צוואַנ-ציקערל, מיינט לעווין אויך אים. לעווינס אויפרודערונג איז אים אויפ-ריכטיק געפעלן. — וועמען מיינסטו? הגם אַ סך איז נישט אמת, וואָס דו זאָגסט וועגן וורָאָנסקין, אָבער איך רעד נישט וועגן דעם. איך זאָג דיר אָפן: איך אויף דיין אָרט וואָלט געפאָרן מיט מיר קיין מאָס-קווע און...

— ניין, איך ווייס נישט, צי דו ווייסט אָדער נישט, נאָר מיר איז אַלץ איינס. און איך וועל דיר זאָגן: איך האָב געמאַכט אַ פאָרשלאָג און באַקומען אַן אָפּזאָג, און קאַטערינאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ איז פאַר מיר אַצינד אַ שווערע און שענדלעכע דערינערונג.

— פאַרוואָס? נאַדיר אַן אומזין!

— אָבער לאָמיר נישט רעדן. אַנטשולדיק מיר, איך בעט דיך, אויב איך בין געווען גראָב מיט דיר, — האָט לעווין געזאָגט. אַצינד, האָבנדיק אַלץ אַרויסגעזאָגט, איז ער ווידער געוואָרן דער אייגענער, ווי ער איז געווען אינדערפרי. — די ביסט נישט בייז אויף מיר, סטיוואַ? איך בעט דיך, זיי נישט בייז, — האָט ער געזאָגט און, שמייכלענדיק, אים אָנגענו-מען בײַ דער האַנט.

— אָבער ניין, לחלוטין נישט, און עס איז נישטאָ פאַרוואָס. עס פרייט מיך, וואָס מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט. און דו ווייסט, די פאַרטאָגעדיקע יאַגד איז שטענדיק גוט. אפשר זאָלן מיר פאָרן? איך וואָלט אַזוי גאָרנישט געשלאָפן, און גלייך פון דער יאַגד אויף דער סטאַציע.

— אויסגעצייכנט.

XVIII.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ווראָנסקיס גאַנצע אינערלעכע לעבן איז אָנגעפולט געווען מיט זיין ליידנשאַפט, האָט דאָס אויסערלעכע לעבן זייגס אומפאַרענדערלעך און אָן אָפּהאַלט זיך געקייקלט איבער די פריערדיקע געוויינלעכע רעלסן פון זיינע הויכוועלטישע און מיליטערישע באַציונגען און אינטערעסן. די פולק-אינטערעסן האָבן פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין ווראָנסקיס לעבן — אי דערפאַר, וואָס ער האָט ליב געהאַט דאָס פולק, און נאָך מער דערפאַר, וואָס מען האָט אים ליב געהאַט אין פולק. אין פולק האָט מען נישט בלויז ליב געהאַט ווראָנסקין, נאָר מען האָט אים געשעצט און שטאָלצירט מיט אים, שטאָלצירט מיט דעם, וואָס דערדאָזיקער מענטש, אַן אומגעהייער רייכער, מיט גלענצנדער בילדונג און פעיקייטן, מיט אַן אָפענעם וועג צו אַלערליי מינים דערפאָלג, כבוד און באַרימעריי, האָט זיך געהאָרפן מיט דעם אַלעם און פון אַלע לעבנס-אינטערעסן בענטער פון אַלץ זיך גענומען צום האַרץ די אינטערעסן פון פולק און פון חברשאַפט. ווראָנסקי האָט געוווסט פון דעמדאָזיקן בליק אויף זיך פון די חברים און, חוצדעם וואָס ער האָט ליב געהאַט דאָסדאָזיקע לעבן, האָט ער זיך געפילט פאַרפליכטעט אונטערצוהאַלטן דעם בליק, וואָס האָט זיך געשאַפן וועגן אים.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער האָט נישט גערעדט מיט קיינעם פון די חברים וועגן זיין ליבע, זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט קיין וואָרט אויך בשעת די סאַמע שטאַרקסטע קערמעשלעך (אגב, ער איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי שכור, אַז ער זאָל פאַרלירן די הערשאַפט איבער זיך) און פלעגט פאַרשטופן דאָס מויל יענע פון די לייכטזיניקע חברים, וועלכע פלעגן אים פרווון אָנדייטן אויף זיין פאַרבינדונג. אָבער, נישט געקוקט דערויף, איז זיין ליבע באַקענט געווען דער גאַנצער שטאָט: אַלע האָבן

זיך מער אַדער ווייניקער ריכטיק משער געווען וועגן זיינע באַציִונגען צו דער קאַרענינאַ. דאָס רוב יונגעלייט האָבן אים מקנא געווען גראָד מיט דעם, וואָס ס'איז געווען דאָס סאַמע שווערסטע אין זיין ליבע, — מיט קאַרענינס הויכער שטעלונג און דעריבער מיט דער אָנזעעוודיקייט פון דערדאָזיקער פאַרבינדונג אין די הויכע קרייזן.

די מערהייט יונגע פרויען, וואָס האָבן מקנא געווען אַננען, וועלכע עס איז שוין לאַנג דערעסן געוואָרן דאָס, וואָס מען ר ו פ ט ז י ע ר ל ע כ ע, האָבן זיך געפרייט מיט דעם, וואָס זיי האָבן באַהויפּטעט. און געוואַרט בלויז אויף אַ באַשטעטיקונג פון דער געענדערטער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, כדי זיך אַ וואַרף צו טון אויף איר מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זייער פאַראַכטונג. זיי האָבן שוין צוגעגרייט די שטיקער בלאָטע, וועלכע זיי וועלן וואַרפן אויף איר, ווען די צייט וועט קומען. די מערהייט עלטערע מענטשן און הויכגעשטעלטע לייט זענען נישט געווען צופרידן פון דעם זיך גרייטנדיקן געזעלשאַפטלעכן סקאַנדאַל.

ווראָנסקיס מוטער, געוויר ווערנדיק וועגן זיין פאַרבינדונג, איז אין אָנהייב געווען צופרידן — אי דערפאַר, וואָס קיין שום זאַך האָט, לויט אירע באַגריפן, נישט געקאָנט צוגעבן די לעצטע פאַרפערטיקונג אַ גלענצענדן יינגמאַן, ווי אַ זאַ פאַרבינדונג אין די העכסטע קרייזן, אי דערפאַר, וואָס די איר אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרענע קאַרענינאַ, וואָס האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן איר זון, איז פונדעסטוועגן אויך אַזעלכע, ווי אַלע שיינע און אָנשטענדיקע פרויען, לויט די באַגריפן פון דער גרעפין ווראָנסקאַיאַ. אָבער די לעצטע צייט איז זי געוויר געוואָרן, אַז דער זון האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּאָסטן, וואָס מען האָט אים פאָרגעלייגט און וועלכער איז וויכטיק געווען פאַר דער קאַריערע, בלויז צוליב דעם, כדי צו בלייבן אין פּולק, ווו ער קאָן זיך זען מיט דער קאַרענינאַ, זי איז געוויר געוואָרן, אַז די הויכגעשטעלטע פּערזאָנען זענען פאַר דעם נישט צופרידן פון אים. און זי האָט געביטן איר מיינונג. עס איז איר אויך נישט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס לויט אַלעם, וואָס זי איז געוויר געוואָרן וועגן דערדאָזיקער פאַרבינדונג, איז דאָס נישט געווען יענע גלענצנדע, גראַציעזע אַריסטאָקראַטישע פאַרבינדונג, פון וועלכער זי וואָלט צופרידן געווען, נאָר עפּעס אַ ו ע ר ט ע ר י ש ע, פאַרצווייפלטע ליידנשאַפט, וועלכע האָט אים געקאָנט אַריינשלעפּן אין נאַרישקייטן. זי האָט אים נישט געזען זינט זיין אומגעריכטן אָוועקפאָר פון מאָסקווע און האָט דורכן עלטערן זון געפאָדערט, אַז ער זאָל קומען צו איר.

דער עלטערער ברודער איז אויך געווען נישט צופרידן פון יינגערן. ער האָט נישט פונאַנדערגעקליבן, וואָסער ליבע דאָס איז: אַ גרויסע אָדער קליינע, אַ ליידנשאַפטלעכע אָדער נישט ליידנשאַפטלעכע, אַ דויערהאַפטע אָדער נישט דויערהאַפטע (ער אַליין, האָבנדיק קינדער, האָט אויסגעהאַלטן אַ טענצערין און איז דעריבער מילד געווען צו דעם). נאָר ער האָט געוווסט, אַז דיזאָזיקע ליבע געפעלט נישט די, וועמען מען דאַרף געפעלן, און איז דעריבער געווען נישט צופרידן פון ברודערס אויפפירונג.

חוץ די עסקים פון דער דינסט און פון דער הויכער געזעלשאַפט, האָט ווראָנסקי געהאַט נאָך אַ באַשעפטיקונג — פערד, אויף וועלכע ער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער ליבהאָבער.

אין הייגטיקן יאָר טאַקע זענען באַשטימט געווען אָפיציר-געיעגן מיט שטערונגען. ווראָנסקי האָט זיך פאַרשריבן אויף די געיעגן, האָט געקויפט אַן ענגלישע ראַסאָווע קאָבילע און, נישט געקוקט אויף זיין ליבע, איז ער געווען ליידנשאַפטלעך, הגם איינגעהאַלטן אריינגעצויגן אין די פאָרשטייענדע געיעגן.

דיזאָזיקע ביידע ליידנשאַפטן האָבן נישט געשטערט איינע דער צווייטער. פאַרקערט, אים איז נייטיק געווען באַשעפטיקונג און עקזאַלטאַציע, אומאָפּהענגיק פון זיין ליבע, בּאַ וועלכע ער האָט זיך אויפגעפרישט און אָפּגערוט פון די איינדרוקן, וואָס האָבן אים צו שטאַרק אויפגערעגט.

XIX.

אין טאָג פון די קראַסנאָסעלסקער געיעגן איז ווראָנסקי פריער ווי געווינלעך געקומען אָפּעסן דעם בעפשטיק אין דעם אַלגעמיינעם זאַל אריין פונם פּולק-קאָזינאָ. ער האָט נישט געדאַרפט זייער שטרענג צו נערן זיך, ווייל זיין וואָג האָט פונקט זיך געגלייכט מיט די באַשטימטע פיר און אַ האַלבן פוד; נאָר מען האָט אויך געדאַרפט נישט דיק ווערן, און דערפאַר האָט ער אויסגעמיטן טייג און זיסע זאַכן. ער איז געזעסן אין אַ צעשפיליעטן איבער דער ווייסער וועסט סורדוט, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש, און, וואַרטנדיק אויפן באַשטעלטן בעפשטיק, האָט

ער געקוקט אין אַ פראַנצויזישן ראָמאַן, וואָס איז געלעגן אויף אַ טעלער. ער האָט געקוקט אין בוך אריין בלויז צוליב דעם, כדי נישט צו רעדן מיט די אַריינגייענדיקע און ארויסגייענדיקע אָפיצירן, און געטראַכט.

ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַז אַננאַ האָט אים צוגעזאָגט צו זעען זיך מיט אים היינט נאָך די געיעגן. אָבער ער האָט זי נישט געזעען שוין דריי טעג און צוליב דעם מאַנס צוריקקומען פון אויסלאַנד נישט געוווּסט, צי דאָס איז היינט מעגלעך אָדער נישט; ער האָט אויך נישט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס געוויר צו ווערן. ער האָט זיך געזעען מיט איר דאָס לעצטע מאָל אויף דער דאַטשע בײַ דער קוזינע בעטסי. אויף דער דאַטשע אָבער פון די קאַרענינס פלעגט ער פאָרן ווי מעגלעך זעלטענער. אַצינד האָט ער געוואָלט פאָרן אַהין און האָט באַטראַכט די פראַגע: „ווי אַזוי דאָס צו טון?"

„פאַרשטייט זיך, איך וועל זאָגן, אַז בעטסי האָט מיך געשיקט פרעגן, צי זי וועט קומען אויף די געיעגן. פאַרשטייט זיך, איך וועל פאָרן", האָט ער בײַ זיך באַשלאָסן, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון בוך. און, לעבעדיק פאָרשטעלנדיק זיך דאָס גליק צו זעען זי, האָט זיין פּנים זיך צעשייַנט.

— שיק צו מיר אַהיים, אַז מען זאָל גיך איינשפּאַנען די קאָטש אויף דריי פערד, — האָט ער געזאָגט דעם דינער, וואָס האָט אים דערלאַנגט דעם בעפשטיק אויף אַ זילבערנעם הייסן פּולמיסעק, און צורוקנדיק דעם פּולמיסעק, אָנגעהויבן עסן.

אין דעם שכנותדיקן ביליאַרד-צימער האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון די באַלעמס, רעדן און לאַכן. פון דער איינגאַנג-טיר זענען אַריינגעקומען צוויי אָפיצירן: איינער — אַ ייִנגעטשקער, מיט אַ שוואַך, איידל פּנים, וועלכער איז נישט לאַנג אַריינגעטרעטן פון פּאַזשן-קאָרפּוס אין זייער פּולק; דער צווייטער — אַ דיקער, אַלטער אָפיציר מיט אַ בראַסליעט אויף דער האַנט און מיט פאַרשווומענע קליינטשיקע אויגן.

ווראָנסקי האָט אַ בליק געטון אויף זיי, זיך אָנגעכמורעט און, אַזוי ווי נישט באַמערקנדיק זיי, קוקנדיק זייטיק אויפן בוך, האָט ער אָנגעהויבן צו עסן און לייענען צוזאַמען.

— וואָס? געמסט אָן כּוח צו דער אַרבעט? — האָט דער דיקער אָפיציר געזאָגט, זעצנדיק זיך לעבן אים.

— זעסט דאָך, — האָט וראָנסקי געענטפערט, כמורעדיק זיך, אָפּ־ווישנדיק די ליפּן און נישט קוקנדיק אויף אים.

— און האָסט נישט מורא דיק צו ווערן? — האָט יענער געזאָגט, אויסדרייענדיק אַ שטול פאַרן ייִנגיטשקען אָפיצירס וועגן.

— וואָס? — האָט וראָנסקי בייז געפרעגט, מיט אַ גרימאַסע פון מאַראַכטונג און ווייזנדיק זיינע געדיכטע ציין.

— האָסט נישט מורא דיק צו ווערן?

— קעלנער, אַ פלאַש כערעס! — האָט וראָנסקי געזאָגט, נישט ענטפערנדיק. ער האָט איבערגעלייגט דאָס בוך אויף דער צווייטער זייט און ווייטער זיך גענומען לייענען.

דער דיקער אָפיציר האָט גענומען די קאַרטע פון די ווייַנען און זיך געווענדט צום ייִנגיטשקן אָפיציר:

— קלויב אַליין אויס, וואָס מיר זאָלן טרינקען, — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די קאַרטע און קוקנדיק אויף אים.

— זאָל זיין ריינווייַן, — האָט דער יונגער אָפיציר געזאָגט, וואַרפנדיק זייטיקע בליקן אויף וראָנסקין און באַמיענדיק זיך מיט די פינגער אָנצוכאַפּן די קוים שפּראָצנדיקע וואָנסעלעך. זעענדיק, אַז וראָנסקי דרייט זיך נישט אויס, איז דער יונגער אָפיציר אויפגעשטאַנען.

— קום אין ביליאַרד־צימער אַריין, — האָט ער געזאָגט.

דער דיקער אָפיציר איז געהאָרכזאַם אויפגעשטאַנען, און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

אין דער צייט איז אין צימער אַרייַנגעגאַנגען דער הויכער און שלאַנקער ריטמייסטער יאַשווין און, אינדערהייך אַרויף, מיט ביטול אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ צו די צוויי אָפיצירן, איז ער צוגעגאַנגען צו וראָנסקין.

— אַ! אָט איז ער! — האָט ער אַ געשריי געטון, פּעסט אַ קלאַפּ געבנדיק אים מיט זיין גרויסער האַנט איבערן אַקסלבאַנד. וראָנסקי האָט זיך בייז אומגעקוקט, אָבער זיין פּנים האָט גלייך אויפגעשיינט מיט דער אים אייגנטימלעכער רויקייט און אַנטשלאָסענער ליבלעכקייט.

— קלוג, אַליאָשאַ, — האָט דער ריטמייסטער געזאָגט מיט אַ הויכן באַריטאָן. אַצינד עס עפּעס און טרונק אויס איין גלעזעלע.

— עס ווילט זיך גאָרנישט עסן.

— אָט דאָס הייסט אומשיידבאַרע, — האָט יאַשווין צוגעגעבן, שפּאָטיש קוקנדיק אויף די אָפיצירן, וועלכע זענען אין דער צייט אַרויסגעגאַנגען

פון צימער. און ער האָט זיך געזעצט לעבן וורְאָנסקין, איינבייגנדיק אין שאַרפע ווינקלען זיינע, צו לאַנגע לויט דער הייך פון די שטולן, לענדן און שינביינער אין די שמאָלע רייטהויזן. — פאַרוואָס־זשע ביסטו נעכטן נישט געקומען אין קראַסנענסקי טעאַטער? די נומעראָוואַ איז גאָרנישט מיאוס געווען. ווו ביסטו געווען?

— איך האָב מיך פאַרזעסן באַ די טווערסקיס, — האָט וורְאָנסקי געזאָגט.

— אַ! — האָט זיך יאַשווין אָנגערופן.

יאַשווין, אַ שפּילער, אַ הולטיי און נישט בלויז אַ מענטש אָן שום יסודות, נאָר מיט אוממאָראַלישע יסודות, — יאַשווין איז אין פולק געווען וורְאָנסקיס בעסטער פריינט. וורְאָנסקי האָט אים אויך ליב געהאַט אי פאַר זיין אומגעוויינלעכער פיזישער קראַפט, וועלכע ער האָט מערסטנטיילס אַרויסגעוויזן דערמיט, וואָס ער האָט געקאָנט טרינקען ווי אַ פאַס, נישט שלאָפן און זיין אַלץ דער אייגענער, אי פאַר דעם גרויסן מאָראַלישן כוח, וועלכן ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיינע באַציונגען צו די שעפן און חברים, אַרויסרופנדיק צו זיך מורא און אַכטונג, און אינם שפּילן, וואָס ער האָט געפירט אויף צענדליקער טויזנטער און תמיד, נישט געקוקט אויפן אויסגעטרונקענעם וויין, אַזוי ראַפינירט און אַנטשלאָסן, אַז ער האָט זיך גערעכנט פאַרן ערשטן שפּילער אין ענגלישן קלוב. וורְאָנסקי האָט אים געשעצט און ליב געהאַט באַזונדערס דערפאַר, וואָס ער האָט געפילט, אַז יאַשווין האָט אים ליב נישט פאַר זיין נאָמען און רייכקייט, נאָר פאַר אים אַליין. און פון אַלע מענטשן וואָלט וורְאָנסקי מיט אים איינעם געוואָלט רעדן וועגן זיין ליבע. ער האָט געפילט, אַז בלויז יאַשווין, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט, דאַכט זיך, פאַראַכטעט יעדעס געפיל, — ער איינער, האָט זיך וורְאָנסקין געדאַכט, וואָלט געקאָנט פאַרשטיין די שטאַרקע ליידנשאַפט, וועלכע האָט אַצינד אָנגעפילט זיין גאַנץ לעבן. חוצדעם איז ער געווען זיכער, אַז יאַשווין געפינט שוין זיכער נישט קיין פאַרגעניגן אין רכילות און אין אַ סקאַנדאַל, נאָר פאַרשטייט דאָסדאָזיקע געפיל, ווי מען דאַרף, דאָס הייסט, ער ווייסט און גלייבט, אַז ליבע, דאָס איז נישט קיין שפּאַס, נישט קיין פאַרווײַלונג, נאָר עפּעס ערנסטערס און וויכטיקערס.

וורְאָנסקי האָט נישט גערעדט מיט אים וועגן זיין ליבע, אָבער ער

האָט געוווסט, אַז ער ווייסט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ, ווי מען דאַרף, און דאָס איז אים אָנגענעם געווען צו זעען לויט זיינע אויגן.

— אַ, יאָ! — האָט ער געזאָגט אויף דעם, וואָס וראָנסקי איז געווען בא די טווערסקיס, און, אַ בליק טוענדיק מיט זיינע שוואַרצע אויגן, האָט ער זיך אָנגענומען בא דער לינקער וואָנסע און זי אָנגעהויבן אַריינמאַכן אין מויל לויט זיין שלעכטער געוווינהייט.

— נו, און דו וואָס האָסט נעכטן געטון? געווינען? — האָט וראָנסקי געפרעגט.

— אכט טויזנט. אָבער דריי זענען נישט קיין גוטע, ווער ווייסט צי ער וועט אָפּגעבן.

— נו, קאָנסטו פאַר מיר שוין פאַרשפּילן, — האָט וראָנסקי לאַכנדיק געזאָגט. (יאַשווין האָט געשטעלט אַ גרויסן געוועט פאַר וראָנסקין).

— איך וועל בשום אופן נישט פאַרשפּילן. איין מאַכאָטין איז געפערלעך.

און דער שמועס איז איבערגעגאַנגען אויף דער דערוואַרטונג פונם היינטיקן געיעג, וואָס בלויז וועגן דעם האָט וראָנסקי געקאָנט אַצינד טראַכטן.

— קום, איך האָב געענדיקט, — האָט וראָנסקי געזאָגט, איז אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. יאַשווין איז אויך אויפגעשטאַנען, אויסציענדיק זיינע ריזיקע פיס און דעם לאַנגן רוקן.

— פאַר מיר איז עסן מיטאָג נאָך פרי, אָבער אויסטרינקען דאַרף מען. איך וועל באַלד קומען. העי, ווין — האָט ער אַ געשריי געטון מיט זיין באַרימטער אין קאָמאַנדעווען גערדיכטער שטימע, וואָס האָט געמאַכט ציטערן די שויבן. — ניין, מען דאַרף נישט! — האָט ער באַלד ווידער אַ געשריי געטון. — דו גייסט אַהיים, וועל איך מיט דיר גיין.

און ער איז מיטגעגאַנגען מיט וראָנסקין.

XX.

ווראָנסקי איז געשטאַנען אין דער גערוימער און זויבערער, אויף דער העלפט איבערגעצוימטער, פינלענדישער כאַטע. פּעטריצקי האָט אויך אין די לאַגערס געוווינט מיט אים צוזאַמען. פּעטריצקי איז געשלאָפן, ווען ווראָנסקי מיט יאַשווינען זענען אַריינגעקומען אין שטוב.

— שטיי אויף, גענוג געשלאָפן, — האָט יאַשווין געזאָגט, אַרונטער־גייענדיק הינטער דער פּאַרצוימונג און טרייסלענדיק באַם אַקסל דעם צעשויבערטן פּעטריצקין, וואָס האָט זיך איינגעגראָבן מיט דער נאָז אין קישן.

פּעטריצקי איז פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען אויף די קניען און זיך אַרומגעקוקט.

— דיין ברודער איז דאָ געווען, — האָט ער געזאָגט ווראָנסקין. — האָט מיך אויפגעוועקט, דער טייוול זאָל אים נעמען, געזאָגט, אַז ער וועט נאָכאַמאָל קומען. — און ער האָט ווידער, אַרויפציִענדיק די קאָלדרע, זיך אַ וואָרף געטון אויפן קישן. — לאָז שוין אָפּ, יאַשווין, — האָט ער געזאָגט, בייזערנדיק זיך אויף יאַשווינען, וועלכער האָט געשלעפּט פון אים די קאָלדרע. — לאָז אָפּ! — ער האָט זיך אויסגעדרייט און געעפנט די אויגן. — דו זאָג בעסער וואָס צו טרינקען · אַזאַ פּאַסקודנעקייט אין מויל, אַז...

— בראָנפן איז בעסער פון אַלץ, — האָט יאַשווין אַרויסגעבאַסע־וועט. — טערעשטשענקאָ! בראָנפן דעם הער און אוגערקעס! — האָט ער אַ געשריי געטון, אפנים ליב האָבנדיק צו הערן זיין קול

— בראָנפן מיינסטו? אַ? — האָט פּעטריצקי געפרעגט, קרימענדיק זיך און אויסרייבנדיק זיך די אויגן. — און דו וועסט טרינקען? צוזאַמען וועל איך טרינקען! ווראָנסקי, וועסט טרינקען? — האָט פּעטריצקי געזאָגט, אויפשטייענדיק און איינהילנדיק זיך אונטער די הענט אין דער טיגער־קאָלדרע. ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער טיר פון דער פּאַרצוימונג, האָט אויפגעהויבן די הענט און אָנגעהויבן זינגען אויף פראַנצויזיש: „געווען אַ קעניג אין טו־ו־לע“... — ווראָנסקי, וועסט מאַכן אַ כוסה?

— טראָג דיך, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, אָנטועִנדיק דעם סורדוט, וועלכן דער לאַקיי האָט אים דערלאַנגט

— וווהין דאָס? — האָט אים יאשווין געפרעגט. — אָט האָסטו אויך די טראַיקע, — האָט ער צוגעגעבן, דערזעענדיק די צופּאָרנדיקע קאַטש.

— אין דער פערדשטאַל אריין, כ׳דאַרף נאָך אויך צו בריאַנסקין וועגן די פערד, — האָט ווראָנסקי געזאָגט.

ווראָנסקי האָט טאַקע צוגעזאָגט צו זיין בא בריאַנסקין, צען ווערסט פון פּעטערהאָף, און ברענגען אים געלט פאַר די פערד, און ער האָט געוואָלט באַווייזן צו זיין אויך דאָרט. אָבער די חברים האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער פאָרט נישט בלויז אַהין.

פּעטריצקי, זינגענדיק ווייטער, האָט אַ ווונק געטון מיט אַן אויג און אָנגעבלאָזן די ליפּן, אַזוי ווי זאָגנדיק: מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ בריאַנסקי דאָס איז.

— זע, פאַרשפּעטיק נישט! — האָט יאשווין בלויז געזאָגט און, כדי צו בייטן דעם געשפּרעך: — וואָס איז מיט מיין גניאַדן. ער דינט גוט? — האָט ער אַ פרעג געטון, קוקנדיק אין פענצטער אריין, וועגן דעם מיטלסטן פערד, וואָס ער האָט פאַרקויפט.

— שטיי! — האָט פּעטריצקי אויסגעשריגן צו דעם שוין אַוועקגייענדיקן ווראָנסקין. — דיין ברודער האָט איבערגעלאָזט אַ בריוו פאַר דיר און אַ צעטעלע. וואַרט-צו, ווו זענען זיי?

ווראָנסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, ווו-זשע זענען זיי?

— ווו זענען זיי? אָט וואָס ס׳איז די פראַגע! — האָט פּעטריצקי פייערלעך אַ זאָג געטון, אַ פיר טוענדיק פון דער נאָז אינדערהייך ארויף מיטן ווייזפינגער.

— זאָג-זשע, דאָס איז נאַריש! — האָט ווראָנסקי שמייכלענדיק געזאָגט.

— דעם קאַמין האָב איך נישט געהייצט. דאָ ערגעץ.

— נו, גענוג געהאַקט אַ טשייניק! ווו-זשע איז דער בריוו?

— ניין, כ׳לעבן, איך האָב פאַרגעסן. אָדער איך האָב אין חלום געזעען. וואַרט-צו, וואַרט-צו! וואָס-זשע ביסטו בייז! ווען דו וואָלסט, ווי איך נעכטן, אויסגעטרונקען צו פיר פלעשלעך אויף אַ מענטש, וואָלסטו פאַרגעסן, ווו דו ליגסט. וואַרט-צו, איך וועל מיך גלייך דערמאָנען.

פעטריצקי איז ארונטערגעגאנגען הינטער דער פארצוימונג און האט זיך געלייגט אויף זיין בעט.

— שטיי ! אזוי בין איך געלעגן, אזוי איז ער געשטאנען. יא־יא־יא־יא... אט איז ער ! — און פעטריצקי האט ארויסגענומען דעם בריוו פון אונטערן מאטראץ אפער, וווהין ער האט אים געהאט באהאלטן.

ווראנסקי האט גענומען דעם בריוו און דעם ברודערס צעטעלע. דאס איז געווען טאקע דאס, אויף וואס ער האט זיך גערעכט, — פון דער מוטער מיט פארווורפן דערפאר, וואס ער קומט נישט, און א צעטעלע פון ברודער, אין וועלכן עס איז געזאגט געווארן, אז מען דארף זיך דורכשמועסן. ווראנסקי האט געוווסט, אז דאס איז אלץ וועגן זעלבן. „וואס גייט זיי און !" האט ווראנסקי א טראכט געטון און, צעקנייטשנדיק די בריוו, האט ער זיי אריינגערוקט צווישן די קנעפלעך פון סורדוט, כדי זיי אויפמערקזאם איבערצולייענען אויפן וועג. אין פארהויז פון דער שטוב האט ער באגעגנט צוויי אפיצירן: איינער פון אייגענעם, און דער אנדערער פון א צווייטן פולק.

ווראנסקיס דירה איז תמיד געווען דער מקום־מקלט פון אלע אפיצירן.

— וווהין ?

— מן ענין, קיין פעטערהאף.

— און דאס פערד איז געקומען פון צארסקאיע ?

— געקומען, אבער איך האב נאך נישט געזען.

— מען זאגט, מאכאטינס גלאדיאטאר האט אנגעהויבן צו לאמען.

— נארישקייטן ! נאר ווי אזוי וועט איר אין דער בלאטע דורכרייטן ? — האט א צווייטער געזאגט.

— אט זענען מיינע רעטער ! — האט, דערזעענדיק די אריינגעקומענע, אויסגעשריגן פעטריצקי, פאר וועלכן דער ארדינאנס איז געשטאנען מיט בראנפן און מיט א געזאלצענער אוגערקע אויף א טאץ. — אט, יאשווין הייסט טרינקען, כדי זיך אויפצופרישן.

— נו, איר האט אונז שוין געגעבן נעכטן, — האט איינער פון די געקומענע געזאגט, — די גאנצע נאכט נישט געלאזט שלאפן.

— ניין, אבער ווי אזוי מיר האבן פארענדיקט ! — האט פעטריצקי דערציילט. — וואלקאוו איז ארויפגעקראכן אויפן דאך און זאגט, אז אים איז טרויעריק. זאג איך: אהער מוזיק, א לוויה־מארש ! אזוי איז ער טאקע אנטשלאפן געווארן אויפן דאך אונטערן לוויה־מארש.

— טרינק, טרינק בראנפן אומבאדינגט, און דערנאך סעלצער־וואַ־

סער און אַ סך ציטרין, — האָט יאַשווין געזאָגט, שטייענדיק איבער-בעטריצקין, ווי אַ מוטער, וואָס גייט אַ קינד צו נעמען אַ רפואה, — און דערנאָך שוין שאַמפּאַנער אַ ביסעלע, — אַזוי, אַ פלעשעלע.

— אָט דאָס איז קלוג. וואַרט-צו, ווראָנסקי, לאָמיר אויסטרינקען.

— ניין. זייט געזונט, מיינע הערן, היינט טרינק איך נישט.

— וואָס-זשע, וועסט שווערער ווערן ? נו, איז מיר אַליין. גיב אַהער סעלצער-וואַסער און אַ ציטרין.

— ווראָנסקי ! — האָט עמעצער אויסגעשריגן, ווען ער איז שוין אַרויסגעגאַנגען אין פאַרהויז אַריין.

— וואָס ?

— דו וואָלסט די האָר אָפּגעשוירן, וואָרים אַזוי זענען זיי שווער בײַ דיר, איבערהויפּט אויפן פּליך.

ווראָנסקי האָט טאַקע פּריצייטיק אָנגעהויבן קריגן אַ פּליך. ער האָט זיך פריילעך צעלאַכט, ווייזנדיק זיינע געדיכטע ציין, און, אָנטוענדיק דאָס היטל אויפן פּליך, איז ער אַרויסגעגאַנגען און זיך אַריינגעזעצט אין דער קאָטש.

— צו דער פערדשטאַל ! — האָט ער געזאָגט און שוין געוואָלט אַרויסנעמען די בריוו, כּדי איבערצולייענען זיי, אָבער דערנאָך זיך מישב געווען, כּדי נישט צו צעשטרייען זיך ביז צום באַקוקן דאָס פערד. — „דערנאָך !..“

XXI.

די צייטווייליקע פערדשטאַל, אַ באַלאַגאַן פון ברעטער, איז אויפגעבויט געווען לעבן דעם סאַמע היפּאָדראָם, און דאָ אַהער האָט נעכטן געדאַרפט געבראַכט ווערן זיין פערד. ער האָט עס נאָך נישט געזען. אין די לעצטע טעג איז ער אַליין נישט געפאָרן איבערדרייטן זיך, נאָר דאָס איבערגעגעבן דעם טרענירער. און אַצינד האָט ער לחלוטין נישט געוווּסט אין וואָסער צושטאַנד איז געקומען און געפינט זיך זיין פערד. ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קאָטש, האָט זיין שטאַלמייסטער (דזשאָקעי) — „גרום“, דאָס אַזוי גערופענע יינגל, דערקענענדיק נאָך פונווייטנס זיין קאָטש, אַרויסגערופן דעם טרענירער. אַ דאַרער ענגלענדער אין הויכע

שטיהל און אין אַ קורץ זשאַקעטל, מיט אַ בינטעלע האָר, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן בלויז אונטער דער גאָמבע, איז מיט דעם אומגעשיקטן גאַנג פון די זשאָקייען, צעשפרייטנדיק די עלנבויגנס און וויגנדיק זיך, אַרויסגעגאַנגען אים אַקעגן.

— נו, וויאַזוי איז פרו־פרו? — האָט וורָאָנסקי געפרעגט אויף ענגליש.

— All right, sir — אַלץ אין אָרדנונג, הער, — האָט ערגעץ דאָרט אינווייניק אין האַלז אַ זאָג געטאָן דעם ענגלענדערס קול. — בעסער גייט נישט אַריין, — האָט ער צוגעגעבן, אויפהייבנדיק דעם הוט. — איך האָב אָנגעטאָן די קעלוש, און דאָס פערד איז צערייצט. גלייכער נישט צו גיין, דאָס דענערווירט דאָס פערד.

— ביין, איך וועל שוין גיין. מיר גלוסט זיך אַ קוק טון.

— קומט, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט, נאָך אַלץ אַזוי נישט עפנענדיק דאָס מויל; ער האָט זיך אָנגעכמורעט און, מאַכנדיק מיט די עלנבויגנס, גענומען גיין פאָרויס מיט זיין צעשרויפטן גאַנג.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין הויפל פאַרן באַראַק. דער וועכטער, אין אַ ריינער קורטקע, אַן אויסגעפוצט כוואַטסקע בחורל, מיט אַ בעזים אין דער האַנט, האָט באַגעגנט די אַריינגייענדיקע און איז זיי נאָכגעגאַנגען. אין באַראַק זענען געשטאַנען פינף פערד אין באַזונדערע שטאַלן, און וורָאָנסקי האָט געוווּסט, אַז דאָ אַהער האָט אויך היינט געדאַרפט געבראַכט ווערן און דאַרף שטיין זיין הויפּט־קעגנער, מאַכאָטינס געלער גלאַדיאַטאָר. נאָך מער ווי זיין פערד, האָט זיך וורָאָנסקין געגלוסט צו זען דעם גלאַדיאַטאָר, וועלכן ער האָט נאָך נישט געזען; אָבער וורָאָנסקי האָט געוווּסט, אַז לויט די אָנשטענדיקייטס־געזעצן פון פערד־ספּאָרט, איז נישט בלויז פאַרבאָטן צו זען אים, נאָר עס איז אפילו נישט אָנשטענדיק זיך אויסצופרעגן וועגן אים. אין דער צייט, וואָס ער איז געגאַנגען איבערן קאָרידאָר, האָט דאָס יינגל געעפנט די טיר אין דער צווייטער שטאַל אַריין לינקס, און וורָאָנסקי האָט דערזען אַ געל היפש פערד און ווייסע פיס. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז גלאַדיאַטאָר, נאָר מיטן געפיל פון אַ מענטש, וואָס דרייט זיך אַוועק פון אַ פרעמדן געעפנטן בריוו, האָט ער זיך אַוועקגעדרייט און איז צוגעגאַנגען צו דער שטאַל פון פרו־פרו.

— דאָ איז מאַ־ק... מאַק... איך קאָן קיינמאָל נישט אַרויסזאָגן דעם־דאָזיקן נאָמען, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט איבערן אַקסל אַריבער,

אויפֿווייזנדיק מיטן גראָבן פֿינגער אין שווארצן נאָגל אויף דער שטאָל פֿון גלאַדיאַטאָר.

— מאַכאָטינס? יאָ, דאָס איז מיין איינציקער ערנסטער קעגנער, — האָט ווראָנסקי געזאָגט.

— ווען איר וואָלט געריטן אויף אים, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט, — וואָלט איך פֿאַר אייך געהאַלטן.

— פֿרו-פֿרו איז נערוועז, ער איז שטאַרקער, — האָט ווראָנסקי געזאָגט, שמייכלענדיק פֿון דעם שבח פֿאַר זיין רייטן.

— מיט שטערונגען איז אינגאַנצן געווענדט אין רייטן און אין pluck, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט.

Pluck, דאָס הייסט ענערגיע און דרייסטקייט, האָט ווראָנסקי נישט בלויז געפֿילט אין זיך גענוג, נאָר, וואָס עס איז אַ סך וויכטיקער. ער איז געווען פֿעסט איבערצייגט, אַז קיינער אין דער וועלט קאָן נישט האָבן דערמדאָזיקן pluck מער, ווי ער.

— און איר ווייסט זיכער, אַז ס'איז נישט נייטיק געווען קיין שטאַרקער שוויצן?

— מען דאַרף נישט, — האָט דער ענגלענדער געענטפֿערט. — איך בעט אייך, רעדט נישט הויך. דאָס פֿערד דענערווירט זיך, — האָט ער צוגעגעבן, אָנווייזנדיק מיטן קאָפּ אויף דער פֿאַרמאַכטער שטאָל, פֿאַר וועלכער זיי זענען געשטאַנען און וו עס האָט זיך געהערט דאָס איבערשטעלן פֿון די פֿיס אויפֿן שטרוי.

ער האָט געעפֿנט די טיר, און ווראָנסקי איז אַריינגעגאַנגען אין שטאָל, וואָס איז שוואַך באַלויכטן געווען פֿון איין קליין פֿענצטערל. אין שטאָל, איבערקלייבנדיק מיט די פֿיס איבערן פֿרישן שטרוי, איז געשטאַנען אַ טונקל-גניאַדע פֿערד מיט אַ קעלזשע. אַרומקוקנדיק זיך אין דער האַלב-ליכטיקייט פֿון שטאָל, האָט ווראָנסקי ווידער נישט ווילנדיק אַרומגענומען מיט איין אַלגעמיינעם בליק דעם גאַנצן געבוי פֿון זיין באַליבט פֿערד... פֿרו-פֿרו איז געווען אַ פֿערד פֿון מיטלען וווקס און לויטן געבוי נישט פֿאַרוואָרפֿסלאָז. זי איז אינגאַנצן געווען שמאָלביייניק; הגם איר ברוסט-קאַסטן האָט שטאַרק זיך אַרויסגערוקט פֿאָרויס, איז די ברוסט געווען שמאָל. דער הינטן האָט אַ ביסל אַראָפּגעהאַנגען, און די פֿעדערשטע און באַזונדערס די הינטערשטע פֿיס זענען געווען באַדייטנד קרימלעך. די מוסקולן פֿון די הינטערשטע און פֿעדערשטע פֿיס זענען נישט געווען באַזונדערס גרויס, נאָר דערפֿאַר אין רוקן איז דאָס פֿערד געווען אומגעוויינ-

לעך ברייט, וואָס ס'האָט באַזונדערס איבערראַשט אַציגד. בײַ איר טרעני-
רונג און אָפּגעצערטן בויך. די ביינער פון אירע פיס נידעריקער פון די
קניען האָבן אויסגעזעען נישט גרעבער פון אַ פינגער, קוקנדיק פון פאָרנט,
נאָר דערפאַר ענען זיי געווען אומגעווײנלעך ברייט, קוקנדיק פון דער
זייט. זי איז איינגאַנצן, חוץ די ריפּן, אַזוי ווי געווען צונויפגעדריקט אין
די זייטן און אויסגעצויגן אין דער טיף. אָבער זי האָט פאַרמאָגט אין
העכסטן גראַד אַ מעלה, וואָס האָט געגייט צו פאַרגעסן אַלע חסרונות;
די דאָזיקע מעלה איז געווען דאָס בלוט, — יענץ בלוט, וואָס רופט
זיך אָפּ, לויטן ענגלישן אויסדרוק. די שאַרף אַרויסגערוקטע מוסקולן פון
אונטער דער אָדערן-נעץ, וואָס איז צעצויגן געווען איבער דער דינער,
באַוועגלעכער און, ווי סאַמעט, גלאַטער פעל, האָבן אויסגעזעען פונקט
אַזוי פעסט, ווי ביין. דער דאַרער קאָפּ אירער מיט די בולטע, בלישטשענ-
דיקע, פריילעכע אויגן האָט זיך אויסגעברייטערט באַם נאָזביין אין די
אַרויסגערוקטע נאָזלעכער מיטן בלוט אָנגעגאָסענעם הייטל פון אינעווייניק.
אין דער גאַנצער פיגור אירער און באַזונדערס אין איר קאָפּ איז געווען
אַ באַשטימטער, ענערגישער און איינצייטיק צאַרטער אויסדרוק. זי איז
געווען איינע פון יענע חיות, וועלכע רעדן, דאַכט זיך, נישט בלויז דער-
פאַר, וואָס די מענטשלעכע איינריכטונג פון זייער מויל דערלויבט זיי דאָס
נישט.

וראָנסקין האָט יעדנפאַלס זיך געדאַכט, אַז זי פאַרשטייט אַלץ, וואָס
ער, קוקנדיק אויף איר, פילט אַציגד.

ווי נאָר וראָנסקי איז אַרייַנגעגאַנגען צו איר, האָט זי טיף אַריינ-
געצויגן אין זיך די לופט און, פאַרשיקלענדיק זייטיק איר בולט אויג
אַזוי, אַז דאָס ווייסל האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, האָט זי פון
דער קעגנאיבערדיקער זייט געקוקט אויף די אַרייַנגייענדיקע, טרייסלענ-
דיק מיט דער קעלושע און שטייף איבערטרעטנדיק פון איין פוס אויפן
צווייטן.

— נו, אָט זעט איר, ווי זי איז אויפגערעגט, — האָט דער ענגלענ-
דער געזאָגט.

— אָ, ליבע! אָ! — האָט וראָנסקי געזאָגט, צוגייענדיק צום פערד
און איינגעמענדיק עס.

אָבער וואָס נענטער ער איז צוגעגאַנגען, אַלץ מער האָט זי זיך
אויפגערעגט. בלויז ווען ער איז צוגעקומען צו איר קאָפּ, איז זי פּלוצלינג
שטיל געוואָרן, און אירע מוסקולן האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען און-

טער דער דינער, האַרטער שערשטש. וורָאָנסקי האָט אַ גלעט געטון איר פעטטן האַלז, פאַרראַכטן אויפן שאַרפן קאַרק אַ פּאַסמע פון דער גריווע, וואָס האָט זיך אַריבערגעוואָרפן אויף דער צווייטער זייט און זיך צוגערוקט מיטן פּנים צו אירע זינע, ווי דער פליגל פון אַ פלעדערמויז, צעצויגענע נאָזלעכער. זי האָט, אויפציטערנדיק הויך אַריינגעצויגן און אַרויסגעלאָזט לופט פון די אָנגעשטרענגטע נאָזלעכער, צוגעדריקט דאָס שאַרפע אויער און אויסגעצויגן די פעסטע שוואַרצע ליפּ צו וורָאָנסקין, ווי וועלנדיק אים אָנכאַפּן באַם אַרבל. אָבער, דערמאָנענדיק זיך אָן דער קעלזשע, האָט זי אַ טרייסל געטון מיט איר און ווידער אָנגעהויבן איבערצוטשעלן איינעם נאָכן צווייטן אירע געטאָקטע פיסלעך.

— באַרויק דיך, ליבע, באַרויק דיך! — האָט ער געזאָגט, נאָך אַ גלעט געבנדיק איר איבערן הינטן, און מיט אַ פריידיקן באַוווסטזיין, אַז דאָס פערד איז אין בעסטן צושטאַנד, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון שטאַל.

דעם פערדס אויפרעגונג האָט זיך איבערגעגעבן אויך וורָאָנסקין; ער האָט געשפּירט, אַז דאָס בלוט האָט אים צוגעשטראָמט צום האַרץ און אַז אים, אויך אַזוי ווי דעם פערד, גלוסט זיך באַוועגן זיך, בייסן; עס איז געווען אי שרעקלעך, אי פריילעך.

— נו, פאַרלאָז איך מיך אויף אייך, — האָט ער געזאָגט דעם ענגלענדער, — האַלב זיבן אויפן אָרט.

— אַלץ אין אָרדנונג, — האָט דער ענגלענדער געזאָגט. — און איר וווהין פאָרט, מילאָרד? — האָט ער אומגעריכט געפרעגט, באַנוצנדיק דעמדאָזיקן נאָמען my-Lord, וועלכן ער האָט כמעט קיינמאָל נישט באַנוצט.

וורָאָנסקי האָט מיט פאַרוווּנדערונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון, ווי ער האָט געקאָנט קוקן, נישט אין די אויגן אַריין, נאָר אויף דעם ענגלענדערס שטערן, וווּנדערנדיק זיך אויף דער דרייסטקייט פון זיין פראַגע. אָבער, פאַרשטייענדיק, אַז דער ענגלענדער, שטעלנדיק די פראַגע, האָט געקוקט אויף אים נישט ווי אויף אַ באַלעבאָס, נאָר ווי אויף אַ זשאָקיי, האָט ער אים געענטפערט:

— איך דאַרף צו בריאַנסקין, אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין אינדערהיים.

„דאָס וויפילטע מאָל מען שטעלט מיר היינט דידאָזיקע פראַגע!“ האָט ער זיך געזאָגט און איז רויט געוואָרן, וואָס פלעגט זעלטן מיט אים

געשעען. דער ענגלענדער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף אים און, ווי ער וואָלט געוווסט, וווהין וראָנסקי פאָרט, האָט ער צוגעגעבן:

— די ערשטע זאַך איז צו זיין רויק פאַרן רייטן, — האָט ער געזאָגט, — זייט נישט אין קיין שלעכטער שטימונג און צערודערט זייך נישט מיט גאָרנישט.

— All right, — האָט וראָנסקי שמייכלענדיק געענטפערט און, אַריינשפּרינגענדיק אין דער קאָטש, האָט ער געהייסן פאָרן קיין פּעטערהאָף.

ווי נאָר ער איז אָפּגעפאָרן עטלעכע טריט, האָט אַ וואָלקן, וואָס האָט פון אינדערפרי אָן געדראָט מיט רעגן, זיך אָנגערוקט, און עס האָט אַ גאָס געטון אַ שלאַקס-רעגן.

— „שלעכט, — האָט וראָנסקי אַ קלער געגעבן, אויפהייבנדיק די בויד פון דער קאָטש. — ס'איז אַזוי אויך זומפּיק געווען, און אַצינד וועט שוין גאָר אַ בלאָטע זיין". זיצנדיק אַליין אין דער פאַרמאַכטער קאָטש, האָט ער אַרויסגענומען דער מוטערס בריוו און דעם ברודערס צעטעלע און זיי איבערגעלייענט.

יאָ, דאָס אַלץ איז געווען דאָס אייגענע און דאָס אייגענע. אַלע, זיין מוטער, זיין ברודער, אַלע האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק זיך אַריינצומישן אין זיינע אינטימע אָנגעלעגנהייטן. דידאָזיקע אַריינמישונג האָט אַרויסגערופן בא אים כעס — אַ געפיל, וועלכעס ער האָט זעלטן געשפּירט. „וואָס גייט דאָס זיי אָן? פאַרוואָס האַלט איטלעכער פאַר אַ חוב צו זאָרגן וועגן מיר? און פאַרוואָס שטייען זיי צו צו מיר? איבער דעם, וואָס זיי זעען, אַז דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס זיי קאָנען נישט פאַרשטיין. ווען דאָס זאָל זיין אַ געוויינלעכע באַנאַלע אַריסטאָקראַטישע פאַרבינדונג, וואָלטן זיי מיך צו רו געלאָזט. זיי פילן, אַז דאָס איז עפּעס אַנדערש, אַז דאָס איז נישט קיין שפּילעכל און אַז דידאָזיקע פרוי איז טייערער פאַר מיר פונם לעבן. און דאָס איז זיי טאַקע אומפאַרשטענדלעך און דערפאַר פאַרדריסלעך. וואָסערער ס'איז נישט און ס'זאָל נישט זיין אונזער גורל, האָבן מיר אים געמאַכט און מיר קלאָגן זיך נישט אויף אים, — האָט ער געזאָגט, אין דעם וואָרט מ י ר פאַראייניקנדיק זיך מיט אַננען. — נישט זיי דאַרפן אונדז לערנען, ווי אַזוי צו לעבן. זיי האָבן אפילו נישט קיין באַגריף וועגן דעם, וואָס גליק איז אַזוינס, זיי ווייסן נישט, אַז אָן דערדאָזיקער ליבע איז פאַר אונדז נישטאָ נישט קיין גליק, נישט קיין אומגליק, — עס איז נישטאָ קיין לעבן", האָט ער געטראַכט.

ער איז בייז געזעצן אויף אַלע פּאַר דעם אַריינמישן זיך טאַקע דערפּאַר, וואָס ער האָט אין דער נשמה געפילט, אַז זיי, די אַלע, זענען גערעכט. ער האָט געפילט, אַז די ליבע, וואָס האָט אים צונויפגעבונדן מיט אַנען, איז נישט קיין מינוטלעכע עקזאַלטאַציע, וועלכע וועט איבערגיין, ווי עס גייען איבער די פאַרבינדונגען אין דער הויכער געזעלשאַפט, נישט איבערלאָזנדיק אינם לעבן פון דעם און דעם אַנדערן קיין אַנדערע שפּורן, חוץ אָנגענעמע אָדער נישט אָנגענעמע זכרונות. ער האָט געפילט די גאַנצע פּיינלעכקייט פון זיין און איר לאַגע, די גאַנצע שווערקייט פון אויסגעשטעלט זיין אויף די אויגן פון דער גאַנצער הויכער געזעלשאַפט, צו באַהאַלטן זייער ליבע, ליגנט זאָגן און אָפּנאַרן; און ליגנט זאָגן, אָפּנאַרן, כיטרעווען און בסדר טראַכטן וועגן אַנדערע דעמאָלט, ווען די ליידנשאַפט, וואָס האָט זיי פאַרבונדן, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי ביידע האָבן פאַרגעסן אָן אַלעם איבעריקן, חוץ זייער ליבע.

ער האָט זיך דייטלעך דערמאַנט די אַלע אָפט זיך איבערחזרנדיקע פאַלן פון נויטווענדיקייט ליגנט צו זאָגן און אָפּנאַרן, וועלכע זענען אַזוי דערווידער געווען זיין נאַטור; באַזונדערס דייטלעך זיך דערמאַנט דאָס נישט איינמאָל אין איר באַמערקטע געפיל פון בושה פאַר דערדאָזיקער נויטווענדיקייט אָפּצונאַרן און ליגנט זאָגן. און ער האָט איבערגעלעבט אַ מאָדנע געפיל, וואָס פלעגט אים זינט זיין פאַרבינדונג מיט אַנען, טייל־מאָל באַפאַלן. דאָס איז געווען אַ געפיל פון עקל צו עפּעס: צי צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, צי צו זיך, צי צו דער גאַנצער וועלט, — ער האָט ריכטיק נישט געוווסט. אָבער ער האָט שטענדיק פאַרטריבן פון זיך דאָס־דאָזיקע מאָדנע געפיל. און אַצינד, אָפּטרייסלענדיק זיך, האָט ער פאָרגעזעצט דעם גאַנג פון זיינע געדאַנקען.

„יאָ, זי איז פריער געווען אומגליקלעך, אָבער שטאָלץ און רויק; און אַצינד קאָן זי נישט זיין רויק און ווירדיק, הגם זי ווייזט עס נישט אַרויס. יאָ, דאָס דאַרף מען פאַרענדיקן“, האָט ער באַשלאָסן מיט זיך אַליין.

און אים איז צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק וועגן דעם, אַז ס'איז נייטיק אַ סוף צו מאַכן צו דערדאָזיקער ליגנט, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער. „זי און איך דאַרפן אַלץ אַוועקוואַרפן און באַהאַלטן זיך ערגעץ־ווו אַליין מיט אונזער ליבע“, האָט ער זיך געזאָגט.

XXII.

דער שלאַקס-רעגן האָט נישט לאַנג געדויערט, און ווען ווראָנסקי איז צוגעפאָרן מיט דער גאַנצער שנעלקייט פון מיטלסטן, וואָס האָט מיטגעצויגן די צוויי צוגעשפאַנטע פערד, וואָס האָבן שוין אָן לייצן געלאָפירט אין דער בלאָטע, האָט די זון ווידער אַרויסגעקוקט. די דעכער פון די דאַטשעס, די אַלטע ליפּעס פון די גערטנער אין ביידע זייטן פון דער הויפּט-גאַס האָבן געגלאַנצט מיט אַ נאַסן גלאַנץ. פון די צווייגן האָט פרייליך געטריפט און פון די דעכער איז געלאָפן וואַסער. ער האָט שוין נישט געקלערט וועגן דעם, ווי אַזוי דער שלאַקס-רעגן וועט קאַליע מאַכן דעם היפּאָדראָם, נאָר איצט זיך געפרייט מיט דעם, וואָס אַ דאַנק דעמדאָזיקן רעגן וועט ער זי זיכער טרעפן אינדערהיים איינע אַליין, וואָרים ער האָט געוווּסט, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער האָט נישט לאַנג זיך אומגעקערט פון די בעדער, פלעגט נישט צופאָרן פון פּעטערבורג.

האָפנדיק זי צו טרעפן אַליין, איז ווראָנסקי, ווי ער פלעגט עס שטענדיק טון, כדי ווינציקער צו ווענדן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, אַראָפּגעגאַנגען, נישט אַריבערפאָרנדיק דאָס בריקל, און געגאַנגען צופוס. ער איז נישט אַרויפגעגאַנגען פון דער גאַס אויפן גאַניק, נאָר אַריינגעגאַנגען אין הויף.

— דער הער איז געקומען? — האָט ער געפרעגט באַם גערטנער.

— נישט געקומען. די מאַדאַם איז אינדערהיים. דורכן גאַניק ביטע; דאָרט זענען דאָ מענטשן, מ׳וועט עפענען, — האָט דער גערטנער געענטפערט.

און, איבערצייגנדיק זיך, אַז זי איז אַליין, און וועלנדיק זי טרעפן אין אומגעריכטקייט, וואָרים ער האָט נישט צוגעזאָגט צו זיין היינט און זי קלערט זיכער נישט, אַז ער וועט קומען פאַר די געיעגן, האָט ער זיך געלאָזט גיין, צוהאַלטנדיק די שווערד און פאָרזיכטיק טרעטנדיק איבערן זאַמד פונם וועגל, דעם אויסגעזעצטן מיט בלומען, צו דער טעראַסע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין. ווראָנסקי האָט אַצינד פאַרגעסן אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט אויפן וועג וועגן דער שווערקייט און פאַרוויקלטקייט פון זיין לאַגע. ער האָט געטראַכט וועגן איינס: אַז ער וועט זי באַלד

דערזעען נישט בלויז אין דער פאַנטאַזיע, נאָר אַ לעבעדיקע, אינגאַנצן, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט. ער איז שוין אַריינגעגאַנגען, טרעטנדיק מיטן גאַנצן פוס, כּדי נישט צו רוישן, איבער די משופּעדיקע שטיגן פון דער טעראַסע, ווען ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאַנט אָן דעם, וואָס ער פלעגט תּמיד פאַרגעסן, און וואָס איז געווען די סאַמע פיינלעכסטע זייט פון זיינע באַציונגען צו איר, — איר זון, מיט זיין פרעגנדיקן, אָפּשטויסנדיקן בליק, ווי אים האָט זיך געדאַכט.

דאָסדאָזיקע ייִנגל איז אָפטער פון אַלע אַנדערע געווען די שטערונג אין זייערע באַציונגען. ווען ער איז געווען דערביי, האָבן נישט ווראָנסקי, נישט אַננאַ זיך דערלויבט צו רעדן וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס זיי וואָלטן נישט געקאָנט איבערחזרן אין דער קעגנוואַרט פון אַלע, נאָר זיי האָבן אַפילו מיט אָנדייטונגען זיך נישט דערלויבט צו רעדן דאָס, וואָס דאָס ייִנגל וואָלט נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך דאָס נישט אָפּגערעדט, אָבער דאָס האָט זיך איינגעשטעלט פון זיך אַליין. זיי וואָלטן געהאַלטן פאַר אַ באַליידיקונג פאַר זיך אַליין אָפּצונאַרן דאָסדאָזיקע קינד. אין זיין קעגנוואַרט האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, ווי באַקאַנטע. אָבער, נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער פאַרזיכטיקייט, האָט ווראָנסקי אָפּט געזען אָנגעשטעלט אויף זיך דעם אויפמערקזאַמען און פאַרוווּנדערטן בליק פון דעם קינד און אַ מאָדנע אָפּהענטיקייט, נ·ט גלייכקייט, דאָ צערטלעכקייט, דאָ קאַלטקייט און שעמעוודיקייט אין דער באַציונג צו זיך פונם ייִנגל. ווי דאָס ייִנגל וואָלט געפילט, אַז צווישן דעמדאָזיקן מענטש און זיין מוטער איז דאָ עפּעס אַ וויכטיקע באַציונג, וואָס איר וויכטיקייט קאָן ער נישט פאַרשטיין.

ווירקלעך, דאָס ייִנגל האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט פאַרשטיין דידאָזיקע באַציונג, און ער האָט זיך געמאַטערט און נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס געפיל, וואָס ער דאַרף האָבן צו דעמדאָזיקן מענטש. מיט דער עמפּינדל·כקייט פון אַ קינד צו דער אויסערונג פון אַ געפיל האָט ער דייטלעך געזען, אַז דער פאָטער, די גוווערנאַנטין, די ניאַניע — אַלע האָבן נישט בלויז נישט ליב געהאַט, נאָר מיט פאַראַכטונג און מורא געקוקט אויף ווראָנסקין, הגם זיי האָבן גאָרנישט גערעדט וועגן אים, און אַז די מוטער האָט געקוקט אויף אים ווי אויפן בעסטן פריינט.

„וואָס־זשע באַדייט דאָס? ווער איז ער אַזעלכער? ווי אַזוי דאַרף מען אים ליב האָבן? אויב איך פאַרשטיי נישט, בין איך שולדיק, אָדער איך בין אַ נאַריש אָדער אַ שלעכט ייִנגל", האָט דאָס קינד געטראַכט.

און דערפון האט זיך דערנומען זיין פארשנדיקער, פרעגנדיקער, טיילווייז נישט פריינטלעכער אויסדרוק, אי די שרעקעוודיקייט, אי די נישט גלייכקייט, וועלכע האבן אזוי געקווײלט ווראנסקין. די אנוועזנהייט פון דעמדאזיקן קינד האט תמיד און אומגעענדערט ארויסגערופן אין ווראנסקין יענץ מאדנע געפיל פון אורזאכלאזן עקל, וואס ער האט איבערגעלעבט די לעצטע צייט. די אנוועזנהייט פונם דאזיקן קינד האט ארויסגערופן אין ווראנסקין און אין אננען א געפיל, ענלעך צום געפיל פון א ים שווימער, וואס זעט לויטן קאמפאס, אז די ריכטונג, אין וועלכער ער באוועגט זיך שנעל, גייט זיך ווייט פונאנדער מיט דער געהעריקער, נאר אז אפשטעלן די באוועגונג איז נישט אין זיינע כוחות, אז יעדע מינוט דערווייטערט אים אלץ מער און מער און אז מודה זיין פאר זיך אין אפטרעטן — איז אלץ איינס, וואס מודה זיין זיך אין אומקום.

דאסדאזיקע קינד מיט זיין נאיוון בליק אויפן לעבן איז געווען דער קאמפאס, וואס האט זיי געוויזן דעם גראד פון זייער אפנייגן זיך פון דעם, וואס זיי האבן געוווסט, נאר נישט געוואלט וויסן.

דאס מאל איז סעריאזשא נישט געווען אינדערהיים; זי איז געווען איינגאנצן אליין און איז געזעסן אויף דער טעראסע, ווארטנדיק אויפן צוריקקומען פון זון, וואס איז אוועקגעגאנגען שפאצירן און אים האט געטראפן דער רעגן. זי האט געשיקט א מענטש און א מיידל און איז געזעסן ווארטנדיק. אנגעטון אין א ווייס קלייד מיט ברייטן האפט, איז זי געזעסן אין ווינקל פון דער טעראסע הינטער די בלומען און נישט געהערט זיין אנקומען. זי האט געהאלטן אנגעבויגן איר שווארץ געלאקטן קאפ און צוגעדריקט דעם שטערן צום קאלטן שפריץ-קענדל, וואס איז געשטאנען אויפן פארענטש, און מיט די הערלעכע הענט אירע מיט די אזוי אים באקענטע רינגלעך צוגעהאלטן דאס שפריץ-קענדל. די שיינקייט פון איר גאנצער פיגור, פון קאפ, פון האלז, פון די הענט האט איטלעכעס מאל, ווי עפעס אומגעריכטס, איבערראשט ווראנסקין. ער האט זיך אפגעשטעלט, קוקנדיק מיט אנטציקונג אויף איר. ווי נאר אבער ער האט געוואלט מאכן א טריט, כדי זיך צו דערנעענטערן צו איר, האט זי שוין דערפילט זיין דערנענטערונג, אפגעשטופט דאס שפריץ-קענדל און אויסגעדרייט צו אים איר דערהיצט פנים.

— וואס איז מיט אייך? איר זענט נישט געזונט? — האט ער געזאגט אויף פראנצויזיש, צוגייענדיק צו איר. ער האט געוואלט צולויפן צו איר, אבער, דערמאנענדיק זיך, אז עס קאנען זיין זייטיקע, האט ער זיך

אומגעקוקט אויף דער באַלקאָן-טיר און איז רויט געוואָרן, ווי ער פלעגט יעדעס מאָל רויט ווערן, פילנדיק, אַז ער דאַרף זיך אומקוקן און מורא האָבן.

— ניין, איך בין געזונט, — האָט זי געזאָגט, אויפשטייענדיק און פעסט דריקנדיק זיין אויסגעשטרעקטע האַנט. איך האָב מיך נישט גערעכט אויף... דיר.

— גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ קאַלטע הענט! — האָט ער געזאָגט.

— דו האָסט מיך דערשראָקן, — האָט זי געזאָגט. — איך בין אַליין און וואַרט אויף סעריאָזשען, ער איז געגאַנגען שפּאַצירן; זיי דאַרפן קומען פונדאַנען.

אָבער, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט זיך באַמיט צו זיין רויק, האָבן אירע ליפּן זיך געטרייסלט.

— זייט מיר מוחל, וואָס איך בין געקומען, נאָר איך האָב נישט געקאָנט דורכמאַכן דעם טאָג, נישט האָבנדיק געזעען אייך, — האָט ער ווייטער גערעדט אויף פראַנצויזיש, ווי ער פלעגט תמיד רעדן, אויסמיידנדיק דעם אוממעגלעך-קאַלטן אי ר צווישן זיי און דעם געפערלעכן ד ו אויף רוסיש.

— פאַרוואָס-זשע מוחל זיין? עס פרייט מיך אַזוי

— אָבער איר זענט נישט געזונט אָדער האָט אַן עגמת נפש, — האָט ער פאָרגעזעצט, נישט אַרויסלאָזנדיק איר האַנט און אָנבייגנדיק זיך איבער איר. — וועגן וואָס האָט איר געטראַכט?

— אַלץ וועגן אייגענעם, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

זי האָט געזאָגט דעם אמת. ווען, אין וואָס פאַר אַ מינוט מען זאָל זי נישט געווען פרעגן וועגן וואָס זי טראַכט, האָט זי אָן טעות געקאָנט ענטפערן: וועגן אייגענעם, וועגן מיין גליק און וועגן מיין אומגליק. זי האָט געטראַכט אַצינד טאַקע, ווען ער האָט זי געטראָפן, אָט וועגן וואָס: זי האָט געטראַכט, פאַרוואָס פאַר אַנדערע, פאַר בעטסי, למשל (זי האָט געוווסט וועגן איר געהיימער פאַר דער וועלט פאַרבינדונג מיט טושקעוויטשן), איז דאָס אַלץ אַזוי גרינג, און פאַר איר אַזוי פיינלעך. היינט האָט דער דאָזיקער געדאַנק, איבער געוויסע טעמים, זי באַזונדער געפייניקט. זי האָט אים געפרעגט וועגן די געיעגן. ער האָט איר געענטפערט און, זעענדיק, אַז זי איז אויפגערעגט, באַמיענדיק זיך צו צעשטרייען זי, האָט ער איר אָנגעהויבן דערציילן מיטן סאַמע איינפאַכסטן טאָן די פרטים פון די צוגרייטונגען צו די געיעגן.

„זאָגן אָדער נישט זאָגן ? — האָט זי געקלערט, קוקנדיק אין זיינע רויקע, צערטלעכע אויגן אַריין. — ער איז אַזוי גליקלעך, אַזוי פאַרנומען מיט זיינע געיעגן, אַז ער וועט דאָס נישט פאַרשטיין, ווי מען דאַרף, נישט פאַרשטיין די גאַנצע באַדייטונג פון דערדאָזיקער געשעעניש פאַר אונז".

— אָבער איר האָט נישט געזאָגט, וועגן וואָס איר האָט געקלערט, ווען איך בין אַריינגעקומען. — האָט ער געזאָגט, איבעררייסנדיק זיין דערציילן, — איך בעט אייך, זאָגט !

זי האָט נישט געענטפערט און, אָנבייגנדיק אַ ביסל דעם קאָפּ, האָט זי פון אונטערן שטערן געקוקט אויף אים פרעגנדיק מיט אירע בלישטשענדיקע אויגן פון אונטער די לאַנגע וויעס אָפּער. איר האַנט, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אַן אָפּגעריסן בלאַט, האָט געציטערט. ער האָט דאָס געזען, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט די אונטערטעניקייט, שקלאַפישע איבערגעגעבנקייט, וועלכע פלעגט זי אַזוי איבערקויפן.

— איך זע, אַז עס איז געשעען עפּעס. צי קאָן איך זיין אַ מינוט רויק, ווייסנדיק, אַז איר האָט עגמת נפש, און וועלכע איך באַטייליק מיך נישט ? זאָגט, אום גאָטס ווילן ! — האָט ער בקשהדיק איבערגעחזרט.

„יאָ, איך וועל אים נישט מוחל זיין, אויב ער וועט נישט פאַרשטיין די גאַנצע באַדייטונג פון דעמדאָזיקן. בעסער נישט רעדן, צוואָס אויספרווון ?" האָט זי געטראַכט, נאָך אַלץ אַזוי קוקנדיק אויף אים און פילנדיק, אַז איר האַנט מיטן בלאַט ציטערט אַלץ מער און מער.

— אום גאָטס ווילן ! — האָט ער איבערגעחזרט, אָננעמענדיק איר האַנט.

— זאָגן ?

— יאָ, יאָ, יאָ...

— איך בין מעוברת, — האָט זי געזאָגט שטיל, פּאַמעלעך.

דאָס בלעטל אין איר האַנט האָט אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו ציטערן, אָבער זי האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון אים, כּדי צו זען, ווי אַזוי ער וועט דאָס אויפנעמען. ער איז בלייך געוואָרן, האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגעלאָזט איר האַנט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „יאָ, ער האָט פאַרשטאַנען די גאַנצע באַדייטונג פון דערדאָזיקער געשעעניש", האָט זי אַ קלער געגעבן און דאַנקבאַר אים אַ דריק געטון די האַנט.

אָבער זי האָט זיך טועה געווען אין דעם, אַז ער האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דער ידיעה אַזוי, ווי זי, די פרוי, האָט זי פאַרשטאַנען. בײַ דערדאָזיקער ידיעה האָט ער מיט אַ פאַרצענפאַכטער קראַפט דערשפירט דעם אָנפאַל פון יענעם געפיל פון עקל צו עמעצן, וואָס פלעגט אים באַפאַלן; נאָר אײנצײַטיק האָט ער געשפירט, אַז דער קריזיס, וועלכן ער האָט געוואָלט, איז געקומען אַצינד, אַז מען קאָן נישט מער פאַרבאָרגן פאַרן מאַן און אַז ס'איז נייטיק אַזוי אָדער אַנדערש גיך איבערצורײַסן דידאָזיקע אומנאַטירלעכע לאַגע. אָבער, חוצדעם, האָט איר פיזישע אויפגערעגטקייט זיך איבערגעגעבן אים. ער האָט אַ בליק געטון אויף איר מיט אַ האַרציקן, אונטערטעניקן בליק, אַ קוש געטון איר האַנט, אויפגעשטאַנען און שווײַגנדיק זיך איבערגעגאַנגען איבער דער טעראַסע.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, אַנטשלאָסן צוגייענדיק צו איר. — ניט איך, נישט איר האָבן נישט געקוקט אויף אונזערע באַציונגען. ווי אויף אַ שפּילעכל, און אַצינד איז אונזער גורל באַשלאָסן. עס איז נייטיק צו ענדיקן, — האָט ער געזאָגט, אומקוקנדיק זיך, — די ליגנט, אין וועלכער מיר לעבן.

— ענדיקן? ווי אַזוי זשע ענדיקן, אַלעקסיי? — האָט זי שטיל געזאָגט.

זי האָט זיך באַרויקט אַצינד, און איר פנים האָט געשײַנט מיט אַ צערטלעכן שמייכל.

— פאַרלאָזן דעם מאַן און פאַרייניקן אונזער לעבן.

— עס איז אַזוי אויך פאַרייניקט, — האָט זי קוים הערבאַר געענטפערט.

— יאָ, נאָר אינגאַנצן, אינגאַנצן.

— אָבער ווי אַזוי, אַלעקסיי, לערן מיך אויס, ווי אַזוי? — האָט זי געזאָגט מיט טרויעריקער איראָניע אויף דער אומאויסגעפינלעכקייט פון איר לאַגע. — איז דען דאָ אַן אויסגאַנג פון אַזאַ לאַגע? בין איך דען נישט די פרוי פון מײַן מאַן?

— פון יעדער לאַגע איז דאָ אַן אויסגאַנג. מען מוז זיך אַנטשליסן, — האָט ער געזאָגט. — אַלץ בעסער, ווי די לאַגע, אין וועלכער דו לעבסט. איך זע דאָך, ווי דו פּײַניקסט זיך. פון אַלץ, — אי פון דער געזעלשאַפט, אי פון זון, אי פון מאַן.

— אַך, בלויז נישט פון מאַן, — האָט זי אַ זאָג געטון מיט אַ פשוטן

און שפּאַטישן שמייכל. — איך ווייס נישט, איך טראַכט נישט וועגן אים. ער איז נישטאָ.

— דו רעדסט נישט אויפריכטיק. איך קען דיך. דו פּייניקסט דיך וועגן אים אויך.

— ער ווייסט אפילו נישט, — האָט זי געזאָגט, און פּלוצלינג האָט אַ העלע רויטקייט אָנגעהויבן אַרויסטרעטן אויף איר פּנים; די באַקן, דער שטערן, דער האַלז אירער זענען רויט געוואָרן, און טרערן פון בושה האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. — לאָמיר מער נישט רעדן וועגן אים.

XXIII.

וראָנסקי האָט שוין עטלעכע מאָל געפּרוווט, הגם נישט אַזוי אַנטשלאָסן, ווי אַצינד, אַרויספירן זי אויף אַ שמועס וועגן איר לאַגע און פלעגט איטלעכעס מאָל זיך אָנטרעפן אויף דער אויבערפלעכלעכער און לייכטער שטעלונג, מיט וועלכער זי האָט אַצינד געענטפערט אויף זיין אַרויסרוף, ווי עס וואָלט געווען אין דעם עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט זיך קלאָר מאַכן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, איז זי, די אמתע אַננאַ, אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אין זיך אַריין און עס איז אַרויסגעטרעטן אַ צווייטע, אויסטערלישע, אים פרעמדע פרוי, וועלכע ער האָט נישט ליב, פאַר וועלכער ער האָט מורא און וועלכע שטעלט אים אַ ווידערשטאַנד. אָבער היינט האָט ער זיך אַנטשלאָסן אַרויסצוזאָגן אַלץ.

— צי ווייסט ער, אָדער נישט, — האָט וראָנסקי געזאָגט מיט זיין געוויינלעך פעסטן און רויקן טאָן, — צי ווייסט ער, אָדער נישט, דאָס גייט אונז נישט אָן. מיר קאָנען נישט... איר קאָנט נישט אַזוי בלייבן, באַזונדערס אַצינד...

— וואָס-זשע קאָן מען לויט אייך טון? — האָט זי געפרעגט מיט דער זעלבער לייכטער איראָנישקייט. זי, וועלכע האָט אַזוי מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט אויפנעמען גרינג איר שוואַנגערשאַפט, האָט איצט פאַרדראָסן, דערפאַר, וואָס ער דרינגט פון דעם אַרויס די נייטיקייט עפּעס אונטערצונעמען.

— דערקלערן אים אַלץ און פאַרלאָזן אים.

— זייער גוט; לאָמיר אָננעמען, איך וועל דאָס טון, — האָט זי בּיזאָגט. — איר ווייסט, וואָס פון דעם וועט זיין? איך וועל פאָרויס אַלץ זאָגן, — און אַ בייזער גלאַנץ האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע גיט אַ מינוט פאַר דעם צערטלעכע אויגן. — „אָ, איר האָט ליב אַ צווייטן און זענט אַריינגעטרעטן מיט אים אין אַ פאַרברעכערישער פאַרבינדונג. (זי האָט, פאָרשטעלנדיק דעם מאַן, געטון פונקט אַזוי, ווי אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, שטעלנדיק דעם טראָפּ אויפן פ א ר ב ר ע כ ע ר י ש ן.) איך האָב אייך געוואָרנט וועגן די פאָלגן אין רעליגיעזער, בירגערלעכער און פאַמיליענהאַפטער באַציונג. איר האָט מיך נישט געהאָרכט. איצט קאָן איך נישט צו שאַנד מאַכן מיין נאָמען... — און מיין זון, האָט זי געוואָלט זאָגן, אָבער מיטן זון האָט זי נישט געקאָנט שפּאַסן, — צו שאַנד מאַכן מיין נאָמען", און נאָך עפּעס פון דעם מין, — האָט זי צוגעגעבן. — בכלל וועט ער זאָגן מיט זיין מלוכהשער מאַניר און מיט קלאָרקייט און פּינקטלעכקייט, אַז ער קאָן מיך נישט אָפּלאָזן, נאָר וועט אָננעמען אַלע פון אים אָפּהענגיקע מיטלען אָפּצושטעלן דעם סקאַנדאַל. און וועט טון רויק, פּינקטלעך דאָס, וואָס ער וועט זאָגן. אָט וואָס ס'וועט זיין. דאָס איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ מאַשין, און אַ בייזע מאַשין, ווען ער ווערט דערצערנט, — האָט זי צוגעגעבן, דערמאָנענדיק זיך דערביי אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן מיט אַלע פּרטים פון זיין פיגור, מיט זיין מאַניר פון רעדן. זי האָט אים שולדיק געמאַכט פאַר דעם אַלעם נישט שיינעם, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט געפינען אין אים, נישט מוחל זייענדיק אים גאָרנישט פאַר יענער שרעקלעכער שולד, מיט וועלכער זי איז קעגן אים שולדיק געווען.

— אָבער, אַננאַ, — האָט ווראָנסקי געזאָגט מיט אַן איבערצייגנד, ווייך קול, באַמיענדיק זיך צו באַרויקן זי, — פונדעסטוועגן איז נייטיק צו זאָגן אים, און דערנאָך שוין צו פירן זיך לויט דעם, וואָס ער וועט אונטערנעמען.

— וואָס־זשע, אַנטלויפן?

— פאַרוואָס־זשע טאַקע נישט אַנטלויפן. איך זע נישט קיין מעגלעכקייט פאַרצוזעצן דאָס. און נישט פאַר זיך, — איך זע, אַז איר ליידט.

— יאָ, אַנטלויפן און ווערן אייער געליבטע, — האָט זי בייז בּיזאָגט.

— אַננאַ, — האָט ער טרעומותדיק־צערטלעך אַ זאָג געטון.

— יאָ, — האָט זי פאַרגעזעצט, — ווערן אייער גליבטע און אומברענגען אַלץ...

זי האָט ווידער געוואָלט זאָגן: דעם זון, אָבער נישט געקאָנט אַרויסזאָגן דאָסדאָזיקע וואָרט.

וואָנסקי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי זי מיט איר שטאַרקער, ערלעכער נאַטור קאָן איבערטראָגן דידאָזיקע לאַגע פון פאַלשקייט און נישט וועלן אַרויסגיין פון איר; אָבער ער האָט זיך נישט משער געווען, אַז די הויפּט-סיבה פון דעם איז דאָס וואָרט ד ע ר ז ו ן, וועלכעס זי האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. ווען זי האָט געקלערט וועגן זון און זיינע קינפטיקע באַציונגען צו דער מוטער, וואָס האָט אַוועקגעוואָרפן זיין פאָטער, איז איר געוואָרן אַזוי שרעקלעך פאַר דעם, וואָס זי האָט געטון, אַז זי האָט מער נישט אַריינגעטראַכט, נאָר, ווי אַ פרוי, זיך באַמיט בלויז מיט פאַלשע איינרעדענישן און ווערטער זיך צו באַרויקן, כדי אַלץ זאָל בלייבן אויפן אַלטן שטייגער און כדי צו קאָנען פאַרגעסן אָן דער שרעקלעכער פראַגע, וואָס ס'וועט זיין מיטן זון.

— איך בעט דיך, איך בעט דיך, — האָט זי פּלוצלינג גאָר מיט אַן אַנדערן, אויפריכטיקן און צערטלעכן טאָן געזאָגט, אָננעמענדיק אים בײַ דער האַנט, — רעד קיינמאָל נישט מיט מיר וועגן דעם.

— אָבער, אננאַ...

— קיינמאָל. לאָז דאָס פאַר מיר. די גאַנצע נידעריקייט, די גאַנצע שרעקלעכקייט פון מיין לאַגע ווייס איך; אָבער דאָס איז נישט אַזוי לייכט צו אַנטשיידן, ווי דו מיינסט. און לאָז דאָס פאַר מיר, און הער מיך. קיינמאָל רעד נישט מיט מיר וועגן דעם. זאָגסטו מיר צו?.. ניין, ניין, זאָג צו...

— איך זאָג אַלץ צו, אָבער איך קאָן נישט זיין רויק, באַזונדערס נאָכדעם, וואָס דו האָסט געזאָגט. איך קאָן נישט זיין רויק, ווען דו קאָנסט נישט זיין רויק...

— איך? — האָט זי איבערגעחזרט. — יאָ, איך פייניק מיך טייל־מאָל; אָבער דאָס וועט איבערגיין, אויב דו וועסט קיינמאָל נישט רעדן מיט מיר וועגן דעם. ווען דו רעדסט מיט מיר וועגן דעם, דעמאָלט ערשט פייניקט דאָס מיך.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט ער געזאָגט.

— איך ווייס, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן, — ווי שווער עס איז פאַר דיין ערלעכער נאַטור ליגנט צו זאָגן, און כ'באַדויער דיך.

איך טראַכט אָפט, ווי דו האָסט פאַר מיינעטוועגן אַ תל געמאַכט פון דיין לעבן.

— איך האָב אויך דאָס אייגענע ערשט געטראַכט, — האָט ער געזאָגט: — ווי אַזוי דו האָסט צוליב מיר געקאָנט אַלץ מקריב זיין? איך קאָן מיר נישט מוחל זיין דאָס, וואָס דו ביסט אומגליקלעך.

— איך בין אומגליקלעך? — האָט זי געזאָגט, דערנענטערנדיק זיך צו אים און מיט אַ באַגייסטערטן שמייכל קוקנדיק אויף אים, — איך בין ווי אַ הונגעריקער מענטש, וועלכן מען האָט געגעבן עסן. עס קאָן זיין, עס איז אים קאַלט, און זיינע מלבושים זענען צעריסן, און ער שעמט זיך, אָבער ער איז נישט אומגליקלעך. איך בין אומגליקלעך? ניין, אָט איז מיין גליק...

זי האָט דערהערט דאָס קול פון דעם זיך דערנענטערנדיקן זון און, אַ וואָרף טוענדיק אַ שנעלן בליק אויף דער טעראַסע, איז זי האַסטיק אויפגעשטאַנען. איר בליק האָט זיך אָנגעצונדן מיט דעם אים באַקאַנטן פייער, זי האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג אויפגעהויבן אירע שיינע, מיט רינגלעך באַדעקטע הענט, אים אָנגענומען באַם קאָפּ, אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ לאַנגן בליק און, דערנענטערנדיק איר פּנים מיט די אָפענע, שמייכלענדיקע ליפּן, האָט זי אַ קוש געטון זיין מויל און ביידע אויגן און אים אָפּגעשטויסן. זי האָט געוואָלט גיין, אָבער ער האָט זי פאַרהאַלטן.

— ווען? — האָט ער פליסטערנדיק אַ זאָג געטון, באַגייסטערט קוקנדיק אויף איר.

— היינט איינס אַ זייגער, — האָט זי אַ פליסטער געטון און, שווער אָפּזיפּצנדיק, זיך געלאָזט גיין מיט איר לייכטן און פלינקן גאַנג אַקעגן דעם זון.

סעריאָזשען האָט דער רעגן געטראָפן אין גרויסן גאָרטן, און ער איז מיט דער ניאַניע איבערגעזעסן אין דער האַלטאַנקע.

— נו, צום ווידערזען, — האָט זי געזאָגט ווראָנסקין. — אַצינד דאַרף מען באַלד אויף די געיעגן. בעטסי האָט צוגעזאָגט אָפּצוטרעטן נאָך מיר.

אַ קוק טוענדיק אויפן זייגער, איז ווראָנסקי איילנדיק אוועקגעפאָרן.

XXIV.

ווען ווראָנסקי האָט געקוקט אויפן זייגער אויפן באַלקאָן פון די קאַרעניגס, איז ער געווען אַזוי צערודערט און פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, אַז ער האָט געזען די ווייזערס אויפן ציפערבלאַט, אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי שפּעט ס איז. ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן שאָסיי און, פאָרזיכטיק טרעטנדיק איבער דער בלאָטע, זיך אוועקגעלאָזט צו זיין קאָטש. ער איז געווען אַזוי איבערפולט מיטן געפיל צו אַננען, אַז ער האָט אַפילו נישט געטראַכט, ווי שפּעט ס'איז און צי ער האָט נאָך צייט צו פאָרן צו בריאַנסקין. בא אים, ווי עס געשעט אָפט, איז געבליבן בלויז די אויסערלעכע פעיקייט פון זכרון, וואָס ווייזט אָן וועלכע זאַך ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פריער צו טון. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין קוטשער, וואָס איז אַנדרימלט געוואָרן אויף דער קעלניע שוין אין שיפן שאָטן פון אַ געדיכטער ליפּע, זיך געקוויקט אַ ווײַלע מיט די זיילן מוקן און פליגעלעך, וואָס האָבן זיך געגאָסן און געדרייט איבער די פאַרשוויצטע פערד, און אויפוועקנדיק דעם קוטשער, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין דער קאָטש און געהייסן פאָרן צו בריאַנסקין. ערשט נאָכן אָפּפאָרן אַ וויאָרסט זיבן, איז ער צו זיך געקומען אויף אַזוי פיל, אַז ער האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער און פאַרשטאַנען, אַז עס איז האַלב זעקס און אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט.

דעם טאָג איז געווען עטלעכע געיעגן: אַ קאָנוואָי-געיעג, דערנאָך אַ צוויי-וויאָ סטיק געיעג פון אָפיצירן, אַ פיר-וויאָרסטיקס און דאָס געיעג, אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט. צו זיין געיעג האָט ער געקאָנט באַוויזן צו קומען, נאָר אויב ער וועט פאָרן צו בריאַנסקין, וועט ער קוים-קוים קומען, און קימען, ווען עס וועט שוין זיין דער גאַנצער ה ו י ף. דאָס איז געווען נישט גוט. אָבער ער האָט געגעבן בריאַנסקין אַ וואָרט צו זיין בא אים און דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן ווייטער. באַפעלנדיק דעם קוטשער נישט צו שוינען די טראָיקע.

ער איז געקומען צו בריאַנסקין, איז אָפּגעווען בא אים פינף מינוט און האָט אוועקגעגאַלאָפּירט צוריק. דאָסדאָזיקע שנעלע פאָרן האָט אים באַרויִקט. דאָס גאַנצע שווערע, וואָס איז געווען אין זיינע באַציונגען צו

אַנגעצן, די גאַנצע אומבאַשטימטקייט, וואָס איז געבליבן נאָך זייער גע־שפּריץ, אַלץ איז אַרויסגעשפּרונגען פון זיין קאָפּ; ער האָט מיט תענוג און איינהערגונג געטראַכט אַצינד וועגן גייעג, וועגן דעם, אַז ער וועט פונ־דעסטוועגן באַוויזן צו קומען, און פון ציט־צו־צייט האָט די דערוואַרטע גליקלעכע זעונג פון דער היינטיקער נאַכט זיך אָנגעצונדן ווי אַ העל ליכט אין זיין דמיון.

דאָס געפיל פונם פאָרשטייענדן גייעג האָט אים אַלץ מער און מער אַרומגעכאַפּט, וואָס ווייטער און ווייטער ער איז אַריינגעפאָרן אין דער אַטמאָספערע פון די גייעגן, איבעריאָגנדיק די קאָטשן, וואָס זענען געפאָרן פון די דאַטשעס און פון פעטערבורג אויף די גייעגן.

אין זיין וווינונג איז שוין קיינער נישט געווען אינדערהיים, — אַלע זענען געווען אויף די גייעגן, און דער לאָקיי האָט אים אָפּגעוואַרט באַם טויער. בעת ער האָט זיך איבערגעטון, האָט דער לאַקיי אים מיט־געטיילט, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דאָס צווייטע גייעג, אַז עס זענען געקומען אַ סך הערן פרעגן אויף אים און פון פערדשטאַל איז צוויי מאָל געקומען צו לויפן דאָס ייִנגל.

איבערגעטון זיך אָן אייַלעניש (ער האָט זיך קיינמאָל נישט געאייַלט און נישט פאַרלוירן די זעלבסטהערשונג), האָט וורָאָנסקי געהייסן פאָרן צו די באַראַקן. פון די באַראַקן האָט ער שוין געזען דעם ים קאָטשן, פוס־גייער, זעלנער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם היפּאָדראָם, און די מיט מענטשן ווימלענדיקע האַלטאַנקעס. עס איז, מסתמא, פאָרגעקומען דאָס צווייטע גייעג, ווייל אין דער צייט, וואָס ער איז אַריינגעגאַנגען אין באַ־ראַק, האָט ער געהערט אַ קלונג. צוגייענדיק צו דער פערדשטאַל, האָט ער זיך באַגעגנט מיט מאַכאָטינס ווייספיסיקן געלן גלאַדיאַטאָר. אים האָט מען אין אַן אַראַנזש־בלויער דעקע מיט בלוי אַרומגעזוימטע אויערן, וואָס האָבן אויסגעזען אומגעהייער גרויס, געפירט אויפן היפּאָדראָם אַרויף.

— ווו איז קאָרד? — האָט ער געפרעגט באַם שטאַלדינער.

— אין שטאַל, מען זאָטלט אָן.

אין דער געעפנטער שטאַל איז פרו־פרו שוין געווען אָנגעזאָטלט. מען האָט זיך געקליבן זי אַרויסצופירן.

— איך האָב נישט פאַרשפּעטיקט?

— All right! All right! אַלץ אין אָרדנונג, — האָט דער ענגלענדער אַ זאָג געטון, — זייט נישט אויפגערעגט.

וורָאָנסקי האָט נאָכאַמאָל אַרומגענומען מיטן בליק די הערלעכע,

באליבטע פארמען פון פערד, וואס האט געציטערט מיטן גאנצן קערפער, און, מיט אנשטרענגונג זיך אפרייסנדיק פון דעמדאזיקן בילד, איז ער ארויסגעגאנגען פון באראק. ער איז צוגעפארן צו די האלטאנקעס אין דער סאמע באקוועמסטער צייט. כדי נישט צו ווענדן אויף זיך קיינעמס אויפמערקזאמקייט. עס האט זיך באר וואס פארענדיקט דאס צוויי-ווערסטיקע געיעג, און אלע אויגן זענען געווענדט געווען אויף דעם קאוואלערגארד פאָרויס און דער לייבהוזאר פון הינטן, וואס האבן מיט די לעצטע כוחות געטריבן די פערד און זענען צוגעקומען צום סלופ. פון מיטן און פון דרויסן פון קרייז האבן זיך אלע געשטופט צום סלופ, און א קאוואלערגארד-גרופע פון זעלנער און אפיצירן האט מיט הילכיקע אויסגעשרייען אויסגעדריקט די פרייד פונם דערווארטעטן טריומף פאר זייער אפיציר און חבר. ווראנסקי איז אומבאמערקבאר אריינגעגאנגען אינמיטן עולם כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען עס האט זיך דערהערט דער קלונג, וואס האט פארענדיקט דאס געיעג, און דער הויכער, מיט בלאטע באשפריצטער קאוואלערגארד, וואס איז געקומען דער ערשטער, אראפלאזנדיק זיך אויפן זאטל, האט אנגעהויבן נאכלאזן די לייצן זיין גרויען, פון שווייס טונקל געווארענעם, זשערעבאק, וואס האט שווער געאטעמט.

דער זשערעבאק, וואס האט מיט אנשטרענגונג זיך פארהאלטן מיט די פיס, האט פארקירצט דעם שנעלן גאנג פון זיין גרויסן קערפער, און דער קאוואלערגאר-אפיציר, ווי א מענטש — אויפגעוואכט פון א שווערן שלאף, האט זיך ארומגעקוקט און מיט אנשטרענגונג א שמייכל געטון. א מחנה אייגענע און פרעמדע האט אים ארומגערינגלט.

ווראנסקי האט בכיוון אויסגעמיטן דעם אויסדערוויילטן, הויכוועלטישן עולם, וואס האט איינגעהאלטן און פריי זיך באוועגט און דערבגעשמועסט פאר די האלטאנקעס. ער האט דערקענט, אז דארט איז אויך דא די קארענינא, בעטסי און זיין ברודערס ווייב, און איז בכיוון, כדי נישט צו צעשטרייען זיך, נישט צוגעגאנגען צו זיי. אבער די באקאנטע, וואס ער האט כסדר באגעגנט, האבן אים אפגעשטעלט, דערציילט די פרטים פון די פארגעקומענע געיעגן און אויסגעפרעגט, פארוואס ער האט פארשפעטיקט.

אין דער צייט, וואס די באטייליקטע אין געיעג זענען גערופן געווארן אין דער האלטאנקע אריין צו באקומען די פריזן און אלע האבן זיך געווענדט אהין, איז ווראנסקיס עלטערער ברודער, אלעקסאנדער, א גול-

קאָווניק מיט אַקסלבענדער, אַ נישט הויכוואַקסיקער, אויך אַזאַ ברייטביי־ניקער, ווי אַלעקסיי, נאָר נאָך אַ מער שיינער און ראָזער, מיט אַ רויטער נאָז און אַ שיכורדיק, אָפֿן פּנים — צוגעגאַנגען צו אים.

— דו האָסט דערהאַלטן מיין צעטעלע? — האָט ער געזאָגט. — דיך איז קיינמאָל נישט צו טרעפֿן.

אַלעקסאַנדער װראָנסקי, נישט געקוקט אויף דעם הולטייאישן, איבער־הויפּט שיכורן לעבן, מיט וואָס ער איז באַקאַנט געווען, איז געווען פֿולקאָם אַ הויף־מענטש.

רעדנדיק מיטן ברודער וועגן אַ גאַנץ נישט אָנגענעמער זאַך פֿאַר אים און ווייסנדיק, אַז די אויגן פֿון אַ סך קאָנען זיין געווענדט אויף זיי, האָט ער צוגעהאַט אַ שמייכלענדיקע מינע, ווי ער וואָלט וועגן עפּעס נישט וויכטיקס געשפּאַסט מיטן ברודער.

— איך האָב דערהאַלטן און, כ׳לעבן, איך פֿאַרשטיי נישט, וועגן וואָס דו זאָרגסט דיך, — האָט אַלעקסיי געזאָגט.

— איך זאָרג מיך וועגן דעם, וואָס ס׳איז מיר ערשט באַמערקט געוואָרן, אַז דו ביסט נישטאָ און אַז מאָנטיק האָט מען דיך באַגעגנט אין פּעטערהאָף.

— עס זענען פֿאַראַן זאַכן, וועלכע דאַרפֿן באַהאַנדלט ווערן בלויז דורך די, וואָס זענען דירעקט פֿאַראינטערעסירט אין זיי, און די זאַך וועגן וועלכער דו זאָרגסט זיך אַזוי, איז אַזעלכע....

— יאָ, אָבער דעמאָלט דינט מען נישט, מען...

— איך בעט דיך נישט אריינצומישן זיך. און פּטור.

אַלעקסייס אַלעקסאַנדראָוויטשס אָנגעכמורעטע פּנים איז בלייך געוואָרן און דער אַרויסגערוקטער אונטערשטער קין זיינער האָט אַ ציטער געטון, וואָס ס׳פֿלעגט זעלטן פֿאָרקומען בײַ אים. ער האָט, ווי אַ מענטש מיט זייער אַ גוט האַרץ, זעלטן זיך געבייזערט, אָבער ווען ער איז בייז גע־ווען און ווען די גאָמבע האָט בײַ אים געציטערט, איז ער, ווי ס׳האָט עס אויך געוווּסט אַלעקסאַנדער װראָנסקי, געווען געפֿערלעך. אַלעקסאַנדער װראָנסקי האָט פֿריילעך אַ שמייכל געטון.

— איך האָב בלויז געוואָלט איבערגעבן דער מוטערס בריוו. ענט־פֿער איר און רעג דיך נישט אויף פֿאַרן רייטן. Bonne chance, — האָט ער שמייכלענדיק צוגעגעבן און אַוועקגעגאַנגען פֿון אים.

אָבער גלייך נאָך אים האָט ווידער אַ פֿריינטלעכע באַגריסונג אָפּ־געשטעלט װראָנסקין.

— ווילסט נישט קענען קיין גוטע פריינט ! וואָס מאַכסטו, mon cher ! — האָט געזאָגט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטש אפילו דאָ, צווישן דעם פּעטערבורגער גלאַנץ, בלאַנקענדיק נישט ווינציקער ווי אין מאָסקווע מיט זיין ראָז פּנים און די גלאַנציקע צעקעמטע באַקנבערד. — איך בין נעכטן געקומען און עס פרייט מיך זייער, וואָס איך וועל זעען דיין טריומף. ווען זעען מיר זיך ?

— קום מאָרגן אַריין אין קאַזינאָ — האָט וורָאָנסקי געזאָגט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אַ דריק געטון אים בײַם אַרבל פון מאַנטל און איז אַוועקגעגאַנגען אינמיטן היפּאָדראָם, וווּהין מען האָט שוין אַרייַנגעפירט די פערד צום גרויסן געיעג מיט די שטערונגען.

די פאַרשוויצטע, פאַרמאַטערטע פערד, באַטיילִיקטע אין געיעג, זענען, באַגלייט פון די שטאַלמייסטערס, אַוועקגעפירט געוואָרן אַהיים, און איינס נאָכן צווייטן האָבן זיך באַוויזן צום פאָרשטייענדן געיעג נייע, פרישע, צומייַנסט ענגלישע פערד, אין קופּקעס, מיט זייערע פאַרצויגענע בייכער, ענלעך צו אויסטערלישע ריזיקע פייגל. רעכטס האָט מען געפירט די אָפּגעמוגערטע שיינהייט פרו-פרו, וועלכע האָט, ווי אויף פרוזשינעס, געטרעטן אויף אירע עלאַסטישע און גענוג לאַנגע פיס. נישט ווייט פון איר האָט מען אַראָפּגענומען די דעקע פונם גולמעוואַטע גלאַדיאַטאָר. די היפּשע, פּראַכטפולע, פולשטענדיק רעגלמעסיקע פאָרמען פון דעם זשרע-באַק מיטן וואונדערבאַרן הינטן און אויסערגעוויינלעך קורצע, אויף די סאַמע קאָפּיטעס זיצנדיקע געלענקען האָבן נישט ווילנדיק אָפּגעשטעלט וורָאָנסקיס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. ער האָט געוואָלט צוגיין צו זיין פערד, אָבער אַ באַקאַנטער האָט אים ווידער פאַרהאַלטן.

— און אָט איז קאַרענין, — האָט אים געזאָגט דער באַקאַנטער, מיט וועלכן ער האָט גערעדט. — ער זוכט די פרוי, און זי איז אינעווייניק אין דער אַלטאַנקע. איר האָט זי נישט געזעען ?

— ניין, נישט געזעען, — האָט וורָאָנסקי געענטפערט און, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו אויף דער אַלטאַנקע, אין וועלכער מען האָט אים אָנגעוויזן אויף דער קאַרענינאַ, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פערד.

וורָאָנסקי האָט נישט באַוויזן אַ קוק צו טון אויפן זאָטל, וועגן וועלכן מען האָט געדאַרפט מאַכן אַ פאַראָרדנונג, ווי מען האָט די רייטערס אַ רוף געטון צו דער אַלטאַנקע צום אַרויסנעמען נומערן און אַוועקשיקן זיי. מיט ערנסטע, שטרענגע, אַ סך מיט בלייכע פּנימער, זענען זיבעצן מאַן

אָפּיצירן זיך צונויפגעגאַנגען צו דער האַלטאַנקע און אַרויסגענומען די נומערן. וורָאָנסקי האָט געקריגן דעם 7-טן נומער. עס האָט זיך דערהערט: „אויפזיצן!"

פילנדיק, אַז ער צוזאַמען מיט די איבעריקע רייטערס בילדעט דעם צענטער, אויף וועלכן עס זענען אָפּגעשטעלט אַלע אויגן, איז וורָאָנסקי אין אַ געשפּאַנטן צושטאַנד, ווען ער פלעגט געוויינלעך ווערן פּאַמעלעך און רויק אין די באַוועגונגען, צוגעגאַנגען צו זיין פערד. קאָרד האָט צוליב דער פייערלעכקייט פון די געיעגן זיך אָנגעטון אין זיין פּאַראַד-קאָסטיום: אַ שוואַרצער פאַרשפּיליעטער סורדוט, אַ שטייף געפּרעסטער קאָלנער, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט זיינע באַקן, און אין אַ קיילעכיקן, שוואַרצן הוט און באַטפאָרטן. ער איז געווען, ווי תמיד, רויק און חשיבותדיק און האָט אַליין געהאַלטן דאָס פערד בײַ בײדע צוימען, שטייענדיק פאַרן פערד. פרו-פרו האָט כסדר געציטערט, ווי אין פיבער. איר אויג פול מיט פייער האָט זייטיק געקוקט אויף דעם צוגייענדיקן וורָאָנסקין. וורָאָנסקי האָט אַרונטערגערוקט אַ פינגער הינטערן זאָטל-פּאַס. דאָס פערד האָט נאָך מער אַ שיקל געטון, פאַרשטשירעט די ציין און אומגעלייגט אַן אויער. דער ענגלענדער האָט אַ קרים געטון די ליפּן, וועלנדיק אויסדריקן אַ שמייכל אויף דעם, וואָס מען קאָנטראָלירט זיין זאָטלען.

— זיצט אויף: וועט איר זיך ווינציקער דענערווירן.

וורָאָנסקי האָט זיך אומגעקוקט דאָס לעצטע מאָל אויף זיינע קעגנער. ער האָט געוווּסט, אַז אין רייטן וועט ער זיי שוין נישט זען. צוויי זענען שוין געריטן פאָרויס צום אָרט, פונוואַנען מען האָט געדאַרפט אָפּלאָזן. גאַלצין, איינער פון די געפערלעכע קעגנער און וורָאָנסקיס אַ גוטער פריינט, האָט זיך געדרייט אַרום אַ גביאַדע זשרעבאַק, וואָס האָט נישט געלאָזט אויפזיצן. אַ קליינער לייבהוזאַר אין שמאָלע רייטהויזן האָט גאַלאָפּירט, אויסבייגנדיק זיך, ווי אַ קאַץ אויפן קרופּ, פון פאַרלאַנג נאָכצומאַכן די ענגלענדער. דער פירשט קוזאָוולִיעוו איז געזעסן אַ בלייכער אויף זיין ראַסאָווער קאָבילע פון ג ר אָ ב אָ ו ו ע ר צוכט-הויף, און אַן ענגלענדער האָט זי געפירט בײַ דער צוים. וורָאָנסקי און אַלע זיינע חברים האָבן געקאָנט קוזאָוולִיעוון און זיין אייגנשאַפט פון „שוואַכע" נערוון און שרעקלעכער אייגנליבע. זיי האָבן געוווּסט, אַז ער האָט מורא פאַר אַלץ, האָט מורא צו רייטן אויף אַ פּריינט-פערד; אָבער אַצינד, טאַקע דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען שרעקלעך, דערפאַר, וואָס מענטשן האָבן געבראָכן די קערגער און וואָס בײַ איטלעכער שטערונג זענען געשטאַנען

א דאָקטאָר, א לאַזאַרעט-פור מיט אַן אָנגעבייטן צלם און א באַרמהאַרציקע שוועסטער, האָט ער באַשלאָסן צו רייטן. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן, און ווראָנסקי האָט ליבלעך און מיט באַגיטיקונג א ווונק געטאָן צו אים. בלויז איינעם האָט ער נישט געזעען — דער הויפּט-קעגנער, מאַכאָטינען אויפן גלאַדיאַטאָר.

— איילט אייך נישט, — האָט קאָרד געזאָגט וורָאָנסקין. — און געדענקט איינס: פאַרהאַלט נישט בא די שטערונגען און טרייבט נישט, לאָזט זי אויסקלויבן, ווי זי וויל.

— גוט, גוט, — האָט וורָאָנסקי געזאָגט, אָננעמענדיק בא די צוימען.

— אויב עס וועט מעגלעך זיין, פירט אָן מיטן געיעג; אָבער זייט אייך נישט מיאש ביז דער לעצטער מינוט, ווען איר זאָלט אפילו זיין פון הינטן.

דאָס פערד האָט נישט באַוויזן זיך א ריר צו טון, ווי וורָאָנסקי האָט מיט א פלינקער און שטאַרקער באַוועגונג זיך א שטעל געטון אין שטאָלערנעם געציינדלטן ביגל און לייכט, אָנטשלאָסן אַראָפּגעלאָזט זיין פעסטן קערפּער אויף דעם מיט לעדער סקריפּענדיקן זאָטל. אָננעמענדיק מיטן רעכטן פוס דעם ביגל, האָט ער מיט א געוווינטן זשעסט אויסגעגלייכט די טאָפּעלע צוימען צווישן די פינגער, און קאָרד האָט אָפּגעלאָזט די הענט. אַזוי ווי נישט וויסנדיק, מיט וועלכן פוס פריער א טרעט צו טון, האָט פרו-פרו, אויסציִענדיק מיטן לאַנגן האַלז די צוימען, זיך א ריר געטון, ווי אויף פרוזשינעס צושאָקלענדיק דעם רייטער אויף איר בויגיקן רוקן. קאָרד, פאַרשנעלערנדיק דעם טריט, איז אים נאָכגעגאַנגען. דאָס אויפגערעגטע פערד האָט דאָ פון איינער, דאָ פון דער צווייטער זייט, באַמיענדיק זיך אָפּצונאַרן דעם רייטער, אַרויסגעצויגן די צוימען, און וורָאָנסקי האָט אומזיסט מיטן קול און מיט דער האַנט זיך באַמיט צו באַרויִקן עס.

זיי זענען שוין צוגעקומען צום פאַרצוימטן טייך, צוגייענדיק צו יענעם אָרט, פונוואַנען מען האָט זיי געדאַרפט אָפּלאָזן. א סך פון די רייטערס זענען געווען פאָרויס, א סך הינטן. פּלוצלינג האָט וורָאָנסקי דערהערט הינטער זיך איבער דער בלאָטע פון וועג א פערד-גאַלאָפּ, און אים האָט איבערגעיאָגט מאַכאָטין אויף זיין ווייספיסיקן, לאַנג-אויערדיקן גלאַדיאַטאָר. מאַכאָטין האָט א שמייכל געטון, אַרויסשטעלנדיק זיינע לאַנגע ציין, אָבער וורָאָנסקי האָט בייז א קוק געטון אויף אים. ער האָט אים בכלל נישט ליב געהאַט, אַצינד אָבער האָט ער אים געהאַלטן פאַרן סאַמע געפערלעכסטן קעגנער, און איז בייז געוואָרן אויף אים, וואָס ער האָט

דורכגאַלאָפּירט, איבערשרעקנדיק זיין פערד. פרו-פרו האָט אַרויסגעוואָרפן דעם לינקן פוס אויף גאַלאָפּ, האָט צוויי שפּרינג געטון און, בייזערנדיק זיך אויף די אָנגעצויגענע צוימען, איז זי איבערגעגאַנגען אויף אַ טרייסלענדיקן טראַב, וואָס האָט אונטערגעוואָרפן דעם רייטער. קאָרד האָט זיך אויך אָנגעכמורעט און איז כמעט מיט אַ פאַסגאַנג נאָכגעלאָפן ווראָנסקין.

XXV.

סך הכל האָבן זיך באַטייליקט אין דעם געיעג זיבעצן מאַן אָפיצירן. דאָס געיעג האָט געדאַרפט פאָרקומען אויף אַ גרויסן, עליפּטיש-פאָרמיקן פּירוואָרסטיקן קרייז פאַר דער האַלטאַנקע. אויף דעמדאָזיקן קרייז זענען איינגעאָרדנט געווען ניין שטערונגען: אַ טייך, אַ גרויסער צוויי-אַרשיניקער באַריער פאַר דער סאַמע האַלטאַנקע, אַ טרוקענער ראָוו, אַ ראָוו מיט וואַסער, אַ באַרג-אַראָפּ, אַן אירלענדישע באַנקעטקע (איינע פון די שווערסטע שטערונגען), וואָס איז באַשטאַנען פון אַ וואַל, אויסגעזעצט מיט דערנער, נאָך וועלכן ס'איז — אומגעזעען פאַרן פערד — געווען נאָך אַ ראָוו, אַזוי אַז דאָס פערד האָט געדאַרפט אַריבערשפּרינגען ביידע שטערונגען אָדער זיך דערהרגענען; דערנאָך נאָך צוויי ראָוועס — מיט וואַסער און איינער אַ טרוקענער. און דער סוף פון געיעג איז געווען פאַר דער האַלטאַנקע. אָבער דאָס געיעג האָט זיך אָנגעהויבן נישט פון קרייז, נאָר אויף הונדערט סאַזשען אין דער זייט פון אים. אויף דעמדאָזיקן שטח איז געווען די ערשטע שטערונג — אַן אָפּגעצוימטער טייך, זיבן אַרשין די ברייט, וועלכן די רייטער האָבן געקאָנט לויטן אייגענעם ווילן אַריבערשפּרינגען אָדער אַריבעררייטן אין וואַסער.

אַן ערך דריי מאָל האָבן די רייטער זיך אויסגעגלייכט, אָבער יעדעס מאָל האָט עמעצנס פערד זיך אַרויסגערוקט און מען האָט געמוזט אויפסניי אָנהייבן. דער מומחה פון אָפּלאָזן, דער פּאָלקאָווניק סעסטרין, האָט שוין אָנגעהויבן בייז ווערן, ווען ער האָט, ענדלעך, צום פערטן מאָל אַ געשריי געטון: „אַוועק!“ — און די רייטער האָבן געריירט.

אַלע אויגן, אַלע בינאָקלען זענען געווענדט געווען אויף דעם בונטן קופּקעלע רייטער, אין דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט.

„מען האָט אָפּגעלאָזט!‟ זיי רייטן ז" האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן נאָך דער שטילקייט פון אָפּוואַרטן.

און קופּקעלעך און איינציקע פוסגייער האָבן אָנגעהויבן אַריבער־לויפן פון איין אָרט אויפן צווייטן, כּדי בעסער צו זען. באַלד אין דער ערשטער מינוט האָט דאָס פאַרזאַמלטע קופּקעלע רייטער זיך אויסגעצויגן, און מען האָט געזען, ווי זיי דערנענטערן זיך צו צווי, צו דריי און איינער נאָכן צווייטן צום טייך. פאַר די צוקוקער האָט אויסגעזען, אַז זיי האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטון צוזאַמען, אָבער פאַר די רייטער איז געווען אַן אונטערשיד אין רגעס, וואָס האָבן געהאַט פאַר זיי אַ גרויסע באַדייטונג.

די אויפגערעגטע און צו נערוועזע פרו־פרו האָט פאַרלוירן דעם ערשטן מאָמענט, און עטלעכע פערד האָבן גערירט פון אָרט פריער פאַר איר, אָבער, נאָך איידער ער איז צוגעקומען צום טייך, האָט וורואָנסקי מיט אַלע כּוחות איינהאַלטנדיק דאָס פערד, וואָס האָט געריסן די צוימען, לייכט אויסגעמיטן דריי און פאַר אים איז געבליבן בלויז מאַכאָטינס גע־לער גלאַדיאַטאָר, וואָס האָט גלייכמעסיק און לייכט געוואָרפן מיטן הינטן האַרט פאַר וורואָנסקין, און נאָך פריער פון אַלע די הערלעכע דיאַנע, וואָס האָט געטראָגן דעם נישט טויט, נישט לעבעדיקן קוזאָוולעוון.

אין די ערשטע מינוטן האָט וורואָנסקי נאָך נישט באַהערשט נישט זיך, נישט דאָס פערד. ער האָט ביז דער ערשטער שטערונג — פון טייך — נישט געקאָנט אָנפירן מיט די באַוועגונגען פון פערד.

גלאַדיאַטאָר און דיאַנע זענען צוגעקומען צוזאַמען און כּמעט אין איינעם און דעמזעלבן מאָמענט — איינס־איינס, זיך אויפגעהויבן איבערן טייך און אַריבערגעפלויגן אויף דער צווייטער זייט; אומבאַמערקבאַר, ווי פליענדיק, האָט זיך אַ טראָג געטון נאָך זיי פרו־פרו; אָבער אין דער זעל־בער צייט, וואָס וורואָנסקי האָט זיך געפילט אין דער לופט, האָט ער פּלוצלינג דערזען כּמעט אונטער די פיס פון זיין פערד קוזאָוולעוון, וועלכער האָט זיך געטאָרגלט מיט דיאַנען אויף דער צווייטער זייט טייך (קוזאָוולעוו האָט אָפּגעלאָזט די צוימען נאָכן שפרונג, און דאָס פערד האָט אים אַריבערגע־וואָרפן איבערן קאָפּ.) די דאָזיקע פּרטים איז וורואָנסקי געוווּר געוואָרן ערשט שפּעטער, אַציינד אָבער האָט ער געזען בלויז דאָס, אַז גלייך אונטער די פיס אַרונטער, ווו פרו־פרו דאַרף זיך שטעלן, קאָן אַרונטערפאַלן דיאַ־נעס אַ פוס אָדער דער קאָפּ. אָבער פרו־פרו האָט, ווי אַ פאַלנדיקע קאַץ,

געמאַכט אין שפּרינגען אַן אָנשטרענגונג מיט די פיס און מיטן רוקן און, נײדנדיק דאָס פערד, איז זי אַוועק ווייטער.

— „אַ ליבע!“ האָט וראָנסקי אַ כראַכט געטון.

נאָכן טייך האָט וראָנסקי אינגאַנצן באַהערשט דאָס פערד און אָנגעהויבן איינהאַלטן עס, האָבנדיק בדעה אַריבערצוגיין דעם גרויסן באַריער הינטער מאַכאָטינען און שוין אויף דער פאָלגנדער דיסטאַנץ אָן שטרענגען אויף אַ צוויי הונדערט סאַזשען צו פּרוּוון איבעריאָגן אים.

דער גרויסער באַריער איז געשטאַנען האַרט פאַר דער קייסערלעכער האַלטאַנקע. דער קייסער, דער גאַנצער הויף און די מחנות מענטשן — אַלע האָבן געקוקט אויף זיי, — אויף אים און אויף מאַכאָטינען, וואָס איז געגאַנגען פאַר אים אויף דער דיסטאַנץ פון אַ פערד, — ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום טייוול (אַזוי האָט געהייסן דער גרויסער באַריער). וראָנסקי האָט געפילט די דאָזיקע פון אַלע זייטן אויף אים געווענדטע אויגן, אָבער גאָרנישט געזען, חוץ די אויערן און דעם האַלז פון זיין פערד, די אַקעגן אים לויפנדיקע ערד, און דעם קרופּ און גלאַדיאַטאָרס ווייסע פיס, וואָס האָבן שנעל געקלאַפּט צום טאַקט פאַר אים און זענען געבליבן אַלץ אויף דעם אייגענעם מהלך. גלאַדיאַטאָר האָט זיך אויפגעהויבן, נישט קיין קלאַפּ טוענדיק מיט גאָרנישט, האָט אַ פאָך געטון מיטן קורצן ווידל און איז פאַרשוווּנדן פון וראָנסקיס אויגן.

בראַוואָ! — האָט געזאָגט עמעצנס קול.

אין זעלבן אויגנבליק האָבן פאַר וראָנסקיס אויגן, פאַר אים גופא אַ שימער געטון די ברעטער פון באַריער. אָן דער קלענסטער ענדערונג פון דער באַוועגונג האָט דאָס פערד זיך אַ טראָג געטון אונטער אים; די ברעטער זענען פאַרשוווּנדן, און בלויז פון הינטן האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטון. דאָס פערד, צעהיצט דורך גלאַדיאַטאָרן, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס, האָט זיך אויפגעהויבן צו פרי פאַרן באַריער און אַ קלאַפּ געטון מיט אַ הינטערשטער קאָפּיטע אָן אים. אָבער איר גאַנג האָט זיך נישט געענדערט, און וראָנסקי, באַקומענדיק אין פּנים אַריין אַ שטיק בלאָטע, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער געפינט זיך ווידער אויפן זעלבן מהלך פון גלאַדיאַטאָרן. ער האָט ווידער דערזען פאַר זיך זיין קרופּ, דעם קורצן ווידל און ווידער די זעלבע זיך נישט דערווייטערנדיקע, שנעל זיך באַוועגנדיקע ווייסע פיס.

אין דעם זעלבן אויגנבליק, ווי וראָנסקי האָט אַ קלער געטון, אַז

מען דאַרף אַצינד אויסמיידן מאַכאָטינען, האָט פרו־פרו אַליין, שוין פאַר־שטייענדיק וואָס ער טראַכט, אָן שום צוטרייבונג, באַדייטנד פאַרשנעלערט דעם גאַנג און אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו מאַכאָטינען פון דער סאַמע גינסטיקסטער זייט, פון דער זייט פונם שטריק. מאַכאָטין האָט נישט צוגעלאָזט צום שטריק. ווראָנסקי האָט בלויז אַ קלער געטון, אַז מען קאָן איבעריאָגן אויך פון דער צווייטער זייט, ווי פרו־פרו האָט געביטן דעם פוס און אָנגעהויבן אויסמיידן טאַקע אויף אַזאַ אופן. פרו־פרוס פלייצע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן פון שווייס, האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן קרופּ פון גלאַדיאַטאָר. עטלעכע שפּרינגען האָבן זיי דורכגעמאַכט גלייך. אָבער פאַר דער שטערונג, צו וועלכער זיי האָבן זיך דערנענטערט, האָט ווראָנסקי, כּדי נישט צו מאַכן קיין גרויסן קרייז, אָנגעהויבן אַרבעטן מיט די צוימען און שנעל אויפן סאַמע באַרגאַראָפּ אויסגעמיטן מאַכאָטינען. ער האָט געזען פאַרביישוועבנדיק זיין פּנים באַשפּריצט מיט בלאָטע. אים האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז ער האָט אַ שמייכל געטון. ווראָנסקי האָט אויסגעמיטן מאַכאָטינען, אָבער ער האָט אים געפילט באַלד הינ־טער זיך און כּסדר געהערט דאָס רעגלמעסיקע שפּרינגען הינטערן רוקן און דאָס האַסטיקע, נאָך גאָר פרישע אָטעמען פון גלאַדיאַטאָרס נאָז־לעכער.

די איבעריקע צוויי שטערונגען, דער ראָוו און דער באַריער, זענען אַריבערגעגאַנגען געוואָרן לייכט. נאָר ווראָנסקי האָט אָנגעהויבן צו הערן נעענטער גלאַדיאַטאָרס טאַפּען און שפּרינגען. ער האָט אַ טרייב געטון דאָס פערד און מיט פרייד דערפילט, אַז עס האָט לייכט פאַרשנעלערט דאָס לויפן, און דער קלאַנג פון גלאַדיאַטאָרס קאָפּיטעס האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן ווידער אויפן זעלבן פריערדיקן מהלך.

ווראָנסקי האָט אָנגעפירט מיטן געיעג, — דאָס טאַקע, וואָס ער האָט געוואָלט טון און וואָס קאָרד האָט אים געעצהט. און אַצינד איז ער געווען זיכער אין דערפאָלג. זיין אויפרעגונג, די פרייד און צערטלעכקייט צו פרו־פרו האָבן זיך אַלץ געשטאַרקט. אים האָט זיך געגלוסט זיך אומ־קוקן צוריק, אָבער ער האָט נישט געוואַגט דאָס צו טון און זיך באַמיט צו באַרויקן זיך און נישט טרייבן דאָס פערד, כּדי אויפצוהיטן דערין דעם זאַפּאַס, דעם אייגענעם, וואָס ער האָט געפילט, איז געבליבן בא גלאַדיאַ־טאָרן. עס איז געבליבן איינע, און די סאַמע שווערסטע, שטערונג; אויב ער וועט זי אַריבער פריער פאַר די איבעריקע, וועט ער קומען דער

ערשטער. ער האָט גאַלאָפּירט צו דער אירלענדישער באַנקעטקע. צוזאַמען מיט פרו-פרו האָט ער נאָך פונוויטנס געזעען דידאַזיקע באַנקעטקע און צוזאַמען איז זיי ביידע, אים און דעם פערד, באַפאַלן אַ ספק אויף אַן אויגנבליק. ער האָט באַמערקט אַן אומאַנטשלאָסנקייט אין דעם פערדס אויערן און אויפגעהויבן די שפּיצרוט, אָבער גלייך דערפילט, אַז דער צווייפל איז געווען נישט באַגרינדעט: דאָס פערד האָט געוווּסט, וואָס מען דאַרף. עס האָט פאַרשנעלערט דעם טריט אין ריטמיש, פונקט אַזוי ווי ער האָט פאַרגעזעען, זיך אַ טראָג געטון און, אָפּשטויסנדיק זיך פון דער ערד, האָט עס זיך איבערגעגעבן דעם כוח פון אינערציע, וועלכער האָט עס אַריבער־געטראָגן ווייט איבערן ראָוו; און פונקט אין זעלבן טאַקט אָן אָנשטרענגונג, מיט דער זעלבן טריט האָט פרו-פרו פאָרגעזעצט דאָס געיעג.

— בראַוואָ, ווראָנסקי! — האָבן זיך אים דערהערט שטימען פון אַ קופּקעלע מענטשן, — ער האָט געוווּסט, פון זיין פּולק און די גוטע פריינט, — וועלכע זענען געשטאַנען בײַ דער שטערונג; ער האָט נישט געקאָנט נישט דערקענען יאַשווינס קול, אָבער ער האָט אים נישט געזעען.

„אָ, אוצר מיינער!" האָט ער געטראַכט וועגן פרו-פרו, צוהערנדיק זיך צו דעם, וואָס ס'קומט פאָר פון הינטן. „ער איז אַריבערגעשפּרונגען!" האָט ער אַ קלער געטון, דערהערנדיק פון הינטן גלאַדיאַטאָרס שפּרונג. עס איז געבליבן איין לעצטער ראָוו מיט וואַסער פון צוויי אַרשין. ווראָנסקי האָט אפילו נישט געקוקט אויף אים, און, וועלנדיק אָנקומען אַ סך פריער, האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט די צוימען רונדמעסיק, צום טאַקט פון גאַלאָפּ אויפהייבנדיק און אַראָפּלאָזנדיק דעם פערדס קאָפּ. ער האָט געפילט, אַז דאָס פערד גייט מיטן לעצטן זאַפּאַס; נישט בלויז דער האַלז און די פּלייצעס אירע זענען געווען נאַס, נאָר אויפן קאַרק, אויפן קאָפּ, אויף די שאַרפע אויערן זענען אַרויסגעטרעטן טראָפּנס שוויס, און זי האָט געאָטעמט שאַרף און קורץ. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז דערדאָזיקער זאַפּאַס וועט נאָך איבערגענוג קלעקן אויף די איבערגעבליבענע צוויי הונדערט סאַזשען. בלויז דערדורך, וואָס ער האָט זיך געפילט נענטער צו דער ערד, און לויט דער באַזונדערער ווייכקייט פון דעם באַוועגן זיך, האָט ווראָנסקי געוווּסט, ווי שטאַרק זיין פערד האָט פאַרשנעלערט דאָס לויפן. דעם ראָוו איז עס אַריבערגעפלויגן, ווי נישט באַמערקנדיק. עס איז אים אַריבערגעפלויגן, ווי אַ פויגל; אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ווראָנסקי, צו זיין שרעק, דערפילט, אַז נישט באַוויזנדיק נאָך דער שנעלקייט פון פערד, האָט ער, אַליין נישט פאַרשטייענדיק ווי אַזוי, געמאַכט אַ מיאוסע,

אומפּאַרציילעכע באַוועגונג, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפֿן זאָטל. פֿלוצלינג האָט זיין לאַגע זיך געענדערט, און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז געשעען עפּעס שרעקלעכס. ער האָט זיך נאָך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון פֿון דעם, וואָס ס'איז געשעען, ווי עס האָבן שוין פֿאַרבייגעשוועבט פֿאַר אים די ווייסע פֿיס פֿון דעם געלן זשרעבעץ, און מאַכאָטין איז אין שנעלן גאַלאָפּ פֿאַרביי פֿאַר אים. ווראָנסקי האָט אָנגערירט מיט איין פֿוס די ערד, און זיין פֿערד האָט אָנגעהויבן פֿאַלן אויף דעם פֿוס אַרויף. ער האָט קוים באַוויזן אויסצוגלייכן דעם פֿוס, ווי עס איז אַנידערגעפֿאַלן אויף איין זייט, שווער כריפּענדיק און מאַכנדיק, כדי זיך אויפֿצוהייבן, אומזיסטע אָנשטרענגונגען מיטן דינעם, פֿאַרשוויצטן האַלז; עס האָט זיך גענומען שלייפֿערן אויף דער ערד בײַ זיינע פֿיס, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פֿויגל. די אומגעשיקטע באַוועגונג, וואָס ווראָנסקי האָט געמאַכט, האָט איר צעבראָכן דעם רוקן. אָבער דאָס האָט ער פֿאַרשטאַנען אַ סך שפּעטער. אַצינד אָבער האָט ער געזען בלויז דאָס, אַז מאַכאָטין האָט זיך שנעל דערווייטערט, ער איז, וואַקלענדיק זיך, געשטאַנען איינער אַליין אויף דער בלאָטיקער אומבאַוועגלעכער ערד, און פֿאַר אים, שווער אָטעמענדיק, איז געלעגן פֿרו-פֿרו און, איבערבייגנדיק צו אים דעם קאָפּ, געקוקט אויף אים מיט איר פּרעכטיק אויג. נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטייענדיק, וואָס ס'איז געשעען, האָט ווראָנסקי געצויגן דאָס פֿערד בײַ דער צוים. עס האָט ווידער אָנגעהויבן, ווי אַ פֿישל, איינגאַנצן צו צאַפּלען זיך, סקריפּענדיק מיט די פֿליגל פֿון זאָטל, האָט אויסגעגלייכט די פֿעדערשטע פֿיס, אָבער נישט בכוח זייענדיק אויפֿצוהייבן דעם הינטן, האָט עס גלייך אָנגעהויבן צו דרייען מיטן קאָפּ און איז ווידער אַ פֿאַל געטון אויף דער זייט. מיט אַ צעקרימט פּנים פֿון ליידנשאַפֿט, אַ בלייכער און מיט אַ טרייסלנדיקן אונטערשטן קין, האָט ווראָנסקי איר אַ קלאַפּ געטון מיטן קנאַפּל אין בויך אַריין און, ווידער אָנגעהויבן ציען בײַ די לייצן. אָבער זי האָט זיך נישט גערירט, נאָר, פֿאַרגראָבנדיק דאָס כראַפּען אין דער ערד, האָט זי בלויז געקוקט אויפֿן באַלעבאָס מיט איר רעדנדיקן בליק.

— אַאַאַ! — האָט ווראָנסקי אַרויסגעקרעכצט, זיך אָנכאַפּנדיק בײַם קאָפּ. — אַאַאַ! וואָס האָב איך געטון! — האָט ער אַ געשריי געטון. — אי דאָס פֿאַרשפּילטע געיעג! אי די אייגענע שולד, די שענדלעכע, אומפֿאַרציילעכע! און דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע, ליבע, אומגעבראַכטע פֿערד! אַאַאַ! וואָס האָב איך געטון!

דער עולם, אַ דאָקטאָר און אַ פֿעלדשער, די אָפֿיצירן פֿון זיין פּולק

זעהען געלאָפן צו אים, צו זיין אומגליק, האָט ער געפילט, אז ער איז גאַנץ און אומבאַשעדיקט. דאָס פערד האָט זיך צעבראָכן דעם רוקן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערשיסן עס. ווראָנסקי האָט נישט געקאָנט ענטפערן אויף די פראַגן, האָט נישט געקאָנט רעדן מיט קיינעם. ער האָט זיך אויסגעדרייט און, נישט אויפהייבנדיק דאָס פון קאָפּ אַראָפּגעשפּרונגענע היטל, האָט ער אָנגעהויבן אַראָפּגיין פון היפּאָדראָם, אַליין נישט וויסנדיק וווהין. ער האָט זיך געפילט אומגליקלעך. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער איבערגעלעבט דאָס סאַמע שווערסטע אומגליק, אַן אומגליק נישט צום אויסבעסערן און אַזוינס, אין וועלכן ער אַליין איז שולדיק געווען.

XXVI.

די אויסערלעכע באַציונגען פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש מיט דער פרוי זענען געווען די אייגענע, וואָס פריער. דער איינציקער חילוק איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער איז נאָך מער, ווי פריער, פאַרנומען געווען. ווי אין די פריערדיקע יאָרן, איז ער בײַם אָנקומען פון פרילינג געפאָרן אויף בעדער קיין אויסלאַנד פאַרבעסערן זיין געזונט, וואָס איז אַלע יאָר אונטערגעבראָכן געוואָרן דורך דער אָנגעשטרענגטער ווינטערדיקער אַרבעט. און, ווי געוויינלעך, האָט ער זיך אומגעקערט אין יולי און גלייך מיט פאַרגרעסערטער ענערגיע זיך גענומען צו זיין געוויינלעכער אַרבעט. ווי געוויינלעך, איז אויך זיין פרוי אַריבערגעפאָרן אויף דער דאַטשע, און ער איז געבליבן אין פעטערבורג.

זינט יענעם געשפּרעך נאָך דעם אָוונט בײַ דער פירשטין טווערסקאַיאַ, האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט מיט אַננען וועגן זיינע חשדים און אייפערזוכט, און דער געוויינלעכער טאָן זיינער פון נאָכמאַכן עמעצן איז געווען, ווי ס'קאָן גאָר בעסער נישט זיין גינסטיק פאַר זיינע איצטיקע באַציונגען מיטן ווייב. ער איז געווען אַ ביסל קילער צום ווייב. ער האָט בלויז אַזוי ווי געהאַט אויף איר אַ קליין ביסל תרעומות פאַר יענעם ערשטן בײַנאַכטיקן געשפּרעך, וועלכן זי האָט אויסגעמיטן. אין זיינע באַציונגען צו איר איז געווען אַ שאָטן פון פאַרדראָס, אָבער נישט מער. „דו האָסט דיך נישט געוואָלט דורכשמועסן מיט מיר, — האָט ער אַזוי ווי געזאָגט, אין רעיון ווענדנדיק זיך צו איר, — איז נאָך ערגער פאַר דיר. אַצינד

וועסטו מיך שוין בעטן, און איך וועל מיך נישט דורכשמועסן. איז נאך ערגער פאר דיר", האט ער אין רעיון געזאגט, ווי א מענטש, וועלכער וואלט בחנם געפרווט פארלעשן א שרפה, וואלט ביז געווארן אויף זיינע אומזיסטע אנשטרענגונגען און וואלט געזאגט: „איז נא-זשע דיר! וועסטו דערפאר פארברענט ווערן?"

ער, דערדאזיקער קלוגער און ראפינירטער מענטש אין די אמט-לעכע ענינים, האט נישט פארשטאנען דעם גאנצן אומזין פון אזא באציונג צו דער פרוי. ער האט דאס נישט פארשטאנען, ווייל עס איז אים צו שרעקלעך געווען צו פארשטיין זיין איצטיקע לאגע, און ער האט אין זיין נשמה פארמאכט, פארשלאסן און פארחתמעט דאסדאזיקע קעסטל, אין וועלכן עס האבן זיך געפונען בא אים זיינע געפילן צו דער פאמיליע, דאס הייסט צום ווייב און צום זון. ער, דער אויפמערקזאמער פאטער, איז פון סוף דעם ווינטער אן געווארן באזונדערס קאלט צום זון און האט געהאט צו אים די זעלבע ליצנותדיקע באציונג, ווי צו דער פרוי. „א! יונגער-מאן!" פלעגט ער זיך ווענדן צו אים.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט געקלערט און געזאגט, אז קיין שום יאר האט ער נישט געהאט אזוי פיל אמטלעכע ארבעט, ווי אין היינ-טיקן; אבער ער האט זיך נישט מודה געווען דאס, אז ער אליין האט זיך אויסגעטראכט אין היינטיקן יאר די ארבעט, צו דאס איז געווען איינס פון די מיטלען נישט צו עפענען דאס קעסטל, וווּ עס זענען געלעגן די געפילן צו דער פרוי און פאמיליע און די געדאנקען וועגן זיי, וועלכע זענען געווארן אלץ שרעקלעכער, וואס לענגער זיי זענען דארט געלעגן. ווען עס וואלט עמעצער געהאט רעכט צו פרעגן אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשן, וואס ער טראכט וועגן דער אויפפירונג פון זיין פרוי, וואלט דער זאנפ-טער, שטילער אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש גארנישט געענטפערט, גאר וואלט זייער ביז געווארן אויף דעם מענטש, וואס וואלט אים געפרעגט וועגן דעם. דערפאר טאקע פלעגט זיין אין אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשס פנים עפעס א שטאלצקייט און שטרענגקייט, ווען מען פלעגט אים פרעגן וועגן געזונט פון זיין פרוי. אלעקסיי אלעקסאנדראוויטש האט גארנישט געוואלט טראכטן וועגן דער אויפפירונג און די געפילן פון זיין פרוי, און ער האט טאקע וועגן דעם גארנישט געטראכט.

אלעקסיי אלעקסאנדראוויטשס שטענדיקע דאטשע איז געווען אין פעטערהאף, און געוויינלעך האט די גרעפין לידיא איוואנאוונא זומער אויך דארט געוווינט, בשכנות און אין כסדרדיקע באציונגען מיט אננען. אין

היינטיקן יאָר האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ זיך אָפּגעזאָגט צו ווינען אין פּעטערהאָף, איז קיין איינמאָל נישט געווען בא אַננאַ אַרקאַדיעווניען און האָט אָנגעדייט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אויף דער נישט גינסטיקייט פון אַננאַס דערנענטערונג מיט בעטסין און וורָאָנסקין. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זי שטרענג אָפּגעשטעלט, אַרויסזאָגנדיק דעם געדאַנק, אַז זיין ווייב איז העכער פון חשד, און פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן אויסמיידן די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ. ער האָט נישט געוואָלט זעען און נישט געזעען, אַז אין דער הויכער געזעלשאַפט קוקן שוין אַ סך קרום אויף זיין ווייב; האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין און נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די פרוי זיינע האָט באַזונדערס פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אַריבערפאָרן קיין צאַרסקאָיע, וווּ בעטסי האָט געוווינט, פונוואַנען עס איז נישט ווייט געווען צום לאַגער פון וורָאָנסקיס פּאָלק. ער האָט זיך נישט דערלויבט צו טראַכטן וועגן דעם און האָט נישט געטראַכט; אָבער איינציקט, הגם ער האָט טיף אין זיין נשמה זיך אַליין דאָס קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט און נישט געהאַט אויף דעם נישט בלויז קיין שום באַווייזן, נאָר אפילו נישט קיין חשדים, האָט ער דאָך אומצווייפלהאַפט געוווּסט, אַז ער איז אַן אָפּגענאַרטער מאַן און איז געווען פון דעם טיף אומגליקלעך.

וויפיל מאָל אין משך פון זיין אַכטיעריקן גליקלעכן לעבן מיט דער פרוי, קוקנדיק אויף פרעמדע אומטרייע פרויען און אָפּגענאַרטע מענער, פלעגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש זיך זאָגן: „ווי אַזוי דערלאָזט מען צו דעם? ווי אַזוי בינדט מען נישט אויף דידאָזיקע אומגעלומפּערטע לאַגע?“ אָבער אַצינד, ווען די צרה איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין קאָפּ, האָט ער נישט בלויז נישט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי אויפצובינדן דידאָזיקע לאַגע, נאָר האָט אינגאַנצן נישט געוואָלט וויסן וועגן איר, נישט געוואָלט וויסן טאַקע דערפאַר, וואָס זי איז געווען צו שרעקלעך, צו אומנאַטירלעך.

זינט זיין אומקערן זיך פון אויסלאַנד איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געווען צוויי מאָל אויף דער דאַטשע. איינמאָל האָט ער געגעסן מיטאָג, דאָס צווייטע מאָל האָט ער פאַרבראַכט אָן אָוונט מיט די געסט, אָבער קיין איינמאָל נישט גענעכטיקט, ווי זיין געוווינהייט איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן.

דער טאָג פון די געיעגן איז געווען זייער אַ פאַרנומענער טאָג בא אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן; אָבער נאָך באַלד אינדערפרי מאַכנדיק זיך אַ פּראָגראַם פון טאָג, האָט ער באַשלאָסן, אַז גלייך נאָכן פרייען מיטאָג

וועט ער פאָרן אויף דער דאַטשע צום ווייב און פון דאָרט אויף די געיעגן, אויף וועלכע ס'וועט זיין דער גאַנצער הויף און אויף וועלכע ער דאַרף זיין. צום ווייב אָבער וועט ער צופאָרן דערפאַר, וואָס ער האָט באַשלאָסן צו זיין בא איר איינמאָל אין דער וואָך אויס העפלעכקייט. חוץ דעם האָט ער דעם טאָג געדאַרפט איבערגעבן דעם ווייב צום פינפצענטן אין חודש, לויטן איינגעפירטן סדר, דאָס געלט אויף הוצאות.

מיט דער געוויינלעכער הערשאַפט איבער זיינע געדאַנקען, באַקלערנדיק דאָס אַלץ וועגן ווייב, האָט ער נישט דערלויבט זיינע געדאַנקען צו צעשפּרייטן זיך ווייטער וועגן דעם, וואָס האָט אַ שייכות צו איר.

דערדאָזיקער פרימאָרגן איז געווען זייער פאַרנומען בא אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. מיט אַ טאָג פריער האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ אים צוגעשיקט אַ בראָשורע פון אַ באַרימטן רייזנדן איבער כינע, וואָס האָט געווילט אין פעטערבורג, מיט אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט אים געבעטן אויפצונעמען דעם רייזנדן אַליין, אַ מענטש, מחמת פאַרשידענע טעמים, זייער אַן אינטערעסאַנטער און נייטיקער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נישט באַוויזן איבערצולייענען די בראָשורע אין אָוונט און האָט זי צוגעלייענט אינדערפרי. דערנאָך זענען געקומען אינטערעסאַנטן, עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַריכטן, אויפנאַמען, באַשטימונגען, דערוויטערונגען צעטיילונגען פון אויסצייכנונגען, פון פענסיעס, געהאַלטן אין קאָרעספּאָנדענצן, — די וואָכעדיקע אַרבעט, ווי אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דאָס אָנגערופן, וואָס האָט צוגענומען אַזוי פיל צייט. דערנאָך איז געווען אַ פּערזענלעכער ענין — אַ באַזוך פון דאָקטאָר און פון געשעפטס-פאַרוואַלטער. דער געשעפטס-פאַרוואַלטער האָט נישט פאַרנומען קיין סך צייט. ער האָט בלויז איבערגעגעבן דאָס נייטיקע געלט פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און געגעבן אַ קורצן סך הכל וועגן צושטאַנד פון די געשעפטן, וועלכע זענען געווען נישט אינגאַנצן גוט, ווייל דאָס הייניקע יאָר איז צוליב די אָפטע אַרויספאָרן פאַרלעבט געוואָרן מער און עס איז געווען אַ דעפיציט. אָבער דער דאָקטאָר, דער באַרימטער פעטערבורגער דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אין פריינטלעכע באַציונגען מיט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט פאַרנומען פיל צייט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אים היינט און איז געווען פאַרוואונדערט פון זיין קומען און נאָך מער דערפאַר, וואָס

דער דאָקטאָר האָט זייער אויפמערקזאַם אויסגעפרעגט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן וועגן זיין צושטאַנד, האָט אויסגעהערט זיין האַרץ, האָט אויסגעקלאַפּט און באַטאַפּט די לעבער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט נישט געוווסט, אַז זיין פריינט, לידיאַ איוואַנאָוונאַ, באַמערקנדיק, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס געזונט איז דאָס הייבטיקע יאָר נישט גוט, האָט געבעטן דעם דאָקטאָר צו קומען און באַטראַכטן דעם קראַנקן. „טוט דאָס פאַר מיר", האָט אים די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט.

— איך וועל דאָס טון פאַר רוסלאַנד, גרעפין, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— אַן אומשאַצבאַרער מענטש! — האָט די גרעפין לידיאַ איוואַנאָוונאַ געזאָגט.

דער דאָקטאָר איז געבליבן זייער נישט צופרידן פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן. ער האָט געפונען די לעבער באַדייטנד פאַרגרעסערט, די געזונג פאַרקלענערט און קיין שום ווירקונג פון די באָדער. ער האָט רעקאָמענדירט וואָס מער פיזישע באַוועגונג, וואָס ווייניקער גייסטיקע אָנשטרענגונג און דער עיקר קיין שום עגמת נפש, דאָס הייסט טאַקע דאָס אייגענע, וואָס איז געווען פאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן פונקט אַזוי אוממעגלעך, ווי נישט צו אָטעמען, און ער איז אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן אַן אומאַנגענעם באַוווסטזיין פון דעם, אַז עפּעס איז אין אים נישט גוט און אַז פאַרריכטן דאָס קאָן מען נישט.

אַרויסגייענדיק פון אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן, האָט דער דאָקטאָר אויפן גאַניק זיך צונויפגעשטויסן מיט דעם אים גוט באַקאַנטן סליודינען, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס געשעפטס-פאַרוואַלטער. זיי זענען געווען חברים לויטן אוניווערזיטעט און, הגם זיי פלעגן זיך זעלטן באַגעגענען, האָבן זיי דאָך געשעצט איינער דעם אַנדערן און זענען געווען גוטע פריינט און דערפאַר וואָלט דער דאָקטאָר קיינעם אַזוי, ווי סליודינען, נישט אַרויסגעזאָגט זיין אָפנהאַרציקע מיינונג וועגן קראַנקן.

— ווי עס פרייט מיך, וואָס איר זענט געווען בא אים, — האָט סליודין געזאָגט. — ער איז נישט אין אָרדנונג, און מיר דאַכט זיך... נו, וואָס?

— אָט וואָס, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מאַכנדיק מיט דער האַנט איבער סליודינס קאָפּ צו זיין קוטשער, ער זאָל צופאָרן, אָט וואָס, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, נעמענדיק אין זיינע ווייסע הענט אַריין

א פינגער פון א לאָשענער הענטשקע און אָנציענדיק אים. — ציט נישט אָן די סטרונע און פּרוּווט איבעררייסן, — זייער שווער; אָבער ציט אָן ביז דער לעצטער מעגלעכקייט און לייגט אַרויף די שווערקייט פון א פינגער אויף דער אָנגעצויגענער סטרונע, — וועט זי פּלאַצן. און ער איז לויט זיין התמדה, געוויסנהאַפטיקייט צו דער אַרבעט, — אָנגעצויגן ביז דער לעצטע שטופּע; און אַ זייטיקער דרוק איז אויך דאָ, און אַ שווערער, — האָט דער דאָקטאָר פאַרענדיקט, וויכטיק אויפהייבנדיק די ברעמען. — איר וועט זיין אויף דעם געיעג? — האָט ער צוגעגעבן, אַראָפּגייענדיק צו דער צוגעפּאָרענער קאַטש. — יאָ, יאָ, פאַרשטייט זיך, ס'נעמט צו אַ סך צייט, — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט עפּעס אַזוינס אויף דעם, וואָס סליודין האָט געזאָגט און ער האָט נישט דערהערט.

באַלד נאָכן דאָקטאָר, וואָס האָט צוגענומען אַזוי פיל צייט, איז דערשינען דער רייזנדער און, אויסנוצנדיק די נאַר-וואָס איבערגעלייענטע בראָשור און זיין פריערדיקע באַקאַנטשאַפט מיט דער זאַך, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איבערראַשט דעם רייזנדן מיט זיין טיפער זאַך-קענטעניש און מיט דער ברייטקייט פון זיין געבילדעטן בליק.

צוזאַמען מיטן רייזנדן איז אָנגעמאָלדן געוואָרן וועגן גובערניאַלן פּרעזעס, וועלכער איז געקומען קיין פעטערבורג און מיט וועלכן מען האָט זיך געדאַרפט דורכשמועסן. נאָך זיין אַוועקפאָרן האָט מען געדאַרפט פאַרענדיקן די וואָכעדיקע ענינים מיטן געשעפטס-פאַרוואַלטער און מען האָט נאָך געמוזט צופאָרן צוליב אַן ערנסטן און וויכטיקן ענין צו איין חשובער פּערזאָן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט ערשט באַוויזן זיך אומצוקערן אַרום פינף אַ זייגער, צו דער צייט פון זיין מיטאָג, און, אָפּעסנדיק מיטאָג מיטן געשעפטס-פאַרוואַלטער, האָט ער אים איינגעלאַדן מיטצופאָרן מיט אים אויף דער דאַטשע און אויף די געיעגן.

נישט אָפּגעבנדיק זיך אין דעם קיין חשבון, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזוכט אַצינד די געלעגנהייט צו האָבן אַ דריטע פּערזאָן בײַ זײַנע זעונגען מיט דער פרוי.

XXVII.

אננאַ איז געשטאַנען אינדערהייך פאַרן שפּיגל און מיט דער הילף פון אננושקען זיך צוגעשפּיליעט די לעצטע באַנד צום קלייד, ווען זי האָט דערהערט באַם פּראָנ:גאַנג אַ גערויש פון רעדער.

„פאַר בעטסי איז נאָך צו פרי! — האָט זי אַ קלער געטון און, אַ בליק געבנדיק אין פענצטער אַריין, דערזעען אַ קאָטש, אַ שוואַרצן הוט, וואָס האָט זיך פון איר אַרויסגערוקט און די איר אַזוי גוט באַקאַנטע אויערן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס. — אָט ווי נישט צו דער צייט; צי טאַקע נעכטיקן?“ האָט זי אַ טראַכט געטון, און איר האָט אַזוי מוראַדיק און שרעקלעך אויסגעזעען אַלץ, וואָס האָט געקאָנט פון דעם אַרויסקומען, אַז זי איז, קיין מינוט נישט טראַכטנדיק, מיט אַ פריילעך און שיינענדיק פּנים אַרויסגעגאַנגען צו זיי אַקעגן און, פילנדיק אין זיך די אַנוועזנהייט פון דעם שוין איר באַקאַנטן גייסט פון ליגנט און פאַלשקייט, האָט זי זיך גלייך איבערגעגעבן דעמדאָזיקן גייסט און אָנגעהויבן צו רעדן, אַליין נישט וויסנדיק, וואָס זי וועט זאָגן.

— אַ, ווי פיין דאָס איז! — האָט זי געזאָגט, דערלאַנגענדיק די האַנט דעם מאַן און מיט אַ שמייכל באַגריסנדיק זיך מיטן היימישן מענטש, מיטן סליודינען. — דו נעכטיקסט, האָף איך? — איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וועלכעס דער גייסט פון ליגנט האָט איר אונטערגעזאָגט, — און אַצינד פאָרן מיר צוזאַמען. עס איז בלויז אַ שאַד, וואָס איך האָב צוגעזאָגט בעטסי. זי וועט צופאָרן נאָך מיר.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך פאַרקרימט בא נעמען בעטסיס נאָמען.

— אָ, איך וועל נישט גיין צעשיידן די אומצעשיידבאַרע, — האָט ער געזאָגט מיט זיין געוויינלעכן טאָן פון קאַטאָוועס. — מיר וועלן פאָרן מיטן מיכאַיל וואַסיליעוויטשן. מיך הייסן אויך די דאָקטוירים גיין. איך וועל מיך איבערגיין מיטן וועג און וועל מיר פאָרשטעלן, אַז איך בין אויף די בעדער.

— איילן זיך איז נישטאָ נאָכוואָס, — האָט אַננאַ געזאָגט. — איר ווילט טיי?

זי האָט אָנגעקלונגען.

— דערלאַנגט טיי און זאָגט סעריאָזשען, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנ־דראָוויטש איז געקומען. נו, וואָס, ווי פילסטו זיך אין געזונט? מיכאַיל וואַסיליעוויטש, איר זענט בא מיר נישט געווען; גיט אַ קוק, ווי שיין ס'איז בא מיר אויפן באַלקאָן, — האָט זי געזאָגט, ווענדנדיק זיך דאָ צו איינעם, דאָ צום צווייטן.

זי האָט גערעדט זייער איינפאַך און נאַטירלעך, אָבער צופיל און צו גיך. זי האָט דאָס אַליין געפילט, בפרט, וואָס זי האָט אין דעם ביי־גיריקן בליק, מיט וועלכן מיכאַיל וואַסיליעוויטש האָט אויף איר אַ בליק געטון, באַמערקט, אַז ער האָט זי אַזוי ווי אָבסערווירט.

מיכאַיל וואַסיליעוויטש איז גלייך אַרויסגעגאַנגען אויף דער טעראַסע.

זי האָט זיך געזעצט לעבן מאַן.

— דו זעסט נישט געזונט אויס, — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — היינט איז דער דאָקטאָר געווען בא מיר און צוגענומען אַ שעה צייט. איך פיל, אַז עמעצער פון מיינע פריינט האָט אים געשיקט: אַזוי טייער איז מיין געזונט...

— ניין, וואָס־זשע האָט ער געזאָגט?

זי האָט אים געפרעגט וועגן דעם געזונט און די ענינים, האָט אים אָנגערעדט זיך אָפּצורוען און אַריבערצופאָרן צו איר.

דאָס אַלץ האָט זי גערעדט פריילעך, שנעל און מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ אין די אויגן; אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט איצט נישט צוגעשריבן דעמדאָזיקן טאָן אירן קיין שום באַדייטונג. ער האָט געהערט בלויז אירע ווערטער און זיי צוגעגעבן דעם פשוטן זינען, וועלכן זיי האָבן געהאַט. און ער האָט איר אויך געענטפערט פשוט, הגם וויציק. אין דעם גאַנצן שמועס איז נישט געווען קיין שום באַזונדערס, אָבער אננאַ האָט קיינמאָל דערנאָך אָן פיינלעכן ווייטיק פון בושה נישט געקאָנט זיך דער־מאָנען אָן דער קורצער סצענע.

עס איז אַריינגעקומען סעריאָזשאַ, אַריינגעפירט דורך דער גוווער־נאַנטין. ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש וואָלט זיך דערלויבט צו באָאָב־אַכטן, וואָלט ער באַמערקט דעם נישט דרייסטן, פאַרלוירענעם בליק, מיט וועלכן סעריאָזשאַ האָט אַ קוק געטון אויפן פאָטער און דערנאָך אויף זיין מוטער. אָבער ער האָט גאָרנישט געוואָלט זען און נישט געזען.

— אַ, יונגערמאַן! ער איז אויסגעוואַקסן. כ'לעבן, ער ווערט אַ גאַנצער מאַנספּערשוין. וואָס מאַכסטו, יונגערמאַן.

און ער האָט דערלאַנגט די האַנט דעם דערשראָקענעם סעריאָזשען.

סעריאָזשאַ, וועלכער איז פריער אויך געווען נישט דרייסט אין באַציונג צום פאָטער, האָט איצט, נאָכדעם ווי אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָנגעהויבן אים רופן יונגערמאַן און ס'איז אים אַריין אין קאָפּ די קשיה, צי ווראָנסקי איז אַ פריינד אָדער אַ שונא, — זיך געפילט פרעמד צום פאָטער. ער האָט, אַזוי ווי בעטנדיק באַשיצונג, זיך אומגעקוקט צו דער מוטער. בלויז מיט דער מוטער איז אים געווען גוט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פאַרפירנדיק אַ שמועס מיט דער גוווערנאַנטין, האָט געהאַלטן דעם זון בײַם אַקסל, און סעריאָזשען איז געווען אַזוי פּיינלעך אומאָנגענעם, אַז אַננאַ האָט געזען, ער קלויבט זיך צו וויינען.

אַננאַ, וועלכע איז רויט געוואָרן אין דער מינוט, וואָס דער זון איז אַריינגעקומען, באַמערקנדיק, אַז סעריאָזשען איז נישט אָנגענעם, איז שנעל אויפגעשפּרונגען, אויפגעהויבן אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס האַנט פונם זונס אַקסל און, אַ קוש געבנדיק דעם זון, האָט זי אים אַרויסגעפירט אויף דער טעראַסע און גלייך זיך אומגעקערט.

— פונדעסטוועגן איז שוין צייט, — האָט זי געזאָגט, אַ קוק געבנדיק אויף איר זייגער, — וואָס קומט עפּעס נישט בעטסי!..

— יאָ, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט און, אויפשטייענדיק, פאַרלייגט די הענט און מיט זיי אַ קנאַק געטון. — איך בין נאָך צוגעפאָרן דיר ברענגען געלט, וואָרים עסן גייט נישט פאַר קיין טאַנץ, — האָט ער געזאָגט, — דו דאַרפסט, מיין איך.

— ניין, כ'דאַרף נישט... יאָ, כ'דאַרף, — האָט זי געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף אים און רויט ווערנדיק ביז די האָר־וואָרצלען. — דו, מיין איך, וועסט צופאָרן אַהער פון געיעג.

— אָ, יאָ! — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געענטפערט. — אָט איז אויך די פּראַכט פון פּעטערהאָף, די פירשטין טווערסקאַיאַ, — האָט ער צוגעגעבן, אַ בליק געבנדיק אין פענצטער אויף דעם צופאָרנדיקן ענגלישן עקיפּאַזש, מיט דעם אומגעווייןלעך הויך אַרויפגעשטעלטן מיניאַטור־קויש פון דער קאָטש. — וואָסער עלעגאַנץ! פּראַכטפול! נו, פאָרן מיר אויך.

די פירשטין טווערסקאַיאַ איז נישט אַרויסגעגאַנגען פונם עקיפּאַזש,

נאָר בלויז איר לאָקיי אין שטיבלעטן, איין אַ פּעלערינקע און אין אַ שוואַרצן הוט איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿאַם פּראַנטגאַנג.

— איך גיי, זייט געזונט! — האָט אַננאַ געזאָגט אין, אַ קוש געבנדיק דעם זון, איז זי צוגעגאַנגען צו אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און אים אויסגעשטרעקט די האַנט. — דו ביסט זייער אַ ליבער, וואָס ביסט געקומען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ קוש געטון איר האַנט.

— נו, איז צום ווידערזעען! דו וועסט צופֿאָרן טיי טרינקען, אויסגעצייכנט! — האָט זי געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען, אַ שיינענדיקע און פֿריילעכע. אָבער, ווי נאָר זי האָט אויפֿגעהערט צו זעען אים האָט זי דערפֿילט דאָס אָרט אויף דער האַנט, צו וועלכן זיינע ליפּן האָבן זיך צוגערירט, און האָט מיט עקל אויפֿגעציטערט.

XXVIII.

ווען אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך באַוויזן בײַ די געיעגן, איז אַננאַ שוין געזעסן אין דער האַלטאַנקע צוזאַמען מיט בעטסי, אין דער האַלטאַנקע, וווּ עס האָט זיך פֿאַרזאַמלט די גאַנצע העכסטע געזעלשאַפֿט. זי האָט דערזעען דעם מאַן נאָך פֿונווייטנס. צוויי מענטשן, דער מאַן און דער געליבטער, זענען געווען פֿאַר איר די צוויי צענטערן פֿון לעבן, און זי האָט אָן דער הילף פֿון זייטיקע געפֿילן געפֿילט זייער נאָענטקייט. זי האָט נאָך פֿונווייטנס דערפֿילט דאָס דערנענטערן זיך פֿון מאַן און נישט ווילנדיק אים נאָכגעקוקט אין די כוואַליעס פֿון דעם עולם, צווישן וועלכן ער האָט זיך באַוועגט. זי האָט געזען, ווי ער האָט זיך דערנענטערט צו דער האַלטאַנקע, דאָ לייטזעליק געענטפֿערט אויף חניפֿהדיקע באַגריסונגען, דאָ פֿריינטלעך, צעשטרייט זיך באַגריסט מיט זיינס גלייכן, דאָ פֿלייסיק אָפּגעוואַרט אַ בליק פֿון די מאַכטהאָבער פֿון דער וועלט און אַראָפּגענומען זיין קיילעכיקן, גרויסן הוט, וואָס האָט צוגעדריקט די קאַנטן פֿון זיינע אויערן.

זי האָט געקאָנט די אַלע באַוועגונגען, און זיי זענען איר אַלע עקלהאַפֿט געווען. בלויז ערגייציקייט, בלויז ווילן צו האָבן דערפֿאָלג — אָט איז אַלץ, וואָס איז דאָ אין זיין נשמה. — האָט זי געטראַכט, — און

די הויכע געדאַנקען, די ליבע צו בילדונג, די רעליגיע, דאָס אַלץ — איז בלויז אַ ווערקצייג, כדי צו האָבן דערפאָלג.

לויט זיינע בליקן אויף דער דאַמען-האַלטאַנקע (ער האָט געקוקט גלייך אויף איר; נאָר נישט דערקענט דאָס ווייב אין דעם ים פון מושלין, בענדער, פעדערס, שירמען און בלומען), האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער זוכט זי; נאָר זי האָט אים בכיוון נישט באַמערקט.

— אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש! — האָט די פירשטין בעטסי צו אים אַ געשריי געטון, — איר זעט, אוודאי, נישט די פרוי; אָט איז זי!

ער האָט אַ שמייכל געטון מיט זיין קאַלטן שמייכל.

— דאָ איז אַזוי פיל גלאַנץ, אַז די אויגן ווייסן נישט, אויף וואָס פויער זיך אָפּצושטעלן, — האָט ער געזאָגט און זיך געלאָזט גיין צו דער האַלטאַנקע. ער האָט אַ שמייכל געטון צום ווייב, ווי עס דאַרף אַ שמייכל טון אַ מאַן, טרעפנדיק דאָס ווייב, מיט וועלכער ער האָט זיך נאָר וואָס געזעען און זיך באַגריסט מיט דער פירשטין און אַנדערע באַקאַנטע, אָפּגעבנדיק יעדן זיינס, דאָס הייסט, שפּאַסנדיק אַ ביסל מיט די דאַמען און קענגנזייטיק באַגריסנדיק זיך מיט די מענער. אונטן, לעבן דער האַלטאַנקע, איז געשטאַנען אַ חשובער גענעראַל-אַדיוטאַנט, וואָס איז געשעצט געווען דורך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן און באַוווּסט געווען מיט זיין שכל און בילדונג. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט אים.

עס איז געווען אַ פויזע צווישן די געיעגן, און דעריבער האָט גאָרנישט געשטערט צו רעדן. דער גענעראַל-אַדיוטאַנט האָט געטאַדלט די געיעגן. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען קעגן און האָט זיי פאַרטיידיקט. אַננאַ האָט געהערט זיין דין, איינטעניק קול, נישט דורכלאָזנדיק קיין איין וואָרט, און יעדעס וואָרט זיינס האָט איר אויסגעזעען פאַלש און שמערצלעך געשניטן איר אויער.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פירוויאָרסטיקע געיעג מיט די שטערונגען, האָט זי זיך אָנגעבויגן פאָרויס, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן געקוקט אויף וורָאָנסקין, וואָס איז צוגעגאַנגען צום פערד און זיך אויפגעזעצט און איינצייטיק געהערט דאָס דאָזיקע אָפּשטויסנדיקע קול פון מאַן, וואָס האָט נישט אויפגעהערט. עס האָט זי געפּייניקט אַ שרעק פאַר וורָאָנסקין, אָבער נאָך מער, האָט זיך איר געדאַכט, האָט זי געפּייניקט דער קלאַנג פון דעם מאַנס דינעם קול מיט די באַקאַנטע אינטאָנאַציעס, וואָס איז נישט שטיל געוואָרן.

„איך בין אַ שלעכטע פרוי, איך בין אַ פאַרלוירענע פרוי, — האָט

זי געטראַכט, נאָר איך האָב נישט ליב ליגנט צו זאָגן, איך פֿאַרטראָג נישט קיין ליגנט, און זיין (דעם מאַנס) שפּייז — דאָס איז ליגנט. ער ווייסט אַלץ, זעט אַלץ; וואָס־זשע פֿילט ער, אויב ער קאָן אַזוי רויק רעדן? וואָלט ער מיך דערהרגעט, וואָלט ער ווראָנסקין דערהרגעט, וואָלט איך אים געשעצט. אָבער ניין, ער דאַרף בלויז ליגנט און אָנשטענדיקייט, — האָט זיך אַננאַ געזאָגט, נישט קלערנדיק וועגן דעם, וואָס אייגנטלעך זי האָט געוואָלט פֿון מאַן, אַ וואָסערן זי וואָלט אים געוואָלט זעען. זי האָט אויך נישט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס אויסערלעכע באַזונדערע באַרעדעוודיקייט, וואָס האָט זי אַזוי אויפֿגערייצט, איז געווען בלויז אַן אויסדרוק פֿון זיין אינערלעכער צערודערטקייט און אומרויִקייט. אַזוי ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן, ברענגט, שפּרינגענדיק, אין באַוועגונג זיינע מוסקולן, כּדי צו פֿאַרטייבן דעם ווייטיק, אַזוי איז פֿאַר אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשן נייטיק געווען גייסטיקע באַוועגונג, כּדי צו פֿאַרטייבן די געדאַנקען וועגן דער פֿרוי, וועלכע האָבן אין איר קעגנוואַרט און אין ווראָנסקיס קעגנוואַרט און בײַ דעם כּסדרדיקן איבערחזרן זיין נאָמען געפֿאָדערט צו זיך אויפֿמערקזאַמקייט. און אַזוי ווי עס איז פֿאַר אַ קינד נאַטירלעך צו שפּרינגען, אַזוי איז פֿאַר אים נאַטירלעך געווען שיין און קלוג צו רעדן. ער האָט געזאָגט:

— געפֿאַר בײַ די מיליטערישע, קאַוואַלערישע געיעגן איז דער נייטיקער באַדינג פֿון די געיעגן. אויב ענגלאַנד קאָן אָנווייזן אין דער קריגס־געשיכטע אויף די סאַמע גלענצנדסטע קאַוואַלעריע־שלאַכטן, איז בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט היסטאָריש אַנטוויקלט אין זיך דעמדאָזיקן כּוח אי בײַ די חיות אי בײַ די מענטשן. ספּאָרט האָט, לויט מיין מיינונג, אַ גרויסע באַדייטונג. און, ווי שטענדיק, זעען מיר בלויז דאָס סאַמע אויבערפֿלעכלעכע.

— נישט אויבערפֿלעכלעכע, — האָט די פֿירשטין טווערסקאַיאַ געזאָגט. — איין אָפֿיציר, זאָגט מען, האָט צעבראָכן צוויי ריפּן.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אַ שמייכל געטאָן מיט זיין שמייכל, וואָס האָט בלויז אויפֿגעדעקט די ציין, אָבער מער גאָרנישט געזאָגט.

— לאָמיר אָננעמען, פֿירשטין, אַז דאָס איז נישט קיין אויבערפֿלעכלעכס, — האָט ער געזאָגט, — נאָר אינערלעכס. אָבער נישט אין דעם האַנדלט זיך. — און ער האָט זיך ווידער געווענדט צום גענעראַל, מיט וועלכן ער האָט גערעדט ערנסט; — פֿאַרגעסט נישט, אַז אין די געיעגן

באַטייליקן זיך מיליטער-לייט, וועלכע האָבן אויסגעקליבן דידאַזיקע טעסיקייט. און איר מוזט מסכים זיין, אַז יעדער באַרוף האָט זיין צווייטע זייט פון מעדאַל. דאָס גייט פשוט אַריין אין דער פליכט פון אַ מיליטער-מאַן. דער אומגעלומפּערטער ספּאָרט פון פויסט-קאַמף אָדער פון די שפּאַנישע טאָרעאַדאָרן איז אַ סימן פון באַרבאַריזם. אָבער ספּעציאַליזירטער ספּאָרט איז אַ סימן פון אַנטוויקלונג.

— ניין, איך וועל אַ צווייט מאָל נישט פאָרן: דאָס רעגט מיך צו שטאַרק אויף, — האָט די פירשטין בעטסי געזאָגט. — נישט אמת, אַננאַ?

— עס רעגט אויף, אָבער מען קאָן זיך נישט אָפּרייסן, — האָט אַ צווייטע דאַמע געזאָגט. — ווען איך וואָלט געווען אַ רוימערין, וואָלט איך נישט דורכגעלאָזט קיין איין צירק.

אַננאַ האָט גאָרנישט גערעדט און, נישט אַראָפּלאָזנדיק דעם בינאָקל, געקוקט אויף איין אָרט.

אין דער צייט איז פאַר דער האַלטאַנקע פאַרבייגעגאַנגען אַ הויכער גענעראַל. איבעררייסנדיק דעם געשפּרעך, איז אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש אייליק, נאָר ווירדיק אויפגעשטאַנען און נידעריק זיך געגריסט צום דורכגייענדיקן מיליטערמאַן.

— איר רייט נישט? — האָט דער מיליטער מאַן זיך אַ קאַטאַוועס געמאַכט.

— מיין רייטן איז שווערער, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש העפלעך געענטפערט.

און הגם דער ענטפער האָט גאָרנישט באַדייט, האָט דער מיליטער-מאַן געמאַכט אַ מינע, אַז ער האָט געהערט אַ קלוג וואָרט פון אַ קלוגן מענטש, און האָט פולשטענדיק פאַרשטאַנען דעם la pointe de la sauce.

— עס זענען דאָ צוויי צדדים, — האָט ווידער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש פאָרגעזעצט: — די אויספירער און די צוקוקער; און די ליבע צו דידאָזיקע בילדער איז אַ זיכערער סימן פאַר דער נידעריקער אַנטוויקלונג פון די צוקוקער, איך בין מסכים, אָבער...

— פירשטין, אַ געוועט! — האָט זיך פון אונטן דערהערט סטעפּאַן אַרקאַדיעוויטשס קול, וועלכער האָט זיך געווענדט צו בעטסי. — פאַר וועמען האַלט איר?

— איך מיט אַננען פערן פירשט קוזאָוליעוו, — האָט בעטסי געענטפערט.

— איך פאר ווראָנסקין. אַ פאָר הענטשקעס.

— געמאַכט!

— און ווי שיין, נישט אמת?

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געשוויגן אַ ווײַלע. בעת מען האָט גערעדט לעבן אים, אָבער באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— איך בין מסכים, אָבער די העלדישע שפילן... — האָט ער געוואָלט פאָרזעצן.

אָבער אין דער צייט האָט מען אָפּגעלאָזט די רייטער און אַלע געשפרעכן האָבן אויפגעהערט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז אויך שטיל געבליבן, און אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך אויסגעדרייט צום טייך. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט די געיעגן און דעריבער נישט געקוקט אויף די רייטער, נאָר צעשטרייט אָנגעהויבן באַקוקן די צושויער מיט מידע אויגן. זיין בליק האָט זיך אָנגעשטעלט אויף אַננען.

איר געזיכט איז געווען בלייך און שטרענג. זי האָט משמעות גאָר נישט און קיינעם נישט געזען, חוץ איינעם. איר האַנט האָט פיבערהאַפט צונויפגעדריקט דעם פעכער, און זי האָט נישט געאָטעמט. ער האָט אַ קוק געטון אויף איר און איילנדיק זיך אָפּגעדרייט, באַטראַכטנדיק אַנדערע פנימער.

„יאָ, אָט די דאַמע און אַנדערע זענען אויך זייער אויפגערעגט; דאָס איז זייער נאַטירלעך", האָט זיך אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט. ער האָט געוואָלט נישט קוקן אויף איר, אָבער זיין בליק האָט נישט ווילנדיק זיך געצויגן צו איר. ער האָט זיך ווידער איינגעקוקט אין דעמדאָזיקן פנים, באַמיענדיק זיך נישט צו לייענען דאָס, וואָס איז דערויף אַזוי דייטלעך אָנגעשריבן געווען, און האָט קעגן זיין ווילן מיט שרעק געלייענט דערויף דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט וויסן.

קוזאָוליעווס ערשטע פאַלן בײַם טייך האָט אַלע אויפגערעגט, אָבער אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דייטלעך געזען אויף אַננעס בלייכן טריומפירנדיקן פנים, אַז דער, אויף וועמען זי האָט געקוקט, איז נישט געפאַלן. ווען מאַכאָטין און ווראָנסקי זענען אַריבערגעשפרונגען דעם גרויסן באַריער, און דער פאָלגנדער אָפיציר איז אויפן זעלבן אָרט געפאַלן אויפן

קאָפּ און זיך צעממיתט אויף טויט, און אַ שאָרך פון שרעק האָט זיך דורכ־געטראָגן איבערן גאַנצן פּובליקום, — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזעען, אַז אַננאַ האָט דאָס אפילו נישט באַמערקט און קוים פאַרשטאַנען, וועגן וואָס מען האָט געגומען רעדן אַרום. אָבער ער האָט אַלץ אָפטער און אָפטער און מיט מער עקשנות זיך איינגעקוקט אין איר. אַננאַ, איינ־געזונקען פאַרשלונגען פון דעם בילד פונם גאַלאָפּירנדיקן וורָאָנסקין, האָט דערפילט דעם פון דער זייט אָנגעשטעלטן בליק פון איר מאַנס קאַלטע אויגן.

זי האָט זיך אומגעקוקט אויף אַן אויגנבליק, פרעגנדיק אַ קוק געטון אויף אים און, לייכט זיך אָנכמורענדיק, ווידער זיך אַוועקגעדרייט.

„אַך, מיר איז אַלציינס". האָט זי אים אַזוי ווי געזאָגט און שוין מער קיין איינמאָל נישט קיין קוק געטון אויף אים.

די געיעגן זענען געווען אומגליקלעך. און פון זיבעצן מאַן זענען געפאַלן און האָבן זיך צעמזיקט מער ווי העלפט. אויפן סוף פון די געיעגן זענען אַלע געווען אין אויפרעגונג, וואָס ס'איז נאָך מער פאַרגרעסערט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער קייסער איז געווען אומצופרידן.

XXIX.

אַלע האָבן הויך אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט, אַלע האָבן איבערגעחזרט די דורך עמעצן געזאָגטע פראַזע: „עס פעלט בלויז אַ צירק מיט לייבן", און אַלע האָבן געפילט אַ גרויל, אַזוי, אַז ווען וורָאָנסקי איז געפאַלן און אַננאַ האָט הויך אויסגעשריגן, איז אין דעם נישט געווען קיין שום אומגעוויינלעכס. אָבער גלייך נאָכדעם איז אין אַננעס פּנים פאָרגע־קומען אַן ענדערונג, וואָס איז שוין געווען בפירוש נישט אָנשטענדיק. זי האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. זי האָט אָנגעהויבן פלאַטערן, ווי אַ געכאַפּטער פויגל: דאָ האָט זי געוואָלט אויפשטיין און גיין ערגעץ, דאָ האָט זי זיך געווענדט צו בעטסי.

— לאָמיר פאָרן, לאָמיר פאָרן, — האָט זי גערעדט.

אָבער בעטסי האָט זי נישט געהערט. זי האָט גערעדט, אַריבער־בייגנדיק זיך אַראָפּ, מיט אַ גענעראַל, וואָס איז צו איר צוגעקומען.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש איז צוגעגאַנגען צו אַננען און העלפענדיק איר דערלאַנגט די האַנט.

— קומט, אויב איר באַוויליקט, — האָט ער געזאָגט אויף פראַנצויזיש; אָבער אַננאַ האָט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס דער גענעראַל האָט גערעדט, און נישט באַמערקט דעם מאַן.

— אויך צעבראָכן אַ פוס, זאָגט מען, — האָט דער גענעראַל געזאָגט. — דאָס איז אַ שרעקלעכער אומזין.

נישט ענטפערנדיק דעם מאַן, האָט אַננאַ אויפגעהויבן דעם בינאָקל און געקוקט אויף דעם אָרט, וווּ ווראָנסקי איז געפאַלן; אָבער עס איז געווען אַזוי ווייט און דאָרט איז פאַרזאַמלט געווען אַזוי פיל מענטשן, אַז מען האָט גאָרנישט געקאָנט זען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בינאָקל און געוואָלט גיין; אָבער אין דער צייט איז צוגעריטן אַן אָפיציר און האָט עפּעס ראַפּאָרטירט דעם קייסער. אַננאַ האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און געהערט.

— סטיווא, סטיווא! — האָט זי אַ געשריי געטון צום ברודער.

נאָר דער ברודער האָט זי נישט געהערט. זי האָט ווידער געוואָלט אַרויסגיין.

— איך לייג אייך נאָכאַמאָל פאָר מיין האַנט, אויב איר ווילט גיין. — האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש געזאָגט, זיך צורירנדיק צו איר האַנט.

זי האָט מיט עקל זיך אָוועקגערוקט פון אים און, נישט קיין בליק געבנדיק אין פּנים אַריין, געענטפערט:

— ניין, ניין, לאָזט מיך, איך וועל בלייבן.

זי האָט געזען אַצינד, אַז פון אָרט, וווּ ווראָנסקי איז געפאַלן, איז איבערן קרייז געלאָפן אַן אָפיציר צו דער האַלטאַ קע. בעטסי האָט געפאָכעט צו אים מיטן טיכל. דער אָפיציר האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז דער רייטער איז נישט געהרגעט געוואָרן, נאָר דאָס פערד האָט צעבראָכן דעם רוקן.

דערהערנדיק דאָס, האָט אַננאַ זיך שנעל אַוועקגעזעצט און פאַרדעקט דאָס פּנים מיטן פעכער. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געזען, אַז זי וויינט און קאָן נישט איינהאַלטן נישט בלויז די טרערן, נאָר אויך די שלוכצן, וועלכע האָבן אויפגעהויבן איר ברוסט. אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זי פאַרשטעלט מיט זיך, געבנדיק איר צייט צו זיך צו קומען.

— צום דריטן מאָל לייג איך אייך פאָר מיין האַנט, — האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום, ווענדנדיק זיך צו איר. אַננאַ האָט געקוקט אויף אים און נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן. די פירשטין בעטסי איז איר געקומען צו הילף.

— ניין, אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, איך האָב אָפּגעפירט אַנגען, און איך האָב צוגעזאָגט זי צוריקצופירן, — האָט זיך בעטסי אַרײַנגעמישט.

— אַנטשולדיקט מיר, פירשטין, — האָט ער געזאָגט, העפלעך שמייכלענדיק, נאָר אַנטשלאָסן קוקנדיק איר אין די אויגן אַרײַן, — אָבער איך זע, אַז אַננאַ איז נישט אינגאַנצן געזונט, און איך וויל, אַז זי זאָל פאָרן מיט מיר.

אַננאַ האָט דערשראָקן זיך אומגעקוקט, איז אונטערטעניק אויפגעשטאַנען און גענומען דעם מאַן אונטער אָרעם.

— איך וועל שיקן צו אים געוויר וועגן און צוויסן געבן, — האָט איר בעטסי איינגערוימט.

בײַם אַרויסגאַנג פון דער האַלטאַנקע האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש, פונקט ווי שטענדיק, גערעדט מיט די באַגעגנטע, און אַננאַ האָט געמוזט, ווי תמיד, ענטפערן און רעדן; אָבער זי האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט איר און איז ווי אין חלום געגאַנגען מיטן מאַן אונטער דער האַנט.

„צי איז ער געהרגעט געוואָרן אָדער נישט? צי איז דאָס אמת? צי וועט ער קומען אָדער נישט? צי וועל איך אים זען הײַנט?" האָט זי געטראַכט.

זי האָט זיך שווײַגנדיק אַרײַנגעזעצט אין אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטשס קאַרעטע און שווײַגנדיק אַרויסגעפאָרן פון דער מענגע עקיפּאַזשן. נישט געקוקט אויף אַלץ, וואָס ער האָט געזען, האָט אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש דאָך זיך נישט דערלויבט צו טראַכטן וועגן דער איצטיקער לאַגע פון זײַן פרוי. ער האָט בלויז געזען אויסערלעכע סימנים. ער האָט געזען, אַז זי האָט זיך אויפגעפירט נישט אָנשטענדיק, און געהאַלטן פאַר זײַן חוב צו זאָגן איר דאָס. אָבער אים איז זייער שווער געווען נישט צו זאָגן מער, נאָר צו זאָגן בלויז דאָס. ער האָט געעפנט דאָס מויל, כדי צו זאָגן איר, ווי נישט אָנשטענדיק זי האָט זיך אויפגעפירט, אָבער נישט ווילנדיק געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש.

— ווי געבייגט מיר זענען, פונדעסטוועגן, אַלע צו די דאָזיקע גרויזאַמע בילדער, — האָט ער געזאָגט. — איך באַמערק...

— וואָס? איך פאַרשטיי נישט, — האָט זי מיט פאַראַכטונג געזאָגט.

ער האָט זיך באַליידיקט און גלייך אָנגעהויבן צו רעדן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

— איך מוז אייך זאָגן... — האָט ער א זאָג געטון.

„אָט איז זי די דערקלערונג", האָט זי א טראַכט געטון, און זי האָט דערפילט א שרעק.

— איך מוז אייך זאָגן, אַז איר האָט אייך היינט נישט אָנשטענדיק אויפגעפירט, — האָט ער איר געזאָגט אויף פראַנצויזיש.

— מיט וואָס האָב איך מיך נישט אָנשטענדיק אויפגעפירט? — האָט זי הויך געזאָגט, שנעל אויסדרייענדיק צו אים דעם קאָפּ און קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אריין, אָבער שוין גאָרנישט מיט דער פריערדיקער עפּעס פאַרבאָרגנדיקער פריילעכקייט, נאָר מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע, הינטער וועלכער זי האָט קוים באַהאַלטן די איבער.עלעבטע שרעק.

— פאַרגעסט נישט, — האָט ער איר געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן אָפענעם פענצטער קעגן קוטשער.

ער האָט זיך אונטערגעהויבן און אויפגעהויבן די שויב.

— וואָס האָט איר געהאַלטן פאַר נישט אָנשטענדיק? — האָט זי איבערגעחזרט.

— די פאַרצווייפלונג, וועלכע איר האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן בײַם פאַלן פון איינעם פון די רייטערס.

ער האָט זיך געריכט, אַז זי וועט דערווידערן; אָבער זי האָט געשוויגן, קוקנדיק פאַר זיך.

— איך האָב אייך שוין געבעטן זיך צו האַלטן אין דער הויכער געזעלשאַפט אַזוי, אַז בייזע צונגען זאָלן נישט קענען גאָרנישט זאָגן קעגן אייך. עס איז געווען א צייט, ווען איך האָב גערעדט וועגן די אינערלעכע באַציונגען; איך רעד אַצינד נישט וועגן זיי. איצט רעד איך וועגן די אויסערלעכע באַציונגען. איר האָט אייך נישט אָנשטענדיק געהאַלטן, און איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיך נישט איבערחזרן.

זי האָט נישט געהערט א העלפט פון זיינע ווערטער, זי האָט געשפּירט א שרעק צו אים און געטראַכט וועגן דעם, צי עס איז אמת דאָס, אַז ווראָנסקי האָט זיך נישט דערהרגעט. צי האָט מען וועגן אים געזאָגט, אַז ער איז גאַנץ, נאָר דאָס פערד האָט צעבראָכן דעם רוקן? זי האָט בלויז מיט געמאַכטער איראָניע א שמייכל געטון, ווען ער האָט געענדיקט.

און גאָרנישט געענטפערט, ווייל זי האָט נישט געהערט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט. אַלע סיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט אָנגעהויבן צו רעדן דרייסט, נאָר ווען ער האָט דייטלעך פאַרשטאַנען דאָס, וועגן וואָס ער רעדט, — האָט די שרעק, וואָס זי האָט געפּרט, זיך אים איבערגעגעבן. ער האָט דערזעען דעמדאָזיקן שמייכל, און אַ מאָדנע פאַרווירטקייט איז אים באַפאַלן.

„זי שמייכלט פון מיינע חשדים. יאָ, זי וועט באַלד זאָגן דאָס, וואָס זי האָט מיר געזאָגט יענץ מאָל: אַז עס איז נישטאָ קיין גרונד פאַר מיינע חשדים, אַז דאָס איז קאָמיש".

אַצינד, ווען ס'איז געהאָנגען איבער אים די אַנטדעקונג פון אַלץ, האָט ער אויף גאָרנישט אַזוי געוואַרט, ווי אויף דעם, אַז זי זאָל, פּונקט אַזוי ווי פריער, איראָניש אים ענטפערן, אַז זיינע חשדים זענען קאָמיש און האָבן נישט קיין גרונט. אַזוי שרעקלעך איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַצינד גרייט געווען צו גלייבן אין אַלץ. אָבער דער אויסדרוק פון איר פּנים, דעם דערשראָקענעם און פינצטערן, האָט אַצינד נישט צוגעזאָגט אפילו קיין אָפּנאַרן.

— אפשר בין איך מיך טועה, האָט ער געזאָגט. — אין אַזאַ פאַל בעט איך מיר מוחל צו זיין.

— ניין, איר האָט אייך נישט טועה געווען, — האָט זי געזאָגט פּאַמעלעך, פאַרצווייפלט אַ בליק טוענדיק אויף זיין קאַלט פּנים. — איר האָט אייך נישט טועה געווען. איך בין געווען און קאָן נישט נישט זיין אין פאַרצווייפלונג. איך הער אייך און טראַכט וועגן אים. איך האָב ליב אים, איך בין זיין געליבטע, איך קאָן נישט איבערטראָגן, איך האָב מורא, איך האָט אייך... טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט.

און, אַ וואָרף טוענדיק זיך אין ווינקל פון דער קאַטש, האָט זי זיך צעשלוכצט, פאַרדעקנדיק זיך מיט די הענט.

אַלעקסיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט זיך נישט קיין ריר געטון און נישט געענדערט די גלייכע ריכטונג פון בליק. נאָר זיין גאַנץ פּנים האָט פּלוצלינג אָנגענומען די פייערלעכע אומבאַוועגלעכקייט פון אַ טויטן, און דער דאָזיקער אויסדרוק האָט זיך נישט געביטן די גאַנצע צייט פון פאָרן ביז דער דאַטשע. צופאָרנדיק צום הויז, האָט ער אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ אַלץ מיטן זעלבן אויסדרוק.

— אַזוי! נאָר איך בעט אָפּצוהיטן די אויסערלעכע באַציונגען פון אָנשטענדיקייט אַזוי לאַנג, — זיין קול האָט אַ ציטער געטון; — ביז איך

וועל אַנגעמען מיטלען, וואָז וועלן באַשיצן מיין כבוד. און וועל זיי אייך מיטטיילן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פאַר איר און געהאָלפן איר אויסשטייגן. אין קעגנווארט פון דינער האָט ער איר אַ דריק געטון די האַנט, זיך אַריינגעזעצט אין דער קאָטש און אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג.

באַלד נאָך אים איז געקומען אַ לאַקיי פון דער פירשטין בעטסי און געבראַכט אַננען אַ צעטעלע:

„איך האָב געשיקט צו אַלעקסייען געוויר ווערן וועגן זיין געזונט, און ער שרייבט מיר, אַז ער איז גאַנץ און געזונט, נאָר אין פאַרצווייפלונג".

„וועט ע ר זיין, — האָט זי אַ קלער געגעבן. — ווי גוט איך האָב געטון, וואָס איך האָב אים אַלץ געזאָגט".

זי האָט אַ קוק געגעבן אויפן זייגער. עס איז נאָך געבליבן דריי שעה, און די דערינערונגען פון די פרטים פון דער לעצטער זעונג האָבן איר אַנגעצונדן דאָס בלוט.

„גאָט מיינער, ווי ליכטיק! דאָס איז שרעקלעך, נאָר איך האָב ליב צו זעען זיין פנים און האָב ליב דאָסדאָזיקע פאַנטאַסטישע ליכט... דער מאַן! אַך, יאָ... נו, און דאַנקען גאָט, וואָס מיט אים איז אַלץ געענדיקט".

XXX.

ווי אין אַלע ערטער, וווּ מענטשן פאַרזאַמלען זיך, אַזוי איז אויך אין דעם קליינעם דייטשישן קור-אָרט, וווּהין די שטשערבאַצקיס זענען געקומען, פאָרגעקומען די געוויינלעכע אַזוי ווי קריסטאַליזירונג פון דער געזעלשאַפט, וועלכע באַשטימט פאַר איר יעדן מיטגליד אַ באַשטימט און אומגעענדערט אָרט. ווי באַשטימט און אומגעענדערט אַ טייל, כל וואַסער באַקומט אויף דער קעלט די באַשטימטע פאָרם פון אַ שניי-קריסטאַל, אַזוי איז יעדע נייע פערזאָן, וואָס איז געקומען אין קור-אָרט, גלייך באַשטימט געוואָרן אויף איר אייגנטלעך אָרט.

דער פירסט שטשערבאַצקי, זאַמט געמאַלין אונד טאָכטער האָבן — סיי לויט דער וווינונג, וואָס זיי האָבן פאַרנומען,

סיי לויט דעם נאָמען, סיי לויט די באַקאַנטע, וואָס זיי האָבן געטראָפן, — זיך גלייך קריסטאַליזירט אויף זייער באַשטימט און פאַר זיי פאַרגעזען אָרט.

אין דעם קור־אָרט איז דאָס יאָר געווען אַן אמתע דייטשישע פירשטין, צוליב וואָס דאָס קריסטאַליזירן זיך פון דער געזעלשאַפט איז פאָרגעקומען נאָך ענערגישער. די פירשטין האָט אומבאַדינגט געוואָלט פאָרשטעלן דער פרינצעסין איר טאָכטער און האָט גלייך אויפן צווייטן טאָג דורכגעפירט דידאָזיקע צערעמאָניע. קיטי האָט נידעריק און גראַציעז געמאַכט אַ רעווערַנס אין איר פון פאַריז אויסגעשריבענעם ז י י ע ר א י י נ פ אַ כ ן, דאָס הייסט זייער צירלעכן זומערדיק קלייד. די פרינצעסין האָט געזאָגט: „איך האָף, אַז די רויזן וועלן זיך גיך אומקערן אויף דעם דאָזיקן שיינינקן פנימל אַרויף“, און פאַר די שטשערבאַצקיס האָבן זיך גלייך פעסט איינגעשטעלט באַשטימטע לעבנס־וועגן, פון וועלכע מען האָט שוין נישט געקאָנט אַרויסגיין. די שטשערבאַצקיס האָבן זיך אויך באַקענט מיט דער פאַמיליע פון אַן ענגלישער לעדי, און מיט אַ דייטשישער גרעפין, און מיט איר אין דער לעצטער מלחמה פאַרווונדעט געוואָרענעם זון, און מיט אַ געלערנטן שוועד, און מיט M. Canut און זיין שוועסטער. אָבער די הויפּט־געזעלשאַפט פון די שטשערבאַצקיס האָט זיך נישט ווילנדיק געבילדעט פון דער מאָסקווער דאַמע מאַריאַ יעווגעניעוונאַ רטישטשעווא, מיט דער טאָכטער, וועלכע איז קיטין געווען נישט אָנגענעם דערפאַר, וואָס זי איז קראַנק געוואָרן, פונקט אַזוי ווי זי, אויס ליבע, און אַ מאָסקווער פּאָלקאָווניק, וועלכן קיטי האָט אין דער קינדהייט געזען און געקענט אין אַ מונדיר מיט עפּאָלעטן און וועלכער איז דאָ מיט זיינע קליינע אייגעלעך און מיטן אָפענעם האַלז אין קאָלירטן שניפּסל געווען אומגעווייגלעך קאָמיש און לאַנגווייליק מיט דעם, וואָס מען האָט זיך נישט געקאָנט פון אים אָפּטשעפּען. ווען דאָס אַלץ האָט זיך אַזוי פעסט איינגעשטעלט, איז קיטין געוואָרן זייער לאַנגווייליק, בפרט, אַז דער פירשט איז אַוועקגעפאָרן קיין קאַרלסבאַד און זי איז געבליבן אַליין מיט דער מוטער. זי האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט די, וועמען זי האָט געקענט, פילנדיק, אַז פון זיי וועט שוין נישט זיין קיין שום נייעס. דעם אינטימען הויפּט־אינטערעס אָבער אירן אויף די בעדער האָבן אַצינד געשאַפן די באַאָבאַכטונגען און השערות וועגן די, וועלכע זי האָט נישט געקענט. לויט דער אייגנטימלעכקייט פון איר כאַראַקטער האָט קיטי תמיד אין די מענטשן זיך פאָרגעשטעלט בלויז דאָס סאַמע הערלעכסטע, און באַזונדערס אין די, וועלכע זי האָט נישט געקענט. אויך אַצינד, מאַכנדיק

השערות וועגן דעם, זע״ — ווער ס'איז, וואָס פאַר אַ באַציונגען עס איז צווישן זיי און וואָסערע מענטשן זיי זענען. האָט זיך קיטי פאָרגעשטעלט די סאַמע ווונדערלעכסטע און הערלעכסטע כאַראַקטערן און געפונען אַ באַשטעטיקונג אין אירע באָבאַכטונגען.

פון דידאָזיקע מענטשן האָט זי באַזונדערס פאַרנומען איין רוסישע פריילין, וואָס איז געקומען אויף בעדער מיט אַ קראַנקער רוסישער דאַמע, מיט דער מאַדאַם שטאַל, ווי אַלע האָבן זי גערופן. די מאַדאַם שטאַל האָט געהערט צו דער העכסטער געזעלשאַפט, אָבער זי איז געווען אזוי קראַנק, אַז זי האָט נישט געקאָנט גיין, בלויז אין זעלטענע שיינע טעג האָט זי זיך באַוויזן אויף די בעדער אין אַ קעטשל. אָבער נישט אזוי פיל אויס דער קראַנקייט, וויפיל אויס שטאָלץ, ווי די פירשטין האָט דערקלערט, איז די מאַדאַם שטאַל נישט געווען באַקענט מיט קיינעם פון די רוסישע. די רוסישע פריילין איז אַרומגעגאַנגען אַרום דער מאַדאַם שטאַל אין, חוצדעם, ווי קיטי האָט באַמערקט, זיך צונויפגעקומען מיט אַלע שווער-קראַנקע, וואָס זענען געווען אַ סך אויף די בעדער, און אויפן סאַמע נאַטירלעכסטן אופן אַרומגעגאַנגען אַרום זיי. דידאָזיקע רוסישע פריילין, לויט קיטיס באָבאַכטונגען, איז נישט געווען קיין קרובה דער מאַדאַם שטאַלס און אויך נישט קיין געדונגענע געהילפין. די מאַדאַם שטאַל האָט זי גערופן וואַרענקאַ, און די איבעריקע האָבן זי גערופן „m-lle וואַרענקאַ״. נישט רעדנדיק שוין וועגן דעם, אַז קיטין האָט אינטערעסירט צו באָבאַכטן די באַציונגען פון דערדאָזיקער פריילין צו דער מאַדאַם שטאַל און צו די אַנדערע איר באַקענטע פערזאָנען, האָט קיטי, ווי עס געשעט אָפט, געפילט אַן אומדערקלערבאַרע סימפּאַטיע צו דערדאָזיקער מאַדמואַזעל וואַרענקאַ און געפילט לויט יענערס בליקן, אַז אויך זי געפעלט.

די מאַדמואַזעל וואַרענקאַ איז געווען נישט אזוי נישט פון דער ערשטער יוגנט, נאָר עפּעס ווי אַ וועזן אָן אַ יוגנט: מען האָט זי געקאָנט שאַצן אי אויף ניינצען אי אויף דרייסיק יאָר. אויב מען זאָל אַנאַליזירן אירע שטריכן, איז זי, נישט געקוקט אויף דעם קרענקלעכן קאָליר פון פּנים, געווען גיכער שיין, ווי מיאוס. זי וואָלט אויך געווען שיין געבויט, ווען נישט די צו שטאַרקע דאַרקייט פון קערפּער און דער נישט פּראָפּאָרציאָנעלער קאָפּ צום מיטעלן וווּקס; אָבער זי האָט נישט געדאַרפט זיין אַנציענד פאַר מענער. זי איז ענלעך געווען צו אַ הערלעך שוין אָפּגעבליט בלימל, וואָס הגם עס האָט נאָך אַ סך בלעטלעך, שמעקט עס שוין

אַנדער נישט. חוצדעם, האָט זי אויך נישט געקאָנט זיין אָנציענד פאַר מע־נער נאָך דערפאַר, וואָס איר האָט געפעלט דאָס, וואָס איז צופיל געווען אין קיטין, — געצוימטע לעבנס־פייער און באַוואוסטזיין פון דער אייגענער חנעוודיקייט.

זי האָט תמיד אויסגעזען באַשעפטיקט מיט א זאַך, און וועלכער עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין ספק, און דעריבער, האָט זיך געדאַכט, האָט זי מיט קיין שום זייטיקס זיך נישט געקאָנט אינטערעסירן. מיט דער־דאָזיקער קעגנזעצלעכקייט צו איר האָט זי באַזונדערס צוגעצויגן צו זיך קיטין. קיטי האָט געפילט, אַז אין איר, אין איר אַרט לעבן וועט זי גע־פינען דעם מוסטער פון יענעם, וואָס זי האָט אַצינד פיינלעך געזוכט: אינ־טערעס אין לעבן, וויכטיקייט פון לעבן — מחוץ די פאַר קיטין עקלהאַפ־טע הויכוועלטישע באַציונגען פון א מיידל צו מענער, וואָס דאָס האָט איר אַצינד אויסגעזען, ווי א שענדלעכע אויסשטעלונג פון סחורה, וואָס וואַרט אויפן קויפער. וואָס מער קיטי האָט באַאָבאַכט איר אומבאַקאַנטע פריינדין, אַלץ מער האָט זי זיך איבערצייגט, אַז די פריילין איז טאַקע אזא פולקאָם וועזן, ווי זי האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, און אַלץ מער האָט זי זיך געוואָלט באַקענען מיט איר.

ביידע פריילינס פלעגן זיך באַגעגענען צו עטלעכע מאָל אין טאָג, און בא יעדע באַגעגעניש האָבן קיטיס אויגן געזאָגט: „ווער זענט איר? וואָס זענט איר? ס'איז דאָך אמת, אַז איר זענט אזא בויעכטיק וועזן, ווי איך שטעל מיר אייך פאָר? נאָר, ווי גאָט איז אייך ליב, טראַכט נישט, — האָט איר בליק צוגעגעבן, — אַז איך דערלויב מיר זיך אָנצוואַרפן אַלס באַקענטע. איך שעפ בלויז נחת פון אייך און האָב אייך ליב". — „איך האָב אייך אויך ליב. און איר זענט זייער, זייער ליבנסווירדיק. און וואָלט איך נאָך מער ליב געהאַט, ווען איך וואָלט צייט געהאַט", האָט דער בליק פון דער אומבאַקאַנטער פריילין געענטפערט. אוןווירקלעך, קיטי האָט געזען, אַז זי איז תמיד באַשעפטיקט: אָדער זי טראָגט א פלעד פאַר א קראַנקער און הילט זי אַרום, אָדער זי באַמיט זיך צו צעשטרייען א דעגערווירטן קראַנקן, אָדער זי קלויבט אויס און קויפט געבעקס צו דער קאַווע פאַר עמעצן.

גיך נאָך די שטשערבאַצקיס קומען, האָבן אויף די פריכאָרגנדיקע בעדער זיך באַוויזן נאָך צוויי פערזאָן, וואָס האָבן געצויגן אויף זיך די אַלגעמיינע נישט פריינטלעכע אויפמערקזאַמקייט. דאָס זענען געווען: זייער א הויכער געהאַרבעטער מאַנסביל מיט אומגעהייער גרויסע הענט,

אין אַ קורצן, נישט לויטן ווקס, אַלטן פּאַלטן, מיט שוואַרצע, נאַיווע און איינציימיק שרעקלעכע אויגן, און אַן עטוואָס געוועלקטע באַחנטע פרוי. אַ זייער שלעכט און געשמאַקלאָז געקליידטע. דערקענענדיק אין דידאָזיקע פּערזאָנען רוסן, האָט קיטי שוין אָנגעהויבן אין איר דמיון צונויפצושטעלן וועגן זיי אַ הערלעכן און רירנדן ראָמאַן. אַבער די פירשטין, געוווּר ווערנדיק פון דער Kurliste, אַז דאָס איז לעווין ניקאָלאַי און מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, האָט דערקלערט קיטין, וואָסער שלעכטער מענטש דערדאָזיקער לעווין איז, און אַלע טרוימען וועגן דידאָזיקע צוויי פּערזאָנען זענען פאַרשוווּנדן. נישט אַזוי פיל דערפאַר, וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט, וויפיל דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען קאָנסטאַנטינס אַ ברודער, זענען פאַר קיטין דידאָזיקע פּערזאָנען פּלוצלינג געוואָרן אין העכסטן גראַד נישט אָנגענעם. דערדאָזיקער לעווין האָט אַצינד אויפגעוועקט אין איר מיט זיין געוווינהייט צו צוקן מיטן קאָפּ אַן אומבאַזיגבאַר געפיל פון עקל.

איר האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיינע גרויסע שרעקלעכע אויגן, וועלכע האָבן איר עקשנותדיק נאָכגעקוקט, האָט זיך אויסגעדריקט אַ געפיל פון האַס און שפּאָט, און זי האָט זיך באַמיט אויסצומיידן צו באַגעגנען זיך מיט אים.

XXXI.

עס איז געווען אַ מיאוסער טאָג, אַ רעגן האָט געגאָסן אַ גאַנצן פרימאָרגן, און די קראַנקע מיט שירעמען האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער גאַליעריע.

קיטי איז געגאַנגען מיט דער מוטער און מיטן מאָסקווער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט פריילעך געהנדלט אין זיין אייראָפּעישן סורדוט, וואָס ער האָט גרייטערהייט געקויפט אין פראַנקפורט. זיי זענען געגאַנגען אויף איין זייט פון דער גאַלעריע, באַמיענדיק זיך אויסצומיידן לעווינען, וואָס איז געגאַנגען אויף דער צווייטער זייט. וואַרענקאַ, אין איר טונקל קלייד, אין שוואַרצן הוט מיט די אַראָפּגעבויגענע ראַנדן איז געגאַנגען מיט אַ בלינדער פראַנצויזין אין דער גאַנצער לענג פון דער גאַליעריע, און איטלע-

כעס מאָל, וואָס זי האָט זיך באַגעגנט מיט קיטין, האָבן זיי זיך דורכגע־
וואָרפן מיט אַ פריינדלעכן בליק.

— מאַמאַ, איך מעג פאַרפירן אַ שמועס מיט איר? — האָט קיטי
געזאָגט, נאָכקוקנדיק איר אומבאַקאַנטער פריינדין און באַמערקנדיק, אַז
זי גייט צום קוואַל און אַז זיי קאָנען זיך צונויפגיין בײַ אים.

— יאָ, אויב דיר גלוסט זיך אַזוי, וועל איך פריער געוווירווערן
וועגן איר און וועל אַליין צוגיין, — האָט די מוטער געענטפערט. — וואָס
פאַר אַ באַזונדערס האָסטו געפונען אין איר? אַ קאָמפּאַניאָנקע, מסתמא.
אויב דו ווילסט, וועל איך מיך באַקענען מיט דער מאַדאַם שטאַל. איך
האָב געקענט איר belle-soeur, — האָט די פירשטין צוגעגעבן, שטאָלץ
אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

קיטי האָט געוווּסט, אַז די פירשטין איז באַליידיקט פון דעם, וואָס
די מאַדאַם שטאַל האָט אַזוי ווי אויסגעמיטן צו באַקענען זיך מיט איר. קיטי
האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן פאַרלאַנג.

— אַן אויסטערליש ליבע זי איז! — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק
אויף וואַרענקען אין דער צייט, וואָס זי האָט דערלאַנגט דאָס גלאָז דער
פראַנצויזין. — זעט, ווי איינפאַך אַלץ איז, ווי ליב.

— קאָמיש זענען מיר דײַנע engouements, — האָט די פיר־
שטין געזאָגט. — ניין, לאָמיר בעסער גיין צוריק, — האָט זי צוגעגעבן,
באַמערקנדיק לעווינען, וואָס איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען מיט זײַן דאַמע און
מיט אַ דײַטשישן דאָקטאָר, מיט וועלכן ער האָט עפּעס הויך און בייז
גערעדט.

זיי האָבן זיך אויסגעדרייט, כדי צו גיין צוריק, ווי זיי האָבן פּלוצ־
לינג דערהערט שוין נישט קיין הויך רעדן, נאָר אַ שרייען. לעווין האָט,
אָפּשטעלנדיק זיך, געשריגן, און דער דאָקטאָר האָט זיך אויך געהיצט. אַן
עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום זיי. די פירשטין מיט קיטין האָבן זיך
גייליק דערווייטערט, און דער פּאָלקאָווניק האָט זיך פאַרריכט צום עולם,
כדי געוווירווערן, וואָס ס'איז געשען.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיי דער פּאָלקאָווניק אָנגעיאָגט.

— וואָס איז דאָרט געווען? — האָט די פירשטין געפרעגט.

— אַ חרפּה און אַ בושה! — האָט דער פּאָלקאָווניק געענטפערט. —
נאָר איינס דאַרף מען מורא האָבן — צו באַגעגענען זיך מיט רוסן אין
אויסלאַנד. דער דאָזיקער הויכער הער האָט זיך צעקריגט מיטן דאָקטאָר,

אָנגערעדט אים עזותקייטן דערפאַר, וואָס ער היילט אים נישט ווי עס געהער צו זיין, און זיך פאַרמאָסטן מיטן שטעקן א חרפה פשוט!

— אַך, ווי נישט אָנגענעם! — האָט די פירשטין געזאָגט. — נו, מיט וואָס־זשע האָט זיך געענדיקט?

— א גליק, וואָס דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דידאָזיקע אין שוואָם־היטעלע. א רוסישע, דאַכט זיך, — האָט דער פּולקאָווניק געזאָגט.

— די מאַדמואַזעל וואַרענקאַ? — האָט קיטי פריידיק געפרעגט.

— יאָ, יאָ, זי האָט זיך אָריענטירט גיכער פון אַלע; זי האָט גענומען דעמדאָזיקן הער אונטער דער האַנט און אַוועקגעפירט אים.

— אָט, מאַמאַ, — האָט קיטי געזאָגט דער מוטער, — איר וווּנדערט זיך, וואָס איך אַנטציק מיך מיט איר.

פון פאָלגענדן טאָג אָן, באַאָבאַכטנדיק איר אומבאַקאַנטע פריינדין, האָט קיטי באַמערקט, אַז מאַדמואַזעל וואַרענקאַ געפינט זיך שוין אויך מיט לעווינען און זיין פרוי אין די זעלבע באַציונגען, ווי מיט אירע אַנדערע protégés. זי איז צוגעגאַנגען צו זיי, האָט געשמועסט, געדינט אַלס איבערזעצערין פאַר דער פרוי, וואָס האָט נישט געקאָנט רעדן אויף קיין איין פרעמדער שפּראַך.

קיטי האָט נאָך מער אָנגעהויבן בעטן די מוטער צו דערלויבן איר זיך באַקענען מיט וואַרענקען. און ווי נישט אָנגענעם עס איז נישט געווען דער פירשטין צו מאַכן דעם ערשטן שריט אין דעם פאַרלאַנג צו באַקענען זיך מיט דער מאַדאַם שטאַל, וואָס האָט זיך דערלויבט מיט עפּעס צו שטאָלצירן, האָט זי צונויפגעזאַמלט ידיעות וועגן וואַרענקען און, געוואויר ווערנדיק וועגן איר פּרטים, וואָס האָבן געלאָזט באַשליסן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום שלעכטס, הגם אויך ווייניק גוטס, אין דערדאָזיקער באַקאַנטשאַפט, איז זי אַליין די ערשטע צוגעגאַנגען צו וואַרענקען און זיך באַקענט מיט איר.

אויסקלויבנדיק די צייט, ווען איר טאָכטער איז צוגעגאַנגען צום קוואַל און וואַרענקאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן בעקער, איז די פירשטין צוגעגאַנגען צו איר.

— דערלויבט מיר זיך צו באַקענען מיט אייך, — האָט זי געזאָגט מיט איר ווירדיקן שמייכל. — מיין טאָכטער איז פאַרליבט אין אייך, — האָט זי געזאָגט. — איר קענט מיך אפשר נישט. איך...

— דאָס איז מער, ווי קעגנזייטיק, פירשטין, — האָט וואַרענקאַ זייליק געענטפערט.

— וואָסער גוטע זאַך איר האָט נעכטן אינאָווענט געטון אונזער נעגעבעדיקן לאַנדסמאַן! — האָט די פירשטין געזאָגט.

וואַרענקאַ איז רויט געוואָרן.

— איך געדענק נישט, איך האָב, דאַכט זיך, גאָרנישט געטון, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס הייסט, איר האָט געראַטעוועט דעמדאָזיקן לעווינען פון אומאָנגענעמלעכקייטן.

— יאָ, sa compagne האָט מיך צוגערופן, און איך האָב מיך געמיט צו באַרויקן אים: ער איז זייער קראַנק און איז נישט צופרידן געווען מיטן דאָקטאָר. און איך האָב אַ געוווינהייט אַרומצוגיין אַרום דיזאָזיקע קראַנקע.

— יאָ, איך האָב געהערט, אַז איר וווינט אין מענטאָן מיט אייער מומע, דאַכט זיך, מאַדאַם שטאַל. איך האָב געקענט איר belle-soeur.

— ניין, זי איז נישט מיינס קיין מומע. איך רוף זי maman, אָבער איך בין נישט אירס קיין קרובה; איך בין דערצויגן געוואָרן דורך איר, — האָט, ווידער רויט ווערנדיק, וואַרענקאַ געענטפערט.

דאָס איז געווען אַזוי פשוט געזאָגט, אַזוי ליב איז געווען דער ערלעכער און אויפריכטיקער אויסדרוק פון איר פנים, אַז די פירשטין האָט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איר קיטי האָט ליב געקריגן דידאָזיקע וואַרענקאַ.

— נו, וואָס-זשע איז מיט דעם לעווינען? — האָט די פירשטין געפרעגט.

— ער פאָרט אַוועק, — האָט וואַרענקאַ געענטפערט.

אין דער צייט, שיינענדיק פון פרייד, וואָס איר מוטער האָט זיך באַקענט מיט איר אומבאַקאַנטער פריינדין, איז פון קוואַל צוגעקומען קיטי.

— נו, אָט, קיטי, דיין שטאַרקער פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט דער m-lle...

— מיט „וואַרענקען", — האָט וואַרענקאַ שמייכלענדיק אונטערגעזאָגט, — אַזוי רופן מיך אַלע.

קיטי איז רויט געוואָרן פון פרייד און האָט לאַנג שווייגנדיק געדריקט די האַנט פון איר נייער פריינדין, וועלכע האָט נישט געענטפערט

אויף איר דריקן, נאָר איז אומבאַוועגלעך געלעגן אין איר האַנט. די האַנט האָט נישט געענטפערט אויף דעם דריקן, אָבער דאָס פנים פון דער m-lle וואַרענקאַ האָט אויפגעלויכטן מיט אַ שטילן, פריידיקן, הגם עטוואָס טרויעריקן שמייכל, וואָס האָט אויפגעדעקט גרויסע, אָבער פּרעכטיקע ציין.

— איך אַליין האָב דאָס שוין לאַנג געהאַלט. — האָט זי געזאָגט.

— אָבער איר זענט אַזוי פאַרנומען...

— אַך, פאַרקערט, איך בין מיט גאָרנישט פאַרנומען, — האָט וואַרענקאַ געענטפערט, אָבער אין דער מינוט האָט זי געמוזט פאַרלאָזן אירע נייע באַקענטע, ווייל צוויי קליינע רוסישע מיידלעך, די טעכטער פון אַ קראַנקן, זענען געלאָפן צו איר.

— וואַרענקאַ, די מאַמאַ רופט! — האָבן זיי געשריגן.

און וואַרענקאַ איז אַוועק נאָך זיי.

XXXII.

די פּרטים, וועלכע די פירשטין איז געוווּיר געוואָרן וועגן וואַרענקעס פאַרגאַנגענהייט, וועגן אירע באַציִונגען צו דער מאַדאַם שטאַל און וועגן דער מאַדאַם שטאַל גופא, זענען געווען פאָלגנדע:

די מאַדאַם שטאַל, וועגן וועלכער טייל האָבן געזאָגט, אַז זי האָט פאַרפּייניקט איר מאַן און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זי פאַרפּייניקט מיט זיין נישט מאָראַלישער אויפפירונג, איז תמיד געווען אַ קרענקלעכע און ענטוזיאַסטישע פרוי. ווען זי האָט געבוירן, שוין נאָכן צעגיין זיך מיטן מאַן, דאָס ערשטע קינד, איז דאָסדאָזיקע קינד באַלד געשטאָרבן, און די קרובים פון דער מאַדאַם שטאַל, וואָס האָבן געקענט איר פילבאַרקייט און מורא געהאַט, אַז דידאָזיקע ידיעה זאָל זי נישט דערהרגענען, האָבן איר איבערגעטוישט דאָס קינד, נעמענדיק די טאָכטער פונם הויפקוכער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער זעלבער נאכט און אין זעלבן הויז אין פעטערבורג. דאָס איז געווען וואַרענקאַ. מאַדאַם שטאַל איז שפּעטער געוווּיר געוואָרן, אַז וואַרענקאַ איז נישט איר טאָכטער, אָבער זי האָט זי ווייטער דערצויגן, בפרט, וואָס זייער גיך נאָכדעם האָט וואַרענקאַ שוין קיינעם פון אירע קרובים נישט געהאַט.

די מאַדאַם שטאָל האָט שוין מער ווי צען יאָר כסדר געוווינט אין אויסלאַנד אויף דרום, נישט אויפשטייענדיק פון בעט. און מאַנכע האָבן געזאָגט, אַז די מאַדאַם שטאָל האָט זיך געמאַכט די געזעלשאַפטלעכע לאַגע פון אַ טוגנטהאַפטער, הויך־רעליגיעזער פרוי; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זי איז טאַקע אין דער נשמה אַזאַ הויך־מאָראַליש וועזן, וואָס לעבט בלויז פאַרן גוטס פון נאָענטן. קיינער האָט נישט געוווּסט, פון וואָסער רעליגיע זי איז — פון דער קאַטוילישער, פּראָטעסטאַנטישער אָדער פּראַוואָסלאַוונער, אָבער איינס איז געווען אָן ספק — זי האָט זיך געפונען אין פריינטלעכע באַציִונגען מיט די סאַמע העכסטע פּערזענלעכקייטן פון אַלע קירכעס און רעליגיעס.

וואַרענקאַ האָט תמיד געוווינט מיט איר אין אויסלאַנד; און אַלע, וואָס האָבן געקענט די מאַדאַם שטאָל, האָבן געקענט און ליב געהאַט די m-lle וואַרענקאַ, ווי אַלע האָבן זי גערופן.

געוויר געוואָרן אַלע פּרטים, האָט די פירשטין נישט געפונען קיין שום שענדלעכס אין איר טאָכטערס דערנענטערונג מיט וואַרענקען, בפרט, אַז וואַרענקאַ האָט געהאַט די סאַמע בעסטע מאַנירן און דערציִונג, האָט זייער גוט גערעדט פראַנצויזיש און ענגליש, און דער עיקר — זי האָט איבערגעגעבן דער מאַדאַם שטאָלס באַדויערונג, וואָס זי איז איבער איר קראַנקייט באַרויבט פון דעם פאַרגעניגן זיך צו באַקענען מיט דער פירשטין.

נאָכן באַקענען זיך מיט וואַרענקען האָט קיטי אַלץ מער און מער זיך אַנטציקט מיט איר פריינדין און מיט יעדן טאָג געפונען אין איר נייע מעלות.

ווען די פירשטין האָט געהערט, אַז וואַרענקאַ זינגט שיין, האָט זי זי געבעטן צו קומען צו זיי זינגען אין אָוונט.

— קיטי שפּילט, און בײַ אונז איז דאָ אַ פּאַרטעפּיאַן, אמת נישט קיין גוטער, אָבער איר וועט אונז פאַרשאַפן אַ גרויס פאַרגעניגן, — האָט די פירשטין געזאָגט מיט איר געמאַכטן שמייכל, וועלכער איז אַצינד קיטין באַזונדערס נישט אָנגענעם געווען, ווייל זי האָט באַמערקט, אַז וואַרענקען גלוסט זיך נישט זינגען. אָבער וואַרענקאַ איז, פונדעסטוועגן, געקומען אין אָוונט און געבראַכט מיט זיך אַ העפט נאָטן. די פירשטין האָט איינגעלאַדן מאַריאַ יעווגעניעוונאַ מיט דער טאָכטער און דעם פּאָלקאָווניק.

וואַרענקאַ האָט אויסגעזען גאָר גלייכגילטיק צו דעם, וואָס דאָ זענען געווען איר אומבאַקאַנטע פּערזאָנען, און איז גלייך צוגעגאַנגען צום

פּאָרטעפּיאַן. זי האָט זיך נישט געקאָנט אַקאָמפּאַנירן, אָבער האָט אויסגעצייכנט געלייענט נאָטן מיט דער שטימע. קיטי, וואָס האָט שיין געשפּילט, האָט איר אַקאָמפּאַנירט.

— איר האָט אַן אומגעוויינלעכן טאַלענט, — האָט איר די פירשטין געזאָגט נאָכדעם, ווי וואַרענקאַ האָט הערלעך אָפּגעזונגען דאָס ערשטע ליד.

מאַריאַ יעווגעניעוונאַ מיט דער טאָכטער האָבן געדאַנקט און זי געלויבט.

— זעט, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט, קוקנדיק אין פענצטער אַריין, — וואָסער פּובליקום עס האָט זיך פאַרזאַמלט אייך הערן.

ווירקלעך, הינטער די פענצטער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גענוג גרויסער עולם.

— עס פרייט מיך זייער, וואָס דאָס פאַרשאַפט אייך פאַרגעניגן, — האָט וואַרענקאַ איינפאַך געענטפערט.

קיטי האָט מיט שטאָלץ געקוקט אויף איר פריינדין. זי האָט זיך אַנטציקט אי מיט איר קונסט, אי מיט איר קול, אי מיט איר פּנים, אָבער מער פון אַלץ האָט זי זיך אַנטציקט מיט איר מאַניר, מיט דעם, וואָס וואַרענקאַ האָט, משמעות, גאָרנישט געטראַכט וועגן איר זינגען און איז געווען פולשטענדיק גלייכגילטיק צו די שבחים; זי האָט אַזוי ווי בלויז געפרעגט: צי דאַרף מען נאָך זינגען אָדער עס איז גענוג?

„ווען דאָס וואָלט געווען איך, — האָט קיטי וועגן זיך געטראַכט. — ווי וואָלט איך שטאָלצירט מיט דעם! ווי וואָלט איך מיך געפרייט, קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן עולם הינטער די פענצטער. און איר איז גאָר אַלצאיינס. זי ווערט בלויז באַוועגט פון דעם פאַרלאַנג נישט אָפּצוזאָגן און צו מאַכן אָנגענעם דער maman. וואָס-זשע איז דאָ אין איר? וואָס גיט איר דעמדאָזיקן כּוח זיך נישט צו מאַכן פון גאָרנישט, צו זיין אומאָפּהענגיק-רויִק? ווי וואָלט איך געוואָלט דאָס וויסן און זיך דאָס אויסלערנען פון איר!" האָט קיטי געטראַכט, זיך איינקוקנדיק אין דעמדאָזיקן רויִקן פּנים. די פירשטין האָט געבעטן וואַרענקען נאָך צו זינגען, און וואַרענקאַ האָט געזונגען אַ צווייט ליד אויך אַזוי גלייך, דייטלעך און שיין, גלייך שטייענדיק באַם פּאָרטעפּיאַן און צוקלאַפּנדיק איבער אים צום טאַקט מיט איר דאַרער טונקעלער האַנט.

דאָס ווייטערדיקע געזאַנג אין העפט איז געווען אַן איטאַליע-

ניש ליד. קיטי האָט אָפּגעשפּילט די פּרעלודיע און זיך אומגעקוקט אויף וואַרענקען.

— לאָמיר דאָס דורכלאָזן, — האָט וואַרענקאַ געזאָגט, רויט ווערנדיק.

קיטי האָט דערשראָקן און פרעגנדיק אָפּגעשטעלט אירע אויגן אויף וואַרענקעס פּנים.

— נו, איז עפּעס אַנדערש, — האָט זי איילן געזאָגט, איבער-מישנדיק די בלעטער און גלייך פאַרשטייענדיק, אַז מיט דעמדאָזיקן ליד איז עפּעס פאַרבונדן.

— ניין, — האָט וואַרענקאַ געענטפערט, אַרויפלייגנדיק איר האַנט אויף די נאָטן און שמייכלענדיק, — ניין, לאָמיר דאָס זינגען, — און זי האָט דאָס געזונגען פּונקט אַזוי רויק, קאַלט און שיין, ווי פריער.

ווען זי האָט געענדיקט, האָבן איר אַלע ווידער געדאַנקט און געגאַנגען טרינקען טיי. קיטי מיט וואַרענקען זענען אַרויסגעגאַנגען אין גערטל אַריין, וואָס איז געווען לעבן הויז.

— אמת, אַז בײַ אײַך איז פאַרבונדן עפּעס אַ דערינערונג מיט דעמדאָזיקן ליד? — האָט קיטי געזאָגט. — איר דערציילט נישט, — האָט זי איילן צוגעגעבן, — זאָגט בלויז, אמת?

— ניין, פאַרוואָס? איך וועל דערציילן! — האָט וואַרענקאַ איינפאַך געזאָגט און, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט זי פאָרגע-זעצט: — יאָ, דאָס איז אַ דערינערונג, און זי איז געווען אַמאָל אַ שווע-רע. איך האָב ליב געהאַט אַ געוויסן מענטש, און די זאַך האָב איך אים געזונגען.

קיטי האָט מיט אָפענע גרויסע אויגן שווייגנדיק, גערירט געקוקט אויף וואַרענקען.

— איך האָב אים ליב געהאַט, און ער האָט מיך ליב געהאַט; אָבער זיין מוטער האָט נישט געוואָלט, און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטער. ער וווינט אַצינד נישט ווייט פון אונז און איך זע אים טיילמאָל. איר האָט נישט געטראַכט, אַז איך האָב אויך געהאַט אַ ראָמאַן? — האָט זי געזאָגט, און אויף איר שיין פּנים האָט קוים אַ שפּראָץ געטאָן יענער פייערל, וועלכעס, קיטי האָט געפילט, האָט אַמאָל באַלויכטן זי אינגאַנצן.

— פאַרוואָס נישט געטראַכט. ווען איך זאָל זיין אַ מאַנסביל, וואָלט איך נישט געקאָנט ליב האָבן קיינעם, נאָכדעם ווי איך האָב אײַך דערקענט.

איך פאַרשטיי בלויז נישט, ווי אַזוי ער האָט געקאָנט צוליב דער מוטער פאַרגעסן אייך און מאַכן אייך אומגליקלעך, — ער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ.

— אָ, ניין, ער איז זייער אַ גוטער מענטש, און איך בין נישט אומגליקלעך; פאַרקערט, איך בין זייער גליקלעך. נו, ווען מיר היינט נישט זינגען מער? — האָט זי צוגעגעבן, לאָזנדיק זיך גיין צום הויז.

— ווי גוט איר זענט, ווי גוט איר זענט! — האָט קיטי אויסגעשריגן און, אָפּשטעלנדיק זי, איר אַ קוש געטון. — ווען איך וואָלט כאָטש אַ ביסל געקאָנט ענלעך זיין צו אייך!

— צוואָס טויג אייך צו ווערן ענלעך צו זיין? איר זענט גוט, אַזוי ווי איר זענט, — האָט וואַרענקאַ געזאָגט, שמייכלענדיק מיט איר מילדן און מידן שמייכל.

— ניין, איך בין גאָר־נישט גוט. נו, זאָגט מיר... וואַרט־צו, זיצט אַ ביסל, — האָט קיטי געזאָגט, זי ווידער אַוועקזעצנדיק אויף דער באַנק לעבן זיך. — זאָגט, צי איז נישט קיין באַליידיקנג צו טראַכטן, אַז אַ מענטש האָט זיך געוואָרפן מיט אייער ליבע, אַז ער האָט נישט געוואָלט?..

— אָבער ער האָט זיך נישט געוואָרפן; איך גלייב, אַז ער האָט מיך ליב געהאַט, נאָר ער איז געווען אַ געהאָרכזאַמער זון...

— יאָ, אָבער ווען ער זאָל נישט לויט דער מוטערס ווילן, נאָר אַזוי אַליין?.. — האָט קיטי געזאָגט, פילנדיק, אַז זי האָט אויסגעגעבן איר סוד און אַז דאָס פּנים אירס, וואָס האָט געפלאַמט פון בושה, האָט זי שוין פאַרראַטן.

— דעמאָלט וואָלט ער שלעכט געהאַנדלט, און ער וואָלט מיר נישט קיין שאָד געווען, — האָט וואַרענקאַ געענטפערט, משמעות פאַרשטייענדיק, אַז עס האַנדלט זיך שוין נישט וועגן איר, נאָר וועגן קיטין.

— אָבער די באַליידיקונג? — האָט קיטי געזאָגט. — די באַליידיקונג קאָן מען נישט פאַרגעסן, קאָן מען נישט פאַרגעסן, — האָט זי געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך איר בליק אויפן לעצטן באַל בעת דעם איבעררייס פון דער מוזיק.

— אין וואָס־זשע איז די באַליידיקונג? איר האָט דאָך נישט געהאַנדלט שלעכט?

— ערגער ווי שלעכט, — שענדלעך.

וואַרענקאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף קיטיס האַנט.

— אין וואָס-זשע שענדלעך? — האָט זי געזאָגט. — איר האָט דאָך נישט געקאָנט זאָגן אַ מענטש, וועלכער איז גלייכגילטיק צו אייך, אַז איר האָט אים ליב?

— פאַרשטייט זיך, נישט; איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט קיין איין וואָרט, אָבער ער האָט געוווּסט. ניין, ניין; עס זענען דאָ בליקן. עס זענען דאָ מאַנירן. איך וועל הונדערט יאָר לעבן — וועל איך נישט פאַרגעסן.

— איז וואָס-זשע? איך פאַרשטיי נישט. עס גייט אין דעם, צי איר האָט אים אַצינד ליב אָדער נישט, — האָט וואַרענקאַ געזאָגט, אָנרופנדיק אַלץ באַם נאָמען.

— איך האַס אים; איך קאָן מיר נישט מוחל זיין.

— אָבער וואָס-זשע?

— די בושה, די באַליידיקונג.

— אַך, ווען אַלע זאָלן אַזוי זיין פילבאַר, ווי איר, — האָט וואַרענקאַ געזאָגט. — עס איז נישטאָ קיין מיידל, וועלכע זאָל דאָס נישט האָבן איבערגעלעבט. און דאָס אַלץ איז נישט אַזוי וויכטיק.

— וואָס-זשע דען איז וויכטיק? — האָט קיטי געזאָגט, מיט נייגיריקער פאַרוווּנדערונג זיך איינקוקנדיק אין איר פּנים.

— אַך, אַ סך איז וויכטיק, — האָט וואַרענקאַ שמייכלענדיק געזאָגט.

— וואָס-זשע?

— אַך, אַ סך איז וויכטיקער, — האָט וואַרענקאַ געענטפערט, נישט וויסנדיק, וואָס צו זאָגן. נאָר אין דער צייט האָט פון פענצטער זיך דערהערט דער פירשטינס קול:

— קיטי, ס'איז קיל! אָדער נעם אַ שאַל, אָדער גיי אריין אין צימער.

— אמת, שוין צייט! — האָט וואַרענקאַ געזאָגט אויפשטייענדיק. — איך דאַרף נאָך אַריינגיין צו דער מאַדאַם Berthe: זי האָט מיך געבעטן.

קיטי האָט זי געהאַלטן באַ דער האַנט און מיט ליידנשאַפטלעכער נייגיריקייט און בקשה זי געפרעגט מיטן בליק: „וואָס-זשע, וואָס-זשע איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס גיט באַרויקונג? איר ווייסט! זאָגט מיר!" אָבער וואַרענקאַ האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען דאָס, וועגן וואָס קיטיס

בליק האָט זי געפּרעגט. זי האָט געדענקט בלויז אָן דעם, אַז זי דאַרף נאָך היינט אַריינגיין צו דער מאַדאַם Berthe און באַוויזן צו קומען אַהיים צו דער טיי פון דער maman אויף צוועלף אַ זייגער. זי איז אַריינגעגאַנגען אין צימער, צונויפגענומען די נאָטן און, געזעגנענדיק זיך מיט אַלע, האָט זי זיך פאַרנומען אַוועקצוגיין.

— דערלויבט, איך וועל אייך באַגלייטן, — האָט דער פּולקאָווניק געזאָגט.

— יאָ, ווי זשע קאָן מען עס גיין אַצינד אַליין באַנאַכט? — האָט די פירשטין באַשטעטיקט. — איך וועל שיקן כאָטש פּאַראַשען.

קיטי האָט געזעען, אַז וואַרענקאַ האָט קוים איינגעהאַלטן דעם שמייכל באַ די ווערטער, אַז מען דאַרף זי באַגלייטן.

— ניין, איך גיי שטענדיק אַליין און עס געשעט קיינמאָל מיט מיר גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט, נעמענדיק דעם הוט. און, נאָכאַמאָל אַ קוש געבנדיק קיטין און אַזוי אַרום נישט זאָגנדיק, וואָס ס'איז וויכטיק, איז זי מיט אַ מונטערן גאַנג מיט די נאָטן אונטערן אָרעם פאַרשוווּנדן אין דער האַלב-טונקלקייט פון דער זומער-נאַכט, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך דעם סוד וועגן דעם, וואָס ס'איז וויכטיק און וואָס עס גיט איר דידאָזיקע אומגעוויינלעכע רויקייט און ווירדע.

XXXIII.

קיטי האָט זיך אויך באַקענט מיט דער מאַדאַם שטאָל, און דידאָזיקע באַקענטשאַפט, צוזאַמען מיט דער פריינטשאַפט צו וואַרענקען, האָט נישט בלויז געהאַט אויף איר אַ גרויסע השפּעה, נאָר האָט זי געטרייסט אין איר צרה. זי האָט געפונען דידאָזיקע טרייסט אין דעם, וואָס איר האָט, אַ דאַנק דערדאָזיקער באַקענטשאַפט, זיך געעפנט גאָר אַ נייע וועלט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס מיט איר פאַרגאַנגענהייט, — אַ וועלט אַ דערהויבענע, אַ הערלעכע, וואָס פון איר הייך האָט מען געקאָנט רויק קוקן אויף דערדאָזיקער פאַרגאַנגענהייט. איר איז אַנטדעקט געוואָרן דאָס, וואָס, חוץ דעם אינסטינקטיוון לעבן, וועלכן קיטי האָט זיך ביז אַצינד אָפּגעגעבן, איז געווען אַ גייסטיק לעבן. דאָסדאָזיקע לעבן האָט זיך אַנטדעקט דורך דער רעליגיע, אָבער דורך אַ רעליגיע, וואָס האָט

נישט געהאַט קיין שום בשותּפותדיקס מיט דער, וועלכע קיטי האָט געקענט פון דער קינדהייט און וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אָפּהיטן די תּפילות, בעת וועלכע מען האָט זיך געקאָנט טרעפן מיט באַקענטע, און אין דעם אויסלערנען מיטן גלח די סלאַוויאַנישע טעקסטן פון אויסנווייניק; דאָס איז געווען אַ רעליגיע אַ דערהויבענע, אַ געהיימנישפולע, פאַרבונדן מיט אַ רייע הערלעכע געדאַנקען און געפילן, אין וועלכער מען האָט נישט בלויז געקאָנט גלייבן, ווייל מען האָט אַזוי געהייסן, נאָר וועלכע מען האָט געקאָנט ליב האָבן.

קיטי איז דאָס אַלץ געוויר געוואָרן נישט פון קיין ווערטער. די מאַדאַם שטאַל האָט גערעדט מיט קיטין, ווי מיט אַ ליב קינד, פון וועלכן מ׳איז גערירט, ווי מיט אַ דערינערונג פון דער אייגענער יוגנט, און האָט בלויז איינמאָל דערמאַנט וועגן דעם, אַז אין אַלע מענטשלעכע צרות גיבן אַ טרייסט בלויז ליבע און גלויבן און אַז קריסטוס האָט מיטלייד פאַר אַלע אונזערע נישטיקע צרות, און האָט באַלד איבערגעפירט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש. אָבער קיטי האָט אין איר יעדער באַוועגונג, אין וואָרט, אין יעדן הימלישן, ווי קיטי האָט אָנגערופן, בליק אירן, באַזונדערס אין דער גאַנצער געשיכטע פון איר לעבן, וועלכע זי האָט געוווּסט דורך וואַרענקען, — אין אַלעם האָט זי דערקענט דאָס, „וואָס ס׳איז וויכטיק״ און וואָס זי האָט ביז אַציינד נישט געוווּסט.

אָבער ווי דערהויבן דער מאַדאַם שטאַלס כאַראַקטער איז נישט געווען, ווי רירנד ס׳איז נישט געווען איר גאַנצע געשיכטע, ווי דערהויבן און צערטלעך ס׳איז נישט געווען איר רעדן, האָט קיטי נישט ווילנדיק באַמערקט אין איר אַזעלכע שטריכן, וועלכע האָבן זי צעטומלט. זי האָט באַמערקט, אַז אויספרעגנדיק וועגן אירע קרובים, האָט די מאַדאַם שטאַל ביטולדיק אַ שמייכל געטון, וואָס ס׳איז געווען אין קעגנזאַץ צו דער קריסטלעכער גוטסקייט. זי האָט נאָך באַמערקט, אַז, ווען זי האָט געטראָפן בא איר דעם קאַטוילישן גייסטלעכן, האָט די מאַדאַם שטאַל פלייסיק געהאַלטן איר פּנים אין שאָטן פון אַבאַזשור און אויסטערליש געשמייכלט. ווי נישטיק עס זענען נישט געווען די דאָזיקע צוויי באַמערקונגען, האָבן זיי זי צעטומלט, און זי האָט געצווייפלט אין דער מאַדאַם שטאַל. דערפאַר אָבער איז וואַרענקאַ, די איינזאַמע, אָן קרובים, אָן פריינט, מיט דער טרויעריקער אַנטוישונג, וועלכע האָט גאָרנישט פאַרלאַנגט, גאָרנישט באַדויערט, געווען טאַקע די פולקאָמענהייט, וועגן וועלכער קיטי האָט זיך נאָר דערלויבט צו טרוימען. פון וואַרענקען האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס איז גע-

נוג בלויז צו פאַרגעסן זיך און ליב האָבן אַנדערע, און דו וועסט זיין רויק, גליקלעך און הערלעך. און אַזעלכע האָט קיטי געוואָלט זיין. פאַרשטייענדיק אַצינד קלאָר, וואָס ס'איז דאָס סאַמע וויכטיקסטע, האָט קיטי זיך נישט באַפרידיקט דערמיט, אַז זי זאָל זיך אַנטציקן מיט דעם, נאָר גלייך מיט דער גאַנצער נשמה זיך אָפּגעגעבן דעמדאָזיקן נייעם לעבן, וואָס איז איר אַנטדעקט געוואָרן. לויט וואַרענקעס דערציילן וועגן דעם, וואָס די מאַדאַם שטאַל און אַנדערע, וועמען זי האָט אָנגערופן, האָבן געטון, האָט קיטי זיך שוין צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן פון קינפטיקן לעבן. זי וועט אויך פּונקט אַזוי, ווי דער מאַדאַם שטאַלס פּלימעניצע, Aline, וועגן וועלכער וואַרענקאַ האָט איר אַ סך דערציילט, ווו זי וועט נישט חוינען, אָפּזוכן אומגליקלעכע, העלפן זיי וויפיל זי וועט קאָנען, צעטיילן די עוואַנגעליע, לייענען די עוואַנגעליע פאַר קראַנקע, פאַר פאַרברעכער, פאַר גוססדיקע. דער געדאַנק פון לייענען די עוואַנגעליע פאַר פאַרברעכער, ווי Aline האָט עס געטון, האָט באַזונדערס באַצויבערט קיטין. אָבער דאָס אַלץ זענען געווען געהיימע פאַנטאַזיעס, וועלכע קיטי האָט נישט אַרויסגעזאָגט נישט דער מוטער, נישט פאַר וואַרענקען.

איבעריקנס, אין דערוואַרטונג פון דער צייט אויסצופירן אין ברייטן פאַרנעם אירע פּלענער, האָט קיטי אויך אַצינד, אויף די בעדער, ווו ס'איז געווען אַזוי פיל קראַנקע און אומגליקלעכע, לייכט געפונען אַ מעגלעכקייט אָנצווענדן אירע נייע כּללים, נאָכטוענדיק וואַרענקען.

אין אָנהייב האָט די פירשטין בלויז באַמערקט, אַז קיטי געפינט זיך אונטער אַ שטאַרקער השפּעה פון איר engouement, ווי זי האָט עס אָנגערופן, צו דער מאַדאַם שטאַל און באַזונדערס צו וואַרענקען. זי האָט געזעען, אַז קיטי טוט נישט בלויז נאָך וואַרענקען אין איר טעטיקייט, נאָר מאַכט איר נישט ווילנדיק נאָך דעם מאַניר צו גיין, רעדן און מרוגען מיט די אויגן. אָבער דערנאָך האָט די פירשטין באַמערקט, אַז אין דער טאָכטער, אומאָפּהענגיק פון דעמדאָזיקן צויבער, קומט פאָר עפּעס אַן ערנסטע גייסטיקע איבערקערעניש.

די פירשטין האָט געזעען, אַז קיטי לייענט אין די אָוונטן די פראַנצויזישע עוואַנגעליע, וועלכע די מאַדאַם שטאַל האָט איר געשענקט, וואָס זי האָט פריער נישט געטון, אַז זי מיידט אויס הויכוועלטישע באַקענטע און קומט זיך צונויף מיט קראַנקע, וואָס געפינען זיך אונטער וואַרענקעס אַפּטרופּסות, און באַזונדערס מיט איין אָרימער משפּחה פון דעם קראַנקן

מאָלער פּעטראָוו. קיטי האָט באַשײנפּערלעך שטאָלצירט מיט דעם, וואָס זי האָט דערפילט אין דערדאָזיקער פאַמיליע די פליכטן פון א בארמהאר־ציקער שוועסטער. דאָס אַלץ איז געווען גוט, און די פירשטין האָט גאָר נישט געהאַט קעגן דעם, בפרט, אַז פּעטראָווס ווייב איז געווען גאָר אַן אָנשטענדיקע פרוי, און אַז די פרינצעסין, וואָס האָט באַמערקט קיטיס טעטיקייט, האָט זי געלויבט, אָנרופנדיק זי מלאך־המושיע. דאָס אַלץ וואָלט געווען זייער גוט, ווען עס וואָלט נישט געווען איבער דער מאָס. און די פירשטין האָט געזען, אַז איר טאָכטער פאַלט אריין אין עקסטרעמקייט, וואָס זי האָט איר טאַקע געזאָגט.

— Il ne faut jamais rien ontrer — האָט זי איר געזאָגט.

אָבער די טאָכטער האָט איר גאָרנישט געענטפערט; זי האָט בלויז געטראַכט אין האַרץ, אַז מען קאָן נישט רעדן וועגן איבערמעסיקייט אין געביט פון קריסטלעכקייט. וואָס־זשע פאַר אַן איבערמעסיקייט קאָן זיין אין דעם נאָכפאָלגן דער לערע, אין וועלכער עס איז באַפוילן געוואָרן אונטערצושטעלן די צווייטע באַק, ווען מען גיט דיר א פּאַטש אין איינער, און אָוועקגעבן דאָס העמד, ווען מען נעמט דיר אראָפּ דעם קאַפּטן? אָבער דער פירשטין איז נישט געפעלן געוואָרן דידאָזיקע איבערמעסיקייט און נאָך מער נישט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס זי האָט געפילט, אַז קיטי וויל נישט פאַר איר אַנטפּלעקן איר גאַנץ האַרץ.ווירקלעך, קיטי האָט פאַר־הוילן פאַר איר מוטער אירע נייע בליקן און געפילן. זי האָט זיי פאַר־הוילן נישט דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געשעצט, נישט ליב געהאַט איר מוטער, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען איר מוטער. זי וואָלט זיי יעדן אַנטדעקט גיכער, ווי דער מוטער.

— עפּעס איז שוין לאַנג אַננאַ פּאַוולאָוונאַ נישט געווען באַ אונז, — האָט די פירשטין איינמאָל געזאָגט וועגן דער פּעטראָווען. — איך האָב זי איינגעלאַדן. און זי איז עפּעס אַזוי ווי נישט צופרידן.

— ניין, איך האָב נישט באַמערקט, maman, — האָט קיטי רויט ווערנדיק געזאָגט.

— דו ביסט שוין לאַנג נישט געווען באַ זיי?

— מיר קלייבן זיך מאָרגן צו מאַכן א שפּאַציר אין די בערג, — האָט קיטי געענטפערט.

— מילאַ, פאָרט, — האָט די פירשטין געענטפערט, איינקוקנדיק זיך

אין דער טאָכטערס פארלוירן פנים און באמיענדיק זיך צו דערגיין די סיבה פון איר פארלוירנקייט.

דעם זעלבן טאָג איז ווארענקא געקומען אויף מיטאָג און מיטגע-טיילט, אז אננא פאווּלאָווּנא האָט חרטה געקריגן אויפן פאָרן מאָרגן אין די בערג. און די פירשטין האָט באמערקט, אז קיטי איז ווידער רויט געוואָרן.

— קיטי, צי האָסטו נישט געהאַט עפּעס אַן אומאַנגענעמלעכקייט מיט די פעטראָווס? — האָט די פירשטין געזאָגט, ווען זיי זענען געבליבן אליין. — פאַרוואָס האָט זי אויפגעהערט צו שיקן די קינדער און קומען צו אונז.

קיטי האָט געענטפערט, אז ס'איז גאָרנישט געווען צווישן זיי און אז זי פארשטייט גאָרנישט פאַרוואָס אננא פאווּלאָווּנא איז נישט צופרידן פון איר. קיטי האָט געענטפערט דעם גאַנצן אמת. זי האָט נישט געוווּסט די סיבה פון אננא פאווּלאָווּנעס ענדערונג צו איר, נאָר זי האָט זיך משער געווען. זי האָט זיך משער געווען אין אַזאַ זאַך, וועלכע זי האָט נישט געקאָנט זאָגן דער מוטער, וועלכע זי האָט אויך זיך נישט געזאָגט. דאָס איז געווען איינס פון די זאַכן, וועלכע מען ווייסט, נאָר וועלכע מען קאָן נישט זאָגן אפילו זיך אַליין: אַזוי שרעקלעך און שענדלעך זיך טועה זיין.

ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל האָט זי איבערקליבן אין איר זכרון אַלע באַציונגען אירע צו דערדאָזיקער פאַמיליע. זי האָט זיך דערמאָנט די נאַיווע פרייד, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אויף אננא פאווּלאָווּנעס קיי-לעכיק גוטמוטיק פנים בײַ זייערע באַגעגענישן, זיך דערמאָנט זייערע געהיימע שמועסן וועגן קראַנקן, די אַפּמאַכן אים אָפּצוציִען פון דער אַרבעט, וועלכע איז אים פאַרווערט געווען, און אַוועקפירן אים שפּאַצירן; די צו-געבונדנקייט פון דעם קלענערן ייִנגל, וואָס האָט זי גערופן „מײַן קיטי", וואָס האָט נישט געוואָלט אָן איר זיך לייגן שלאָפן. ווי אַלץ איז געווען גוט. דערנאָך האָט זי זיך דערמאָנט אָן פּעטראָווס דאַרער-דאַרער פיגור, מיטן לאַנגן האַלז, אין זײַן ברוינעם סורדוט; זײַנע שיטערע געקרײַזלטע האָר, די פרעגנדיקע, אין דער ערשטער צײַט פאַר קיטין שרעקלעכע בלויע אויגן און זײַנע קרענקלעכע באַמיונגען אויסצוזען מונטער און לעבהאַפט אין איר קעגנוואַרט. זי האָט זיך דערמאָנט איר אָנשטרענגונג אין דער ערשטער צײַט, גובר צו זיין דעם עקל, וועלכן זי האָט געשפּירט צו אים, ווי צו אַלע שווינדזיכטיקע, און די באַמיונגען, מיט וועלכע זי

האָט צוגעטראַכט, וואָס צו רעדן צו אים. זי האָט זיך דערמאַנט דעמדאָזיקן נישט דרייסטן, געריטן בליק, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אויף איר, און דאָס אויסטערלישע געפיל פון מיטלייד און פאַרלעגנהייט און דערנאָך פון אָנערקענען די אייגענע טוגנטהאַפטיקייט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט בײַ דעם. ווי גוט דאָס אַלץ איז געווען! אָבער דאָס אַלץ איז געווען אין דער ערשטער צייט. אַצינד אָבער, מיט עטלעכע טעג צוריק, איז פלוצלינג אַלץ קאַליע געוואָרן. אננאַ פּאַוולאָוונאַ פלעגט מיט געמאַכטער ליבלעכקייט באַגעגענען קיטין און האָט אומאויפהערלעך אָבסערווירט זי און דעם מאַן.

איז טאַקע דידאָזיקע רירנדע פרייד זײַנע בײַ איר דערנענטערונג געווען די סיבה פון אננאַ פּאַוולאָוונאַס אָפּגעקילט ווערן?

„יאָ, — האָט זי זיך דערמאַנט, — עס איז געווען עפּעס נישט נאַטירלעכס אין אננאַ פּאַוולאָוונען און גאָרנישט ענלעכס צו איר גוטסקייט, ווען זי האָט אייערנעכטן מיט פאַרדראָס געזאָגט:

— „ער האָט אַלץ געוואַרט אויף אייך, נישט געוואָלט אָן אייך טרינקען די קאַווע, כאָטש ער איז שרעקלעך אָפּגעשוואַכט געוואָרן”.

„יאָ, אפשר איז איר אויך דאָס נישט אָנגענעם, ווען איך האָב אים דערלאַנגט דעם פּלעד. דאָס אַלץ איז אַזוי איינפאַך, נאָר ער האָט דאָס אַלץ אַזוי פאַרלעגן אָנגענומען, האָט אַזוי לאַנג געדאַנקט, אַז איך האָב מיך אויך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט. און דערנאָך דערדאָזיקער פּאָרטרעט מײַנער, וועלכן ער האָט אַזוי גוט געמאַכט. און דער עיקר דערדאָזיקער בליק, דער פאַרלעגענער און צאַרטער!.. יאָ, יאָ, דאָס איז אַזוי! — האָט קיטי זיך מיט שרעק איבערגעחזרט. — ניין, דאָס קאָן נישט, דאָס טאָר נישט זיין! ער איז אַזוי נעבעכדיק!” האָט זי זיך נאָכדעם געזאָגט.

דערדאָזיקער צווייפל האָט פאַרסמט דעם צויבער פון איר נײַ לעבן.

XXXIV.

ערשט פאַרן סוף פון דעם בעדער-קורס האָט דער פירשט שטשערבאַצקי, וואָס איז געפאָרן נאָך קאַרלסבאַד קיין באַדן און קיסינגען צו רוסישע באַקענטע זיך אָנגעמען מיט רוסישן גייסט, ווי ער האָט געזאָגט, זיך אומגעקערט צו די אייגענע.

דעם פירשטס און דער פירשטינס בליקן אויף דעם אויסלענדישן לעבן זענען געווען פולשטענדיק קעגנזעצלעכע. די פירשטין האָט געהאַלטן אַלץ פאַר הערלעך און, נישט געקוקט אויף איר פעסטער לאַגע אין דער רוסישער געזעלשאַפט, האָט זי זיך באַמיט אין אויסלאַנד אָנצוגיין פאַר אַן אייראָפּעישער דאַמע, וואָס זי איז נישט געווען, — ווייל זי איז געווען אַ רוסישע פּריצה, — און דעריבער האָט זי זיך געמאַכט, אַז איר איז טיילווייז נישט אָנגענעם. דער פירשט ווידער, פאַרקערט, האָט געהאַלטן אין אויסלאַנד אַלץ פאַר שלעכט, האָט זיך געלאַנגווײלט מיט דעם אייראָפּעישן לעבן, זיך געהאַלטן באַ זיינע רוסישע געוווינהייטן און בכיוון זיך באַמיט אַרויסצווייזן אין אויסלאַנד פאַר אַ קלענערן אייראָפּעער, ווי ער איז אינאמתן געווען.

דער פירשט האָט זיך אומגעקערט דאַרער, מיט נאָכהענגענדיקע הויט-זעקלעך אויף די באַקן, אָבער אין סאַמע פריילעכסטן געמיטס-צושטאַנד. זיין פריילעכע שטימונג האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט דערזען קיטין אינגאַנצן פאַרבעסערט. די ידיעה וועגן קיטיס פריינטשאַפט מיט דער מאַדאַם שטאַל און וואַרענקען און דער פירשטינס מיטגעטיילטע באַאָבאַכטונגען איבער עפעס אַן ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין קיטין, האָבן באַאומרויקט דעם פירשט און אויפגעוועקט אין אים דאָס געוויינלעכע געפיל פון אייפערזוכט צו אַלעם, וואָס האָט עקזאַלטירט זיין טאָכטער אויסער אים, און אַ מורא, אַז די טאָכטער זאָל נישט אַוועקגיין פון אונטער זיין השפעה אַפער אין עפעס פאַר אים נישט צוטריטלעכע ספערן. אָבער דידאָזיקע נישט אָנגענעמע ידיעות זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם ים פון גוטמוטיקייט און פריילעכקייט, וועלכע זענען שטענדיק געווען אין אים און האָבן זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט דורך די קאַרלסבאַדער בעדער.

אויפן צווייטן טאָג פון זיין קומען איז דער פירשט אין זיין לאַנגן פּאַלטן, מיט זיינע רוסישע קנייטשן און אָנגעבלאָזענע באַקן, אונטערגעשפּאַרטע פון געפּרעסטן קאָלנער, אין זיין פריילעכן געמיטס-צושטאַנד געגאַנגען מיט דער טאָכטער אויף די בעדער.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ הערלעכער; די זויבערע, פריילעכע הייזער מיט די גערטלעך, דער אָנבליק פון די רויטפּנימדיקע, רויטהענטיקע, מיט ביר אָנגעגאָסענע, פריילעך אַרבעטנדיקע דייטשע דינסטן און די העלע זון האָבן געפרייט דאָס האַרץ; אָבער וואָס נענטער זיי זענען צוגעקומען צו די בעדער, אַלץ עפטער האָבן זיך באַגעגנט קראַנקע, און זייער אָנבליק האָט אויסגעזען נאָך קלעגלעכער צווישן די געוויינלעכע באַדינגונגען פון דעם פיין איינגעאָרדנטן דייטשישן לעבן. קיטין האָט שוין נישט איבערראַשט דידאָזיקע קעגנזעצלעכקייט. די העלע זון, דער פריילעכער גלאַנץ פונם גרינס, די קלאַנגען פון דער מוזיק זענען געווען פאַר איר די נאַטירלעכע ראַם פון דידאָזיקע אַלע באַקאַנטע פּנימער און ענדערונגען צום ערגערן אָדער בעסערן, וועלכע זי האָט נאָכגעפאָלגט; אָבער פאַר דעם פירשט האָט דאָס ליכט און דער גלאַנץ פונם יוני-פרימאָרגן און די קלאַנגען פון דעם אָרקעסטער, וועלכער האָט געשפּילט אַ מאָדערנעם פריילעכן וואַלס, און באַזונדערס דער אָנבליק פון די פעסטע דינסטן האָט אויסגעזען ווי עפּעס נישט אָנשטענדיקס און אומנאַרמאַלס אין דער פאַראייניקונג מיט דידאָזיקע מרהשחורהדיק זיך באַוועגנדיקע מתים, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט פון אַלע עקן אייראָפּע.

נישט געקוקט אויף זיין געפיל פון שטאָלץ און אַזויווי פונם אומקערן זיך פון דער יוגנט, ווען די געליבטע טאָכטער איז געגאַנגען מיט אים אונטער דער האַנט, איז אים אַצינד עפּעס אַזויווי אומבאַקוועם און איבער דער טבע געווען פאַר זיין פעסטן גאַנג, פאַר זיינע גרויסע, מיט שמאַלץ פאַרגאָסענע גלידער. ער האָט איבערגעלעבט כמעט דאָס געפיל פון אַ מענטש, וואָס איז נישט אָנגעטון אין געזעלשאַפט.

— שטעל מיך פאָר, שטעל מיך פאָר דיינע נייע פריינט, — האָט ער געזאָגט דער טאָכטער, דריקנדיק מיטן עלנבויגן איר האַנט. — איך האָב אויך דעמדאָזיקן מיאוסן ס אָ ד ע ן דיינעם ליב געקריגן דערפאַר, וואָס ער האָט דיך אַזוי געמאַכט. נאָר עס איז טרויעריק, טרויעריק באַ אייך. דאָס ווער איז?

קיטי האָט אים אָנגערופן די באַקאַנטע און נישט באַקאַנטע פּערזאָנען, וועלכע זיי האָבן באַגעגנט. באַם סאַמע איינגאַנג אין גאָרטן האָבן

זיי באגעגנט די בלינדע מאדאם Berthe מיט דער באגלייטערין, און דער פירשט האט זיך דערפרייט מיט דעם גערירטן אויסדרוק פון דער אלטער פראנצויזין, ווען זי האט דערהערט קיטיס קול. זי האט גלייך מיט דער פראנצויזישער איבערגעסיקער ליבלעכקייט פארפירט א שמועס מיט אים, לויבנדיק אים דערפאר, וואס ער האט אזא הערלעכע טאכטער, און אין די אויגן אויפהייבנדיק קיטין ביז אין הימל אריין און אנרופנדיק זי אן אוצר, א פערל און א מלאך-המושיע.

— נו, איז זי דער צווייטער מלאך, — האט דער פירשט געזאגט שמייכלענדיק. — זי רופט אן פאר דעם מלאך נומער איינס די מאדמואזעל ווארענקא.

— א ! מאדמואזעל ווארענקא — דאס איז אן אמתער מלאך, allez, — האט אונטערגעכאפט די מאדאם Berthe.

אין דער גאלעריע האבן זיי באגעגנט טאקע ווארענקען אליין. זי איז איילִיק זיי אקעגנגעגאנגען, טראגנדיק אן עלעגאנט רויט בייטעלע.

— אט איז אויך דער פאפא געקומען ! — האט איר קיטי געזאגט.

ווארענקא האט געמאכט איינפאך און נאטירלעך, ווי אלץ, וואס זי האט געמאכט, א באוועגונג, א מיטעלן צווישן א בייג און א קניקס, און גלייך אנגעהויבן רעדן מיטן פירשט, ווי זי האט גערעדט מיט אלע, נישט ושעניִרט און איינפאך.

— פארשטייט זיך, איך קען אייך, כ'קען אייך זייער. — האט איר דער פירשט געזאגט מיט א שמייכל, לויט וועלכן קיטי האט מיט פרייד דערקענט, אז איר פריינדין איז געפעלן געפארן דעם פאטער. — וווהין-זשע איילט איר זיך אזוי ?

— די maman איז דא, — האט זי געזאגט, ווענדנדיק זיך צו קיטין. — זי איז נישט געשלאפן די גאנצע נאכט, און דער דאקטאר האט איר געעצהט ארויסצופארן. איך טראג איר ארבעט.

— איז דאס דער מלאך נומער איינס, — האט דער פירשט געזאגט, ווען ווארענקא איז אוועקגעגאנגען.

קיטי האט געזעען, אז אים גלוסט זיך חוזק צו מאכן א ביסל פון ווארענקען, נאר אז ער קאן דאס בשום אופן נישט טון, ווייל ווארענקא איז אים געפעלן.

— נו, און אט וועלן מיר זעען אלע פריינט דיינע, — האט ער צו-

געגעבן, — איך די מאַדאַם שטאַל, אויב זי וועט באַווילִיקן צו דערקע־נען מיך.

— און דו האָסט זי דען געקענט, פּאַפּאַ ? — האָט קיטי געפרעגט מיט שרעק, באַמערקנדיק דאָס פייער פון איראָניע, וואָס האָט זיך אָנגע־צונדן אין פּירשטס אויגן באַם דערמאַנען אָן דער מאַדאַם שטאַל.

— איך האָב געקענט איר מאַן און זי נאָך א ביסל פריער, איידע־זי האָט זיך אַלס פּיעטיסטין פאַרשריבן.

— וואָס איז אַזוינס אַ פּיעטיסטין, פּאַפּאַ ? — האָט קיטי געפרעגט, שוין דערשראָקן פון דעם, וואָס דאָס, וואָס זי האָט אַזוי געשעצט אין דער מאַדאַם שטאַל, האָט א נאָמען.

— איך ווייס אַליין אויך נישט גוט. איך ווייס בלויז, אַז זי דאַנקט פאַר אַלץ גאָט, פאַר יעדן אומגליק... אויך פאַר דעם, וואָס דער מאַן איז איר געשטאָרבן דאַנקט זי גאָט. נו, און עס זעט אויס קאָמיש, ווייל זיי האָבן שלעכט געלעבט... דאָס ווער איז ? וואָסער נעבעכדיק פּנים ! — האָט ער געפרעגט, באַמערקנדיק אַ נישט הויכן קראַנקן, וואָס איז געזעסן אויף אַ באַנק, אין אַ ברוינעם פּאַלטן און ווייסע הויזן, וואָס האָבן גע־מאַכט אויסטערלישע קנייטשן אויף די פליישלאָזע ביינער פון זיינע פיס. דערדאָזיקער הער האָט אונטערגעהויבן זיין שטרויענעם הוט איבער די געקרייזלטע שיטערע האָר, אויפדעקנדיק א הויכן, פון הוט קרענקלעך רויט געוואָרענעם שטערן.

— דאָס איז פּעטראָוו, א קונסט־מאָלער, — האָט קיטי געענטפערט, רויט ווערנדיק. — און דאָס איז זיין פרוי, — האָט זי צוגעגעבן, אָנווייזנדיק אויף אַננאַ פּאַוולָאָוונען, וועלכע האָט אַזוי ווי בכיוון אין דער זעלבער צייט, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צוגיין, זיך נעלאָזט גיין נאָכן קינד, וואָס איז אַוועקגעלאָפן א בערן וועגל.

— סאַראַ נעבעכדיקער, און סאַראַ ליב פּנים ער האָט ! — האָט דער פּירשט געזאָגט. — וואָס־זשע ביסטו נישט צוגעגאַנגען ? ער האָט דיר עפּעס געוואָלט זאָגן.

— נו, קום־זשע ! — האָט קיטי געזאָגט, אַנטשלאָסן זיך אויס־דרייענדיק. — ווי פילט איר זיך היינט ? — האָט זי געפרעגט בא פּעטראָוון.

פּעטראָוו איז אויפגעשטאַנען, זיך אָנשפּאַרנדיק אויפן שטעקן, און האָט נישט דרייסט א קוק געטון אויפן פּירשט.

— דאָס איז מיין טאָכטער. — האָט דער פירשט געזאָגט. — דער־לויבט באַקענט צו זיין.

דער קונסט־מאָלער האָט זיך פארנייגט און אַ שמייכל געטון, אויפ־דעקנדיק אויסטערליש־בלאַנקענדע ווייסע ציין.

— מיר האָבן אויך אייך נעכטן געוואַרט, פירשטין, — האָט ער גע־זאָגט קיטין.

ער האָט זיך אַ וואַקל געטון, זאָגנדיק דאָס, און, איבערחזרנדיק די־דאָזיקע באַוועגונג, האָט ער זיך באַמיט צו ווייזן, אַז ער האָט דאָס געטון בכיוון.

— איך האָב געוואָלט קומען, נאָר וואַרענקאַ האָט געזאָגט, אַז אַננאַ פּאַוולאָווגאַ האָט געשיקט זאָגן, אַז איר וועט נישט פאָרן.

— וואָס הייסט נישט פאָרן! — האָט רויט ווערנדיק און גלייך זיך פאַרהוסטנדיק פּעטראָוו געזאָגט, אָפּזוכנדיק דאָס ווייב מיט די אויגן. — אַנעטאַ, אַנעטאַ! — האָט ער אַ זאָג געטון הויך, און אויף זיין דינעם ווייסן האַלז האָבן, ווי שטריקלעך, זיך אָנגעצויגן גראָבע אָדערן.

אַננאַ פּאַוולאָוונאַ איז צוגעגאַנגען.

— ווי אַזוי זשע האָסטו געשיקט זאָגן דער פירשטין, אַז מיר וועלן נישט פאָרן? — האָט ער, פארלירנדיק דאָס קול, צערייצט אַ מורמל געטון.

— גוט מאָרגן, פירשטין, — האָט אַננאַ פּאַוולאָוונאַ געזאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, וואָס איז אַזוי נישט ענלעך געווען צו איר פריערדי־קער וועגדונג. — זייער אָנגענעם צו באַקענען זיך. — האָט זי זיך גע־ווענדט צום פירשט. — אויף אייך האָט מען לאַנג געוואַרט, פירשט.

— ווי אַזוי זשע האָסטו געשיקט זאָגן דער פירשטין, אַז מיר וועלן נישט פאָרן? — האָט דער קונסט־מאָלער נאָכאַמאָל בייזער אַ מורמל געטון, משמעות נאָך מער צערייצט ווערנדיק דערפון, וואָס דאָס קול פאַרראַט אים און ער קאָן נישט געבן זיין רעדן דעם אויסדרוק, וועלכן ער וואָלט געוואָלט.

— אַך, גאָט מיינער! איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן נישט פאָרן, — האָט די פרוי מיט פארדראָס געענטפערט.

— וואָס הייסט, ווען... — ער האָט זיך פארהוסט און אַ מאַך גע־טון מיט דער האַנט.

דער פירשט האָט אונטערגעהויבן דעם הוט און איז אוועקגעגאַנגען מיט דער טאָכטער.

— אָ, אָך! — האָט ער שווער אָפּגעזיפצט, — אָ, אומגליקלעכע!

— יאָ, פּאַפּאַ, — האָט קיטי געענטפערט. — נאָר מען דאַרף וויסן, אַז זיי האָבן דריי קינדער, קיין שום באַדינונג און כמעט קיין שום מיטלען. ער באַקומט עפּעס פון דער אַקאַדעמיע, — האָט זי לעבהאַפט דערציילט, באַמיענדיק זיך צו פאַרטייבן די אויפרעגונג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין איר מחמת אַננאַ פּאַוולאָווגעס אויסטערלישער ענדערונג אין דער באַציונג צו איר. — און אָט איז אויך די מאַדאַם שטאַל, — האָט קיטי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויפן קעטשל, אין וועלכן, אין ווערגעלייגט מיט קישנס, אין עפּעס גרויען און בלויען, עס איז געלעגן עפּעס אונטער אַ שירם. דאָס איז געווען די מאַדאַם שטאַל. הינטער איר איז געשטאַנען אַ מרהשחורהדיקער פעסטער דייטשער אַרבעטער, וועלכער האָט זי געפירט. דערלעבן איז געשטאַנען אַ בלאָנדער שוועדישער גראַף, וועלכן קיטי האָט געקענט באַם נאָמען. עטלעכע מאָן קראַנקע האָבן זיך פאַרהאַלטן לעבן קעטשל, קוקנדיק אויף דערדאָזיקער דאַמע, ווי אויף עפּעס אומגעוויינלעכס.

דער פירשט איז צוגעגאַנגען צו איר, און קיטי האָט גלייך אין זיינע אויגן באַמערקט אַ פייערל פון איראָניע, וואָס האָט זי אומרויק געמאַכט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַדאַם שטאַל און אָנגעהויבן רעדן אויף דעם אויסגעצייכנטן פראַנצויזיש, אויף וועלכן זייער נישט קיין סך רעדן שוין אַצינד, אומגעוויינלעך העפלעך און ליב:

— איך ווייס נישט, צי איר וועט מיך געדענקען, אָבער איך מוז אייך דערמאָנען אָן מיר, כדי צו דאַנקען אייך פאַר אייער גוטסקייט צו מיין טאָכטער, — האָט ער געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק דעם הוט און נישט צוגטועניק אים.

— פירשט אַלעקסאַנדער שטשערבאַצקי, — האָט די מאַדאַם שטאַל געזאָגט, אויפהייבנדיק אויף אים אירע הימלישע אויגן, אין וועלכע קיטי האָט באַמערקט אַן אומצופרידנקייט. — עס פרייט מיך זייער, איך האָב אזוי ליב געקריגן אייער טאָכטער.

— אייער געזונט איז אַלץ נאָך נישט גוט?

— יאָ, איך בין שוין געוווינט געוואָרן, — האָט די מאַדאַם שטאַל געזאָגט און באַקענט דעם פירשט מיטן שוועדישן גראַף.

— און איר האָט זיך זייער ווייניק געענדערט, — האָט איר דער-

פירשט געזאָגט. — איך האָב נישט געהאַט דעם כבוד צו זעען אייך צען אָדער עלף יאָר.

— יאָ, גאָט גיט צרות און גיט כוח זיי אויסצוהאַלטן. אָפט וווּנדערט מען זיך, צוואָס ציט זיך דאָסדאָזיקע לעבן ?.. פון יענער זייט ! — האָט זי מיט פאַרדראָס זיך געווענדט צו וואַרענקען, וואָס האָט נישט אַזוי גוט איר אַרומגעוויקלט די פיס מיטן פּלעד.

— כדי צו טון גוטס, מסתמא, — האָט דער פירשט געזאָגט, לאַכנדיק מיט די אויגן.

— דאָס איז נישט פאַר אונז צו משפטן, — האָט די מאַדאַם שטאַל געזאָגט, באַמערקנדיק דעם שאָטן פונם אויסדרוק אויפן פירשטס פנים. — וועט איר מיר שיקן דאָסדאָזיקע בוך, ליבער גראַף ? איך דאַנק אייך זייער, — האָט זי זיך געווענדט צום יונגן שוועד.

- א ! — האָט דער פירשט אויסגערופן, דערזעענדיק אַ מאָסקווער פּאָלקאָווניק, וואָס איז געשטאַנען דערלעבן, און, פאַרנייגנדיק זיך פאַר דער מאַדאַם שטאַל, איז ער אַוועקגעגאַנגען מיט דער טאָכטער און מיטן מאָסקווער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט זיך פאַרייניקט צו זיי.

— דאָס איז אונזער אַריסטאָקראַטיע, פירשט ! — האָט מיטן פאַרלאַנג צו איראָניזירן געזאָגט דער מאָסקווער פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט פאַריבל געהאַט אויף דער מאַדאַם שטאַל דערפאַר, וואָס זי איז נישט געווען באַקענט מיט אים.

— אַלץ די אייגענע, — האָט דער פירשט געענטפערט.

— און איר, פירשט, האָט זי נאָך געקענט פאַרן קראַנק ווערן, דאָס הייסט פריער, איידער זי האָט זיך געלייגט ?

— יאָ, זי האָט זיך אין מיינע צייטן געלייגט, — האָט דער פירשט געזאָגט.

— מען זאָגט, אַז זי שטייט שוין צען יאָר נישט אויף...

— זי שטייט נישט אויף, ווייל זי איז קורצפיסיק. זי איז זייער שלעכט געבויט...

— פּאַפּאַ, עס קאָן נישט זיין ! — האָט קיטי אויסגעשריגן.

— בייזע צונגען זאָגן אַזוי, מיין פריינט. און דיין וואַרענקע האָט, מסתמא, צו זינגען און צו זאָגן, — האָט ער צוגעגעבן. — אָך, דידאָזיקע קראַנקע פּריצות !

— אָ, ניין, פּאַפּאַ! — האָט קיטי הייס דערווידערט. וואַרענקאַ באַרגעטערט זי. און חוצדעם טוט זי בלויז גוטס! באַ וועמען דו ווילסט פרעג! אַלע קענען זי און Aline שטאַל.

— אפשר, — האָט ער געזאָגט, אַ דריק געבנדיק מיטן אָרעם איהאַנט. — נאָר בעסער איז ווען מען טוט אַזוי, אַז באַ וועמען מען זאָל נישט פרעגן, ווייסט קיינער נישט

קיטי האָט פאַרשוויגן נישט דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געהאַט, וואָס צו זאָגן, נאָר זי האָט אויך דעם פאָטער נישט געוואָלט אַנטדעקן איערע געהיימע געדאַנקען. פונדעסטוועגן — אַ מערקווירדיקע זאַך — נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט זיך אַזוי געגרייט נישט אונטערצוגעבן זיך דעם פאָטערס בליק, נישט צו געבן אים קיין צוטריט אין איר הייליקטום אַריין, האָט זי דערפילט, אַז דאָס געטלעכע בילד פון דער מאַדאַם שטאַל, וועלכעס זי האָט אַ גאַנצן חודש געטראָגן אין דער נשמה, איז אויף אייביק פאַרשוואונדן, ווי ס'פאַרשווינדט אַ פיגור, וואָס מ'האָט זיך געשאַפן פון אַן אַוועקגעוואָרפן מלבוש, ווען מען איז תופס, ווי אַזוי עס ליגט דאָס דאָזיקע מלבוש. עס איז געבליבן בלויז אַ קורצפיסיקע פרוי, וועלכע ליגט דערפאַר, וואָס זי איז שלעכט געבויט, און פייניקט די געדולדיקע וואַרענקאַ דערפאַר, וואָס זי האָט איר נישט אַזוי גוט פאַרוויקלט דעם פלעד. און מיט קיין שום אָנשטרענגונגען פון דער פאַנטאַזיע איז שוין נישט מעגלעך געווען אומצוקערן די פריערדיקע מאַדאַם שטאַל.

XXXV.

דער פירשט האָט איבערגעגעבן זיין פריילעכן געמיטס־צושטאַנד אי זיינע היימישע, אי די באַקענטע, אי אפילו דעם דייטש, דעם באַלעבאָס, באַ וועלכן די שטשערבאַצקיס זענען איינגעשטאַנען.

צוריקגעקומען מיט קיטין פון די בעדער און איינגעלאַדן צו זיך אי דעם פּאָלקאָווניק, אי מאַריאַ יעווגעניעוונען, אי וואַרענקען, האָט דער פירשט באַפוילן אַרויסצוטראָגן אַ טיש מיט פאָטעלן אין גערטל אַריין, אונטערן קאַשטאַנבוים אַרונטער, און דאָרט סערווירן דאָס פרישטיק. סיי דער באַלעבאָס, סיי די דינערשאַפט זענען הייטער געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון זיין פריילעכקייט. זיי האָבן געקענט זיין מילדקייט, און אין

אַ האַלבער שעה אַרום האָט דער קראַנקער האַמבורגער דאָקטאָר, וואָס האָט געוווינט אינדערהייך, מיט קנאה געקוקט דורכן פענצטער אויף דערדאָזיקער פריילעכער רוסישער קאָמפּאַניע געזונטע מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אונטערן קאַשטאַנבוים. אונטער דעם שאָטן פון די בלעטער, וואָס האָט געציטערט קרייזווייז, באַם טיש, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ ווייס טישטוך און באַשטעלט געווען מיט קאַווע־אימבריקס, ברויט, פּוטער, קעז, קאַלט פלייש — איז געזעסן די פירשטין אין אַ שלייער מיט ליליאַ־בענדער און געטיילט שעלעכלעך און ברויט מיט פּוטער. אין צווייטן עק איז געזעסן דער פירשט, פעסט געגעסן און הויך און פריילעך געלאַכט. דער פירשט האָט צעלייגט לעבן זיך זיינע איינקויפעכצן; געשניצטע קעסטעלעך, בירולקעס, פלערליי מינים פּענמעסערלעך, וועלכע ער האָט אָנגעקויפט אַ גאַנצע קופּע אין אַלע קור־ערטער, און האָט זיי איינגעטיילט אַלעמען, דערונטער אויך ל י ז כ ע ן, דער דינסט, און דעם באַלעבאָס, מיט וועלכן ער האָט געשפּאַסט אויף זיין קאָמישן שלעכטן דייטש, פאַרזיכערנדיק אים, אַז נישט די בעדער האָבן אויסגעהיילט קיטין, נאָר זיינע אויסגעצייכנטע מאכלים, באַזונדערס די זופּ מיט געטריקנטע פלוימען. די פירשטין האָט אָפּגעלאַכט פון איר מאַן פאַר זיינע רוסישע געוווינהייטן, אָבער זי איז געווען אַזוי באַלעבאַט און פריילעך, ווי זי איז נישט געווען די גאַנצע צייט אויף די בעדער. דער פּולקאָווניק האָט, ווי שטענדיק, צוגעשמייכלט צום פירשטס וויצן; אָבער בנוגע אייראָפּע, וועלכע ער האָט אויפמערקזאַם שטודירט, ווי ער האָט געקלערט, איז ער געווען אויף דער פירשטינס זייט. די גוטמוטיקע מאַריאַ יעווגעניעוונאַ האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער פון אַלץ, וואָס דער פירשט האָט געזאָגט קאָמישס, און וואַרענקאַ, וואָס קיטי האָט נאָך קיינמאָל באַ איר נישט געזען, איז צעגאַנגען געוואָרן פון דעם שוואַכן אָבער אַנשטעקנדיקן געלעכטער, וואָס דעם פירשטס וויצן האָבן אין איר אַרויסגערופן.

דאָס אַלץ האָט פריילעך געמאַכט קיטין, אָבער זי האָט נישט געקאָנט נישט זיין פאַרזאָרגט. זי האָט נישט געקאָנט לייזן די אויפגאַבע, וועלכע דער פאָטער האָט איר נישט ווילנדיק פאַרגעבן מיט זיין פריילעכן בליק אויף אירע פריינט און אויף דעם לעבן, וואָס זי האָט אַזוי ליב געקריגן. צו דערדאָזיקער אויפגאַבע האָט זיך נאָך פאַראייניקט די ענדערונג פון אירע באַציונגען צו די פּעטראָווס, וועלכע האָט זיך היינט אַזוי באַשיינפערלעך און אומאָנגענעם אַרויסגעוויזן. אַלעמען איז געווען פריילעך, נאָר קיטי האָט נישט געקאָנט זיין פריילעך, און דאָס האָט זי

נאָך מער געפּייניקט. זי האָט געשפּירט אַן ענלעך געפּיל, ווי זי האָט איבערגעלעבט אין דער קינדהייט, ווען זי איז אַלס שטראָף פאַרשלאָסן געוואָרן אין איר צימער און האָט געהערט דאָס פריילעכע לאַכן פון די שוועסטערן.

— נו, נאָכוואָס האָסטו אָנגעקויפט אַזאַ תּהום זאַכן? — האָט די פירשטין געזאָגט, שמייכלענדיק און דערלאַנגענדיק דעם מאַן אַ שעלעכל קאַווע.

— גייסט אַרויס שפּאַצירן, מילא, גייסטו צו צו אַ קרעמל, בעט מען דיך קויפן: „ערלאַוכט, עקסצעלענץ, דורכלאַוכט". נו, אַז מען זאָגט שוין: „דורכלאַוכט", קאָן איך שוין נישט: זענען שוין צען טאָלער נישטאָ.

— דאָס איז בלויז אויס לאַנגווייליקייט, — האָט די פירשטין געזאָגט.

— פאַרשטייט זיך, אויס לאַנגווייליקייט. אַזאַ לאַנגווייליקייט, מאַמעניו, אַז דו ווייסט נישט ווו זיך אַהינצוטון.

— ווי אַזוי קאָן מען זיך לאַנגווײַלן, פירשט? אַזוי פיל אינטערעסאַנטס איז דאָ אַצינד אין דייטשלאַנד, — האָט מאַריאַ יעווגעניעוונאַ געזאָגט.

— דאָס גאַנצע אינטערעסאַנטע קען איך: די זופּ מיט געטריקנטע פלוימען קען איך, דעם אַרבעס-ווורשט קען איך. איך קען אַלץ.

— ניין, זאָגט וואָס איר ווילט, פירשט, עס זענען אינטערעסאַנט זייערע אינסטיטוציעס, — האָט דער פּולקאָווניק געזאָגט.

— וואָס-זשע איז דאָ פאַראַן אינטערעסאַנטס? אַלע זענען זיי צופרידן, ווי די קופּערנע גראָשנס; אַלעמען האָבן זיי מנצח געווען. נו, און איך מיט וואָס זאָל צופרידן זיין? איך האָב קיינעם נישט מנצח געווען, נאָר די שטיוול מוזסטו אַליין אויסטון, און זיי נאָך הינטער דער טיר אַליין אַרויסשטעלן. שטייסט אויף אינדערפרי, מוזסטו דיך גלייך אָנטון, אַרייַנגיין אין סאַלאָן די פאַסקודנע טיי טרינקען. גאָר עפּעס אַנדערש איז אינדערהיים! וואַכסט אויף נישט געאיילט, בייזערסט זיך אַ ביסל אויף עפּעס, דרייסט דיך אַ ביסל, קומסט צו דיר אינגאַנצן, טראַכטסט אַלץ דורך, איילסט דיך נישט.

— אָבער צייט — איז געלט, איר פאַרגעסט דאָס, — האָט דער פּולקאָווניק געזאָגט.

— וואָסער צייט! אַמאָל מאַכט זיך אַ צייט, וואָס ווערט אַ גאַנצן

חודש פאר א פינפציקער אוועקגעבן, און אמאל וועסטו קיין שום געלט פאר א האלבער שעה נישט נעמען. אמת אזוי, קאטיענקא? וואס איז מיט דיר, ווי אומעטיק דו ביסט?

— מיר איז גארנישט.

— וואהין-זשע גייט איר? זיצט נאך א ביסל, — האט ער זיך גע־ווענדט צו ווארענקען.

— איך דארף גיין אהיים, — האט ווארענקא געזאגט אויפשטייענ־דיק און ווידער זיך פארגאנגען אין א געלעכטער. קומענדיק צו זיך, האט זי זיך געזעגנט און אריינגעגאנגען אין שטוב, כדי צו נעמען דעם הוט.

קיטי איז איר נאכגעגאנגען. אפילו ווארענקא האט איר אצינד אויס־געזעען אן אנדערע. זי איז נישט געווען ערגער, אבער זי איז געווען אן אנדערע, ווי יענע, וואס זי האט זיך פריער פארגעשטעלט.

— אך, איך האב שוין לאנג אזוי נישט געלאכט! — האט ווארענ־קא געזאגט, צונויפנעמענדיק דעם שירם און דאס טארבעלע. — סארא ליבער ער איז, אייער פאפא!

קיטי האט געשוויגן.

— ווען זשע וועלן מיר זיך זעען? — האט ווארענקא געפרעגט.

— די maman האט געוואלט אריינגיין צו די פעטראוווס. איר וועט נישט זיין דארט? — האט קיטי געזאגט, אויספארשנדיק ווארענקען.

— איך וועל זיין, — האט ווארענקא געענטפערט. — זיי קלייבן זיך צו עקצופארן, האב איך צוגעזאגט זיי צוצוהעלפן זיך איינפאקן.

— נו, וועל איך אויך קומען.

— ניין, וואס דארפט איר?

— פארוואס? פארוואס? פארוואס? — האט קיטי מיט ברייט צע־עפנטע אויגן גענומען רעדן, אננעמענדיק זיך בא איר שירם, כדי נישט ארויסצולאזן ווארענקען. — ניין, ווארט-צו, פארוואס?

— סתם אזוי; אייער פאפא איז געקומען, און חוצדעם קרעמפירן זיי זיך פאר אייך.

— ניין, איר זאגט מיר, פארוואס איר ווילט נישט, אז איך זאל אפט קומען צו די פעטראוווס. איר ווילט דאך נישט? פארוואס?

— איך האב דאס נישט געזאגט, — האט ווארענקא רויק געזאגט.

— ניין, איך בעט אייך, זאגט!

— אַלץ זאָגן? — האָט וואַרענקאַ געפרעגט.

— אַלץ, אַלץ! — האָט קיטי אונטערגעכאַפּט.

— אייגנטלעך איז גאָרנישטאָ, נאָר בלויז דאָס, וואָס מיכאַיל אַלעקסאַנדראָוויטש (אַזוי האָט געהייסן דער מאָלער) האָט פריער געוואָלט אַוועקפאָרן; און אַצינד וויל ער נישט פאָרן, — האָט וואַרענקאַ שמייכלענדיק געזאָגט.

— נו! נו! — האָט קיטי אונטערגעאיילט, פאַרצאָגט קוקנדיק אויף וואַרענקען.

— נו, און אַננאַ פּאַוולאָווגאַ האָט איבער עפּעס געזאָגט, אַז ער וויל נישט דערפאַר, וואָס איר געפינט זיך דאָ. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נישט געווען אויפן אָרט, נאָר איבער דעם, איבער אייך איז אַרויסגעקומען אַ קריג. און איר ווייסט דאָך, ווי לייכט דיזאַזיקע קראַנקע ווערן אויסגערעגט.

קיטי האָט, אַלץ מער זיך כמורעדיק, געשוויגן, און וואַרענקאַ האָט גערעדט אַליין, באַמיענדיק זיך ווייכער צו מאַכן און בארויקן זי און זעענדיק דעם אויסברוך, וואָס האָט זיך געקליבן, זי האָט נישט געוווּסט פון וואָס, — פון טרערן אָדער פון פרייד.

— איז גלייכער פאַר אייך נישט צו גיין... און, פאַרשטייט איר, איר באַליידיקט זיך נישט...

— גאַנץ גלייך אויף מיר, גאַנץ גלייך אויף מיר! — האָט קיטי שנעל אַ זאָג געטון, אַ כאַפּ געבנדיק דעם שירם פון וואַרענקעס הענט אַרויס און קוקנדיק פאַרביי די אויגן פון איר פריינדין.

וואַרענקען האָט זיך געגלוסט אַ שמייכל צו טון, קוקנדיק אויף דעם קינדערישן כעס פון איר פריינדין, אָבער זי האָט מורא געהאַט זי נישט צו באַליידיקן.

— פאַרוואָס גאַנץ גלייך? איך פאַרשטיי נישט, — האָט זי געזאָגט.

— גאַנץ גלייך דערפאַר, וואָס דאָס אַלץ איז געווען געמאַכט, ווייל דאָס אַלץ איז אויסגעטראַכט, און נישט פון האַרץ. וואָס גייט מיך אָן אַ פרעמדער מענטש? און אָט איז אַרויסגעקומען, אַז איך בין די סיבה פון אַ קריג און אַז איך האָב געטון דאָס, וואָס קיינער האָט מיך נישט געבעטן. דערפאַר וואָס אַלץ איז געמאַכט! געמאַכט! געמאַכט!..

— מיט וואָס-זשע פאַר אַ ציל מאַכן זיך? — האָט וואַרענקאַ שטיל געזאָגט.

— אַך, ווי נאַריש, עקלהאַפט! איך האָב נישט געהאַט קיין שום

באדערפניש... עס'ז איז געמאכט געווען! — האט זי געזאגט, עפנענדיק און פארמאכנדיק דעם שירם.

— אבער מיט וואסער ציל?

— כדי אויסצוזעהן בעסער פאר מענטשן, פאר זיך, פאר גאט; אלע אפצונארן. ניין, אצינד וועל איך מיך שוין נישט אונטערגעבן אויף דעם! זיין א שלעכטע, אבער, על כל פנים, נישט קיין פאלשע, נישט קיין אפ-נארערין!

— אבער ווער זשע איז אן אפנארערין? — האט ווארענקא תרעומותדיק געזאגט. — איר רעדט, א שטייגער ווי...

נאר קיטי איז געווען אין איר אנפאל פון צעקאכטקייט. זי האט זי נישט געלאזט פארענדיקן.

— איך רעד נישט וועגן אייך, גארנישט וועגן אייך. איר — זענט א פולקאמענהייט. יא, יא, איך ווייס, אז איר אלע זענט א פולקאמענהייט; אבער וואס-זשע קאן מען טון, אז איך בין א שלעכטע? דאס וואלט נישט געווען, ווען איך זאל נישט זיין קיין שלעכטע! איז לאמיך זיין אזעלכע ווי איך בין, אבי נישט מאכן זיך. וואס גייט מיך אן אננא פאוו-לאוונא! זאלן זיי לעבן, ווי זיי ווילן, און איך, ווי איך וויל. איך קאן נישט זיין קיין אנדערע... און דאס אלץ איז נישט דאס, נישט דאס!

— אבער וואס-זשע נישט דאס? — האט ווארענקא פארוווּנדערט געזאגט.

— אלץ איז נישט דאס. איך קאן נישט אנדערש לעבן, ווי לויטן הארץ, און איר לעבט לויט כללים. איך האב אייך ליב געקריגן פשוט, און איר, אוודאי, בלויז, כדי צו ראטעווען מיך, אויסצולער-נען מיך!

— איר זענט אומגערעכט, — האט ווארענקא געזאגט.

— אבער איך רעד דאך גארנישט וועגן אנדערע, איך רעד וועגן זיך.

— קיטי! — האט זיך דערהערט דער מוטערס קול, — קום אהער, ווייז דעם פאפא דייגע קרעלן.

קיטי, נישט איבערבעטנדיק זיך מיט איר פריינדין, האט מיט א שטאלצער מינע גענומען די קרעלן אין קעסטעלע און זיך געלאזט גיין צו דער מוטער.

— וואס איז מיט דיר? וואס ביסטו אזוי רויט? — האבן איר געזאגט דער פאטער און די מוטער אין איין קול.

— גאָרנישט, — האָט זי געענטפערט, — איך וועל באַלד קומען, — און זיך געלאָזט לויפן צוריק.

„זי איז נאָך דאָ! — האָט זי געקלערט. — וואָס וועל איך איר זאָגן, גאָט מיינער! וואָס האָב איך געטון, וואָס האָב איך געזאָגט! פאַרוואָס האָב איך זי באַליידיקט? וואָס זאָל איך טון? וואָס וועל איך איר זאָגן?" האָט קיטי געטראַכט און זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר.

וואַרענקאַ איז אין הוט און מיטן שירם אין די הענט געזעסן בײַם טיש און באַקוקט די פּרוזשינע, וועלכע קיטי האָט צעבראָכן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואַרענקאַ, זייט מיר מוחל, זייט מוחל! — האָט קיטי אַ פליסטער געטון, צוגייענדיק צו איר. — איך געדענק נישט, וואָס איך האָב געזאָגט. איך...

— איך, כ'לעבן, האָב אייך נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש, — האָט וואַרענקאַ געזאָגט שמייכלענדיק.

דער שלום איז געשלאָסן געוואָרן. אָבער מיטן פאָטערס קומען האָט זיך פאַר קיטין געענדערט די גאַנצע וועלט, אין וועלכער זי האָט געלעבט. זי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דעם אַלעם, וואָס זי איז געוווּיר געוואָרן, אָבער פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך אָפּגענאַרט, מיינענדיק, אַז זי קאָן זיין דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זיין. זי האָט אַזוי ווי אויפגעוואַכט; דערפילט די גאַנצע שווערקייט אָן געמאַכטקייט און באַרימעריי זיך צו דערהאַלטן אויף דער הייך, אויף וועלכער זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבן; חוץ דעם, האָט זי דערפילט די גאַנצע שווערקייט פון דערדאָזיקער וועלט פון צרות, קראַנקייטן, שטאַרבנדיקע, אין וועלכער זי האָט געלעבט; איר האָבן אויסגעזען פיינלעך די אָנשטרענגונגען, וועלכע זי האָט געמאַכט איבער זיך, כדי ליב צו האָבן דאָסדאָזיקע, און עס האָט זיך גיך פאַרגלוסט אויף דער פרישער לופט, קיין רוסלאַנד, קיין ווערקושאָווא, וווהין, ווי זי האָט זיך דערוווּסט פון אַ בריוו, איר שוועסטער דאָלי מיט די קינדער איז שוין אַריבערגעפאָרן.

אָבער איר ליבע צו וואַרענקאַן איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. בײַם געזעגענען, האָט זי קיטי געבעטן צו קומען צו פאָרן צו זיי קיין רוסלאַנד.

— איך וועל קומען, ווען איר וועט חתונה האָבן, — האָט וואַרענקאַ געזאָגט.

— איך וועל קיינמאָל נישט חתונה האָבן.

— נו, וועל איך קיינמאָל נישט קומען.

— נו, וועל איך בלויז צוליב דעם התונה האָבן. זעט זשע, געדענקט דעם צוזאָג! — האָט קיטי געזאָגט.

דעם דאָקטאָרס נביאות איז מקוים געוואָרן. קיטי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, קיין רוסלאַנד, אַן אויסגעהיילטע. זי איז נישט געווען אַזוי זאָרגלאָז און פריילעך, ווי פריער, אָבער איז געווען רויק. די מאָסקווער צרות אירע זענען געוואָרן אַ דערינערונג.